STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07587

# TOG-BUKH FUN VARSHEVER GETO

Hillel Seidman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר הלל זיידמאַן

# טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ

די הכנסה פון דעם דאָזיקן בוך איז באַשטימט פאַר
דער הילפס־ארבעט פונעם פוילישן יידנטום.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
**Copyright by**
**Dr. H. Seidman, N. York**

**Dr. HILEL SEIDMAN**

# "TOGBUCH FUN WARSZEWER GHETTO"

(DIARIO DEL GHETTO DE VARSOVIA)

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

ד״ר הלל זיידמאַן

# טאָג-בוך פון
# וואַרשעווער געטאָ

★

אַרויסגעגעבן דורכן
**צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע**
צוזאַמען מיט דער
**פעדעראַציע פון פוילישע יידן אין אַמעריקע.**

פאַרלאַגס-לייטונג: א ב ר ה ם  מ י ט ל ב ע ר ג

בוענאָס-איירעס - ניו-יאָרק, 1947.

# דאָס פּױלישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּױלישע ייִדן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָװ

## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָװ: מלכה אָװשיאַני דערציילט... (אױספאַרקױפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אױספאַרקױפט)
3) װ. גראָסמאַן ־ י. װיערניק: טרעבלינקע (אױספאַרקױפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטײן: מײן חרוב שטעטל סאָקאָלאָװ (אױספאַרקױפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּױלן) (אױספאַרקױפט)
7) אלחנן צײטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּױלן — 1946 (אײנדרוקן פון אַ רײזע)
9) ז. סעגאַלאָװיטש: טלאָמאַצקע 13
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: הימלאָזע ייִדן
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: אַ הױז אױף גזשיבאָװ

## עס דרוקט זיך און דערשײנט בקרוב:

נח גריס: קינדער־מאַרטיראָלאָגיע
חיים גראַדע: „פּליטים״ (פּאָעמעס און לידער)
פרידע זרובבל: נע־ונד (פאַרצײכנונגען פון אַ פּליטה)
ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גײען!... (זכרונות פון װילנער געטאָ)
מרדכי שטריגלער: אױסגעלאָשענע ליכט (מאַידאַנעק)
יעקב לעשטשינסקי: אױפן ראַנד פון אָפּגרונט
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פײער און פלאַמען (טאָג־בוך)
ז. סעגאַלאָװיטש: געברענטע טריט

## עס גרײט זיך צום דרוק:

נחום סאָקאָלאָװ: פּױליש־ייִדישע פּערזענלעכקײטן
טאַניאַ פוקס: אַ װאַנדערונג דורך אָקופּירטע לענדער
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון ייִדן אין װאַרשע
ד״ר יצחק שיפּער: ייִדן אין אַלטן פּױלן
צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָװ: יצחק קאַצענעלסאָן
זלמן װאַסערצוג: יאַנוש קאָרטשאַק
א. ל. שוסהײם: סילועטן און עפּיזאָדן פון גאַליציע
שמואל צעסלער: זאַבלודאָװע — די לעגענדע פון אַ ייִדיש שטעטל

# צום לייענער

דאָס „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ" פון ד"ר הלל זיידמאַן, וואָס מיר גיבן איצט איבער דעם לייענער־עולם אַלס פופצנטער באַנד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע ייִדנטום", איז דער ערשטער אויטענטישער דאָקומענט, וואָס דערגייט צו דער עפנטלעכקייט און וואָס שטאַמט פון אַ מענטש, וואָס האָט פאַרבראַכט אין דעם געטאָ פון זיין אַנטשטייאונג ביז צו דער טראַגישער ליקווידאַציע.

ד"ר זיידמאַן האָט איבערגעלעבט דעם חורבן פון דער גרעסטער ייִדישער קהילה נישט אַלס זייטיקער צושויער, נאָר ווי אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין די גרויסע ראַנגלענישן פאַר דער רעטונג פון דעם ייִדישן לעבן.

דער אָפיציעלער אַמט, וואָס דער מחבר פון דעם טאָגבוך האָט פאַרנומען אין דער געטאָ־קהילה אַלס אַרכיוו־דירעקטאָר (אַן אַמט, וואָס ער האָט פאַרנומען זייט דעם יאָר 1937), זיין פאַרצווייגטע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אין פוילן ערב דעם גרויסן חורבן, זיינע פאַרבינדונגען מיט ייִדישע און פיל נישט־ייִדישע פּערזענלעכקייטן האָבן אים געגעבן אַ ספּעציעלע מעגלעכקייט צו אָבסערווירן מענטשן און געשעענישן אין דער טראַגישסטער עפּאָכע פון ייִדישן לעבן גאָר פון דער נאָענט. די נאָטיצן וואָס ד"ר הלל זיידמאַן האָט געמאַכט טאָג־איין טאָג־אויס, זענען איצט פאַרוואַנדלט געוואָ־

רן אין אַ דאָקומענט פון דער גרעסטער היסטאָרישער וויכטיקייט.

דאָס טראַגישע געטאָ־לעבן ווערט דאָ פאַר אונדז אַנטפּלעקט מיט אַלע זיינע פּרטים. עס איז אַן אַלזייטיק בילד פון דער ייִדישער טראַגעדיע.

און פּונקט אַזוי ווי דער מחבר גופא איז על־פּי נס געראַטעוועט געוואָרן, כאָטש אַזוי פיל מאָל האָט ער זיך געפונען פּנים אל פּנים מיטן טויט, אַזוי איז אויך על־פּי נס געראַטעוועט געוואָרן זיין טאָג־בוך, פון וועלכן די היסטאָריקער פון דעם לעבן אין וואַרשעווער געטאָ און אין אַנדערע געטאָס וועלן שעפּן די מאַטעריאַלן צו זייערע פאָרשונגס־אַרבעטן.

די באַדינגונגען, אין וועלכע די נאָטיצן פון דעם טאָג־בוך זענען געמאַכט געוואָרן, האָבן נישט געגעבן קיין שום מעגלעכקייט צו קלערן וועגן די ליטעראַרישע פאָרמען פון דעם טאָג־בוך. איבעריקנס אויך ביים איבערשרייבן און ברענגען אים צו אַ סדר האָט דער מחבר זיך באַמיט צו האַלטן זיך שטרענג ביי דער פּרימיטיווער פאָרם פון זיינע פאַרצייכענונגען, בכדי צו געבן אַ טרייע אָפּשפּיגלונג פון דער טראַגישער צייט.

דעריבער טאַקע, אַ דאַנק דער דאָזיקער אוממיטלבאַרקייט, וואַקסט אויס דאָס טאָג־בוך פון ד״ר הלל זיידמאַן אין איינס פון די שווידערלעכסטע און שטאַרקסטע שילדערונגען פון דעם חורבן וואַרשע.

פּונקט ווי יעדע מינוט אין דעם לעבן פון די איינגעשלאָסענע הינטער די געטאָ־מויערן וואַרשעווער ייִדן איז געווען אַן אייביקייט אין דער לאַנגער קייט פון זייערע ליידן, אַזוי שרייט אויך צו אונדז אַרויס פון יעדער שורה, פון יעדער טאָג־פאַרצייכענונג דער גאַנצער שווידער, די טיפע טראַגיק פון די דאָזיקע אוממענטשלעכע ליידן.

די פאַקטן, וואָס ד״ר הלל זיידמאַן שילדערט פאַר אונדז מיט אַזוי פיל פּשטות אָבער גלייכצייטיק מיט אַזוי פיל ווויי־

טיק, צעטרייסלען דאָס געוויסן און טאַקע דעריבער איז נויטיק, אַז די יידן — און אויך נישט־יידן — זאָל דאָס דאָזיקע בוך לייענען און זאָרגן, אַז עס זאָל דורך אַנדערע געלייענט ווערן. עס איז אַ ווערק, וואָס וועט דאַרפן ווערן אַ מין האַנטבוך אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, מען זאָל נעמען אַ ביישפיל פון דעם פּאָזיטיוון, קעמפערישן, העלדישן אין דעם געטאָ־לעבן, און זיך אויסהיטן, אויסמיידן, באַקעמפן און אויסראָטן די נעגאַטיווע דערשיינונגען, מיט וועלכע אויך דאָס געטאָ איז געווען גענוג פאַרפּעסטעט.

ד"ר הלל זיידמאַנס „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ" איז נישט גענוג צו לייענען. מען דאַרף עס לערנען און עס מוזן דערפון אויך געמאַכט ווערן די נויטיקע אויספירן.

זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דער העברעאישער אויסגאַבע פון דעם טאָג־בוך פאַרענדיקט ש. ניגער מיט דער ריכטיקער באַמערקונג, אַז:

„אַ ייד טאָר נישט טרייבן פון זיך דעם יידישן צער,
דעם יידישן טרויער, נאָר פאַרקערט, אים איינזאַפּן אין
זיך, ווייל דאָס איז, וואָס איידלט אונדז, פאַרטיפט אונדז
און מאַכט אונדז פאַר גאָטס פאָלק."

אַרויסגעבנדיק איצט די יידישע אויסגאַבע פון ד"ר הלל זיידמאַנס טאָג־בוך, האָפן מיר צו האָבן דערפילט אַ פליכט צו געבן דעם יידישן לייענער־עולם די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דעם טראַגישסטן קאַפּיטל אין אונדזער געשיכטע.

די רעדאַקציע.

בוענאָס־איירעס, אַפּריל 1947.

* *
*

אַ מעכטיקע יידישע פעסטונג, רייך אין ווערטן און טראַ־דיציעס, איז חרוב געוואָרן דורך דעם עמלק פון אונדזער דור. פאַרביי, ווי קיינמאָל נישט געווען. נאָך נישטאָ דאָס קלאָג־ליד אויף דעם דאָזיקן חורבן, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק זייט דעם חורבן בית המקדש. דאָס „טאָג־בוך פונעם וואַרשעווער געטאָ" פון הלל זיידמאַן גיט איבער טריי און מיט דער גרעסטער פשטות די גסיסה־ראַנגלענישן פון דער דאָזיקער יידישער הויפּטשטאָט. אין דער האַנט פון דעם דאָזיקן שרייבער האָט דער גורל אַריינגע־געבן אַ וואונדערלעכן פענזל וואָס ברענגט אַרויס פאַר אונדזע־רע אויגן די שרעקלעכע פאַרבן פון דער דאָזיקער שקיעה. ליי־ענענדיק דאָס „טאָג־בוך פונעם וואַרשעווער געטאָ" פון הלל זיידמאַן, שפּירן מיר די אַטמאָספערע, וואָס נעמט אים אַרום, — די אַטמאָספערע, וואָס הערשט אויף דער שיף, וועלכע זינקט אין די טיפענישן, מינוט נאָך מינוט. און אינטואיטיק דערהייבן זיך די דאָזיקע מענטשן צו די העכסטע גייסטיקע הויכקייטן. אַ וואונדערלעכע גייסטיקע גבורה — אַ גייסט פון שטאַרקע און גלויבנדיקע, וואָס מיט זייער טויט האָבן זיי אונדז באַפוילן די לעצטע מלחמה פאַר אויסלייזונג פונעם פאָלק פונעם אומגליק פון גלות און חורבן.

יוסף העפטמאַן.

תל־אביב.

# געווידמעט

דעם הייליקן אָנדענק פון מיינע נאָענטע, וועלכע זענען
אומגעקומען דורך די דייטשן אין לעמבערג —
מיין פאָטער ר׳ אברהם זיידמאַן, (כ״ז אב, תש״ב)
מיינע ברידער משה, א תלמיד פון דער לובלינער ישיבה
און אנשעל (סיוון תש״ג)
מיינע שוועסטער שרה און רעכיל, בית־יעקב־לערערינס,
(ל׳ אב, תש״ב)
מיין שוועסטער רחמה און איר מאַן משה בלוישטיין
(סיוון תש״ג)
מיין כלה רחל פרענקעל (אב תש״ב)
די משפחה פון מיין פעטער הערצל הארוויץ און זיין
איידעם יוסף אייבעשיץ (אב תש״ב־סיוון תש״ג)
די משפחה פון מיין פעטער הערשל זיידמאַן (אב תש״ב).
אין אומפאַרהיילטן ווייטיק —

הלל זיידמאַן

# ווי אזוי איך בין געראַטעוועט געוואָרן

## (אָנשטאָט אַ הקדמה צום טאָג-בוך)

די פּאַרטיליקונגס-פֿאַראָרדענונג פֿאַרן וואַרשעווער האַלב-מיליאָנעדיקן יידנטום פֿונעם 22סטן יולי 1942 האָט פֿאָראויסגעזען, אַז פֿריי פֿון דער „אויסזידלונג" זענען, צווישן אַנדערע, די אָנגעשטעלטע פֿון דער קהילה, אָדער, ווי ס'האָט דעמאָלט געהייסן, פֿונעם יודענראַט. היות איך בין זייט 1937 געווען דירעקטאָר פֿונעם קהילה-אַרכיוו, בין איך, הייסט עס „טעאָרעטיש", געווען אויסער דער סכנה. באמת אָבער האָבן די נאַציס נישט געהאַלטן זיך אין זייער אייגענער גזירה. אויך קהילה-אָנגעשטעלטע זענען „אויסגעזידלט" געוואָרן. איז אַ קהילה-אָנגעשטעלטער געווען צופֿעליק אויף דער גאַס אָדער אין אַ הויז בעת אַ „בלאָקאַדע", — האָט אים זיין לעגיטימאַציע גאָרנישט געהאָלפֿן. ער איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן גלייך מיט אַנדערע יידן.

אַ חוץ דעם זענען די נאַציס פֿון צייט צו צייט באַפֿאַלן דאָס הויז, ווו עס האָט זיך געפֿונען זינט דעם 10טן אויגוסט 1942 דער יודענראַט, אויף זאַמענהאָף-גאַס 19, און דורכגעפֿירט אַ „סעלעקציע", ד. ה. אַן אויסוואַל; אַ טייל אָנגעשטעלטע האָבן זיי געלאָזט, אַנדערע האָבן זיי אוועקגעפֿירט צום פּאַרטיליקן.

ביי די „ס ע ל ע ק צ י ע ס" האָבן זיי נישט געקוקט אויף קיין שום פּאַפּירן, אַמט פֿון דעם באַטרעפֿנדיקן אָנגעשטעלטן, נאָר

בלויז געוואָרפן אַ בליק אויפן מענטש, און — ווי אַזוי זייער קאַפּריז האָט זיי געזאָגט. מיט איין באַוועגונג מיט דער האַנט האָבן זיי דעצידירט וועגן לעבן אָדער טויט. טייל מאָל האָט אַן אינטערווענץ פונעם קהילה־פּרעזעס אָדער זיינע געהילפן געקענט ראַטעווען. אָבער נישט תמיד. דער פּרעזעס פלעגט אין אַזאַ פאַל זאָגן, אַז דער באַאַמטער איז אומבאַדינגט נייטיק פאַר דער קהילה־אַרבעט.

ביי דריי „סעלעקציעס״ בין איך ניצל געוואָרן. ביי איינער בין איך אַוועקגעפירט געוואָרן צום „אומשלאַג־פּלאַץ״, אָפּגעפירט צו ווערן קיין טרעבלינקע, און ערשט פון דאָרט זיך געראַטעוועט.

און אָט אַזוי איז עס געווען:

דעם 25סטן אויגוסט 1942. מיר זיצן אין קהילה־אַרכיוו, וועלכער איז איבערגעפירט געוואָרן פון דער פריערדיקער קהילה־געביידע גזשיבאָווסקע־גאַס 24-26 אויף זאַמענהאָף־גאַס 19. פּלוצים הערן מיר שיסן. אַ סיגנאַל אָדער „בלויז״ עמיצן דערשאָסן? יאָ, אַ סיגנאַל, — ווערן מיר געוואָר. אַ „ב ל אָ ק אַ ד ע״.

די קהילה־געביידע ווערט אַרומגערינגלט פון ס. ס.־לייט צוזאַמען מיט אַ באַוואָפנטער באַנדע אוקראַינער און לאַטישן.

באַלד קומט אַ באַפעל: אַלע אַראָפּ אויפן הויף.

ווי אַזוי ס׳איז פאָרגעקומען די דאָזיקע „סעלעקציע״, וועגן דעם שרייב איך אין מיין טאָג־בוך.

בעת איך בין אונטערגעקומען אונטער די מערדערישע בליקן פון די ס.ס.־אָפיצירן ב ר אַ נ ד און ה אַ נ ד ט ק ע, האָבן זיי שוין געגעבן אַ ווייז מיט דער בייטש: אויף לינקס, ד. ה. אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ״, צום פאַרניכטן.

אָבער אין דעם מאָמענט האָבן אַלע דריי מיטגלידער פונעם יודענראַט־פּרעזידיום, וועלכע זענען געשטאַנען דערביי, און וועלכע האָבן מיך נאָך געקענט פון פאַר דער מלחמה, זיך אָנגערופן מיט אַ „גוט וואָרט״ פאַר מיר. דער פּרעזעס, אינזשיניער מאַרק ליכטענבוים, האָט געזאָגט:

— ער איז אונדזער אַרכיוו־לייטער.

אינזשיניער אברהם ש ט אָ ל צ מ אַ ן האָט זיך אָנגערופן:

„זיידמאַן פירט אויך די ביכער פונעם ציוויל-שטאַנדעס-אַמט". און אַדוואָקאַט ד"ר װ י ע ל י ק אָ װ ס ק י האָט צוגעגעבן: „יאָ, ער איז אונענטבעהרליך". (דייטשן, אַפילו נאַציס, האָבן דרך ארץ פאַר „אָרדענונג" אין די ביכער פון ציוויל-שטאַנד).

אַזוי בין איך געראַטעוועט געוואָרן. דערווייל.

צום צווייטן מאָל האָב איך פּשוט זיך „ארויסגעדרייט". כ'האָב אַזוי „קאָמבינירט", אַז כ'האָב מיך אין אַ געוויסן מאָמענט געפונען צווישן דער גרופּע, וועלכע איז שוין אָפּגעפּסקנט געוואָרן צום בלייבן, הגם איך אַליין בין נישט דורכגעגאַנגען די „סעלעקציע".

אָבער דערמיט האָט זיך עס נישט געענדיקט. געוועזן איז אַ טאָג אַרום, דעם 26סטן אויגוסט, נאָך אַ דריטע „בלאָקאַדע". דאָ האָט שוין נישט געהאָלפן קיין שום פּראָטעקציע. די מלאכי חבלה האָבן זיך נישט גערעכנט מיט קיין שום השתדלות פונעם קהילה-פּרעזעס.

בעת איך בין צופעליק דורכגעגאַנגען די גענשע-גאַס, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ „בלאָקאַדע" און אַזוי האָב איך זיך געפונען אין טראַנספּאָרט צום „אומשלאַג-פּלאַץ".

וועגן דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט גופא, האָב איך געשריבן אין מיין טאָג-בוך נאָך דעם זעלבן טאָג.

דאָ וויל איך בלויז איבערגעבן, ווי אַזוי איך בין דעמאָלט געראַטעוועט געוואָרן. איך האָב ביי מיר געהאַט מיין טאָג-בוך, אין וועלכן כ'האָב פאַרשריבן די געשעענישן טאָג איין טאָג אויס. איך האָב די גאַנצע צייט נאָר געקלערט: ווי אַזוי ראַטעוועט מען עס. אויב איך בין פאַרלוירן, זאָל כאָטש בלייבן מיין עדות-זאָגן וועגן סוף פון דעם יידישן וואַרשע, זאָל כאָטש בלייבן אַ געשריבענער זכר.

גייענדיק אַזוי אין „טראַנספּאָרט", ד. ה. אין טויטן-מאַרש, האָב איך באַמערקט אַ יידישן פּאָליציאַנט יוסף טענענבוים (אַ זון פונעם באַקאַנטן מזרחי-פּרנס אליהו טענענבוים), וועמען כ'האָב געקענט אַלס אַן אָנשטענדיקן מענטש, און וועלכער האָט מיט מסירת נפש געראַטעוועט יידן. איך האָב אים איבערגעגעבן מיין כתב-יד און אים געבעטן עס איבערצוגעבן דעם פּראָפעסאָר ד"ר מאיר

באלאבאן. טענענבוים האט עס געטאן, און אזוי איז מען געוואר געווארן אין דער קהילה, אז איך געפין זיך אין טראנספארט.

באלאבאן האט באלד אלארמירט די מענטשן, וואס האבן גע־קענט עפעס טאן פאר ראטעווען, און — אט זענען די רעזולטאטן:

איך בין שוין פארן טויער פונעם „אומשלאג", ווו איך דערזע אן אמבולאנס פון דער קהילה, פון דעם „רויטן מגן־דוד". נעבן דעם שאפער זיצט נחום ר ע מ ב א און יחיאל ע ק ע ר מ א ן (דער זון פונעם אגודה־ראטמאן רעדאקטאר אייזיק בער עקערמאן). זיי טראגן ארויס פון דער געביידע אויף סטאווקי־גאס א קראנקן, און אין א געוויסן מאמענט רופט מיך דער שאפער צו, און הייסט מיר העלפן טראגן דעם קראנקן. און אזוי געפין איך זיך ביים אמבו־לאנס.

ווען איך שטיי ביי דער טיר פונעם אמבולאנס, הער איך א געשפּאר צווישן דעם שאפער און עקערמאנען; ס'גייט דא וועגן מיר. אלס קראנקער זאל איך אריין, אדער אלס סאניטאר־ארבעטער?

איידער כ'קוק זיך אום, בין איך שוין אריין אין א ווייסן קיטל און זיץ שוין אינעווייניק נעבן דעם קראנקן ייד אלס סאניטאר, אדער גאר אלס דאקטאר.

דער אמבולאנס רירט און באלד פארן מיר אין ווילדן טעמפא אין דער ריכטונג פון דער קהילה. מיר גייען אלע ארוים. אלע, אויך דער קראנקער איז פלוצים געזונט געווארן... דאס איז נישט קיין אנדערער, ווי דער בונדישער פירער מוריצי א ז ש ע ד, וועל־כער איז שוין געווען אויפן „אומשלאג", און אזוי ארום געראטע־וועט געווארן, אלס „קראנקער".

בעת איך בין געפארן אין סאניטאר־אמבולאנס, האב איך בא־מערקט אינעווייניק אן אלטן ייד, וועלכער איז געלעגן אויפן בעטל און געהאלטן אין איין מורמלען. איך האב זיך צוגעבויגן, מיינענ־דיק, אז ער פארלאנגט עפעס, און געהערט פסוקים פון תהילים: שמרני ה' מידי רשע מאיש המסים תנצרני... אל תתן ה' מאויי רשע, זממו אל תפק...

איך האב נישט געוווסט ווער דאס איז. ערשט ווען מ'האט

אים אַרויסגעטראָגן פונעם אַמבולאַנס אין מיין ביוראָ אין אַרכיוו, האָב איך דאָרט געטראָפן ה׳ י. שטשעראַנסקי, וועלכער האָט אויסגעשריגן:

הרב ניסענבוים — איר זענט דאָ?!

איך האָב גוט געקענט דעם מזרחי־וועטעראַן הרב יצחק ניסענבוים, נאָר מ׳האָט אים אַראָפּגענומען זיין לאַנגע ווייסע באָרד, זיינע באַקן זענען געווען איינגעפאַלן, אַזוי, אַז ער איז געווען אין גאַנצן געענדערט. נישט צו דערקענען. ער איז פון אונדז אַלע דריי געווען דער איינציקער ווירקלעך קראַנקער.

אַזוי בין איך געראַטעוועט געוואָרן צום דריטן מאָל.

געווען אָבער נאָך איין „בלאָקאַדע״. די שרעקלעכסטע. דעמאָלט האָט שוין נישט געהאָלפן קיין שום „אויפטוען״, „שפּיצלעך״, פּראָטעקציעס.

איך האָב זיך ווידער געפונען אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ״.

דער גרויסער פּלאַץ איז פול מיט יידן. אין די טויזנטער, אין צענער טויזנטער. נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ גרויסן „יידישן מיטינג״. און אַזאַ פאַרשידנאַרטיקן. יידן פון אַלע שיכטן און קלאַסן, פון אַלערליי עלטער. יידן חסידישע, מיט פּאַטריאַרכאַלע בערד און לאַנגע קאַפּאָטעס; יידן האָרעפּאַשנע, אַרבעטער פון דער סמאָטשע און פון דעם אייזערנעם טויער. פרויען אין שייטלען און מיט טלענירטע, בלאָנדע האָר, פרויען אַלטע און יונגע. קליינינקע קינדערלעך, פאַרצווייפלטע, וויינענדיקע און יונגע מענטשן, יוגנט פון „החלוץ״, פון „סקיף״ און ישיבה־בחורים. חסידישע יונגעלייט פון נאַלעווקי, פּראָלעטאַריער פון גזשיבאָוו. יידן, יידן, יידן...

און אַלע ווערן אַכזריותדיק געטריבן. געטריבן אין די פּי־וואַגאָנען, וואָס פירן אַהין, פונוואַנען מ׳קומט נישט מער צוריק. אַ ווילד געלויפעניש.

פּלוצים האָט זיך באַוויזן דער ס־ס־מאַן בראַנד; מיט אים דער „יידישער״ קאָמענדאַנט פונעם אומשלאַג־פּלאַץ ש מ ע ר ל י נ ג, (שפּעטער דערשאָסן געוואָרן דורך דער יידישער אויפשטאַנד־גרו־

פע „אירגון צבאי"). א מחנה אוקראינער טרייבן מיט בייטשן, שלאָגן מיט קאָלבעס:

— אין די וואַגאָנען, אין די וואַגאָנען...

און אַזוי האָב איך זיך אויך געפונען אין וואַגאָן. 100 ביז 120 מענטשן זענען געווען אין איין וואַגאָן. די ענגשאַפט שרעקלעך. די היץ ברענט. קליינע קינדער חלשן פאַר דורשט. אַלטע יידן פאַלן אַוועק פאַר שוואַכקייט. — ס'רעדט זיך אַזוי „פאַלן אַוועק"; באמת פאַלט מען נישט. נישטאָ וו ו צו פאַלן. חלשט מען, שטאַרבט מען. בלייבט מען שטיין אין ענגשאַפט צווישן די לעבעדיקע. גע־פרעסט צוזאַמען מיט זיי אין שטיקעניש.

אַזוי שטייען מיר שעהן לאַנג. ביז פלוצים מאַכט זיך אויף די טיר פונעם וואַגאָן. די ס.ס.-לייט האָבן באַשלאָסן נאָך מענטשן אַריינצושטופּן אין וואַגאָן. ס'ווערט א געשטופּעריי, טייל פאַלן אַרויס, און היות איך שטיי ביי דער טיר, פאַל איך אַרויס האַלב א פאַרחלשטער. דער קלאַפּ וועקט ווידער אויף מיין באַוווסטזיין. איך זע פאַר מיר נישט ווייט דעם טויער, וואָס פירט צו דער „אַרי־שער זייט". נישט קלערנדיק קיין סך, פּרוּוו איך דעם לעצטן שאַנס: איך נעם שפּאַנען מיט זיכערע, האַפּעדיקע טריט צום טויער צו: כ'האָב געהאַט ביי מיר א פּאַסירשיין אַרויסצוגיין אויף דער „אַרי־שער" זייט, כדי זיך צו פאַרשטענדיקן מיטן שטאָטישן אַרכיוו אין ציוויל-שטאַנד-ענינים. כ'ווייז דער וואַך מיין פּאַסירשיין און — איך געפין זיך אין דרויסן. אויסער דעם „אומשלאַג-פּלאַץ", אויסער דעם געטאָ. אויף דער „פרייער וועלט"...

אָבער נישט אויף לאַנג.

איך האָב געמוזט צוריק גיין אין געטאָ, ווייל א קריסט האָט מיך באַמערקט. איך בין צוריק אין געטאָ, צוריק אין מיין ביוראָ, וו מ'האָט זיך שוין מיאש געווען פון מיר, און וו מ'האָט שוין דער־ציילט שבחים אין א הספד איבער מיר...

זייט דעמאָלט בין איך נישט איינמאָל געווען אין סכנה. אָבער נישט אַריינגעפאַלן דירעקט אין די מערדערס הענט: זיי האָבן נעמ־לעך געכאַפּט די ליסטע פון די מיטגלידער פונעם ווידערשטאַנד־

קאָמיטעט, ווו כ'האָב פיגורירט. איך האָב מיטגעארבעט אין גע־היימען יידישן נאַציאָנאַל־ראַט און ביי די אויפשטאַנד־צוגריי־טונגען.

ערשט אין ווינטער 1943 האָב איך דערפילט, אַז נישטאָ קיין שום האָפענונג פאַר מיר איבערצולעבן. נישט אין געטאָ און נישט חוץ דעם געטאָ. דאָ האָבן אויף אונדז געלאָקערט טאָג־טעגלעך „דעפּאָרטאַציעס", אויסזידלונגען, און אויף דער אַרישער זייט — פאַרשידענע פּוילישע מוסרים און שאַנטאַזשיסטן, וואָס האָבן גע־צויגן געלט ביי יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אַלס אַריער און ווער ס'האָט נישט געהאַט גענוג געלט זיך אויסצוקויפן, איז איבערגעגעבן געוואָרן דער געשטאַפּאָ...

א חוץ דעם איז צוגעקומען פאַר מיר אַן אינדיווידועלע סכנה: די נאַציסטישע „באַפּעל־שטעלע" האָט צוגעשטעלט דער „יידישער פּאָ־ליציי" אַ ליסטע פון די יידישע ראַטמענער פונעם שטאָטראַט אין וואַרשע פונעם יאָר 1939, און איך האָב פיגורירט אויף דער דאָזי־קער ליסטע, וואָרום איך בין געווען דער ערשטער פאַרטרעטער אַלס ראַטמאַן אין וואַרשע. דעפּוטאַט יעקב טראַקענהיים האָט זיך דעמאָלט, 1939, אָפּגעזאָגט פון זיין מאַנדאַט, און איך בין אַריין אין שטאָטראַט אַלס זיין פאַרטרעטער. די אַלע יידישע ראַטמענער זענען גערופן געוואָרן אין דער „באַפּעל־שטעלע". און פון דאָרטן קומט מען זעלטן צוריק...

פון די אַמאָליקע יידישע ראַטמענער האָבן זיך אין געטאָ בלויז געפונען מוריציי אַזשעך פונעם „בונד" און איך. אַזשעך האָט אַ „מלינה" אויף דער „אַרישער" זייט. דאָס איז נישט דער פאַל ביי מיר. וואָס טאָן? דערווייל באַהאַלט איך זיך אין געטאָ אין אַ „בונ־קער". אויף לאַנג קען עס אָבער נישט דויערן.

דאַן קומט צו מיר אַ פאָרשלאַג פון אַ פאַמיליע, וועלכע געפינט זיך אַרעסטירט אין „פּאַוויאַק" מיט דרום־אַמעריקאַנישע פּעסער, איך זאָל זיך „צושרייבן" צו זיי אַלס זייער משפחה־מיטגליד, און אַזוי אַרום איינגעזעצט ווערן אין „פּאַוויאַק", ווו ס'איז אַלנפאַלס נאָך פיל זיכערער איידער אין געטאָ. די דאָזיקע פאַמיליע הייסט

**אייזענצווייג.** (איך האָב דורך די יידישע ווידערשטאַנד־גרופּן גע־האַט אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די אַרעסטירטע יידן אין „פּאַוויאַק", וועלכע איך האָב באַזאָרגט מיט לעבנס־מיטל־פּאַקעטן).

איך גיי איין אויף דעם דאָזיקן פאָרשלאַג, ענדער זיך דעם נאָמען אויף „אייזענצווייג" און לאָז זיך מאַכן פּאַראַגוויאַישע פּאַפּירן (נישט קיין פּאַספּאָרט!) אלס מיטגליד פון דער דערמאָנטער פאַמיליע, דאַן לאָז איך מודיע זיין פון דעם יודענראַט דער אויסלענדער־אָפּטיילונג פון דער געשטאַפּאָ, אַז „אין געטאָ געפינט זיך איינער אייזענצווייג אַן אַמעריקאַנער בירגער". איך ווער אַרעסטירט און איינגעזעצט אין „פּאַוויאַק".

און דאָס איז שוין געווען דאָס גליק. „פּאַוויאַק" איז געווען זיכערער איידער אין געטאָ, ווו אַלע זענען געווען פאַרמשפּט...

איך וויל דאָ נישט דערציילן די אַלערליי גלגולים און סכנות, דורך וועלכע כ'בין דורכגעגאַנגען, ווייל דער לייענער וועט טייל פון זיי געפינען אין מיין טאָג־בוך. כ'וויל נאָר זאָגן בקצור, אַז מען האָט אונדז, ד. ה. אַלע אַמעריקאַנער, איבערגעפירט קיין פראַנקרייך (וויטעל) און אין אַ שיינעם פרימאָרגן, געווען איז עס דעם 10טן מאַי 1943, האָב איך זיך געפונען אין אינטערנירטן־לאַגער קאָמפּיען (פראַנקרייך), אין דער שטאָט פון דער דייטשער קאַפּיטולאַציע פונעם יאָר 1918, צוזאַמען מיט אַ 400 אינטערנירטע אַמעריקאַנער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און אַלערליי דרום־אַמעריקאַנישע מלוכות.

נאָך דעם קאָשמאַר פון וואַרשעווער געטאָ, פון די טרעבלינקי־טראַנספּאָרטן און „פּאַוויאַק" — האָט דער אינטערנירטן־לאַגער אין קאָמפּיען אויסגעזען פאַר מיר ווי אַ לאַנד פון פרייהייט... הגם מיר האָבן זיך געפונען אונטער די ס.ס.־וואַכן.

ווייזט אויס, אַז אַלץ איז רעלאַטיוו. אפילו — פרייהייט...

:: :: ::

פון קאמפּיען האָט מען אונדז דעם 5טן יוני איבערגעפירט קיין וויטעל (אין די וואָגעזן־בערג אין פראַנקרייך).

וויטעל איז אַ באַקאַנט קור־אָרט. דאָרט האָבן די דייטשן אַרומ־געריגגלט מיט שטעכנדיקן דראָט אַ קאָמפּלעקס פון האָטעלן, און אַהין געבראַכט ענגלישע און אַמעריקאַנישע בירגער פון אַלע לענדער פונעם אָקופּירטן אייראָפּע און אויך פון צפון־אַפריקע. אין דעם דאָזיקן אינטערנירטן־לאַגער האָבן זיי אויך געבראַכט 173 יידן פון פּוילן, און טיילווייז פון בעלגיע, באַזיצער פון דרום־אַמעריקאַנישע פּעסער. די אינטערנירטע האָבן באַקומען פּעקלעך מיט לעבנס־מיטל פונעם אַמעריקאַנער און ענגלישן „רויטן קרייץ", האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו קאָרעספּאָנדירן מיט אַמעריקע, ענגלאַנד און בכלל מיט אַלע לענדער, וווהין ס'איז צוגעקומען דער רויטער קרייץ. די באַדינגונגען אין וויטעל זענען, אין אַלגעמיין, גישט געווען קיין שלעכטע, בפרט אין פאַרגלייך מיטן ווארשעווער געטאָ.

מיר זענען אַנערקענט געווען פאַר אַמעריקאַנער און באַהאַנדלט געוואָרן גלייך מיט די אַנדערע ריכטיקע אַמעריקאַנער.

אַזוי זענען מיר אַפּגעזעסן עטלעכע חדשים. כמעט בשלוה. איך זאָג „כמעט", ווייל יעדער פון אונדז האָט פאַרלוירן טייל, אָדער (ווי איך), אַלע פון די נאָענטסטע, און מיר זענען געווען פול מיט ווייטיק. טייל פון אונדז האָבן נאָך געהאַט אין די געטאָס, אָדער אין די לאַגערן, נאָענטע אָדער ווייטערע קרובים, און אַנגעשטרענגט אַלע חושים זיי צו העלפן. מ'האָט געזוכט דעם איינציקן וועג אין אַזעלכע פּאַספּאָרטן, ווי מיר האָבן געהאַט.

מ'האָט געשטורעמט מיט בריוו אין דער שווייץ, קיין אַמעריקע, קיין ענגלאַנד. מ'האָט געשריבן שיפרירט דורך דער דייטשער צענזור, און אויך דורך געהיימע שליחים פון דער פראַנצויזישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, דורך די „מאַקי'ס", מיט וועלכע כ'האָב אַנגעבונדן באַציאונגען. געווען נאָך אַן אַנדערער וועג: דורך באַצאָלטע שמוגלערס. אַן אַנדערע ווידער פאַרבינדונג איז געווען דורך די אויסגעטוישטע ענגלישע, אַמעריקאַנישע און ארץ־ישראל־בירגער, וועלכע זענען צוריקגעפאָרן אין זייער היים און האָבן מיטגענומען איינגענייט אין זייערע מלבושים קליינע בריוועלעך, אין

וועלכע מיר האָבן אַלאַרמירט די וועלט צו ראַטעווען די פאַרבליבענע יידן אין פּוילן, און אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד.

איך האָב געשיקט אַזעלכע אַלאַרם־בריוו מיין קוזין **אַנשיל פינק** אין ניו־יאָרק (וועלכער האָט זיי באַקומען און אַלאַרמירט יידישע עסקנים און אינסטיטוציעס), צו מר. **האַרי גודמאַן** אין לאָנדאָן, **ד״ר אַברהם זילבערשטיין** אין גענף און **חיים ישראל אייז** אין ציריך. איך האָב אויפגעגעבן נעמען פון יידישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע מ׳דאַרף ראַטעווען פון די געטאָס און לאַגערס אין פּוילן.

אַזעלכע בריוו האָב איך געשריבן שיפרירט דורך דער צענזורירטער פּאָסט. און איינמאָל האָט דאָס די דייטשע צענזור „דערשמעקט" און מ׳האָט מיך און ה׳ יחיאל שוואַרצבאַרט, אונדזער שעף, גערופן אין דער צענזור, און אַ דאַנק די מתנות וואָס הער שוואַרצבאַרט (היינט אין פּאַריז) האָט זיי געגעבן, בין איך דעמאָלט געראַטעוועט געוואָרן פון אַ גרויסער סכנה.

אין וויטעל זענען געווען אַ רייע יידישע פּערזענלעכקייטן און עסקנים, די רבנים הרב מ. ראַטענבערג פון אַנטווערפּן, הרב שבתי ראַפּאַפּאָרט פון פינטשעוו, דער העברעאישער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן, די פרוי פון פּראָפעסאָר ד״ר משה שאָר תמר שאָר, הרב חיים לייב בערגלאַז, ר׳ יוסף פרענקעל פון ביליץ, ד״ר נתן עק און זיין פרוי, די שרייבערין און פּעדאַגאָגין גוטאַ אייזענצווייג א. אנד.

היות די דאָרט אינטערנירטע קאַטוילישע „שוועסטער" האָבן איינגעאָרדנט אין לאַגער אַ שול, אין וועלכער ס׳האָבן געלערנט ס׳רוב יידישע קינדער, און די דאָזיקע שוועסטער האָבן געפירט אַ מיסיאָנערישע טעטיקייט, — האָבן די רבנים און פרוי פּראָפ. שאָר אויסגעפועלט, אַז ס׳זאָל אין דער דאָזיקער שולע אויך געלערנט ווערן יידישע למודים. אַזוי בין איך געוואָרן דער לערער פון יידישע למודים פאַר אינגלעך (34) און גוטאַ אייזענצווייג האָט אָרגאַניזירט אַ בית־יעקב־שול פאַר מיידלעך, ווו זי האָט געלערנט יהדות, **העברעאיש און יידיש.**

די דאָזיקע „אידיליע" דויערט ביז דעצעמבער 1943.

טייל פון אונדז האָבן אויסגעפועלט דורך דער שווייץ פּעסער

פאר זייערע נאַענטע. דאָס אַליין האָט אָבער נישט גענוגט. מ׳האָט זיך געווענדט צום שפּאַנישן קאָנסול אין בערלין מיט דער בקשה, ער זאָל — אַלס שוצמאַכט פאר אַ טייל דרום־אַמעריקאַנישע בירגער (צוו. אַנדערע פּאַראַגוויי) נעמען אין שוץ און לאָזן אינטערנירן די באַזיצער פון אַזעלכע פּאַספּאָרטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די געטאָס אָדער לאַגערן.

**דער שפּאַנישער קאָנסול אין בערלין האָט אָבער מודיע געווען דער דייטשער קאָמאַנדאַנטור פונעם אינטערנירטן־לאַגער אין וויטעל, אַז אונדזערע פּאַספּאָרטן ווערן נישט אַנערקענט דורך דער פּאַראַגווייאישער רעגירונג.**

דאָס איז געווען אַ שענדלעכע מסירה, וואָס האָט געשטעלט אונדזער לעבן אין סכנה.

די רעזולטאַטן האָבן נישט געלאָזט לאַנג ווארטן אויף זיך. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן רעגיסטראַציעס, אויספאָרשונגען פון אונדזערע פּעסער, אָנפראַגן אין בערלין (און זיכער אויך אין שפּאַנישן קאָנסולאַט).

מיר האָבן דערזען, אַז מיר געפינען זיך אין דער גרעסטער סכנה. מיר האָבן געשיקט ס׳אָ.ס.־רופן אין דער גאַנצער וועלט. גראָד זענען דעמאָלט פאָרגעקומען אויסטוישונגען פון וויטערע אינטערנירטע קיין אַמעריקע און קיין ענגלאַנד; מיר האָבן אַלאַרמירט, גערופן, געבעטן:

— ראַטעוועט דאָס לעצטע רעשט פון ווארשעווער יידן!

ווען ס׳זענען געקומען אין וויטעל אויף אינספּעקציע אין יאַנואר און פעברואר 1944 דער דעלעגאַט פונעם שווייצארישן קאָנסולאַט (וועלכער איז געווען די שוץ־מאַכט פאר צפון־אַמעריקאַנישע און ענגלישע בירגער) און דער פאָרשטייער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ, — האָבן מיר, דער אַנטווערפּענער רב, הרב ראַטענבערג און איך, זיך געווענדט צו זיי, זיי זאָלן אונדז נעמען אין שוץ, זיי זאָלן ווייניקסטנס פועלן, מ׳זאָל אונדז אויפהאַלטן אין וויטעל ביז ס׳וועט אָנקומען די אַנערקענונג פון אונדזערע פּעסער.

אָבער זיי האָבן אונדז קאַלט אויפגענומען, נישט געוואָלט זיך מיט אונדז פאַראינטערעסירן; געהאַט פאַר אונדז איין ענטפער:

— איר געהערט נישט צו אונדז...

איך האָב אויפגעקלערט די שווייצאַרישע דעלעגאַטן פונעם רויטן קרייץ און פונעם קאָנסולאַט, אַז עס האַנדלט זיך בלויז אין לאָזן אונדז דאָ פּראָוויזאָריש; וואָרום איך בין געווען זיכער, אַז די יידישע עסקנים אין אַמעריקע און ענגלאַנד וועלן וועלטן איינלייגן אונדז צו ראַטעווען. חוץ דעם האָב איך געהאַט ידיעות פון דער שווייץ, פון מיינע פריינד יוסף אייז און פון אַמעריקע פון הרב שבתי פרענקעל און אַנדערע, אַז מיר זענען אנערקענט געוואָרן דורך די דרום־אַמעריקאַנישע מלוכות.

ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אונדזערע „באַשיצער״ האָבן אונדז געלאָזט אויף הפקר, אויף דעם „חסד״ פון די נאַצי־מערדער. מיט זייער האַלטונג האָבן זיי אונדזער מצב נאָך פאַר־ערגערט, וואָרום זיי האָבן געוויזן, אַז מיר זענען שוצלאָז, הפקר, — אויסגעשטעלט אויף דער אכזריות פון די דייטשן, ד. ה. אויף — פאַרטיליקונג.

דער שאָטן פון טויט האָט שוין געשוועבט איבער אונדזערע קעפּ.

## די דעפּאָרטאַציע קיין אָשוויענטשים

דעם 18טן מערץ 1944 האָט מען אונדז, 173 יידן פון פוילן, איבערגעפירט אין אַ באַזונדער האָטעל „באַ־סיט״ און אין אַ חודש אַרום, דעם 19טן אַפּריל 1944, פונקט צום ערשטן יאָרצייט פונעם געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, האָט מען די לעצטע לעבנגעבלי־בענע פונעם וואַרשעווער געטאָ דעפּאָרטירט פון וויטעל קיין **דראַנסי**, און פון דאָרט קיין **אָשוויענטשים**.

קיין איינער פון זיי איז נישט צוריקגעקומען.

בעת מ׳האָט דעם 18טן אַפּריל אָפּגעשלאָסן אונדז אין האָטעל, איז אויסגעבראָכן ביי אונדז אַ גרויסע פּאַניק. מיר, געקומען פונעם פוילישן גיהנום, האָבן געוווסט וואָס דאָס באַדייט. אַ סך פון

אונדז האָבן נישט געװאָלט מער דורכמאַכן דעם װעג „צוריק״ אין די גאַזקאַמערן. מען איז מאַסנװײַז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. צװישן זײ זענען געװען: פרוי פּראָפעסאָר תמר שאָר, יואל בוימינגער און זײַן פרוי, ד״ר נתן עק, גוטאַ אײַזענצװײַג, װלאַדיסלאַװ נאַטאַנזאָן, דער מאָלער־אַרטיסט טאַדעאוש רוזשאַני־קװיאַט, די טאָכטער פון פּראָפעסאָר שאָר, פרוי פּעליציע קאָן, ד״ר פאַקלער א. אנד. ס׳איז געלונגען אָפּצוראַטעװען אַ טײל פון זײ. פרוי שאָר און יואל בוי־מינגער מיט זײַן פרוי זענען פאַרסמט געװאָרן אויף טויט.

אין דער דאָזיקער פּאַניק האָבן מיר, פיר פּערזאָן, זיך באַהאַלטן אין אויװן אין קעלער פונעם האָטעל, װאו מ׳האָט ערב פּסח גע־באַקן מצות. מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין דאָזיקן אויװן, נישט טראַכטנדיק װאָס װײַטער. מיר זענען דאָרט אָפּגעלעגן איבער אַ מעת־לעת.

דעם צװײטן טאָג האָט מען אונדז דאָרט געפונען האַלב דער־שטיקטע און כמעט באַװוסטלאָז. געפונען האָבן אונדז די ייִדן, װאָס זענען געבליבן אין האָטעל. מיר האָבן נישט געװאוסט װאָס װײַטער. פון גרױס פּחד האָט פּרל. גוטאַ אײַזענצװײַג, אײנע פון די, װאָס האָבן זיך באַהאַלטן, אויסגעטרונקען אַ פלעשל סם, און איז אין אַ כמעט האָפענונגסלאָזן צושטאַנד אָפּגעפירט געװאָרן אין לאַ־גער־שפּיטאָל. אויך איך, זײַענדיק קראַנק, בין אָפּגעפירט געװאָרן אין שפּיטאָל. נאָך אַ צװײ װאָכן מאַטערן זיך, װען אַלע דאָקטוירים האָבן פּרל. אײַזענצװײַג שוין אויפגעגעבן, איז זי דאָך אַרויס לעבע־דיק. די קראַנקע האָבן די דײַטשן דערװײַל געלאָזט אין לאַגער. אָבער נאָר דערװײַל.

װאָרום נאָך אַ חודש, דעם 16טן מאַי 1944, איז פאָרגעקומען די צװײטע „דעפּאָרטאַציע״, װען מ׳האָט אויך גענומען די קראַנ־קע, אויסער די, װאָס זענען נישט געװען טראַנספּאָרט־פעאיק. די פראַנצױזישע דאָקטוירים פונעם שפּיטאָל, ספּעציעל ד״ר פיגאַש, ד״ר מאַנטיטה, ד״ר לעװי, װי אויך דער ייִדישער דאָקטאָר ד״ר מאַרק אַדריען װײַל, האָבן זיך זײער משתדל געװען, אַז װײניקס־טנס אײניקע פון די קראַנקע זאָלן בלײַבן, צװישן די זענען געװען

פרוי פּעליציא קאַן (וועלכע איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פענסטער שטאָק און צעבראָכן אַ ריפּ), פרל. גוטאַ אייזענצווייג און איך.

אַזוי בין איך ווידער אַמאָל געראַטעוועט.

איך בין געלעגן אין שפּיטאָל אַ 3 חדשים, און אויף להכעיס — געזונט געוואָרן. ס׳האָט נישט געהאָלפן, וואָס כ׳האָב ווייניק געגעסן (כ׳האָב כלל נישט געגעסן פון דער טרפהנער קיך אין שפּיטאָל), כ׳בין דאָך געקומען צו זיך. ס׳איז געוואָרן קלאָר: ווייטער קענען מיר נישט בלייבן אין שפּיטאָל. קומט נאָך אַ דעפּאָרטאַציע — זענען מיר פאַרלאָרן.

בין איך אַרויס פונעם שפּיטאָל און זיך באַהאַלטן אין לאַגער גופא. אין ליידיקע שטיבער און האָטעלן, פאַרלאָזענע דורך אינטערנירטע וואָס זענען אויסגעטוישט געוואָרן; אָדער ביי אנדערע אינטערנירטע, קריסטן אָדער יידן, געבוירענע ענגלענדער; צווישן אַנד. ביי מאַדאַם קאַסטעל־נאַוויטש, מאַדאַם סקיפּוויץ (אַן ענגלישע שרייבערין), מר. סאַלאָמאָן (אַן איראַנישער ייד), מיסיס ווייט. כמעט יעדע נאַכט האָבן מיר גענעכטיקט ערגעץ אַנדערש.

אינצווישן האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה פונעם ועד ההצלה אין ניו־יאָרק, אַז אונדזערע פּאַספּאָרטן זענען אַנערקענט דורך די באַטרעפנדיקע דרום־אַמעריקאַנישע רעגירונגען.

אויך דער דייטשער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט וועגן דעם אָפיציעל מודיע געווען אין לאַגער און דערקלערט, אַז די פאַרבליבענע וועלן מער נישט דעפּאָרטירט ווערן.

מיר האָבן אָבער שוין מער נישט געהאַט קיין פאַרטרויען צו די דייטשן. איך האָב זיך ווייטער באַהאַלטן, בפרט ביינאַכט, וואָרום די „דעפּאָרטאַציעס״ פלעגן פאָרקומען בלויז פאַרטאָג; דעמאָלט פלעגן די דייטשן בלאָקירן דעם האָטעל און דעפּאָרטירן.

איך האָב גליקלעכערווייז אַנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיטן „מאַקי״, און באַקומען פראַנצויזישע אַרישע אידענטיטעטס־לעגיטימאַציעס. כ׳האָב געפּלאַנט צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יידן אַנטלויפן פונעם

לאַגער און גיין אין דער שווייץ. מיר האָבן געשריבן אין דער שווייץ נאָך אַ שליח, וואָס זאָל אונדז אַריבערשמוגלען די גרענעץ.

מאַדאַם מרים קאַסטעל־נאַוויטש, אַ באַוואוסטע סאָציאַליסטי־שע טוערין (היינט אין פּאַריז), האָט מיר איבערגעגעבן אַ שער דורכצושניידן די דראָטן. איך האָב דורכגעשניטן די דראָטן אויף עטלעכע ערטער און גוטאַ אייזענצווייג אויף אַנדערע ערטער. און מיר האָבן געוואַרט אויף אַ ידיעה פון דער שווייץ. (דורך די דורכ־געשניטענע דראָטן זענען אַנטלאָפן אויך איינִיקע ענגלישע אָפיצירן, וואָס זענען געווען אינטערנירט).

דערווייל איז פאָרגעקומען די לאַנדונג פון די אַמעריקאַנער און ענגלענדער, דער פראַנט האָט זיך אַלעמאָל מער דערנענטערט צו אונדז. און די גרענעץ מיט דער שווייץ איז געווען שטאַרק באַ־וואַכט פון ביידע זייטן.

בין איך שוין געבליבן באַהאַלטן אין לאַגער און געוואַרט אויף די באַפרייער.

און פרייטיק־צונאַכטס, דעם 1טן סעפּטעמבער 1944, פונקט צום 5טן יאָרטאָג פונעם אויסברוך פון דער מלחמה, זענען די דייַ־טשן אַנטלאָפן פון וויטעל. אין איינִיקע טעג אַרום זענען געקומען די אַמעריקאַנער און — ניסים איבער ניסים! — איך לעב און בין פריי. שבת בין איך באַלד געלאָפן אין דער נאָר וואָס געעפנטער שול צו בענטשן „הגומל".

קיין „שהחיינו" אָבער האָב איך נישט געמאַכט. „שהחיינו" איז אין דער מערצאָל: „וואָס דו האָסט אונדז געמאַכט דערלעבן", און „אונדז" קען איך נישט זאָגן. וואָרום אַליין געבליבן, אַליין אָן משפחה, אָן מיינע פריינד, אָן דער גרויסער קהילה און דעם גרויסן כלל, מיט וועמען כ'בין געווען אַזוי ענג פאַרבונדן אין מיין לעבן און אַרבעט.

**ד"ר הלל זיידמאַן.**

# 1942

## די ערשטע סימפּטאָמען

### זונטיק, 12. יולי 1942

אַן אומרואיקייט היינט אין געטאָ. מ'שמועסט שטאַרק וועגן „אויסזידלונג". די ידיעות וועגן דעם שטאַמען פון דער פירמע „קאַן און העלער". די דאָזיקע האָבן אַ צוטריט צו די דייטשן. איך פרעג דעם קהילה־פּרעזעס אינזש. טשערניאַקאָוו: איז עס אמת? — ניין. — ענטפערט ער קאַטעגאָריש.

### מאָנטיק, 13. יולי.

דער דייטשער קאָמיסאַר פאַרן געטאָ, ווי ער רופט זיך אָפיציעל: „קאָמיסאַר פאַרן יידישן ווױנבאַצירק" א ו י ע ר ס וו א ל ד, האָט היינט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג וועגן איבעררוקן די פּאָליציי־שעה אין געטאָ, ד. ה. ביז וואַנען מ'מעג גיין אין געטאָ, פון 9 אַזייגער אָוונט ביז 10 אַזייגער. אַ סימן פון אַן ענדערונג אויף בעסערן. מ'רעדט דעריבער וועגן אַ נ יי ע ם ק ו ר ס לגבי יידן, אַ מילדערן. וועגן דעפּאָרטאַציע — אַ באַרואיקונג.

### דינסטיק, 14. יולי.

די קהילה־ביוראָס, וועלכע גיבן אַרויס די א. ג. קענקאַרטעס פאַר יידן, פאַרעפנטלעכן היינט אַ נייעם „קאַלענדאַר" פון טערמינען, אין וועלכע די איינוווינער פון די באַטרעפנדע גאַסן דאַרפן קומען אָפּנעמען זייערע קאַרטן. דער דאָזיקער קאַלענדאַר נעמט אַרום אַנדערטהאַלבן

חדשים, ד. ה. ביז סוף אויגוסט. דאָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן לויט דעם באַפעל פון די דייטשן. אלזא: ווידער אַ סימן לטוב. ווידער אַן אַנטשפּאַנונג.

**מיטוואָך, 15. יולי.**

אַ פאַראָרדענונג איז היינט אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער אויסלאַנד־שטעלע פון דער געשטאַפּאָ, לויט וועלכער אַלע יידן, אויסלענדישע ביר־גער, דאַרפן זיך צושטעלן צו דער קאָמאַנדע פון דער יידישער פּאָליציי, פון וואַנען זיי וועלן אָפּטראַנספּאָרטירט ווערן, — וווהין? — צום אויס־טויש אין זייערע לענדער — קלערט אויף די געשטאַפּאָ.

**פרייטיק, 17. יולי.**

היינט 7 אזייגער אינדערפרי האָבן זיך אַלע אויסלענדישע יידן פאַר־זאַמלט פאַרן הויף פון דער אָנפירונג פון דער יידישער פּאָליציי אויף דער קראָכמאַלנע 17. זיי זענען געוואָרן אויסגעשטעלט אין רייען און דאַן אָפּגעפירט געוואָרן אין דעם באַקאַנטן געפענגעניש „פּאַוויאַק“. דאָרט האָט מען זיי פאַרמאַכט אין אַן אַדמיניסטראַציע־געביידע. דאָס געזעגענען זיך מיט די קרובים און פריינד איז געווען זייער רירנד. ס'האָט זיך נישט ביי איינעם אַרויסגעריסן אַ וואָרט: ווער ווייסט, צי נישט אויף אייביק...

נאָכמיטאָג, ווען מ'איז צוריקגעגאַנגען פון דעם באַגלייטן די אויס־לענדער, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַריינטראַכטן: צוליב וואָס האָט מען זיי אינטערנירט? איינע זאָגן: מ'וועט זיי אָפּשיקן קיין אַמעריקע דורך פּאָר־טוגאַל. אַנדערע האָבן, אַז מ'וועט זיי האַלטן ביזן סוף פון דער מלחמה. ס'זענען אָבער אויך פאַראַן פּעסימיסטן, וואָס טייטשן אויס דאָס פּלו־צימדיקע אינטערנירן פון די אויסלענדער מיט דער כוונה זיי צו שיצן און איזאָלירן בעת דער נאָענטער — דעפּאָרטאַציע...

**זונטיק, 19. יולי.**

די ידיעות וועגן דער נאָענטער דעפּאָרטאַציע פאַרשפּרייטן זיך אַלץ עקשנותדיקער. די קוועלע: ווידער „קאַן און העלער“.

ס'ווערט גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע עסקנים. נאַטירלעך שטרענג געהיים. אויף אַ בוידעם־שטיבל אויף נאַוואָליפּקי 27. ס'זענען

געקומען די רביים און רבנים בארנשטיין פון סאכאטשעוו, דאנציגער פון אלעקסאנדער, אלטער פון קאליש־פאביאניץ (דער פרעזעס פון אגודת הרבנים אין פוילן); דער דזשאינט־פארשטייער גיטערמאן, די פארשטייער פון די פארשידענע פארטייען: ד"ר יצחק שיפער (ציוניסטן), זישע פריד־מאן (אגודה), מוריצי אזשעך (בונד), לייב שטשעראנסקי (מזרחי), ד"ר ליפמאן (רעוויזיאניסטן), רעד. י. י. פראפוס, רעד. א. גאוווע און איך — פון דער פריערדיקער יידישער פרעסע; אחוץ דעם יוסף קעניגסבערג, דער פארוואלטער פון דער לובלינער ישיבה; ש. זאגאן (פועלי ציון). שפעטער זענען אנגעקומען יהודה יפת, אלחנן צייטלין און ד"ר טולא נוסענבלאט.

צוערשט שוועמט אויף די פראגע: איז עס אמת? פאראן אפטימיסטן און פעסימיסטן.

די א פ ט י מ י ס ט ן ז א ג ן: אונדזער צאל, דאס איז אונד־זער קראפט. א ה א ל ב ע ר מ י ל י א ן מ ע נ ט ש ן ! זיי וועלן נישט וואגן. ווארשע איז א כח, מיט וועלכן זיי וועלן זיך מוזן רע־כענען. אחוץ דעם: פאראן דייטשן, וואס זענען שטארק פאראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פונעם געטא; זיי גענימען א סך פון אים. קודם כל די „טראנספער־שטעלע" (דער דייטשער „צאל־אמט", דורך וועלכן ס'גייט דורך דער אימפארט און עקספארט פונעם געטא און וועלכער נעמט אן אפצאל פון 15 ביז 25 % פון דעם ווערט פון דער סחורה, נישט רעכע־נענדיק די „פרעזענטן" פון די יידישע סוחרים...), דאן דער קאמיסאר אויערסוואלד, וועלכער באקומט אומגעהויער פיל פון דער קהילה פאר פארשידענע דערלייכטערונגען, און סתם אזוי מתנות. און אפילו די יידי־שע אפטיילונג פון דער געשטאפא איז אויך פאראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פון יידן; ערשטנס צוליב די „מתנות" און רויבערייען; צווייטנס — ווען נישט קיין יידן, וועלן זיי דאך מוזן גיין אויפן פראנט אין די ס. ס.-דיוויזיעס. און איבער אלעמען — פראדוצירט דאס געטא א סך, און שטעלט מיט זיך פאר א וויכטיקע ווירטשאפטלעכע פאזיציע, וועלכע די דייטשן וועלן נישט וועלן פארניכטן. די אפטימיסטן ברענגען אויך באווייזן אויף צו באגרענעצן זייער טעזע: דאס עפענען פון די שולן און קינדער-גערטנער, דאס איבעררוקן די פאליציי־שעה, דאס דערלויבן פון

דעם פּעדאַגאָגיום, דאָס העכערן די לעבנסמיטל־ראַציעס, א. א.וו. דאָס אַלץ ווייזט אויף אַ ליבעראַלערן קורס.

די ידיעות פון דער פירמע „קאָן און העלער" זענען נישט ריכטיק, — האַלטן די אָפּטימיסטן. אפשר, — סוגערירן זיי, — האָבן די הערן קאָן און העלער אַן אינטערעס דערין צו שאַפן אַ פּאַניק; האָט מען דאָך גערעדט וועגן צוזאַמענעמען פאָנדן און דורך זייער פאַרמיטלונג אָפּשרייען די גזירה... איבעריקנס — זאָגן אַלץ די אָפּטימיסטן — די דייטשן וועלן נ י ש ט װ אַ ג ן!

ד י פּ ע ס י מ י ס ט ן זאָגן, אַז, זיי וועלן י אָ וואַגן. די נאַציס זענען אויף אַלץ פעאיק. מ'טאָר זיי נישט גלויבן. איבעריקנס, פאַרוואָס זאָל װאַרשע זיין אַן אויסנאַם? פאַרוואָס זאָל דאָס, וואָס איז געשען אין לובלין, טאַרנאָוו און קראָקע, זיך נישט איבערחזרן אין וואַר־שע? די דייטשן קוקן אויף גאָרנישט. מיר זענען אין גרויסער סכנה. מען דאַרף טראַכטן וועגן רעטונגס-מיטלען.

דער פּעסימיזם איז גובר. אַ שווערע שטימונג ליגט אויף די פּנימער.

װ אָ ס ט אָ ן ? ווי אַזוי זיך ראַטעווען?

רוקט מען אַרויס פּלענער, פּראָיעקטן: צוזאַמענעמען גרויסע סומען געלד און אונטערקויפן די געשטאַפּאָ; צונויפנעמען אַזויפיל און אַזויפיל קילאָ גאָלד. (טייל באַמערקן: פאַראַן ביי זיי ספּעציעלע „פאַרניכטונגס־קאָמאַנדעס"). אַנדערע לייגן פאָר אַרויסצושיקן אַ דעלעגאַציע צום גענע־ראַל־גובערנאַטאָר פ ר אַ נ ק אין קראָקע. אַנדערע ווייזן־אָן, אַז מען דאַרף שאַפן מאַסנהאַפט א. ג. „שאָפּען", ד. ה. אַרבעטס־וואַרשטאַטן, ווו מ'זאָל באַשעפטיקן מאַסן יידן און דערמיט זיך ראַטעווען.

י ו ס ף ק ע נ י ג ס ב ע ר ג, וועלכער איז נאָרוואָס געקומען פון לובלין, ווו ער איז דורך אַ נס געראַטעוועט געוואָרן פון דעפּאָרטאַציע, גיט איבער שוידערלעכע פּרטים פון דעם דאָרטיקן חורבן. ער אַפּעלירט, מ'זאָל זיך ניט לאָזן איינשלעפערן, נאָר זיך אָנשטרענגען צו זוכן רעטונגס־מיט־לען. ער צוזאַמען מיט ז י ש ע פ ר י ד מ אַ ן לייגן פאָר אַרויס־צושיקן אַ שליח אומלעגאַל אין דער שווייץ און פון דאָרטן אַלאַרמירן די וועלט. זאָל ענגלאַנד — וויניקסטנס ביז נאָך דער מלחמה — אַנערקענען אַלע יידן פאַר ארץ־ישראל-בירגער, זאָל אַמעריקע אונדז נעמען אין שוץ,



די מויערן ארום ווארשעווער געטאָ



זאָל מען דראָען מיט רעפּרעסיעס קעגן די דייטשן אין פרעמדע לענדער, זאָל מען די נאַציס וואָרענען, זאָל דער פּויפּסט אַפּעלירן; זאָל די וועלט זיך אָפּרופן, ראַטעווען, זאָל... זאָל...

אָבער וואָס? אַז מיר זענען פאַרמאַכט, אין געפענגעניש. ווי אַזוי אַרי־בערשיקן אַ שליח אין דער שווייץ, אַז אַריבערגיין די צווייטע גאַס — אויף דער אַרישער זייט — דראָט מיט טויט־שטראָף. מיר זענען איינגע־קעסלט, אַרומגערינגלט. פון אַ שרעקלעכן, אומבּרחמנותדיקן שונא.

און אויב אפילו ס'וועט זיך שוין איינגעבן די וועלט צו אַלאַרמירן, וועט זי דערהערן? וועט זי זיך אָ פּ ר ו פ ן ? צי וועלן אונדזערע ברי־דער אין אויסלאַנד ד אָ ס מ אָ ל פאַרשטיין די סכנה, די סכנה פון אומקומען? צי וועלן זיי קענען באַווייזן צו רירן דאָס געוויסן פון דער וועלט?...

די באַראַטונג ציט זיך שווער. אומעטיק. דער טאָג פאַרגייט. אין קליינעם ענגן שטיבל פאַלט צו די טונקלקייט. שוואַרצע שאָטנס לייגן זיך אויף די ווענט, אויף די פּנימער און — הערצער פון די פאַרזאַמלטע פאָר־שטייער פון דער גרעסטער יידישער קהילה אין אייראָפּע. פּאַמעלעך צע־רינען זיך אין נעפּל פון נישט־רעאַלקייט די אַלע פּלענער, פאָרשלאָגן. און דערפאַר הייבט אונדז אָן אַלעמאָל מער צו באַהערשן אַ פאַרצווייפלטער געדאַנק:

— מ י ר ז ע נ ע ן ה י ל פ ל א ז ! — דאָס דאָזיקע געפיל ווערט אַלץ קלאָרער און בולטער און וואַנדלט זיך אום אין —

— מ י ר ז ע נ ע ן פ א ר ל ו י ר ן . . .

מיר צעגייען זיך פּאַמעלעך. איינציקווייז, כדי נישט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט. מ'גייט הינטערוויילעכץ מיט פאַרבאַהאַלטענע וועגן. איך גיי אַרויס אויף דער קאַרמעליצקע־גאַס. אַ גרויסע באַוועגונג. ווי גע־וויינלעך. מענטשן מיט איינגעפאַלענע באַקן, אויסגעלאָשענע אויגן איילן זיך. יאָגן, שטופּן זיך דורך אין ענגשאַפט. לויפט נאָך דעם שטיקל ברויט. אין שווערער דאגת פּרנסה. אין שווערן טאָגטעגלעכן קאַמף מיטן הונגער. ווערן זיך, אַבי זיך צו דערהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך, אַבי נישט אונ־טערגיין, אַבי איבערהאַלטן...

ו ו ע ל ן זיי איבערהאַלטן?

ס'דאכט זיך מיר, ווי דער שאָטן פונעם מלאך המות דערהויבט זיך איבער דער דאָזיקער ווימלדיקער מאַסע. ווען מיר איבערהאַלטן? וועלן מיר עס איבערלעבן?

איך גיי אַ היים, דער קאָפּ מיט פאַרצווייפלונג און דאָס הארץ אין האָפענונגלאָזיקייט.

## מאָנטיק, 20. יולי.

די ידיעות וועגן דער נאָענטער „אויסזידלונג" האַלטן זיך אין איין איבערחזרן. היינט אינדערפרי אין מיין ביורא דערציילט מיר מיין חבר ד"ר ש י מ ק ע ו י ט ש, אַז זיינע פריינד, רייכע מענטשן, זיינען היינט אַנטלאָפן דורך עפּעס אַ לאָך אויף דער אַרישער זייט. ביים געזע־גענען זיך האָבן זיי אים געזאָגט, אַז זיי באַזיצן זיכערע ידיעות, אַז די דעפּאָרטאַציע הייבט זיך אָן מיטוואָך דעם 22סטן יולי.

ס'קומען צו מיר ז י ש ע פ ר י ד מ א ן און י ו ס ף מ ש ה ה ע ב ע ר (דער קהילה־פּרעזעס פון קאַליש) און פרעגן: נו?... איך גיי אַריין צום קהילה־פּרעזעס אינזשיניער ט ש ע ר נ י א ק אָ ו און פרעג ווידער: איז עס אמת? — אויף וואָס איך באַקום אַ תשובה: „אַ פּ י צ י ע ל איז מיר גאָרנישט באַוווּסט דערפון..." איך פאַרשטיי וואָס דאָס באַדייט... איבעריקנס, אַ בליק אויף זיין פנים זאָגט מיר דאָס רעשט.

איך קום צוריק אין אַרכיוו און טרעף דאָרט פּראָפעסאָר ד"ר מאיר ב א ל א ב א ן, וועלכער איז בעת דער גאַנצער צייט געווען אַ פּעסי־מיסט; איצט איז ער גאַנץ פאַרצווייפלט. „איצט איז דער סוף", זאָגט ער. ער דערציילט מיר בסוד, אַז זיין שוואָגער ד"ר מ. א ל ט ע ר (דער דירעקטאָר פונעם תחכמוני־סעמינאַר) איז אַריבער אויף דער אַרישער זייט צוזאַמען מיטן קינד.

## דינסטיק, 21. יולי

היינט אינדערפרי, ווען כ'בין אַרויסגעגאַנגען אויף דער אַרישער זייט*), באַגעגן איך מיין באַקאַנטן קריסט ד"ר ל א ב א נ אָ וו,

---

*) אַלס אַרכיוו־דירעקטאָר און ציווילשטאַנד־באַאַמטער ביי דער קהילה איז מיר געגעבן געוואָרן אַ פּאַסיר־שיין צו קענען גיין אויף דער אַרישער זייט, כדי צו דער־לייזיקן די נויטיקע פּאַרמאַליטעטן איז מלוכהשן אַרכיוו און אין מאַגיסטראַט.

װעלכער האָט געאַרבעט אין אַ פירמע פון כעמישע פאַבריקאַציעס אין דעם ביוראָ, װוּ ס'איז געװען פריער שערעשעװסקיס באַנק. ער גיט מיר איבער די איוב־בשורה: מאָרגן, מיטװאָך, דעם 22סטן יולי הייבט זיך אָן די דעפּאָרטאַציע. איך קער זיך שנעל צוריק אין מיין ביוראָ אין קהילה־אַרכיװ און גיי דורך דעם „אויספּלי" פונעם געטאָ אויף דער גזשיבאָװסקאַ־גאַס. איך טרעף פאַרן טויער אַ פאַרשטאַרקטע דייטשע װאַך, און דער טויער װערט פאַרמויערט. איך בין געװען דער לעצטער, װאָס איז דורכגעגאַנגען דעם טויער. װי איך װער שפּעטער געװאָר, װערן פון די 7 טויערן פונעם געטאָ צו דער אַרישער זייט נישט איבערגעלאָזט מער װי 3. די איבעריקע װערן פאַרמויערט. אַלזאָ: דער רינג אַרום אונדז פאַרמאַכט זיך. נישטאָ קיין אַנטרינען.

איך קום אָן אין דער קהילה-געביידע אויף גזשיבאָװסקאַ־גאַס 26. אַן אומרואיקע באַװעגונג. מ'דערװאַרט עפּעס, נישט װיסנדיק װאָס. „עפּעס" דאַרף געשען. און ס'געשעט טאַקע: ס'קומען-אָן דריי אויטאָס מיט ס. ס.־אָפיצירן, די ס. ס.־לייט גייען אַריין אין דער קהילה-געביידע און נאָך אַ 10 מינוט פירן זיי אַרויס עטלעכע מיטגלידער פון דער קהילה: אַבֿרהם געפּנער, הרב שמשון שטאָקהאַמער, רעדאַקטאָר אַ. ב. עקערמאַן, אַדװאָקאַט ב. זונדער-לעװיטש, אַדװ. באַלעסלאַװ ראָזענבלום, אינזש. אַ. שטאָלצמאַן (שפּעטער בין איך געװאָר געװאָרן, אַז גלייכצייטיק האָבן זיי פאַרנומען פון דער אַפּראָװיזאַציע־אָפּטיילונג פונעם געטאָ ה. װינטער, אַ פאַרװאַלטונגס-מיטגליד, און געװ. „ייװאָ" טוער פון װלאָצלאַװעק און דיר. דריבינסקי). מ'האָט זיי אװעקגעפירט אויפן „פּאַװיאַק". װי מ'שמועסט, דאַרפן זיי זיין ערובניקעס, אַז יידן װעלן נית שטעלן קיין װידערשטאַנד ביי דער דעפּאָרטאַציע.

אין געטאָ הערשט אַ שטאַרקער פּחד. װאָס װייטער? נאָך אַ פּאָר שעה האָט מען געפּנערן, שטאָלצמאַנען און דריבינסקין אַרויסגעלאָזט. קיין שום אָפיציעלע ידיעה װעגן דער דעפּאָרטאַציע איז נישטאָ. יעדער װייסט אָבער, אַז ס'גרייט זיך. אין דער קהילה אַ גרויסע אויפרעגונג. מ'זאָגט, אַז ס'איז שוין אָנגעקומען אין שטאָט די „פאַרניכטונג-קאָמאַנדאָ".

נאָכמיטאָג פאָרט דורך דורכן געטאָ אַן אויטאָ פון געשטאַפּאָ און מען שיסט פון דאָרט צו די דורכגייער אויף דער קאַרמעליצקא און כלאָד־נע. א צענדליק קרבנות. די פּאַניק פאַרשטאַרקט זיך נאָך מער.

אויף די גאַסן אַ גרויסע באַוועגונג. קיינער בלייבט נישט ביי זיך. אַלע לויפן. וווהין? מ'זוכט „פּאָסטנס". אין די „שאָפּן" קודם כל. מענטשן באַמיען זיך אַריינצובאַקומען אין איינע פון די דייטשע פאַבריקן אין געטאָ, ווי שולץ, טעבענס, דעהרינג, פאַן שעהנע א.ד.גל. מיט אַלע מיט־לען. מען ווענדט אָן אַלע מיני פּראָטעקציעס, באַקאַנטשאַפטן, איינפלוסן און — ווער ס'האָט — געלט. מ'צאָלט א סך געלט פאַר א „פּאָסטן" אין א „שאָפּ". די מער רירעוודיקע און אונטערנעמונג־לוסטיקע, וואָס באַזיצן אביסל געלט, שאַפן אייגענע שאָפּן. ס'רוב שניידערישע, ווו מ'אַרבעט אויס סחורה פון די דייטשע פירמעס. מ'נעמט צונויף מכשירים, מ'קויפט ניי־מאַשינען און אַנדערע מכשירים און מ'שטעלט זיך אַוועק צו דער אַרבעט. איך קום אַריין צו מיין קוזין י ע ק ב פ ר ע נ ק ע ל, א באַוווסטער מאַנופאַקטור־פאַבריקאַנט פון ביליץ; ער שטייט צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפּחה, צווישן זיי זיין שווער פייוול טירקל, זיין שוואָגער הרב ר אַ־ב י נ אָ וו י ט ש, די אַלמנה נאָכן קראָקעווער רב (וועמען די נאַציס האָבן אומגעבראַכט אין אַשוויענטשים) פ ע ר ל ק ר א נ י צ ע ר, אַלע פאַרקאַטשעט די אַרבל, און מ'אַרבעט. פון די „שאָפּן" ווערט מען דאָך נישט צונעמען — איז מען זיכער. אָבער דאָך איז דער פּחד גרויס.

איך גיי דורך די נאַוואַליפּיע־גאַס. פאַר דער פירמע „שולץ", וועלכע געפינט זיך אין דער געביידע פון דעם חסידישן פאַבריקאַנט א ב ר ה ם ה ע נ ד ע ל. פאַר די ביידע טויערן פון דער פאַבריק, ביים נומער 46, גרויסע מאַסן. ספּעציעל א סך אָרטאָדאָקסישע יידן. ישיבה־בחורים, רבנים, כלי קודש און סתם חסידישע יידן. וואָרום דורך אברהם הענדעל, וועלכער איז געווען דער לייטער פון דער פאַבריק, האָט מען זיך געקענט אַריינ־באַקומען דאָרט, בעת אין אַנדערע „שאָפּן" איז געווען שווער, אויב ניט אוממעגלעך, פאַר אַן אָרטאָדאָקסישן ייד צו באַקומען א פּאָסטן. דעריבער זענען אַלע אָרטאָדאָקסן געלאָפן צו הענדעלן. שווער אָבער צוצוקומען צו אים. די טויערן זענען פאַרמאַכט. פון צייט צו צייט עפנט זיך א קליינע

שפּאַרע און דער יידישער פּאָליציאַנט לאָזט אַריין איין מענטש, צוויי, און אין דרויסן שטופּן זיך, רייסן זיך טויזנטער.

דאָס זעלבע פאַר אנדערע שאפּן. נאָר אנדערע עלעמענטן. פאַר דער פירמע „וו. ב. טעבענס" אויף לעשנא און אויף פּראָסטע, זעט מען א סך ציוניסטישע טוער; דאָרט האָט א דעה צו זאָגן מענדל קירשנבוים, דער פריערדיקער ציוניסטישער פּרנס. פאַר דער פירמע „האָפּמאַן" אויף נאָוואָליפּקי־גאַס באַמערק איך פיל בונדיסטן; דאָרט ווידער קען מען זיך אַריינבאַקומען דורך דער פּראָטעקציע פון דעם בונד־פירער מויריצי אָזשעך, וועלכער האָט אליין א סך געלט אַריינגעלייגט אין דער דאָזיקער פאַבריק. אזוי זוכט זיך יעדער זיינע. כל אומן פונה אל בני אומנתו, איז דאָ דער פשט — צו זיינע פּאַרטיי־חברים. מ'העלפט ווי ווייט מ'קען.

פאַר דער געביידע אויף דער לעשנא־גאַס נומער 80, ווו ס'איז אַמאָל געווען דאָס גימנאַזיום „קאָלעגיום", און ווו ס'איז היינט דער דייטשער אַרבעט־אַמט פאַרן געטאָ, — ווידער טויזנטער מענטשן. מ'שטופּט זיך מיט גוואַלד צו די פאַרהאַקטע טויערן. דאָ באַקומט מען ארויס אַרבעט־קאַרטן, וואָס באַשטעטיקן, אַז מ'איז באַשעפטיקט, אַז מ'אַרבעט אין א „שאַפּ". די דאָזיקע מענטשן וועט מען דאָך ניט דעפּאָרטירן, זאָגט מען.

איך קום ענדלעך צו צו מיין ביוראָ אויף גזשיבאָווסקא־גאַס. ווידער א געשטופּעריי: דאָ וויל מען לעגאַליזירן די רעליגיעזע חתונות, וועלכע זענען נישט דורכגעפירט דורך דעם ציוויל־שטאַנדעס־אַמט (אין פּוילן זענען די דאָזיקע חתונות, בלויז ביים רב, געווען דער גרויסער רוב). ווארום די מענער, וואָס זענען באַשעפטיקט, ווילן שיצן זייערע פרויען; דאַרף מען אויפווייזן מיט חתונה־אַקטן. די וועט מען דאָך ניט דעפּאָרטירן.

פאַר דער קהילה און אין דער קהילה ווידער א גרויסע נערוועאישע באַוועגונג. יעדער וויל באַקומען עפּעס א פּאָסטן, עפּעס אַן אַרבעט; זאָל זיין וואָס ס'איז, אַבי ס'זאָל הייסן: מ'איז באַשעפטיקט, אַבי עפּעס אָנלען, אַ פּרעטעקסט, א שוץ... ווארום די באַשעפטיקטע וועט מען דאָך נישט דעפּאָרטירן, — פאַרזיכערט מען.

כ'גיי אַרויף צום רב יצחק מאיר קאנאל, אויף דער טוואַרדע־גאַס 6. איך טרעף אַן אומגעהויערע מענטשן־מאַסע. וואָס איז? פרעג איך.

מ׳ה א ט ח ת ו נ ה... בחורים, וואס האבן א פאסטן אין א „שאפ״ אדער אין דער קהילה, ווילן ראטעווען ניט באשעפטיקטע מיידלעך. האט מען חתונה. מאסנווייז. אין געאיילעניש, אין געיאגעניש. אלע חלוצים האבן אויף איינמאל חתונה מיט אלע חלוצות, און אלע „צוקונפטיסטן״ מיט די „צוקונפטיסטקעס״, (בונדישע יוגנט־ארגאניזאציע). די, וואס האבן נאך ניט קיין „מענער״, זוכן ארום אזעלכע. ס׳ווערט מקוים די נבואה:

„והחזיקו שבע נשים באיש אחד ביום ההוא לאמר:

„לחמנו נאכל ושמלתנו נלבש, רק יקרא שמך עלינו״.

# ס׳האט זיך אנגעהויבן...

## מיטוואך, ערב תשעה באב 22. יולי.

ס׳האט זיך אנגעהויבן... אלזא, ס׳איז דאך אמת.

גאנץ פרי, זייגער זעקס, קלאפט מיר אן א שכן: געהערט? היינטיקע נאכט ארויסגענומען פון זייערע וווינונגען אן ערך 50 יידן און זיי דער־שאסן אויף דער גאס. ס׳פאלן נעמען. באקאנטע און אומבאקאנטע. מיר באמיען זיך צו דערגיין עפעס א סיבה, צו געפינען עפעס א בשותפותדיק קריטעריום פאר די קרבנות, א צד השוה. אומזיסט. דאס זענען מענטשן פון פארשידענע בארופן, קלאסן, סביבות, אנשויאונגען. אדוואקאטן, ארבעטער און סוחרים, יונגע און אלטע, רייכע און ארימע. אלזא — פארוואס? דערויף קען קיינער קיין ענטפער נישט געפינען. וואס איז דער צוועק? יא. דאס איז מען זיך שווין משער. אנצווארפן א פאניק. אלזא, איז עס א פ א ר ש פ י ל. א פארשפיל צום בלוטיקן ספעקטאקל.

איך לויף שנעל אין דער קהילה, וועלכע געפינט זיך אין שכנות. אויפן הויף גרופעס מענטשן. מ׳שושקעט זיך שטילערהייט: וואס זאל דאס באדייטן? און וואס ו יי ט ע ר?

זייגער 11 פארמיטאג פארפארן פאר דער קהילה־געביידע 3 קליינע אויטאס. אויף זיי די אויפשריפט „פאל״. (תחילת האט מען געמיינט, אז דאס באדייט „פאלען״, היינט ווייסט מען שוין, אז דאס איז אן אפקיר־

צונג פון „פאָליציי״; און זעט מען פאר א הויז שטיין אַן אויטאָ מיט אזא אויפשריפט, ווייסט מען: דאָ שפּילט זיך אָפּ א טראַגעדיע). מיר פאַרשטייען שוין וואָס דאָס באַדייט. ס׳גייען אַרויס עטלעכע אָפיצירן פון ס. ס. און געשטאַפּאָ. זיי גייען אַריין מיט זייער געוועגלעכן טופּעט אין קאַבינעט פונעם קהילה-פּרעזעס אינזשיניער  אַ ד אַ ם  ט ש ע ר נ י א ק אָ וו און פאַרמאַכן זיך דאָרט אויף אַ האַלבע שעה. דערנאָך פאַרלאָזן זיי די קהילה. ווי אַ בליץ צעשפּרייט זיך די ידיעה:

א ו י ס ז י ד ל ו נ ג *).

אַ וואָרט, וואָס אַנטהאַלט אין זיך עפּעס שרעקלעכס, די שרעקלעכסטע טראַגעדיע. א וואָרט, וואָס וואַרפט אָן פּחד און טויט-אנגסט.

איך גיי אַריין אין קאַבינעט פון פּרעזעס טשערניאַקאָוו; איין בליק און איך באַגרייף אַלץ. דאָס פּנים בלייך, די הענט ציטערן און די אויגן קוקן און זעען נישט... אַרום אים עטלעכע מיטגלידער פונעם יודענראַט. דער פּרעזעס באַמערקט מיך און מיט אַ האַנט־באַוועגונג ווייזט ער מיר אָן אויף אַ שטיק פּאַפּיר, וואָס ליגט אויפן טיש.

— „צי איז פאַראַן עפּעס אַ געשריבענע מעלדונג?״ — פרעג איך.

— „ניין״ איז דער ענטפער, — „דאָס איז אַלעס״.

איך דערקען די שריפט טשערניאַקאָווס. כ׳הייב אָן צו לעזן. די אותיות טאַנצן מיר פאַר די אויגן.

שפּעטער ערשט שרייב איך איבער דעם טעקסט**), פאַרן אַרכיוו. לזכרון.

---

*) אַ משונהדיקע זאַך: ס׳האָבן זיך אַנגענומען עפּעס אויסדרוקן, נעמען דעפּי־ניציעס פאַרשענערנדיקע, מאַסקירנדיקע, וואָס אַנטשפּרעכן נישט דער ווירקלעכקייט. דער גרויליקייט פון דער טראַגעדיע. ס׳האָט זיך די נאַצי־רוצחים איינגעגעבן צו לאָזן אין אומלויף די דאָזיקע נעמען, אפילו צווישן יידן, און אפילו ביז איצט. במשך פון דער גאַנצער צייט פון דער טראַגעדיע האָט מען ביי אונדז אין פּוילן קיינמאָל נישט אָנגערופן די זאַך ביים נאָמען. מ׳האָט נישט דערזאָגט — פּאָגראָמען, אויסמאָרדן, מאַסאַקרען, פאַרגאַזן, נאָר: „אויסזידלונג״ אָדער נאָר „אומזידלונג״ (גלייך ווי ס׳וואָלט געווען נישט מער ווי אַן איבערציען פון איין אָרט אין אַנדערן), „אַקציע״, „בלאָ־קאָדע״... דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל אין אָנהויב האָט מען נישט געוווסט בענוי. און שפּעטער איז שוין אַזוי געבליבן. שבשתא כיון דעל על...

**) די דייטשן, אין זייער טייוולאַנישער קאָנצעפּציע צו פאַרניכטן די שפּורן פון זייער פאַרברעכן, האָבן זיך באַמיט נישט אַרויסצוגעבן וואָסער ס׳איז שריפט

איך גיי ארויס אויף דער גאס. אלע זענען אויף דער גאס. מ'וויל הערן „נייעס". וויסן וואס ס'טוט זיך. הערט מען: דאס געטא איז שוין פון היינט אינדערפרי ארומגערינגלט מיט א ו ק ר א י נ י ש ע וואך. ס'זענען אויך דא צווישן זיי לאטישן און ליטווינער. די מלאכי חבלה פון אלע פעבעלן. ווער ס'דערנענטערט זיך צו די געטא־מויערן, ווערט באלד דערשאסן. מיר זענען אין א שטייג. איינגעשלאסן אויף זיבן ריגלען. נישטא קיין אנטלויפן. נישטא קיין רעטונג. און אז מ'וועט זיך שוין יא ארויס־גנבענען? וועט מען דען קענען זיך אויסבאהאלטן דארט? די יידן, וואס זענען דארט געוועזן, קומען צוריק; נישט מעגלעך דארט צו זיין, מ'מסרט, מען שאנטאזשירט... זענען מיר אין די הענט פון די נאציס. אליין, אויג אויף אויג מיט דעם שרעקלעכסטן, בעסטיאלישן שונא. פאראורטיילט אויף פארניכטונג.

פאר די נארוואס אויסגעקלעבטע פלאקאטן מיט דער „אויסזידלונג"־פאראָרדענונג שטייען גרופעס מענטשן און לייענען. און קאמענטירן. לער־נען אריין פשט: ס'שטייט דאך בפירוש, אז די גזרה איז נישט נוגע די קהילה־אנגעשטעלטע, „דזשאינט"־אנגעשטעלטע, ארבעטער פון די שאפן, פון אנדערע דייטשע פירמעס; אחוץ דעם — וועלן דאך אלע אנדערע אר־בעט־פעאיקע פארבלייבן איינקווארטירט אין קאסערנעס. די אלע וועלן בליי־בן. ס'איז אלזא נוגע בלויז די איינוווינער פון די א. ג. „פונקטן" (ווו די קהילה האלט די אלע, וואס זיינען אנגעוויזן אויף סאציאלע שטיצע, פלטים ס'רוב), ארבעטלאזע, היימלאזע א.ד.גל. רעכנט מען אויס: קהילה־אנגע־שטעלטע — לערך 10.000, צוזאמען מיט די משפחות א 50.000; „דזשאינט" - אנגעשטעלטע (אייגנטלעך האט מען עס גערופן „יידישע זעלבסט־הילף") אויך אזוי פיל ד. ה. 50.000. אין די שאפן קען מען רעכענען א הונדערט טויזנט, צוזאמען מיט די משפחות א 200 טויזנט (ווארום ס'רוב האבן אייניקע פאמיליען־מיטגלידער געארבעט,

וועגן דעפארטאציע. אלץ איז געזאגט געווארן, דיקטירט געווארן. די ערשטע פאר־ארדענונג וועגן אויסזידלונג פון 22. יולי 1942 איז ד י ק ט י ר ט געווארן דעם פרעזעס טשערניאקאוו. שפעטערדיקע פאראָרדענונגען זענען אויך בלויז געזאגט גע־ווארן. פונדעסטוועגן האט זיך מיר דאך איינגעגעבן צו זאמלען א גאנצע רייע דאקו־מענטן פון זייערע פארברעכנס, אויב אזעלכע זענען גאר איבערהויפט נויטיק... (זיי געפינען זיך איצט מייז באזיץ און אויך אין ווארשע).

און די איבעריקע זיינען „געדעקט" דורך די ערשטע), א 100.000 ארבעט־פעאיקע וועלן אויך באשעפטיקט ווערן; צוזאמען אלזא א 400.000. וועלן ארונטערפאלן אונטער דער גזירה אן ערך פון „בלויז" 50.000 יידן. (אפי־ציעל זענען געווען אין געטא בלויז 387.500 יידן, לויט די לעבנסמיטל־קארטן; פאקטיש האט מען גערעכנט זענען פאראן לערך 450.000, שפע־טער האט מען גערעכנט א האלבן מיליאן יידן — קיין גענויע ציפערן זענען נישט געווען).

אלזא — א שרעקלעך געשטופעניש פאר די „שאפן", פארן יודענ־ראט, פארן „דזשאינט". מענטשן ווענדן אן אלע כוחות און מיטלען זיך אריינצובאקומען אין איינע פון די דאזיקע שטעלן, און ארויסצובאקומען אן ארבעט־קארטע, ד. ה. א — לעבנס־קארטע. מ'זוכט אלערליי פראטעק־ציעס, קאנטאקטן, השפעות, מ'גיט געלט; מ'בעט, מ'חלשט, מ'דראט. א לייטער פון א „שאפ" — איז א מאכט. יעדער באמיט זיך צו געפינען א וועג צו אזא „פערזענלעכקייט". אין זיין האנט ליגט דאך דער אורטייל: לחיים או למות. אויף נאוואליפע פאר דער פירמע „שולץ", פאר דער פירמע „טעבענס" — טויזנטער מענטשן. מענטשן אויסגעטרוקנטע, דער־שראקענע, פארחושכטע, — נאך רעטונג־גארנדיקע. יעדער וויל זיך רא־טעווען פון דער זינקענדיקער שיף. אט אזוי האט אויסגעזען די סצענע אויף דער אונטערגייענדיקער שיף „טיטאניק". אט אזוי!

ווארום די שיף זינקט....

טראץ די אויסנאמען, טראץ די צוזאגעכצן און „ערנווערטער" (דייטשע „ערנווערטער"...), אז די ארבעטנדיקע וועט מען נישט רירן, הייבט אן צו ווערן א פארצווייפלונג. מ'נארט זיך נאך אביסל, אבער אינעווייניק נאגט א פחד.

ס'הייבט אן צו הערשן אלעמאל מער א יקרות. נישטא קיין צופאר. דאס געטא איז פארמאכט. נישטא אויך קיין שמוגל דורך די לעכער. ברויט קאסט ביז 35 זלאטעס א קילא. און שווער צו באקומען. פאר אונד־זערע אויגן שטייט אויף נאך א געשפענסט: הונגער.

דערווייל שוין די ערשטע קרבנות. די ערשטע טראנספארטן פון די „שוצלינגע", וואס געניסן פון סאציאלע שוץ, ס'רוב די צוגעקומענע פון די קלענערע שטעטלעך ארום ווארשע, די איינוווינער פון די „פונקטן". דאן

די אַרעסטאַנטן פון דער „יידישער״ תפיסה אויף דער גענשא־גאַס (זייער „פאַרברעכן״: נישט געטראָגן דעם אַרעמבאַנד מיטן מגן דוד, געשמוגלט אַ קילאָ ברויט אדג״ל). מ׳פירט זיי אויף די וועגענער, איינגעשפּאַנט אין פערד.

ס׳איז שוין שפּעטלעך נאָכמיטאָג. איך גיי דורך עק זאַמענהאָף־גאַס און מוראַנאָווסקע. ס׳קומען אָן די אוקראַינישע מיליציאַנטן און ווילן אַרויפנעמען אויפן וואָגן אַ בלינדן ייד, וועלכער שטייט אויף דעם עק גאַס, בעטנדיק אַ נדבה. ער איז באַהאַנגען מיט מעדאַלן און אויסצייכענונגען. אַן אינוואַליד פון יענער וועלט־מלחמה*). אַ טראַגיש בילד. דער בלינדער פאַרשטייט ניט, וואָס מ׳וויל פון אים. וווּ פירט מען אים? ער ווייסט דאָך נישט וויסן דערנאָך ווי אַזוי אַהיים צו גיין.... ער זעט דאָך נישט... ער ווייזט עפּעס פּאַפּירן, לעגיטימאַציעס. ער ווייזט אויף די מעדאַלן אויף זיין ברוסט. די אוקראַינער לאַכן. דאָס קליינע יינגעלע, וואָס פירט שטענ־דיק דעם בלינדן, זאָגט עפּעס דעם דייטש, וואָס פירט אָן מיטן טראַנס־פּאָרט; ער בעט, מ׳זאָל אים לאָזן מיטגיין. דער דייטש גיט ברוטאַל אַ קאָפּ דעם קינד, וועלכעס פאַלט אַנידער אויפן טראָטואַר און וויינט. און דעם בלינדן שלעפּט מען אַרויף, שטויסנדיק אים, אויפן וואָגן. דער וואָגן רירט. איך אַנטלויף. פונדערווייטנס יאָגט מיך נאָך די תחנונים פונעם יידישן אינוואַליד און דאָס האַרצרייסנדיק געוויין פונעם קינד...

„אַט דאָ נישט ווייט״ — האָט געענטפערט דער דייטש אויף דער פאַר־צווייפלטער פראַגע פון דעם בלינדן: „ו ו ו ה י ן ?״ יאָ, נישט ווייט...נישט ווייט, אויף דער סטאַווקי־גאַס געפינט זיך די געטאָ־סטאַציע, פון וואַנען מ׳פירט אַוועק די דעפּאָרטירטע יידן „נאָך אָסטען״ — ווי ס׳שטייט אין דער פאַראָרדענונג. וווהין באמת, — ווער ווייסט?

:: :: ::

דער אָוונט פאַלט צו. איך גיי אַ היים. דער קאָפּ פול מיט אומהיימ־לעכע געדאַנקען, מיט געשפּענסטערישע בילדער. איך גיי דורך אונדזער הויף־שולכל (צוליב דער סכנה אַרויסצוגיין אָפּט אויף דער גאַס איז אין

*) איינס פון די ערשטע פאַראָרדענונגען פון די דייטשן איז געווען נישט אויס־צוצאָלן די יידישע אינוואַלידן זייערע רענטעס, וועלכע זיי פלעגן באַקומען פון דער רעגירונג. דאָס זעלבע איז אויך נוגע געווען מלחמה־אלמנות און יתומים.

יעדער הויז כמעט איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מנין). איך קום אריין. אַ צוויי צענדליק מענטשן זיצן אויף איבערגעקערטע בענק נעבן דער ערד.

ת ש ע ה  ב אָ ב  ה יי נ ט....

שוואַכע קליינע פלעמלעך פון צוויי גוססדיקע ליכטלעך ווארפן אומהיימ־לעכע שאָטנס אויף דעם קליינעם שטיבל און אויף די מענטשן. זיי זיצן איינגעבויגן, שטום, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, און די אויגן קוקן אין ערגעץ אַן אומבאַקאַנטע ווייטקייט. מיר מאַכן אויף דאָס ספר, דאָס אייביקע ספר: ת נ " ך. איינער הייבט אָן צו לייענען מיט דעם אוראַלטן ניגון, מיט דעם ניגון פון אונדזערע אורעלטערן, פון יענע אפשר, וואָס זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון ירושלים, מיט דעם ניגון, אין וועלכן ס'זענען איינגעזאַפּט טרערן און זיפצן פון דורות:

א י כ ה ...

יעדעס דור האָט זיין איכה. אָבער אונדזער איכה קלינגט היינט גאַנץ אַנדערש. אפשר ווי נאָך קיינמאָל נישט אין דער יידישער געשיכטע. אפשר אונדזער לעצטער איכה.

„איכה ישבה בדד העיר רבתי עם". ו ו י  א ל יי ן, ו ו י  א יי נ־ז אָ ם  ז ע נ ע ן  מ י ר  ה יי נ ט. „א י ן  ל ה  מ נ ח ם  מ כ ל  א ה ב י ה, כ ל  ר ע י ה  ב ג ד ו  ב ה", ווי ווייטיקלעך שפּירן מיר דאָס היינט. „כל רדפיה השיגוה בין המצרים". „היו צריה לראש". „בנפל עמה ביד צר, ואין עוזר לה, ראוה צרים שחקו על משבתיה. קראתי למאהבי חמה רימוני". ווי טראַגיש אַקטועל זענען היינט די דאָזיקע אור־אַלטע ווערטער. גלייך ווי היינט געשריבן געוואָ־ן אויף אונדזער אומגליק, וועלכעס איז גרעסער פון יענעם חורבן.

דעמאָלט, צוריק מיט 1872 יאָר, האָט זיך עס אָנגעהויבן, און היינט איז דאָס לעצטע רינגעלע פון דער קייט, דער סוף.

זיצן מיר אָט דאָ, ווארשעווער יידן, די נאָכקומער פון יענע פאַר־טריבענע, פון זייער אייגענער היים באַרויבטע, און באַוויינען יענע קאַ־טאַסטראָפע, באַוויינען די אייגענע, דעם חורבן פון דער עיר ואם בישראל ווארשע, פון דעם גרעסטן און לעבעדיקסטן יידישן קיבוץ אין אייראָפּע. באַוויינען דעם אייגענעם גורל, דעם גורל פון אַ פאָלק אָן אַ לאַנד אין די הענט פון אַ שרעקלעכן שונא — ארומגערינגלט פון אַנדערע שונאים —

און פאַראורטיילט צום פאַרניכטן. זיצן מיר און באַוויינען יענעם חורבן בית המקדש און אונדזער חורבן פון אַ לעבן פול מיט פּיין, אָבער אויך פון שאַפונגען, מעגלעכקייטן, האָפענונגען און טרוימען; טרוימען — וואָס קיינמאָל וועלן זיי שוין נישט פאַרווירקלעכט ווערן. באַוויינען מיר אַ לעבן אַ רייכס, בליענדיקס און וואַקסנדיקס — טראָץ אַלע אונטערדריקונגען — וואָס דער שונא גייט איצט מאַכן אַ סוף דערפון.

א י כ ה ?...

# דער טויט פון אדאם טשערניאַקאָוו

**דאָנערשטיק, 23. יולי.**

אין געטאָ אַ פּאַניק. די פאַרצווייפלונג באַהערשט אַלע. די מיליץ פון אוקראַינער, לאַטישן און ליטווינער רינגלט אַרום די הייזער־בלאָקן אין געטאָ, איינער פון זיי גייט אַריין אין הויף און פאָדערט אויף, אַלע זאָלן אַראָפּ אין הויף; דערנאָך שטעלט מען זיי אויס אין גרופּן און מ׳פירט זיי אַוועק אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ“. די דייטשן צווינגען די יידישע פּאָליציי אַנטיילנעמען אין דער „דעפּאָרטאַציע“. די יידישע פּאָליציי האַנאָרירט די לעגיטימאַציעס פון דער קהילה און „דזשאָינט“, ווי אויך די אַרבעט־קאַרטן. מען דעפּאָרטירט ס׳רוב די אָרימע, די עלטערע. ס׳שפּילן זיך אָפּ האַרצרייסנדיקע סצענעס. מענטשן בעטן זיך, וויינען. אומזיסט!

דערוויילע אַנדערע „אויסערגעוויינטלעכע“ געשעענישן: דאָס הויז אויף זשעלאַזנאַ־גאַס נומער 80, וועלכעס געהערט צו דער משפּחה פון דעם געוועזענעם וואַרשעווער קהילה־פּרעזעס אליהו מ א ז ו ר, ווערט אַרומגערינגלט פון די ס.ס.־לייט, מ׳הייסט אַלע איינוווינער אַראָפּגיין אויף דער גאַס, דער גרעסטער טייל ווערט דערשאָסן אויפן אָרט, די רעשט ווערט געשיקט אויפן אומשלאַג. ס׳ווערן דערביי נישט גענומען אין אַכט קיין שום לעגיטימאַציעס. די סיבה: „געוואָרפן פון אַ פענצטער פון דעם הויז אַ שטיין אויף דייטשע אָפיצירן...“ אַזוי זאָגט די געשטאַפּאָ.

דער פּחד, אַזוי אויך געגנוג גרויס, ווערט נאָך גרעסער.

:: :: ::



אינזש. אדאם טשערניאקאוו

איך זיץ אין מיין ביוראָ אין קהילה־אַרכיוו. ס'איז שפּעט נאָכמיטאָג. אַרום 5 אַזייגער. ס'קומען אָן אין דער קהילה 2 ס.ס.-לייט און פאַרלאַנגען דעם פּרעזעס טשערניאַקאָוו. ער איז ביי זיך אינדערהיים. דער דיזשורי־רנדיקער אָנגעשטעלטער שמואל האַרנשטיין שיקט נאָך אים. נאָך אַ פערטל שעה איז ער דאָ. ער גייט אריין אין זיין קאַבינעט, ווו ס'וואַרטן שוין אויף אים די צוויי אָפיצירן. נאָך אַ צען מינוט פאַרלאָזן יענע דאָס קאַ־בינעט, פאָרן אוועק. טשערניאַקאָוו בלייבט. ער קלינגט נאָכן באַדינער און הייסט זיך אריינגעבן אַ גלאָז וואַסער. דערנאָך בלייבט ער אליין. אין עטלעכע מינוט אַרום קלאַפּט אָן אין קאַבינעט איינער פונעם קהילה־סעק־רעטאַריאַט מ אַ ר צ ע ל י ר יי ך. מ'ענטפערט נישט. ער מאַכט אליין אויף די טיר און פאַר זיינע אויגן: טשערניאַקאָוו ליגט טויט. ער אַלאַרמירט די קהילה־אָנגעשטעלטע, דאָקטוירים. מיר לויפן אריין אין קאַבינעט, טשערניאַקאָוו ליגט פאַרשטאַרט, די אויגן אָפן, פאַרגלייזט, דאָס מויל פאַרמאַכט. ס'קומט אָן ד"ר י ש ר א ל מ י ל י י ק אָ ו ס ק י און קאָנסטאַטירט: טויט דורך סם. ער האָט זיך נישט לאַנג געמאַטערט. איינגענומען ציאַנקאַלי.

טשערניאַקאָוו, דער פּרעזעס פון דער וואַרשעווער קהילה, לעבט נישט מער.

ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין שום צוואה. קיין שום געזעגענונג־בריוו. בלויז אויף זיין אָפענעם נאָטיץ-בוך, וועלכעס איז געלעגן אויף זיין שרייבטיש, איז געווען אויפגעשריבן 7.000. מ'האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען אַ באַפעל: 7.000 יידן צושטעלן טעגלעך צום „אומשלאַג", צום פאַרניכטן.

טשערניאַקאָוו, וועלכער האָט במשך פון דער גאַנצער צייט פעסט געגלויבט אין דער לעבנס-קראַפט פונעם פאָלק, אין זיין אויסדויערן, וועל־כער האָט תמיד געהאָפט, אַז מיר וועלן איבערלעבן און דערלעבן דעם גוטן סוף — נישט איינמאָל האָט ער אויסגעדריקט פאַר מיר דעם דאָזיקן גלויבן, מיט וועלכן ער האָט ממש געגליט — האָט פלוצלינג דערזען ווי

*) פרוי פון אהרן צייטלין.

ס׳מאכט זיך אויף פאר אים, פאר זיין קהילה — דער ת ה ו ם. פאר־שווונדן אלע אילוזיעס, האפענונגען, צוקונפט־וויזיעס. ער האט דערזען די גרויזאמעווירקלעכקייט. ער האט נישט געוואלט זיין קיין ווערקצייג אין די הענט פונעם שונא און אליין זיך גענומען דאס לעבן. געפאלן אויפן פאסטן, אויפן פארלוירענעם פאסטן.

:: :: ::

ס׳שווימען אויף אין ׳מיין זכרון די לעצטע געשפרעכן, וואס איך האב געהאט מיט אים. ס׳גייען פאר מיר דורך די גלגולים פון זיין ארבעטזאם־לעבן. געשטאמט פון אן אסימילאטארישער פאמיליע. געווען פון בארוף אינזשיניער, א מענטש פון עקזאקטע וויסנשאפטן. אבער דערביי געהאט אין זיך א ראמאנטישן אדער. אליין אלזייטיק געבילדעט און באלעזן, — האט ער געשריבן — לידער. (פארעפנטלעכט א טייל אין דער פארמלחמה־דיקער ווארשעווער „קהילה־שטימע״). און זיין גאנץ לעבן האט כאראקטעריזירט רעאליזם צונויפגעמישט מיט פאעזיע. געווען א מענטש פון מח אבער אויך א מענטש פון הארץ. אליין אסימילירט, האט ער זיך נישט דערווייטערט פון די מאסן. געארבעט נישט נאר פ א ר ן פאלק, נאר אויך מ י ט ן פאלק. געווען א באקאנטער האנטווערקער־טוער, באַ־מיט זיך שטענדיק צו פארבעסערן די ארבעט־באדינגונגען און לעבנס־שטאנדארט פונעם יידישן בעל־מלאכה. געווען, אלס רעפרעזענטאנט פונעם יידישן האנטווערקער־פארבאנד, ראטמאן אין ווארשעווער שטאטראט און א קורצע צייט סענאטאר, לעצטנס, פאר דער איצטיקער מלחמה, מיטגליד פון דער קהילה־פארוואלטונג. נאך דעם ווי דער דעמאלטיקער קהילה־פרעזעס מ ו י ר י צ י מ יי ז ע ל האט פארלאזט אין סעפטעמבער 1939 ווארשע, איז טשערניאקאוו אויף א זיצונג פון יידישע פארטייי־פארשטייער פארגעשלאגן געווארן (נאך דער דייטשער אקופאציע) אלס קהילה־פרעזעס. און אזוי איז ער געשטאנען אויפן פאסטן פון דעם 1. נאוועמבער 1939 ביזן 23סטן יולי 1942. ער האט זיך באמיט אפצווערן, ווי ווייט מעגלעך, די קלעפ, וואס זיינען געפאלן אויפן ווארשעווער יידנ־טום. ער שטרעבט צו מאכן דעם דרוק פונעם שונא ווייניקער ווייטיקלעך

און זיין שטענדיקע עקסטערמינאציע־פּאָליטיק — ווייניקער טאָטאַל; ראַ־טעווען וואָס ס׳לאָזט זיך. ער שטרעבט צו לינדערן די נויט, קעמפט שטאַרק קעגן דעם אונטערשיד צווישן דער רייכקייט פון איינע און דעם שרעקלעכן הונגער פון די אַנדערע, פונעם רוב. אַבי איבערצוהאַלטן, אַבי צו דערלעבן אַ בעסערע צוקונפט, אין וועלכער ער האָט אַזוי פעלזנפעסט געגלויבט. און דעם דאָזיקן גלויבן באַמיט זיך צו פלאַנצן אַרום זיך.

די געשעענישן זענען נישט געבליבן אָן אַ רושם אויף אים. זיי האָבן אים עפּעס געלערנט. כ׳דערמאָן זיך דעם לעצטן געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט דעם דייטשן קאָמיסאַר פאַרן געטאָ אויערסוואַלד (אַ געוו. אַדוואָקאַט אין בערלין פון דעם באַוווּסטן יידישן אינדוסטריעלן ק ל ו י ז־נ ע ר), ביי וועלכן ס׳איז געווען אָנוועזנד אַדוואָקאַט ד״ר ג. וויעלי־קאָווסקי, וועלכער האָט עס מיר איבערגעגעבן. אויערסוואַלד האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „יידן זענען פּאַראַזיטן״. דערויף האָט אים טשערניאַ־קאָוו געענטפערט:

— ווען מיר זענען געקומען קיין פּוילן, פאַרבעטן דורך דעם קעניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן, זענען דאָ געווען בלויז וועלדער און וויסטע־נישן; האָבן מיר יידן, מיט אונדזער פליים און אַרבעט, מיט אונדזער ריִ־רעוודיקייט און איניציאַטיוו, אויפגעבויט דאָ שטעט און שטעטלעך, פאַ־בריקן און הייזער. גיט אַ קוק אויף די גאַסן, געשעפטן, האַנדל און אינ־דוסטריע, האַנטווערקערטום און באַנקוועזן, דאָס האָבן יידן אין שווערער, שעפערישער, פּראָדוקטיווער אַרבעט אויפגעבויט. אומעטום טרעפט מען אָן די נעמען פון יידן־פּיאָנערן אויף אַלע געביטן, די וואַוועלבערגס, עפּ־שטיינס, בלאָכס, ראָטוואַנדס, בערסאָנס, קאָנס, פּאָזנאַנסקיס, די געפּנערס, די מאַזורס, עטינגאָנס א.א.וו. נאָר מיר זענען געווען נאַראָנים; מיר האָבן אַריינגעלייגט אונדזער אַרבעט אין אומפריינטלעכער ערד, מיר האָבן געבויט אויף אַ ווולקאַן, אָנשטאָט אין אונדזער אייגן היים אין א ר ץ י ש ר א ל.״

יאָ. טשערניאַקאָוו איז געוואָרן אַ ציוניסט. אָן איבערגעגעבענער, פיי־ערדיקער ציוניסט. איך דערמאָן זיך זיינע ווערטער, וועלכע ער האָט מיר געזאָגט ערשט מיט אַ צוויי וואָכן צוריק, כ׳געדענק גענוי, ס׳איז געווען

כ׳ תמוז, זונטיק דעם 5. יולי. געווען איז עס — איך פיל עס איצט — נישט קיין שמועס נאָר אַ צוואה.

— „אַ גאַנץ לעבן האָב איך שווער און ערלעך געאַרבעט, געווען פּראָדוקטיוו, כדי איצט צו הערן, אַז איך בין אַ פּאַראַזיט, כדי צו ליידן די דאָזיקע בעסטיאַלישקייט, צו דערלעבן אַזעלכע דערנידערונגען, רדיפות, גרויזאַמקייטן; פאַרוואָס? פאַרוואָס? יאָ, כ׳ווייס שוין פאַרוואָס דאָס קומט מיר. ווייל כ׳האָב נישט געאַרבעט אויף אייגענעם באָדן, אין דער אייגענער היים. ווייל כ׳האָב נישט געהערט דעם רוף פון טעאָדאָר הערצל. ער איז געווען דער איינציקער מענטש, וואָס האָט אַלץ פאָראויסגעזען און אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג. ער איז געווען דער איינציקער יידישער מלוכה־מאַן אין אונדזער דור. מיר האָבן געזינדיקט, וואָס מיר האָבן אים נישט געפאָלגט. דאָס איז אונדזער שולד. — וואָלט איך היינט געקענט — האָט טשערניאַקאָוו געענדיקט מיט טרערן אין די אויגן — וואָלט איך היינט צופוס געגאַנגען קיין ארץ ישראל, און דאָרט שטיינער געהאַקט אַלס געוועזענער חלוץ. נאָך דער מלחמה וועל איך עס טאָן. קיין שום קראַפט אין דער וועלט וועט מיך שוין נישט צוריקהאַלטן. מיר זאָלן נאָר דערלעבן״...

ער האָט נישט דערלעבט. דער אַכזריותדיקער שונא האָט געמאַכט אַ סוף צו זיינע האָפענונגען און זיינע טרוימען. פּונקט ווי צו די האָפענונגען און טרוימען פון — ווער ווייסט וויפל יידישע מענטשן, וואָס זענען געווען פאַרקוקט אין אַ בעסערע צוקונפט אין ארץ ישראל.

אַ נישט־פאַרווירקלעכטער חלום...

**פרייטיק, 24. יולי.**

היינט האַלב זעקס אינדערפרי איז דורכגעפירט געוואָרן טשערניאַקאָווס לויה. אַ קליינע גרופּע מענטשן. קוים אַ צענדליק. די דייטשן האָבן באַפוילן אים צו באַהאַלטן שטילערהייט, בסוד. מ׳האָט אים מקבר געווען נעבן די אָנגעזעענע געשטאַלטן פונעם וואַרשעווער יידנטום. מיר שטייען פאַרן אָפענעם קבר. דערנעבן דאָס קבר פון פּראָפעסאָר שמעון אַשכנזי, דער פּוילישער דעלעגאַט צום פעלקער־בונד. כ׳לייען די אויפשריפט: „דערציער — היסטאָריקער — שטאַטסמאַן״. ווייטער: „געקעמפט פאַר אַן אומאָפּהענגיק פּוילן — געדינט דעם באַפרייטן״. אין



די נאציס „אמטירן" אין דעם גרויסן זאל פון ווארשעווער קהלה־ראט.
(אויף דער וואנט די בילדער פון אמאָליקע ווארשעווער רבנים)

שכנות דאָס קבר פון ד״ר ל ו ד וו י ק ז א מ ע נ ה א ף, דער שעפער פון עספעראַנטא, דעם אינסטרומענט פון פעלקער־דערנענטערונג... אַזוי, קלער איך, האָבן יידן געדינט, געחלומט, און — אזא סוף...

עמיצער זאָגט קדיש. (דער איינציקער זון טשערניאַקאָווס איז אין רוסלאַנד; דינט אין דער רויטער אַרמיי; אפשר וועט ער נעמען נקמה). ס׳הערט זיך דאָס שלוכצן פון דער אלמנה ד״ר פעליציע טשערניאַקאָוו (א באוווסטע פעדאַגאָגין). מ׳פאַרשיט אין איילעניש דאָס קבר. יעדער איילט זיך א היים, אין שטאָט אריין. ווער ווייסט וואָס ס׳איז דערווייל געשען. און וואָסער טאָג ס׳שטייט פאַר אונדז.

איך פאַרלאָז דאָס בית-עולם מיט א געפיל, אז נישט קיין מענטש, נאָר א ת ק ו פ ה האָט מען אין קבר אריינגעלייגט...

## די פאַרניכטונגס-מאַשין אַרבעט...

צוריקגייענדיק היינט פון טשערניאַקאָווס לוויה, באַגעגן איך אויף דער געגנשע־גאַס די עגלות פון פינקערטס „חסד ואמת״־אונטערנעמונג, וועלכע פּראָספּערירט היינט זייער... פינקערט זאָגט: ווארשע איז א פּאַבריק פון מתים...

נישט איינער קלערט: ווער ווייסט, צי יענע, די געהרגעטע, האָבן נישט קיין בעסער מזל; ווייניקער זיך געמאַטערט. און געקומען צו קבר ישראל, מ׳ווייסט כאָטש, ווו זיי זענען באַהאַלטן, ווען ס׳איז דער יאָרצייט. בעת יענע, די דעפּאָרטירטע — ווער ווייסט? — מ׳האָט נישט דעם מוט צו דערפירן דעם געדאַנק ביזן סוף...

„ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עדנה...״

און די פאַרניכטונגס־מאַשין אַרבעט. די וועגענער פול מיט אומגליקלעכע, באַוואַכטע דורך די פּאָליציאַנטן און מיליץ, איילן אין דער ריכטונג פונעם „אומשלאַג״. די מענטשן אויף די וועגענער — פאַרשידענע; ווייבער און קינדער, אַלטע און קראַנקע. א טייל בעטן זיך, וויינען, אַנדערע ווייזן לעגיטימאַציעס, שריפטן, דערקלערן עפּעס; אַנדערע פּרווון געבן צו וויסן באַקאַנטע, קרובים, מען זאָל זיי ראַטעווען. אָבער ס׳העלפט גאָרנישט. אַלע גייען אויפן „אומשלאַג״, צו דער שחיטה, אזוי פילט מען, הגם

מ'ווייסט עס נאך נישט באשטימט. זאגט מען דאך, אז עס זענען אנגע־קומען ידיעות, בריוו פון די ערשטע פארשיקטע... ס'טליעט א פונק פון האפענונג אין א ים פון פחד און פאניק.

איך קום צוריק אין דער קהילה-געביידע. די זעלבע נערוועאישע באווע־גונג, דאס זעלבע זינלאזע „אמטירן", מ'וויל מאכן דעם איינדרוק, אז מען ארבעט, אז מ'איז נוצלעך. פרוי ט א ל א צ י י ט ל י ן *), די לייט־טערין פון דער שטייער־אפטיילונג פון דער קהילה האט „אנגאזשירט" א גאנצע רייע נייע באאמטע; זיי שרייבן אוים מאנונגען צו באצאלן פאר־לעגענע קהילה־שטייערן, צו מענטשן, וועלכע זענען שוין אפשר נישטא. איך באמערק צווישן זיי א ל ח נ ן צ י י ט ל י ן, א ב ר ה ם ו וא־ל ע ר ש ט י י ן, י ו ס ף ו ו ע ג מ י י ס ט ע ר, באקאנטע כלל־טוער. בכלל האט זיך דאס קהילה־פערסאנאל פארגרעסערט; (מ'וויל אויף אזא אופן ראטעווען מענטשן; קהילה-אנגעשטעלטע, זאגט מען, וועט מען נישט רירן). מען „דערליידיקט" בקשות שוין נישט אקטועלע, מ'ענטפערט אויף בריוו, וועמענס אדרעסאטן זענען שוין נישטא, מ'פארנעמט זיך מיט ענינים נישט־וויכטיקע, אויסגעלאשענע... אבי ס'זאל הייסן, אז מ'טוט עפעס...

דער קהילה־סעקרעטאר נ ח ו ם ר ע מ ב א פארנעמט זיך מיט די חלוצים; ער באמיט זיך זיי איינארדענען אין „שאפן", אין קהילה־ביוראס אדג"ל.

די ר ב נ י ם באמיען זיך אריינצופירן זייערע קינדער, איי־דעמס אין דער רעליגיעזער אפטיילונג פון דער קהילה. הגם די דאזיקע אפטיילונג, פון וועלכער איך בין דער שעף, האט שוין נישט קיין שום פראקטישע באדייטונג, האט זיך אבער דאס „פערסאנאל" שטארק פאר־גרעסערט. בעת אין י. 1937, ווען איך האב איבערגענומען די לייטונג, איז דארט געווען 38 אנגעשטעלטע, זענען היינט שוין פאראן איבער הונדערט; און איך האלט אין איין פארשלאגן נייע קאנדידאטן, באוווסטע רבנים, רעליגיעזע עסקנים און שרייבער, ווי יוסף משה העבער, געוו. ראש הקהל פון קאליש, וואלף ליפסקער („למד-וואוו"), א. אנד.

*) פרוי פון אהרן צייטלין.

די מיטגלידער פון קהילה-ראט פארזאמלען זיך און ווילן אויף טשערניאקאווס ארט א ניי פרעזידיום; פרעזעס: אינזשעניער מארעק ליכטענבוים, א באקאנטער ארכיטעקט און כלל־טוער; געבויט א סך געזעלשאפטלעכע געביידעס פארן ווארשעווער יידנטום. צי וועט ער איצט זיין דער צוקוקער צום חורבן פון דעם דאזיקן יידנטום, צי וועט זיך אים איינגעבן אפצוראטעווען עפעס פון דער פארניכטונג? ווער ווייסט?

אלס וויצע־פרעזעסן זענען געוויילט געווארן: אינזש. אברהם שטאלצמאן, געוו. סעקרעטאר פונעם צענטראלן יידישן סוחרים־פאראיין אין פוילן און ד״ר גוסטאוו וויעליקאווסקי, דער באקאנטער ווארשעווער אדוואקאט, איצט וויצע־פרעזעס פון דער „יידישער זעלבסט־הילף".

ס'קומען אפט צו פארן אין דער קהילה די מלאכי חבלה, די ס.ס.-אפיצירן פון דער פארניכטונגס-קאמאנדע. זייער אפיציעלער נאמען איז: „ס. ס. אונד זיכערהייטס־פאליציי, דיסטריקט לובלין. איינזאץ ריינהארדט". זיי האבן זיך איינגעארדנט — פארן געלט פון דער קהילה — א הויפט־קווארטיר אויף דער זשעלאזנע־גאס נומער 103, וועלכע זיי רופן „בע־פעהלשטעלע". דארט איז געשאפן געווארן א ביורא מיט אלערליי מאדערנע איינריכטונגען, טעלעפאנען, שריימאשינען; דאקטילאס און סטענאטי־פיסטינס ארבעטן א גאנצן טאג. פון דארט גייען ארויס די אינסטרוקציעס. די פארניכטונגס-מאשין ארבעט לויט דער מאדערנער טעכניק. לעבן מיר דאך אין 20סטן יארהונדערט... אלץ ווערט געפירט אין „ארדענונג", לויט א פאראויס באשטימטן פלאן, לויט דייטשן סיסטעם. „די ארגאניזאציאן קלאפט", — זאגט מיט צופרידנקייט דער געשטאפא־אפיציר בראנד. 7.000 טעגלעך. זיבן טויזנט קרבנות טאג פאר טאג. דער אפאראט איז געגוי ארגאניזירט און דאס „פערסאנאל" שטייט אויף דער הויך פון זיין אויפגאבע... אין דער „בעפעהלשטעלע" הענגט א גרויסע גענויע מאפע פונעם געטא און טאג פאר טאג ווערן אנגעצייכנט גאסן און הייזער־בלאקן צום „איינקעסלען" און צום „בערייניגען". אלץ לויט אלע כללים פון דער סטראטעגיע — קעגן ווייבער און קינדער, קעגן אלטע און קראנקע, קעגן א שוצלאזער, געפאנגענער מאסע. ס'ווערן גע־ברויכט אפילו די טעכנישע מיליטערישע אויסדרוקן — „בלאקאדע",

„איינקעסעלונג", „בעריינינונג" — און אַנגעווענדט טאַקטישע און סטראַ-טעגישע מעטאָדן קעגן ווערלאָזע אומשולדיקע, אין צוויי-יעריקן הונגער אויסגעמאַטערטע און טעראָריזירטע קרבנות.

זייגער 6 אין אָוונט אַ באַרואיקונג. דער „קאָנטינגענט" — 7.000 — שוין צוזעשטעלט. אויף היינט די ארבעט פארענדיקט. מ'קען אַרויסגיין זוכן עפּעס עסן. מ'קען זיך ווייזן אויף דער גאַס, הערן „נייעס": היינט 7.000 אוועק אויפן „אומשלאַג". און אויף מאָרגן אויך אַזוי פיל. און אויף איבערמאָרגן, און אויף ווייטער. ווי לאַנג? ביז וואַנען? ווו וועט זיך די שווערד פונעם מלאך המות פאַרהאַלטן? און צי וועט זי זיך פאַר-האַלטן?...

די מיינונגען זענען געטיילט. אייניקע האַלטן, אַז מ'וועט דעפּאָרטירן „בלויז" 50.000. די איבעריקע וועלן בלייבן. טייל ברענגען אפילו ידיעות, אַז דעם 1טן אויגוסט וועט די דעפּאָרטאַציע פאַרענדיקט ווערן. אַנדערע ווידער ברענגען נאָך בעסערע נייעס: אָנגעקומען גרוסן, בריוו פון די דע-פּאָרטירטע; זיי זענען ביי בריסק. כ'באַגעגן דעם באַקאַנטן קוילן-סוחר א. ל. ס אַ י ק אַ, וועלכער ווייזט מיר אַ בריוו פון אַ דעפּאָרטירטן פון ט ר ע ב ל י נ ק ע. איך זע מיט מיינע אויגן דעם פּאָסט-סטעמפּל: „טרעבלינקע דעם 23 יולי". איך טייל מיך מיט דער בשורה טובה; ווייזט זיך אַרויס, אַז ס'איז פאַראַן אַ „טרעבלינקע 2", וווּ ס'געפינט זיך באמת זייט לאַנג אַן אַרבעט-לאַגער (שפּעטער איז אויך דער לאַגער פאַרניכטעט געוואָרן). יעדנפאַלס ברענגען די דאָזיקע ידיעות אַריין אַ ביסל אַ באַרו-איקונג און — צ ע מ י ש ו נ ג . . . מער צעמישונג, ווי באַרואיקונג.

וואָרום אַנדערע, פּעסימיסטן, אָדער ריכטיקער: ר ע אַ ל י ס ט ן, זעען אַנדערש די לאַגע, זיי זעען דעם ט ו י ט פאַר די אויגן. זיי זעען דעם גורל פון די דעפּאָרטירטע, — פאַרניכטונג, — און דעם סוף פון אַ ל ע, יאָ, פון אַלע. מענטשן, וועמענס נאָענטע זענען דעפּאָרטירט געוואָרן, קלאַמערן זיך אין דעם געדאַנק „זיי לעבן", וואָרום אויב נישט, האָט זייער לעבן קיין ווערט נישט; דאָס איז מער לעבנס-אינסטינקטיוו, ווי לאָגיש דענקען. מ'זעט אָבער, מ'שפּירט: ס'דערנענטערט זיך מיט שנעלע שריט דער סוף. מיר זענען אַליין, ווערלאָז.

א ו ן  ד י  וו ע ל ט  ש וו ײ ג ט . . .

# הונגער און טויט

## דינסטיק, 28. יולי.

טובים היו חללי חרב מחללי רעב
(בעסער דער טויט פון דער שווערד איידער דער טויט פון הונגער). איכה, ד'.

די אַזוי-גערופענע פּאַרטיילונגס-געוועלבער, וועלכע פאַרקויפן ברויט אויף ברויט־קאַרטן „באָנעס", זענען ס'רוב היינט פאַרמאַכט. די אייגנטימער, אָדער זענען שוין דעפּאָרטירט, אָדער זענען פאַרנומען מיט אַרבעט אין אַ „שאָפּ", וווּ זיי האָפן צו זיין בעסער „געדעקט". נישטאָ קיין ברויט־צופיר. ס'האָט אויך אויפגעהערט יעדער „שמוגל", יעדער אומלעגאַלער אַריינברענגען פון ברויט. דער איינציקער קוואַל, אַ קליינער, אַ קנאַפּער, זענען די „פּלאַצוווקעס", ד. ה. די גרופּן פון יידישע אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן אין פאַרשידענע אונטערנעמונגען אויסער דעם געטאָ, און וועלכע ברענגען אַריין צו איין אָדער צו צוויי ברויט. אָפט נעמט די דייטשע וואַך ביי זיי צו דאָס ברויט. טיילמאָל געלינגט עס זיי אַריינצוברענגען.

צאָלט מען פאַר אַ ברויט פון איין קילאָ ביז 100 זלאָטעס. (פאַר דער מלחמה געקאָסט 30 גראָשן; אין געטאָ פאַר דער דעפּאָרטאַציע געקאָסט 18 ביז 20 זלאָטעס). מענטשן שטאַרבן פאַר הונגער; פּשוט און בוכשטעבלעכן זין פונעם וואָרט: מען שטאַרבט פון הונגער! אין די הייזער, אויף די גאַסן, גייען זיי אויס שטיל, אומבאַהאָלפן. רעזיגנירט. מ'האָט מורא אַרויסצוגיין אין די פאָלקס-קיכן, וואָרום די, וואָס נוצן פון זיי, זענען עלול באַלד דעפּאָרטירט צו ווערן אַלס „נישט פּראָדוקטיווע", אַלס אָנגעוויזענע אויף סאָציאַלער הילף. איבעריקנס, זענען אין גרויסן רוב די פאָלקס-קיכן פאַרמאַכט. געבליבן בלויז אַ 3 פאַר די, וואָס אַרבעטן אין די „שאָפּן".

פאַלט מען אוועק פון שוואַכקייט און הונגער. די היץ ברענט. מענטשן, געטריבענע פון הונגער און שרעק, שלעפּן זיך ווי שאָטנס אויף די ענגע הויפן.

ס'אַנטשטייט אַ פּראָבלעם: וואָס ערגער? הונגער־טויט, אָדער דע־

פּאַרטאַציע? זאָגט דאָך דער נביא, אַז „בעסער איז דער טויט פון דער שווערד איידער דער טויט פון הונגער".

אָט די דאָזיקע אַלטערנאַטיווע טויכט אויף מיט אַמאָל פאַר הונדערטער טויזנטער וואַרשעווער יידן, שוואַכט אָפּ זייער גערדאַנק, זייער ווידער־שטאַנדס־כח. גיסט אַריין אין זייער מוח אַפּאַטיע, יאוש, מאַכטלאָזיקייט...

הונגער, אַ גרויזאַמער, אוממהיימלעכער. דערגרייכט אומעטום, צו אָרימע און רייכע. כ'האָב אים היינט דערפילט אין זיין פולער גרוילעכער קראַפט. נישט באַקומען קיין ברויט היינט. אַ גאַנצן טאָג געפאַסט, דער קאָפּ איז מיר שווער, און די גלידער — בליי. כ'באַוועג זיך קוים. איך זיץ אַפּאַטיש אין מיין ביוראָ. מ'זאָגט מיר: דאָ נישט ווייט באַקומט מען ברויט. 25 זלאָטעס אַ פערטל קילאָ. אָבער ס'גליסט זיך מיר נישט צו גיין. איבער־ריקנס, טאָמער איז דאָרט אַ בלאָקאַדע. בעסער צו זיצן אויפן אָרט. ערשט שפּעט אין אָוונט באַקומען אַ זופּ פון דער קהילה־קיך און — אויפגעלעבט.

כ'פאַרשטיי שוין איצט דעם סוד פון הונגער. נישט מעגלעך אים מסביר זיין מיט ווערטער. דער גרעסטער שרייבער וועט עס נישט באַ־ווייזן. אויך נאָכן איבערלייענען קנוט האמסונס „הונגער", אָדער פונקס „מיך הונגערט", האָב איך אים נישט פאַרשטאַנען אַזוי, ווי היינט, ווען כ'האָב אַליין געהונגערט...

איצט באַגרייף איך שוין דעם פאַרבאָט פון תלמוד „אל יאכל אדם לשובע בשעת רזון" (אַ מענטש טאָר נישט עסן צו דער זעט אין אַ צייט פון הונגער). וואָרום זיך צו באַטייליקן אין יענעמס צער, אין צער פון ציבור, איז נישט גענוג זיך משתתּף צו זיין אין געדאַנק: מיטן געדאַנק איז קיינ־מאָל נישט מעגלעך אַזוי זיך באַטייליקן אין יענעמס צער; מ'מוז עפּעס טאָן בפועל; ווען מען עסט אַליין נישט צו דער זעט, פילט מען מיט. ערשט היינט האָב איך ריכטיק פאַרשטאַנען, דערפילט די ליידן פון מיינע אומ־צאָליקע ברידער אין וואַרשעווער געטאָ...

## אַן אַלטערנאַטיווע

**מיטוואָך, 29. יולי.**

היינט האָט זיך באַוויזן אויף די מויערן פון געטאָ פאָלגנדיקע פאַר־אָרדענונג. כדאי זי אָפּצושרייבן:

**„ווער ס'וועט זיך מעלדן פרייוויליק אין די טעג 29, 30, 31**

**יולי 1942 אויפן „אומשלאג־פלאץ", כדי צו ווערן עוואקואירט, וועט באַקומען פונעם יודענראַט לויט דער פאַראָרדענונג פון דער דייטשער מאכט 3 קילאָ ברויט און 1 קילאָ מאַרמעלאדע אויפן וועג".**

דריי קילאָ ברויט, איין קילאָ מאַרמעלאַדע — אַן אוצר ממש. אַן אומדערגרייכבארער אוצר פאַר די, וואָס גייען אויס פון הונגער; גייט מען אין מאסן אויפן „אומשלאג־פלאץ"; ווער ווייסט, רעדט מען זיך איין, — אפשר איז עס דאָך נישט מער ווי אַן עוואַקואירן פון איין אָרט אין אַנדערן, „נאָך אָסטען". זענען אַ סך יידן אַרויסגעקראָכן פון באהעלטעניש. נאָכדעם ווי עס האָבן זיך ביי זיי אויסגעלאָזט די פיזישע און גייסטיקע כוחות. נישט געקענט מער אויסהאַלטן...

איך באַגעגן אויף דער גאַס אַ באַקאַנטן. ער טראָגט אויף זיך אַ רוקזאַק. פירט פאַר די הענטלעך צוויי קינדער, אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע. כ'קוק אויף די קינדער; אויסגעמאַגערטע סקעלעטן־פנימער, דאַרע הענטלעך ווי שטעקנס, נאָר די אויגן גליִען! שוואַרצע, טיפע אויגן פון יידישע קינדער. זיי רעדן גאָרנישט, וויינען נישט, באַקלאָגן זיך נישט, אָבער זיי פאַרשטייען אַלץ; דאָס דערקענט מען אין זייערע אויגן. וויפל לייד אין זיי, וויפל פיין און חכמה. — „אין ילדים יהודים, ישנם רק יהודים קטנים"; „נישטאָ פאַראַן קיין יידישע קינדער", דערמאָן איך זיך אַ וואָרט פון ביאַליקן, „פאַראַן בלויז קליינע יידן" — יאָ, אויף די שוואַכע אויסגעדאַרטע קליינע פלייצעס ליגט שוין די גאַנצע לאַסט פונעם אומבאַשרייבלעכן צער האומה. זיי שפירן — דאַכט זיך — דעם סוף.

— שוין 3 טאָג נישט געהאַט אַ שטיקל ברויט אין מויל, קיין לעפל געקעכץ, — דערציילט מיר דער אומגליקלעכער פאָטער, — האָב איך מיך אַנטשלאָסן אָוועקצופאָרן.

— אָוועקצופאָרן? וווהין? — פרעג איך אַ פאַרחדושטער, ווייס איך דאָך, אַז מיר זענען פאַרשלאָסן און פאַרמאַכט.

— כ'מיין, — ענטפערט ער מיר, — מיט אַלע, אויפן „אומשלאַג".

כ'הייב אים אָן איבעררעדן, אפשר וועט ער זיך מיישב זיין. כ'פרעג אים, ווו איז דאָס ווייב און די אַנדערע צוויי קינדער?

— זיי זענען שוין „דאָרט", ענטפערט ער מיר. אָוועקגענומען גע־

ווארן נאך יענע וואך. וועלן מיר זיין אלע צוזאמען... איבעריקנס, כ'האב שוין מער נישט קיין כח אויסצוהאלטן. כ'קען שוין מער נישט צוקוקן דעם צער פון די קינדער, — און טרערן קייקלען זיך אים פון די אויגן.

ס'קומט גראד אן ר' זישע פרידמאן. מיין באקאנטער גייט צו צו אים צו, וויל זיך מיט אים געזעגענען. וויל הערן א ווארט. פרידמאן בלייבט שטיין א שטומער, א פארגליווערטער און ווייטיק. דריקט שטארק די האנט פונעם אומגליקלעכן, וועלכער גייט דערנאך אוועק מיט האסטיקע טריט. גלייך ווי ער וואלט זיך געאיילט נאך די 3 קילא ברויט און א קילא מאר־מעלאדע, — צום טויט, הייסט עס.

איך קוק אויף זישע פרידמאן, מיט א פרעגנדיקן בליק, ער וויל מיר עפעס זאגן, אבער ער קען גארנישט ארויסברענגען פון זיך. ער בלייבט שטיין א שווייגנדיקער... כ'קען דעם דאזיקן מענטשן נישט פון היינט. געהער ער דאך צו די שענסטע, גרעסטע געשטאלטן פונעם רעליגיעזן יידנטום אין פוילן, איז ער דאך פון די פירערס פון אגודת ישראל, א גרויסער תלמיד חכם, א מחבר, א גלענצנדיקער רעדנער, וועלכער געפינט אין יעדער סיטואציע דאס ריכטיקע ווארט, וועלכער האט מיט זיינע מייס־טערהאפטע רעדעס מיטגעריסן, באגייסטערט די מאסן. איצט שטייט ער שטום, מאכטלאז, פארלאזן....

משיב חכמים אחור...

:: :: ::

ס'איז היינט חמשה עשר באב „לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב", דערציילט דער תלמוד. — „דעמאלט זענען יידישע טעכטער ארויסגעגאנגען און געטאנצט אין די ווייגגערטנער..."

אלטע פארגאנגענע, פארשוואונדענע צייטן....

צי איז עס מעגלעך? איז מעגלעך, אז דאס דאזיקע פאלק, וואס ווערט היינט געפירט ווי פי צו דער שחיטה, האט אמאל געהאט זיין לאנד, זיינע ימים טובים און זיינע פריידן. צי איז עס מעגלעך?

היינט, נישט טאנצן אין די ווייגגערטנער גייט די יידישע יוגנט, נישט פרייען זיך מיטן לעבן, מיט דער נאטור, מיט יוגנט, גייט זי, נאר גע־טריבן אין מארטירערישן מארש — נאך 3 קילא ברויט און — פריצייי־טיקן טויט.

און ס׳קלינגט אין מײנע אויערן די נבואה פון ירמיהו: (אַלע נבואות װעגן אונדזער אומגליק זענען מקוים געװאָרן כפל כפלים):

„והשבתי מערי יהודה ומחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה, כי לחרבה תהיה הארץ" (ירמיהו 34).

(„און איך װעל אַװעקנעמען פון די שטעט פון יהודה און פון די גאַסן פון ירושלים די שטים פון יובל און פון פרייד, די שטים פון חתן און די שטים פון כלה; װאָרום פאַרװיסט װעט זײן דאָס לאַנד").

# שװאַרץ־שבת

## מוצאי שבת, 1. אויגוסט.

סאַראַ אומהײמלעכער שרעקלעכער טאָג געװען הײנט.

דער אמתער ש װ אַ ר ץ־ ש ב ת . . . אַ טײװלאָנישער פאַרניכטונגס שגעון האָט זיך צעװילדעװעט אויף דער נאַװאַליפּיע־גאַס. אויף דער דאַזיקער גאַס געפינט זיך די גרויסע גאַרבערײ־פאַבריק „שולץ" און די טישלער־פאַבריק „שילינג". די גאַנצע גאַס איז באַשטימט געװאָרן פאַר װױנונגען פאַר די יידישע אַרבעטער פון אָט די דײטשע „שאָפּן". אַלע הײזער זענען אַלזאָ פול מיט די יידן און זײערע פאַמיליעס. ס׳װאָלט זיך דעריבער געדאַכט, אַז דאָרט איז מען זיכער: מ׳אַרבעט דאָך. און לויט דער פאַראָרדענונג װעגן „אויסזידלונג", זענען דאָך די אַרבעטנדיקע זיכער. פונדעסטװעגן האָט זיך דוקא דאָרט הײנט אויסגעגאָסן דער שװאַרצער צאָרן. אינדערפרי האָבן זיך דאָרט באַװיזן די אוקראַיִנישע מיליציאַנטן, „מלומדים" אין פּאָגראָמען, און געהײסן אַלע אײנװױנער אַראָפּגײן אויף די הויפן. די רוצחים האָבן געיאָגט, געטריבן די אומגליקלעכע. זײ האָבן נישט קײן צײט געהאַט צו װאַרטן אויף טרעבלינקע, געװאָלט אַליין הרגענען, דאָ אויפן אָרט. זענען זײ אַרײן אין די װױנונגען און דערשאָסן מענטשן אויפן אָרט. צענדליקער קרבנות. צװישן זײ דער ראַדאָמסקער רבי, ר אַ ב י נ אָ װ י ט ש און זײן גאַנצע משפחה, מיט זײן אײדעם דעם גרויסן גאון ר׳ משה ראַבינאָװיטש. אַלע דערשאָסן אין זײערע שטובן גראַד בײם דאַװנען, װען זײ זענען געשטאַנען אין די טליתים.

די עגלות פון דער באַגרעבער-פירמע פינקערט האַלטן אין איין פאָרן. זיי באַווייזן נישט אויפצוזאַמלען אַלע מתים...

די ידיעה וועגן דעם מערדערלעכן איבערפאַל אויף דער נאַוואַליפּיע-גאַס פאַרשפּרייט זיך באַלד אין דער גאַנצער שטאָט און פאַרגרעסערט נאָך די שרעק.

צווישן אַנדערע איז אויך היינט דעפּאָרטירט געוואָרן מיט זיין גאַנ-צער משפּחה אברהם מרדכי ראַגאָווי, דער רעדאַקטאָר פונעם וואַרשעווער „אידישן טאַגבלאַט". אָנגעשטעלטע פונעם יודענראַט האָבן אים געוואָלט ראַטעווען, באַפרייען פון דעפּאָרטאַציע. ער האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין צאָלרייכע פאַמיליע (אַכט קינדער, דאָס ווייב, אַן איידעם און עלטערן: צוזאַמען 18 נפשות).

## „קאַן און העלער"

**דינסטיק, 4. אויגוסט.**

א סענסאַציע היינט: די פאַרניכטונגס-קאָמאַנדע פון געשטאַפּאָ האָט היינט דערשאָסן די ה"ה מאָריץ קאָן און העלער. דאָס זענען צוויי יונגעליט פון לאָדזש, וועלכע האָבן געגרינדעט אין געטאָ די האַנדלס-פירמע „קאָן און העלער". די דאָזיקע פירמע האָט געהאַט גוטע באַציאונגען מיט די דייטשן. מ'האָט גערעדט אין שטאָט פאַרשידנס... זיי האָבן אויך געבורענגט קיין וואַרשע יידן פון לאָדזש (דעמאָלט ווען אין לאָדזשער געטאָ איז געווען אומפאַרגלייכלעך ערגער ווי אין וואַרשע). זיי האָבן באַקומען די קאָנצעסיע אויף אַ פערד-טראַמוויי אין געטאָ, די איינ-ציקע קאָמוניקאַציע דאָ, און אַנדערע קאָנצעסיעס. זיי האָבן, ווי געזאָגט, געהאַט „באַציאונגען", „פּראָטעקציע". זיי זענען געווען די ערשטע, וועלכע האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער דראָענדיקער דעפּאָרטאַציע.

בעת דער דעפּאָרטאַציע גופא האָבן פאַרשידענע מענטשן, פריינט, באַקאַנטע געזוכט ביי זיי שוץ, הילף, באַהעלטעניש. זיי האָבן טאַקע אין אָנהייב אביסל געהאָלפן, געראַטעוועט יחידים.

און אָט היינט, ווען זיי האָבן זיך באַוויזן אין דער פאַרניכטונגס-קאָמאַנדע, אין זיץ־אָרט פון דער יידישער פּאָליציי אויף קראַכמאַלנע־גאַס,

זענען זיי ביידע דערשאָסן געוואָרן דורך דעם אָנפירער פון דער יידישער סעקציע ביי דער געשטאַפּאָ ווענדע.

דער חטא זייערער (געווען אַ „באַגרינדונג" אויך):

„סאַבאָטירט דאָס „געזעץ" וועגן „אויסזידלונג" (די רציחות אויף יידן זענען געמלעך געווען אַ „געזעץ"...).

פאַלט ווידער אַ פּחד אויפן געטאָ: אויב „זיי" האָבן זיך שוין נישט געקענט ראַטעווען, ווער זשע וועט ביישטיין?

# דער קאַלישער רב דעפּאָרטירט

**פרייטיק, 7. אויגוסט.**

ס'קומט אָן אַ ידיעה: אַ „בלאָקאַדע" געווען אויף דער פּאַוויאַ־גאַס און דזשיעלנאַ, און מ'האָט פאַרנומען אויפן „אומשלאַג" צווישן אַנדערע דעם קאַלישער רב הרב א ל ט ע ר (פּרעזעס פון אגודת הרבנים אין פּוילן). דער פּרעזעס פונעם יודנראַט ליכטענבוים טעלעפאָנירט צו דער יידישער פּאָליציי, מ'זאָל ראַטעווען דעם רב אַלטער. ה' א ב ר ה ם ה ע נ ד ע ל, וועלכער איז לייטער פון דער פירמע „שולץ" שיקט אַרויס שליחים אויפן „אומשלאַג", כדי אַרויסצובערענגען דעם גאון. מ'שפּאָרט נישט קיין געלט און מי.

באַלד פּירט מען דורך דורך דער זאַמענהאָף־גאַס די מחנה יידן פון דער פּאַוויאַ-גאַס. טויזנטער יידן. צווישן זיי זע איך דעם קאַלישער רב. ער גייט ווירדיק, כמעט גלייכגילטיק; איז עס רעזיגנירטקייט אָדער באַ־רעכנטקייט? ער איז פאַרטראַכט, ווי פאַרזונקען אין מחשבות. נעבן אים זיינע זין, שנורן, טעכטער און איידעמס. צווישן זיינע איידעמס דער בעל־באַטאָווער רב הרב ה ו ר ו ו י ץ און ה' י ו ס ט מ אַ ן.

דער קאַלישער רב איז לעצטנס געווען אַ צענטראַלע פּערזענלעכקייט אין רעליגיעזן יידנטום. מ'האָט זיך צו אים געווענדט פון גאַנץ פּוילן נאָך אַן עצה, נאָך אַן התחזקות וואָרט, נאָך מאָראַלישע הילף. אין זיין באַהאַלטן־שטיבל אויף דעם 4טן שטאָק אויף פּאַוויאַ־גאַס נומער 11 פלעגן פאַרקומען וויכטיקע באַראַטונגען פון רעליגיעזע מנהיגים. ער אַליין האָט געשטראַלט מיט בטחון און אמונה. געווען אַ גייסטיקער מנהיג.

איצט באמת מען זיך אים צו ראטעווען. ר׳ זישע פרידמאן נוצט אויס אלע זיינע השפעות, באקאנטשאפטן און פראטעקציעס. אלארמירט, בעט, פאדערט. און מען טוט טאקע עפעס, בכדי צו ראטעווען דעם קאליסער רב. ארום 6 אזייגער קומט אן די ידיעה פונעם „פראנט״, פונעם שרעקלעכסטן פון אלע פראנטן, פונעם „אומשלאג״: אומזיסט די ארבעט. אוממעגלעך געוועזן צו ראטעווען; באלד אריינגעפירט אין די וואגאנען. און פון דארט נישטא קיין שום מעגלעכקייט געראטעוועט צו ווערן. אלע באמיאונגען אומזיסט!

## ר׳ משה בצלאל אלטער געראטעוועט

**מוצאי שבת, 8. אויגוסט.**

א מעשה בכל יום: היינט ווידער פארנומען געווארן א רעליגיעזע אויטאריטעט: רבי משה בצלאל אלטער, דער ברודער פונעם גערער רבין. ווידער האט מען זיך באמיט אים צו ראטעווען; ארויסגעשיקט שליחים, געקאסט געלט. ה׳ אברהם הענדעל האט געגעבן 8.000 זלאטעס און נאך פארשידענע באמיאונגען האט מען אים צוריקגעברענגט פונעם „אומשלאג־פלאץ״.

ער האט אבער נישט געבענטשט קיין גומל.

צוריקגעקומען זיך צו זיין ארבעט, ד. ה. ארויסשלעפן מיט א צוואנג טשוועקעס פון אלטע שטיוול, — און בשעת מעשה לערנען אויסנווייניק משניות, זוהר, און זאגן תהילים. ער זיצט ביי דער ארבעט, ביי איין טיש אין דער פאבריק „שולץ״ צוזאמען מיטן פיאסעצנער רבי, הרב קלונימוס שפירא, און מיטן אלעקסאנדערער רבי, הרב מאיר אלטער, דעם עלטסטן זון פון גערער רבין.

## ליקווידירט דאס „קליינע געטא״

**זונטיק, 9. אויגוסט.**

יעדער טאג ברענגט „נייעס״. היינט א נייע פאראָרדענונג אויספלאקאטירט געווארן אויף די גאסן פון געטא:

**„דאס א. ג. קליינע יידישע וווינבאצירק (געטא) ביז צו דעם עק זשעלאזנע־לעשנא דארף ווערן עוואקואירט ביז מאנטיק ד. 10. אויגוסט 6 אזייגער אין אוונט. די איינוווינער דארפן זיך איבער־**

**ציען אין די וווינונגען פונעם א. ג. גרויסן יידישן ווינבאַצירק. יעדער ייד, וואָס וועט געטראָפן ווערן אויפן שטח פונעם קליינעם יידישן ווינבאַציר־ק מאָנטיק נאָך אַזייגער 6 אָוונט — וועט ווערן דערשאָסן".**

**(אונטערגעשריבן): „באַפעלשטעלער דער ס. ס. און זיכערהייטס־פאָליציי".**

מינדלעכע באַגרינדונג: דאָס פאַרמינערן זיך פון דער צאָל פון יידן אין געטאָ...

אַלזאָ, מיר מוזן זיך אַרויסציען. און דאָס זייער שנעל. ס'זענען געטראָפן פון דער דאָזיקער גזירה די גאַסן, (אָדער טיילן פון זיי): גזשיבאָווסקע, זשעלאַזנע, טוואַרדע, פּאַנסקע, מאַריאַנסקע, שליסקע, שעננע, פּראָסטע, צעגלאַנע, קראָכמאַלנע, כלאָדנע, קאַמיטעטאָווע, רינקאָווע, פּלאַץ גזשיבאָווסקע, טשיעפּלע. די יידן וואָס וווינען שוין דאָ זייט צענדליקער יאָרן, זענען געצוווּנגען איבערצולאָזן זייערע וווינונגען, געשעפטן, וואַרשטאַטן, זייערע שולן און בתי מדרשים. אין משך פון 24 שעה. מ'מעג אפילו מיט זיך אַלץ מיטנעמען, — טעאָרעטיש, ווייל פּאַקטיש, נעמט מען מיט זייער ווייניק. דאָס וויכטיקסטע בלויז. דאָס, וואָס מ'קען אַליין אויף זיך טראָגן. ס'איז נעמלעך נישטאָ פאַראַן קיין שום טראַנספּאָרט־מיטלען, אויסער די זעלטענע „ריקשעס" (אַ דריי־ראָדיקער ראָווער געטריבן דורך מענטשלעכער קראַפט).

פון אינדערפרי אָן זעט מען אויף די גאַסן מאַסן מענטשן, וועלכע גייען מיט זייערע, ס'רוב אָרימע, פּעקלעך אין דער ריכטונג פון לעשנאָנאַלעווקעס. ס'ציען זיך לאַנגע קאַראַוואַנען, מערסטנטייל פרויען מיט קינדער — די מענער זענען ביי דער ארבעט — יעדער מיט אַ רוקזאַק אָדער אַ קליין פּעקל, אין וועלכן עס געפינט זיך דער רעזולטאַט פון אַ גאַנץ לעבן, אַפט שווערער ארבעט.

ביים עק פון דער זשעלאַזנע־גאַס און לעשנאָ שטייען עטלעכע ס.ס.־לייט און אוקראַינישע מיליציאַנטן און נעמען אַרויס פון די דורכגייענדיקע מאַסן אַלעמאָל אַ גרופּע מענטשן, ס'רוב עלטערע און פרויען און — נעמען זיי אַריין אין „טראַנספּאָרט" צום „אומשלאַג"־פּלאַץ. די דאָזיקע זועלן שוין קיינמאָל מער נישט זען די נאַלעווקעס...

מענטשן הייבן אָן אויסצומיידן דאָס איבערגיין פונעם קליינעם געטאָ

צום גרויסן (נאַלעווקער געגנט). מ'וואַרט אויף אָונט, ווען דאָס „כאַפּן״ ווערט אַביסל ווייניקער.

און אַזוי לייִדיקט זיך אויס צו ביסלעך דאָס א. ג. „קליינע געטאָ״. פאַרנאַכט גיי איך דורך די גאַסן, וווּ ס'האָט אַמאָל פּולסירט אַ יידיש לעבן. כ'גיי פאַרביי די גזשיבאָווסקע גאַס 26־28, וווּ ס'געפינט זיך דאָס הויז פון דער יידישער קהילה. די קהילה ווערט איבערגעטראָגן אין דער געבײדע פון דער אַמאָליקער מיליטערישער תפיסה אויף זאַמענהאָף גאַס נ' 19.

אין קליינעם געטאָ בלייבן בלויז די „שאָפּן״, פון די דייטשע פירמעס, וווּ ס'אַרבעטן יידן; נעמלעך די „שאָפּן״ פון דער פירמע „טעבענס און דעהרינג״ (אויף דער קאַמיטעטאָווע־גאַס און אין דעם קהילה הויף), ווי אויך עטלעכע הייזער בלאָקן אויף פּראָסטע, טשיעפּלע, וווּ ס'וווינען די יידישע אַרבעטער פון די דאָזיקע „שאָפּן״.

די אומפאַרבעסערלעכע „אָפּטימיסטן״ קומען דערפון צו אַן אויספיר, וואָס וועקט האָפענונג: איז דאָך אַ סימן, אַז דערביי בלייבט עס שוין...

# די קהילה ציט זיך איבער

**מאָנטיק, 10. אויגוסט.**

די דייטשן האָבן היינט געגעבן צו וויסן דעם יודענראַט, אַז כדי צו פאַרלייכטערן דאָס איבערציִען פונעם קליינעם געטאָ אין גרויסן, וועט היינט פאָרקומען אַ הפסקה אין דער „אויסזידלונג״. באמת, היינט איז נישט פאַראַן קיין „בלאָקאַדעס״. פונדעסטוועגן „כאַפּן״ די דייטשן אַרום גרופּעס מענטשן פון דעם „מאַרש״ פונעם קליינעם צום גרויסן געטאָ. דאָס פאַרגרעסערט נאַטירלעך די פּאַניק אין דער קהילה. און דער הונגער פּייניקט אַלץ מער.

אויך די קהילה טראָגט זיך איבער. דאָס אימפּאָזאַנטע הויז אויף גזשיבאָווסקע־גאַס 26-28, וווּ ס'האָט זיך געפונען אין משך פון לאַנגע יאָרן דער צענטער פונעם יידישן לעבן פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט — ווערט אויסגעליידיקט. מ'טראָגט איבער די שרייב־מאַשינען, טייל שאַפעס מיט אַקטן. אָבער ס'רוב מעבל, חפצים, פּאַפּירן בלייבן. מ'מוז זיך נעמלעך איילן. היינט מוז די עוואַקואַציע פונעם קליינעם געטאָ זיין פאַרענדיקט. דאָס אַלץ איז שוין איבעריקנס אַזוי אויטאָמאַטיש, אַזוי אומנויטיק, אַזוי ווייט...

ס׳בלייבט אויך דער קהילה־ארכיוו*).

איך געזעגן זיך מיט מיין ארבעט-ארט, וו כ׳האב פארבראכט אזא לאנגע צייט (זייט 1937, ווען איך בין אויפגענומען געווארן אלס ארכיוו־דירעקטאר). די צימערן און זאלן פון דער קהילה זענען פוסט, טיר און פענצטער אויפגעפראלט, אויף די פאדלאגעס פאפירן, שפורן פון אמאליקן לעבן; אן אומעט און — מרה־שחורה.

אין גרויסן קהילה זאל קוקן אראפ אויף דער ארומיקער פוסטקייט די פארלאזענע בילדער פון א ל י ה ו ק י ר ש ב ר ו י ן, דעם ערשטן פרעזעס פונעם ווארשעווער קהילה־ראט, דער סיים־דעפוטאט פון דער אגודה, און פון י. ל. פרץ, וואס איז געווען אן אנגעשטעלטער אין דער קהילה. צוויי געשטאלטן — צוויי וועלטן. ביידע פארשווינדן היינט, מיט זייערע שטרעבונגען און זייערע קאמפן.

און איבער דעם אויסגעלאשענעם ברענפונקט פון לעבן צעשפרייט היינט זיינע שווארצע פליגל — דער מלאך המות...

## דער ערשטער ווידערשטאנד

### דינסטיק, 11. אויגוסט.

אלזא געפינען מיר זיך אין נייע וווינונגען. איך האב באקומען צייט-ווייליק א וווינונג אויף פאוויע־גאס. מיין ביורא, דער קהילה-ארכיוו — אויף דער זאמענהאף־גאס נומער 19. מ׳ארדנט זיך איין צו ביסלעך אין די נייע מקומות.

משנה מקום משנה מזל... אפשר וועט שוין דא בעסער זיין.

דערווייל איז נ י ש ט בעסער. נאך א האלבן טאג פון א ביסל אפרו, האבן זיך היינט ווידער אנגעהויבן די „בלאקאדעס" מיט זייער גאנצער אכזריות.

נאכמיטאג האבן מיר געהאט צוויי „סיורפריזן":

ד״ר מ א י ר ט א ו ב ע ר, דער דירעקטאר פון מלוכהשן רע־ליגיעזן לערער־סעמינאר אין ווארשע, אויף גענשע־גאס, היינט וויצע-שעף

---

*) שפעטער ערשט איז דער קהילה־ארכיוו, א דאנק די באמיאונגען פון פראפע־סאר ד״ר מאיר באלאבאן, איבערגעפירט געווארן אין נייעם זיץ־ארט פון דער קהילה. ווו ער איז דעם 24סטן אפריל 1943 פארברענט געווארן בעת דעם געטא־אויפשטאנד.

פון דער קהילה-שול־אָפּטיילונג, איז אַרויסגעגאַנגען פונעם קהילה־טויער; איז דורכגעפאָרן דער געשטאַפּאָ-רעפערענט פאַר יידישע ענינים ב ר א נ ד און האָט אים — צוזאַמען מיט זיין פרוי און 12 יעריקן-בן־יחיד פאַרנומען אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ".

ס'איז דאָס ערשטע מאָל, ווען מען כאַפּט סתם אויף דער גאַס אַ העכערן קהילה־אַנגעשטעלטן. דער דאָזיקער פאַל רופט אַרויס אַ דערדריקנדיקן רושם. זיין איינציקע טאָכטער אַ נ נ אַ רייסט איין וועלטן אַרויסצוראַטעווען די עלטערן, ברודערל, אָבער אָן דערפאָלג.

א צווייטער פאַל:

הרב י צ ח ק מ א י ר ק א נ א ל, דער צוויי־און אכציק־יעריקער וואַרשעווער רב (פריער בלאַשקער רב), איינער פון די אַקטיווסטע און ריר־עוודיקסטע וואַרשעווער רבנים, וויצעפאָרזיצער פון אגודת הרבנים אין פוילן, איז היינט פאַרנומען געוואָרן אויפן „אומשלאַג". ער איז אויך געכאַפּט געוואָרן ביים אַרויסגיין פון דער קהילה־געביידע.

כ'דערמאָן זיך: ערשט נעכטן, בעת דעם „עקסאָדוס" פונעם קליינעם געטאָ (ער האָט געוווינט אויף טוואַרדע-גאַס), בין איך געשטאַנען דערביי, ווען ער האָט געזאָגט צו ר' זישע פרידמאַן:

— איך וועל זיך נישט לאָזן אַוועקפירן. זאָל געשען וואָס עס וויל, אָבער דאָ אויפן אָרט. כאָטש קומען צו קבר ישראל...

פאַרנאַכט קומט אַ ידיעה פון „אומשלאַג-פּלאַץ": אַרויסשיקן די עגלה נאָכן קערפער פון הרב י. מ. קאנאל. דערשאָסן געוואָרן אויפן אומשלאַג...

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט ער זיך אַקעגנגעשטעלט, געפּרוווט אַרויסרייסן דעם רעוואָלווער ביי דעם דייטשן זעלנער, וועלכער האָט אים באַוואַכט. נאַטירלעך, איז ער דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. דערגרייכט זיינס: נישט געלאָזט זיך פרייוויליק דעפּאָרטירן און געקומען צו קבר ישראל.

ד ע ר ע ר ש ט ע ר פ א ל פ ו ן ו ו י ד ע ר ש ט א נ ד.

אין געטאָ רופט עס אַרויס דרך ארץ. אָבער גלייכצייטיק — שרעק. אַלזאָ — איז עס אַ סימן, אַז „דאָרט", ווו מען ווערט דעפּאָרטירט, איז שוין נישט פאַראַן קיין האָפענונג. אַ נישט וואָלט דער גרייז־גרויער רב

# די צוויי עלטסטע ווארשעווער רבנים



דער בלאשקער רב הרב קאנאל (רעכטס)
און הרב מיכעלסאָן (לינקס)

(א זעלטן בילד פון ערב דער מלחמה, בעת
דער פייערונג פון איבערשניידן דעם באנד
ביים חנוכת־הבית אין דער געזעלשאפט
„תומכי עניים")

דאָס נישט געטאָן. דער קלוגער בלאשקער רב (ווי מ'האָט גערופן הרב קאַ־נאַל) האָט זיך נישט גענאַרט. נישט געהאַט קיין אילוזיעס.

## יאַנוש קאָרטשאַק

### מיטוואָך, 12. אויגוסט.

היינט האָט מען דעפּאָרטירט די יתומים-הייזער. זיי זענען געווען נישט ווייניק אין געטאָ. דער הונגער, די טיפוס־עפּידעמיעס, די דייטשע רצי־חות האָבן נישט אויפגעהערט צו „ליפערן" יתומים... איינס פון די גרעס־טע יתומים-הייזער איז געווען דאָס הויז „דאבראַ־וואָלאַ" (גוטער ווילן), מיט וועלכן ס'האָט זיך פאַרנומען אַ ב ר ה ם ג ע פּ נ ע ר, דער פרי־ערדיקער פּרעזעס פונעם צענטראַלן סוחרים-פאַראיין און איצטיקער פּרעזעס פון באַשפּייזונגס־אַמט אין געטאָ. דאָס עלצטע און גרעסטע יתומים־הויז איז אָבער געווען אויף דער קראָכמאַלנע־גאַס (לעצטנס איבערגעטראָגן אויף שליסקע־גאַס), אונטער דער לייטונג פון ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק (גאָלדשמידט).

יאַנוש קאָרטשאַק, אַ באַרימטער נאָמען אין גאַנצן לאַנד. זיין רום האָט אויך איבערגעשטיגן די גרענעצן פון פּוילן. אַ שריפטשטעלער פון ערשטער מדרגה, דער בעסטער אין זיין זשאַנער, אַ רום פון דער פּוילישער ליטעראַטור. דער אויטאָר פון אַ סך ביכער פאַר קינדער און וועגן קינדער, אַן אויטאָריטעט אין פּעדאַגאָגיע, אַ קאָנפערענסיער און אָראַטאָר פון גרויסן טאַלאַנט, אַן אומפאַרגלייכלעכער דערציער, און בעיקר אַ מענטש.

פון זיין פּערזענלעכקייט שטראַלט אַרויס אַ מין הערלעכע ליכטי־קייט, אַ גוטסקייט און ליבע. אליין אַ קינדער דאָקטאָר, מיט אַ גאָר גרוי־סער פּראַקטיק, האָט ער אוועקגעלאָזט זיינע רייכע קליענטן, אוועקגעוואָרפן זיין מעדיצינישע קאַריערע און מקריב געווען זיין לעבן פאַר אַ געוויסן סאָרט קינדער, נעמלעך פאַר די אָרימסטע און אומגליקלעכסטע, וועלכע האָבן נישט קיין עלטערן.

ער איז פאַר די יתומים אַ פאָטער און אַ מוטער. ער שאַפט פאַר זיי אַ היימישע וואַרימקייט און רינגלט זיי אַרום מיט אַן איבערגעגעבנקייט. שוין

און ליבע. די קינדער שפירן ארויס מיט זייער אומפעלבארן אינסטינקט, ווו עס קלאפט פאר זיי א וואַרעם האַרץ. זיי נאַרן זיך נישט. און זיי ענט־פערן: זיי רינגלען ארום דעם „דאָקטאָר", ווי זיי רופן אים, מיט א גע־וואלדיקער פארערונג און צוגעבונדנקייט.

אַט אין אזא אַטמאָספערע, דערציט קאַרטשאַק דורות. ער באַגלייט זיי אויף זייער שווערן לעבנסוועג מיט זיין געדאַנק, עצה, הילף, אזוי לאנג ביז זיי שטייען אויף אייגענע פיס, ביז זיי שאפן זיך אַן אייגענע עקזיס־טענץ. פון ווייטע לענדער, פון אַלע עקן פון דער וועלט, פון אמעריקע, ארץ ישראל, פון ארגענטינע, ניי־זעלאנד און אויסטראליע, פון פראנקרייך און ענגלאנד, קומען אַן צו קארטשאקן בריוו פון זיינע געוועזענע פופילן; פון זייערע ווערטער שלאָגט ארויס א רירנדע דאַנקבארקייט, צוגעבונדנ־קייט, ליבע און — אָפט בענקשאַפט.

מיט אזא געפיל באַציען זיך צו קארטשאקן אויך די קינדער פונעם היינטיקן יתומים־הויז. און נישט קיין וווּנדער. אין די שווערסטע מאָ־מענטן, בעת דער גאַנצער צייט פון דער אָקופּאַציע, ווען הונגער און נויט הערשט אין געטאָ, קלערט קארטשאק טאָג און נאכט ווי אזוי צו באַזאָרגן א שטיקל ברויט, א ביסל הייסע זופּ, א ביסל מילך פאר „זיינע" קינדער. ער שלאָגט אָפּ די טירן פון די פּרעזעסן, און כלל טוער; בעט, פארלאנגט, פאָדערט, קעמפט מיט די „מעכטיקע" אין געטאָ פאר יעדן שטיקל ברויט פאר די יתומים. ער ווייטיקט איבער דער דערנערונג פון די קינדער, באַ־מיט זיך פאר זיי צו באַקומען א ביסל פעטס, וויטאַמינען, און ווען ס'גיט זיך אים איין צו באַקומען עפּעס אַן אויסנאַמווייזע צוטיילונג פאר די יתומים — שטראַלט ער פאר שמחה. דאָס איז זיין איינציקער לוין. פאר די שלאָפלאָזע נעכט, פאר טעג פול מיט זאָרג, פאר מי, מאַטערנישן, עגמת נפשן.

און אָט איז היינט געקומען דער באַפעל:

היינט דאַרף אויך קארטשאקס יתומים־הויז ווערן „עוואַקואירט"... קארטשאק קען בלייבן, דאָקטוירים זענען נויטיק; זיי ווערן נישט דעפּאָר־טירט*) דער יודענראַט איז נאָך בכוח אים צו שיצן, און האָט אים באמת געשיצט. ער איז אַלזאָ זיכער.

---

*) דערווייל בלויז, שפּעטער האָט מען אויך דעפּאָרטירט דאָקטוירים.



**יאנוש קאָרטשאַק** (ד״ר הענריק גאָלדשמידט)
**מיט א גרופּע יידישע יתומים**
(דאָס בילד איז געמאכט געוואָרן אין יתומים־הויז אויף
קראכמאלנע־גאס, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה)

אָבער קארטשאק זאָגט זיך אָפּ צו בלייבן, ער וועט „זיינע״ קינדער נישט לאָזן אליין. ער גייט מיט.

און אָט אזוי פאָרעמט זיך א לאנגע רייע פארן יתומים־הויז אויף שליס־קע-גאַס. א לאנגער קאַראַוואַן: קינדער, קליינע, גאָר קליינע, אביסל דער־וואקסענע, אויסגעמאטערטע, שוואכע, איינגעדאַרטע, איינגעשרומפּענע, טראָגן אָרימע פּעקלעך, א טייל האלטן אונטערן אָרעם שול־ביכלעך, קאַ־יעטן. זיי וויינען נישט.

זיי גייען פּאַמעלעך אראָפּ פון די טרעפּ. שטעלן זיך אויס אין רייען אין מוסטערהאַפטער אָרדענונג און דיסציפּלין, ווי געוויינלעך. אלע אייגע־לעך זענען געווענדט „צום דאָקטאָר״. זיי זענען עפּעס מאָדנע רואיק. זיי פילן זיך כמעט „גוט״: „דער דאָקטאָר״ גייט מיט זיי, וואָס זשע איז דאָ מורא צו האָבן? זיי זענען נישט אליין. זיי זענען נישט פארלאָזן..

ד״ר קארטשאַק אליין פאָרעט זיך עפּעס מיט אומהיימלעכער ערנסט־קייט ארום די קינדער; דעם קנעפּלט ער צו דאָס מענטעלע, דעם בינדט ער צו דאָס פּעקעלע, דעם פאַרריכט ער דאָס היטל, אַן אנדערן ווידער — ווישט ער אָפּ א טרער, וואָס קייקלט זיך איבער א מאָגער פּנימל...

דאַן רירט דער קינדער־קאראוואַן, גייט אין אַן אומבאַקאַנטער רייזע, אין א רייזע — (פיל שפּירן עס) — פון וועלכער מען קומט שוין קיינמאָל נישט צוריק. די יונגע, נאַרוואָס אויפגעבליטע לעבנס-קנאָספּן, אומשול־דיקע נשמות, וואָס אַנטהאלטן אין זיך — ווער ווייסט וויפל כוחות, מעג־לעכקייטן, טאלאַנטן און אפשר גאָר זשעניען — ווער ווייסט? — דאָס אַלץ שפּאַנט רואיק, אין אָרדענונג צום פריצייטיקן סוף.

די קינדער זענען רואיק, אָבער אינטואיטיוו פילן זיי, שפּירן זיי, וואָרום פון וואַנען די אומהיימלעכע ערנסטקייט אויף זייערע בלאַסע פּנימ־לעך? זיי גייען אין רייען שטיל, רואיק, ערנסט. — און אין זייער שפּיץ — יאנוש קארטשאַק.

דער סימבאָל פון גוטס און ליבע — אין אָנבליק פון דער פאַרקער־פּערונג פון רשעות און אכזריות. — דער אומרחמנותדיקער שונא האָט „באַזיגט״ קליינע אויסגעהונגערטע יתומימלעך. און באַזיגט אויך דעם אמתן אויסדרוק פון יידישער מסירת־נפש, וואָס הייסט קארטשאַק.

די בעסטיע האָט מנצח געווען דעם מענטש.

ד"ר הלל זיידמאַן

# צווישן לעבן און טויט

## דינסטיק, 25. אויגוסט.

ס ע ל ע ק צ י ע, א שרעקוואָרט פונעם וואַרשעווער געטאָ. וויפל לײדן, וויפל טויט־פּחד און וויפל אכזריות ליגט אין דעם דאָזיקן באַגריף. תחילת איז די „סעלעקציע" באַשטאַנען אין באַפרייען פון דעפּאָרטאַציע די, וועלכע האָבן געהאַט לעגיטימאַציעס, אַז זיי אַרבעטן. באַלד אָבער האָט „סעלעקציע" באַקומען אַן אַנדערע באַדייטונג. זי איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס פון צייט צו צייט זענען, אומגעריכט, פאַרשטעלט זיך, אַריינגעפאַלן אין די „שאָפּן" אָדער אין די וווינונגען פון די אַרבעטנדיקע יידן. ס.ס.־לייט און פאַרזאַמלט אַלע אויף דער גאַס, דאָן זיי איינציקווייז אויסגע־שטעלט אין אַ רייע און אַ טייל אַוועקגעשיקט אויפן „אומשלאַג" און טייל געלאָזט. די „סעלעקציע" האָט געדויערט שעהן לאַנג. מענטשן זענען גע־שטאַנען אין טויט-אַנגסטן און געוואַרט אויפן אורטייל: לעבן אָדער טויט, מען זוכט אָפּ אַלע מעגלעכע שאַנסן, מ'נעמט אַרויס לעגיטימאַציעס, מען גרייט פּאַפּירן, באַווייזן, ביז מ'קומט־צו פאַר די אויגן פונעם תלין: איין מאַך מיט דער נאַגאַיקע — און דער גורל פונעם קרבן איז דעצידירט.

היינט האָב איך דורכגעמאַכט אַ „סעלעקציע". מיר זיצן אין ביוראָ פונעם קהילה־אַרכיוו אַ גרופּע יידישע שרייבער און געלערנטע, וועלכע זענען דאָרט „געדעקט" אַלס אַנגעשטעלטע, און אָט באַקום איך אַ באַפעל פון אינזשיניער ליכטענבוים, דעם פּרעזעס פונעם יודענראַט: זיך שטעלן מיט אַלע „מיינע" אַנגעשטעלטע אויפן הויף פון דער קהילה. דאָן קומט אַ צווייטער באַפעל שוין פון די דייטשן: ווער ס'וועט בלייבן אין דער קהילה־געביידע, וועט ווערן דערשאָסן.

מיר גייען שנעל אַראָפּ: ד"ר יצחק שיפּער, פּראָפ. ד"ר מאיר באַלאַ־באַן, פּראָפ. ד"ר מנחם שטיין, דירעקטאָר פונעם קראָקעווער בית־יעקב־סעמינאַר, י. ל. אָרלעאַן, ד"ר ש. שימקעוויטש, רעדאַקטאָר א. ג. פרידענ־זאָן, דר. מרדכי ראַזנער א. אנד. די עטלעכע איבערגעבליבענע וואַרשע־ווער רבנים באַהאַלטן זיך אויפן בוידעם: הרב מנחם זעמבאַ, הרב אליהו פּעטמאַן, הרב ר' יעקב זאַמטשיק, הרב שלמה מערקער, הרב אפרים מייז־מאַן, הרב פנחס וואַרשאַוויאַק, הרב לייב בידערמאַן. די צוויי עלטערע

רבנים הרב צבי יחזקאל מיכעלזאָן, דער סעניאָר פון דעם ווארשעווער ראבינאט, און הרב נח ראגאזשניצקי, גייען אראָפּ מיט אונדז צוזאמען. עפּעס גלויבן זיי: מ׳וועט דאָך נישט דעפּאָרטירן קיין אלט-איינגעזעסענע ווארשעווער רבנים־זקנים.

אויפן הויף טרעפן מיר שוין א מחנה אוקראינישע מיליציאנטן, — „הילפס-פּאָליציי״ — און די אָנפירער פון דער פארניכטונגס־קאָמאנדע. צוזאמען מיט די געשטאפּאָ־אָפיצירן, ספּעציאַליסטן פון יידישע ענינים: בראנד, האנדקע, וויטאסעק א. אנד. מ׳טרייבט דעם עולם: שנעלער, שנע־לער. די וואָס באוויזן נישט שנעל זיך צוצושטעלן, ווערן געשלאָגן מיט די נאגייקעס. און אָט שטייט מען אויפן קהילה־הויף, זאמענהאָף־גאס 19. די זון ברענט. מ׳באָדט זיך אין שוויים און אין טויט אנגסטן. אַלע שטייען מיט די פּאַפּירלעך אין די הענט. און אזוי גייט מען איינציקווייז פארביי די סעלעקציע־אָנפירער. מערדערישע פּנימער, אכזריותדיקע בליקן: — די בעסטיאַלישע משחיתים קוקן נישט אויף דער לעגיטימאציע, ווארפן בלויז א קוק אויפן מענטש: איז ער יונג, שטארק, שיין געוואקסן, גוט אָנגעטאָן (איינעם האָט געראטעוועט זיין לעדער רעקל), גיט מען א ווייז אויף רעכטס; דאָרט שטייען די וואָס בלייבן. געפעלט ער נישט, א ווייז אויף לינקס, דאָרט שטייען די, וואָס גייען אויפן „אומשלאַג״.

כ׳שטיי לאַנג צווישן די נאָך־נישט „דורכגעזופּטע״. מיין אויסזען — אָן אָפּגעמאטערטס, בלאָס, קוואַליפיצירט מיך, ווייניק נושא־חן צו זיין ביי די רוצחים. איך זע ווי פּאָר מיר גייען דורך פּראָפ. באלאבאן, יאָ ער איז דאָך באריסטט, מ׳האָט אביסל ריקזיכט: ער בלייבט. דאן ד״ר שיפּער, ד״ר שטיין, אָרלעאן, פרידענזאָן, — ביי יעדן זאָגט איינער פונעם יודענראט א תחנונים-וואָרט — זיי גייען אויף רעכטס. געראטעוועט. ביי די צוויי רבנים, מיכעלזאָן און ראגאזשניצקי העלפט נישט. איך זע, זיי שטייען צווישן די, וואָס גייען אויפן „אומשלאַג״: צו דער שחיטה! הרב מיכעלזאָן שטייט אין בלויזן קאָפּ, זיין הויכע געשטאַלט האַלט זיך גלייך. ער שטייט ווי גלייכגילטיק — אפּאטיש; מ׳זעט אָבער, אז ער איז פארטראכט אין מחשבות. זיין מח ארבעט. דער 86 יעריקער ווארשעווער רב — דער לאַנג־יעריקער „פּלאַנסקער״ רב, ווי מ׳האָט אים גערופן, מחבר פון 43 ספרים געדרוקטע און פיל אין כתב־יד, שטייט אזוי הילפלאָז, פאראיינזאמט,

פארלאזן צווישן זיין קהילה, צום אונטערגאנג פארמשפט און ווארט, ווארט אויף דער שחיטה. נעבן אים דער איידעלער ליטווישער רב הרב ראגאזשניצקי מיט זיין פאטריארכאלישן אויסזען. ביידע פאראורטיילטע.

ס׳גייט דורך דר. מרדכי ראזנער, אן אויסגעמאטערטער, א בלייכער, ער געפעלט נישט: אויף לינקס: מיט איין האנט־באוועגונג פארמשפט דעם גרויסן תלמיד חכם און געלערנטן. נאך אים גייען ווייטער, ווייטער, פארשידענע אנגעשטעלע פון דער קהילה, — אלעם אויף לינקס...

איך שטיי און ווארט, און דערווייל שרייב איך א פאר ווערטער א היים; צו מיין פאטער אין לעמבערג (ערשט שפעטער בין איך געוואר געווארן, אז מיין פאטער איז שוין דעמאלט דעפארטירט געווארן). „זיי וויסן, טייערער טאטע, אז מ׳האט מיך דעפארטירט. — איך וויים נישט וווהין, אבער איך געזעגן מיך מיט אלע, מיט אלע, ברודער און שוועסטער און שוואגער. זייט געזונט. זאל אייך גאט היטן״. א יידישער פאליציאנט זאגט מיר צו, אז אין פאל ווען ס׳וועט „עפעס״ געשען, וועט ער דאס קארטל אוועקשיקן. איך פיל אין זיך א מאדנע רואיקייט. און — אט איז מיין רייע: כ׳גיי צו גלייכגילטיק, אט א שפאציר אזעלכער, — ביז איך באגעגן דעם בליק פון בראנדן, א בייזער, בעסטיאלישער; ס׳פליט מיר דורך א געדאנק: כ׳בין פארלוירן. פאקטיש איז שוין די בייטש אויפגעהויבן מיט דער באוועגונג אויף לינקס... אבער אין דעם מאמענט רופט זיך אן דער יודענראט־פרעזעס, אינזש. ליכטענבוים: „דאס איז דאך זיידמאן, אונדזער ארכיוו־דירעקטאר״. און גלייכצייטיק גיט א זאג דער וויצעפרעזעס אינזש. שטאלצמאן: „ער איז אויך דער לייטער פון אונדזער ציוויל־שטאנד־אמט, און דער צווייטער וויצע־פרעזעס, ד״ר וויעליקאווסקי זאגט עדות: „ער איזט ווירקלעך אונענטבערליך״. בראנד גיט נאך: א ווייז מיט דער האנט אויף רעכטס און כ׳בין — געראטעוועט.

איך שטעל זיך אין דער רייע פון די בלייבנדיקע; כ׳פיל בלויז עפעס א גלייכגילטיקייט, אן אפאטיע אין אלע אברים.

ס׳גייט אוועק א שעה און די „סעלעקציע״ איז געענדיקט. די אומגליקלעכע, אן ערך א העלפט פון אלע קהילה־אנגעשטעלטע — ווערן אוועקגעפירט צום „אומשלאג״. די „גליקלעכע״ — ווי ווייניק גליקלעך זיי זענען! — גייען צוריק ארויף אין די ביוראען. און דא הייבט זיך אן א

יאמערן, א יאגן זיך נאך פראטעקציע: ביי דעם האט מען צוגענומען א ברודער, ביי דעם א שוועסטער, ביי יענעם א פריינט, מ'לויפט זוכן מיט־לען, מענטשן צו ראטעווען, ארויסצובאקומען צוריק פונעם „אומשלאג".

מיר גייען ארויף אין ארכיוו־ביורא. די אוקראינישע מיליציאנטן זענען שוין אוועקגעגאנגען. די באהאלטענע רבנים גייען אראפ פון זייער באהעלטעניש אויפן בוידעם. אויך געראטעוועט. אבער נישט אויף לאנג; אן אומגליקלעכער צופאל: עטלעכע אוקראינער מיליציאנטן האבן ערגעץ דא פארבלאנדזשעט, און דערזעענדיק די רבנים אראפגיין פון די בוידעם־טרעפ, האבן זיי זיי פארנומען אויפן „אומשלאג". אזוי זענען אוועקגע־פירט געווארן די רבנים שלמה מערקער, יעקב זלאטניק, אליהו פעטמאן, אפרים מיימון, פנחס ווארשאוויאק און לייב בידערמאן. געבליבן, ווי דורך א נס, איז הרב מנחם זעמבא.

דער דאזיקער אומגליקלעכער צופאל איז דער „אויסערגעוויינלעכער צוגאב" צו דער היינטיקער סעלעקציע. אזוי איז היינט אוועק דער רוב פון די ווארשעווער רבנים: 8 רבנים.

מיר קענען זיך נישט בארויקן. איינער דערציילט דעם אנדערן ווי אזוי ס'איז צוגעגאנגען, יעדער האט געהאט עפעס א „נס". און ווירקלעך אזוי נאענט צו שטיין ביי דער שוועל פונעם אפגרונט. איין שריט פונעם טויט און — מ'לעבט דאך.

אויף ווי לאנג?

איז עס שוין די לעצטע „סעלעקציע"?

מיר גייען ארויס פון איר געמינערטע, געבראכענע, פארשעמטע; גע־זען מיט אייגענע אויגן ווי מ'פירט אונדזערע ברידער צו דער שחיטה, און — צוגעקוקט מאכטלאז, געציטערט פארן אייגענעם לעבן, פאר דעם אזוי פארשוועכטן, האפענונגסלאזן, — כסדר אומזיכערן — וואס הייסט אויך „לעבן".

## אין די אָרעמס פון טויט

**דאָנערשטיק, 27. אויגוסט.**

און אט בין איך היינט ווידער אין „טראנספארט" צום „אומשלאג־פלאץ", כ'האב מורא צו טראכטן ביזן סוף, ווידער אין טויטן־מארש.

מיר גייען... „בנערינו ובזקנינו". יונג און אלט. מענער, פרויען, קינ־

דער. געזונטע און קראַנקע. רייך און אָרים. „אַלע גלייך״, — ווי ס׳פלעג שרייען דער געטאָ-משוגענער רובינשטיין (גאָרנישט געווען אַזוי משוגע). אַכט אין א שורה. לויטן „פאַרשריפט״. פאַראַן נעמלעך „פאַרשריפטן״ אויך. און די מענטשלעכע מאָסן שפּרייזן, שפּאַנען. אַן אויפהער, אַן אי־בעררייס. אַן אומענדלעכער מענטשן־שטראָם. טויזנטער, טויזנטער. געהערט שטענדיק רעדן וועגן די יידישע מאַסן (ווער האָט ביי אונדז נ י ש ט גערעדט אין נאָמען פון די יידישע מאַסן?), וועגן די „קאָמפּאַקטע מאַסן״, ווי מ׳פלעג זיך אויסדריקן; אָבער קיינמאָל זיי נאָך נישט געזען אַזוי בחוש, אַזוי גרייפבאַר, אַזוי — קאָמפּאַקט, ווי אָט דאָ. קיינמאָל זיי נישט געזען אַזוי איינפאָרמיק, אַזוי אינאייינעם און „אייניק״, אַזוי „איין פאָלק״, ווי אָט דאָ. קיינמאָל האָב איך נישט באַגריפן אַזוי זייער געמיינזאַמקייט, זייער געמיינזאַמען כ ח ווי אָט איצט. רבונו של עולם! וויפל צאַפּל־דיק לעבן און שטרעבן, וויפל שעפערישקייט און אנטוויקלונגס־פּאָטענצן, וויפל טרוימען און האָפענונגען, וויפל עלעמענטאַרע קראַפט און מעגלעכ־קייטן ליגט אין אָט דער אַפּאַטישער, מאַכטלאָזער, שיינבאַר פאַרבלאָזער יידישער מאַסע! הכוחות האלה על מה המה כלים?

מיר גייען... טויזנטער. צענטויזנטער און אפשר מער. יידן אַלטע, פנימער פון אינטעלעקטועלע און געוועגלעכע פאָלקס־מענטשן. אָפּגעמאַ־טערטע, אויסגעאיידלטע ישיבה־בחורים און „גאָלדענע יוגנט־לעבע־יונגען״ פון אמאָל. אַן אָנגעזעענער וואַרשעווער רב, הרב נח ראַגאַזשניצקי און דער אַרבעטער־טוער שכנא זאַגאַן. אַן אַסקעטישער פּרוש און אַ פעסטער ראַ־בוסטער חלוץ. אַ מיוחסדיקער וואַרשעווער חסידישער הויז־ווירט, אברה־מעלע וואָלערשטיין און אַ פּשוטער „עמך״־ייד. אַ באַקאַנטער דאָקטאָר, דער יונגער ד״ר זיגמונט בערנשטיין און דער קליינהענדלער־עסקן ניי־פעלד. דערוואַקסענע יוגנט און קליינינקע קינדערלעך, עופעלעך פון דער מאַמעס ברוסט. און מאַמעס! מאַמעס — אַלע די זעלבע: פאַריאָגטע, פאַרנומענע, נישט מיט זיך. פול מיט מוטערלעכער ליבע און אומענדלעכן צער.

מיר גייען... אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע, פאַרחלשטע. טריט

שוואכע, רעזיגנירטע, אומעטיקע. טריט קוים-באוועגלעכע, אפגעלאזטע, שוין טויטע.

מיר גייען... אן „ארמיי" פון ווייבער און קינדער און קראנקע און שוואכע. און אלע ווערלאזע. וווהין? אלע שפירן: אז דאס איז אפשר דער ל ע צ ט ע ר מארש, דער מארש צום טויט. און א טייל שפירן עס א ן אן „אפשר"...

מיר גייען... איך ווענד אפ אויף א מאמענט מיין בליק פון דעם גרויען פליסנדיקן מענטשן־שטראם און גיב א קוק ארום מיר, איבער מיר, אויף דער וועלט. מ ע ג מען? ...מען האט דאך געלערנט היינטיקן שבת אין פרק: „המהלך בדרך ושונה ומפסיק ממשנתו ואומר: מה נאה אילן זה, הרי זה מתחייב בנפשו" — קלינגט מיר אין די אויערן די מעלאנכאליש־פאר־טרוימטע מעלאדיע פון שבת־נאכמיטאגדיקן פרק-לערנען; אז מ'גייט אין וועג און מ'לערנט און מ'רייסט איבער און מ'זאגט: ווי שיין איז דער בוים, שטעלט מען איין דאס לעבן... און אז מ'גייט צו דער שחיטה — מעג מען? איז דא ערגעץ אזא מין „דין"? האט עמיצער פון די הונדערטער תנאים, פוסקים, מחברים פארגעזען אזא מין „פאל", ווי אונדזערער?

אבער די נאטור האט היינט, דוקא היינט, אזוי פארפירעריש אויס־געשפרייט אויף דער וועלט איר וווּנדער־שיינע פראכט, אז מ'קען נישט נישט ווארפן א בליק. מ'מוז געבן א קוק. ווי שיין איז היינט דאס וועטער. די נאטור האט אין היינטיקן מיט־זומער־טאג אנטפלעקט איר גאנצע שיינ־קייט. אין זיין שענסטן תכלת־קלייד. קיין שפור פון א וואלקנדל. קיין פינטעלע גרויקייט. נאר איבער אומענדלעכע שטחים אן אומענדלעכע פלעקנלאזע, ריינע בלויקייט. און די ערד ענטפערט מיט פארבנרייכע צע־בליאונג. אפילו אין פארחושכטן געטא האט זי אביסל גרינקייט פון זיך ארויסגעשפראצט. די מאגערע, אש־גרויע גרעזלעך אויף דעם פוסטן נא־לעווקע-סקווער (גראז וואקסט דארט, ווו ס'איז אמאל געווען די נאלעווו־קעס) האבן זיך היינט אנגעטאן א כח און א שימער געטאן מיט א ביסל ליכטיקערער גרינקייט...

אבער דער עיקר — די זון! א ים פון ליכט היינט אויסגעגאסן. א כוואליע פוןווארעמקייט. שפיזן גינגאלדענע פיילן, גלאנצן שטיין און ערד, לייכטן וועלטן...

און מיר גייען... ווידער א בליק אויף דעם באוועגלעכן מענטשן־שטראָם, אויף זיך, איינעם פון דער צום אומקומען פאַראורטיילטער מאַסע. מיר גייען... אין א ליכטיקן טאָג, אין שטראַלנדיקער זון... מיר גייען...

זון! ווי שעמסטו דיך נישט?! ווי פאַרגראָבסטו נישט דיין לאַכנדיק פּנים אין די שוואַרצסטע פון אַלע וואָלקנס?! ווי פאַרשטעקסטו דיך נישט אין די פינצטערסטע פון אַלע גיהנומס?

האָסטו אָנגעטאָן די יום־טובדיקע בגדים צו אונדזער לוויה? האָסטו אויסגעשטשירעט דיין חוזק־לאַכנדיק געזיכט צו אונדזער בראָך?...

האָסטו אויך, דו, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע, אונדז פאַרראַטן? האָסטו אויך, דו, ווי אונדזערע שכנים, שאָדנפרייד?...

:: :: ::

מיר גייען... מיינע אויגן ווילן נישט מער זען די זון מיט איר חוזק־געלעכטער. און קיינמאָל וועל איך שוין נישט קענען פאַרנעמען אירס א וואַרעמען שטראַל. און ווען איך וועל אפילו דורך עפּעס א נס לעבן בלייבן, וועט איר ליבלעכער גלעט קיינמאָל צו מיין נשמה נישט דער־גרייכן. קיינמאָל נישט! ווייל אייביק וועט זי מיך דערמאָנען אין יענעם ליכטיק־פינצטערן אויגוסט־טאָג, אין יענעם חרפּהדיקן פאַרראַט... (אויב די זון איז שטיין געבליבן אין גבעון, פאַרוואָס איז זי נישט שטיין געבליבן אין שרעקלעכסטן און פינצטערסטן פון אַלע טעג?...). איך בין דורך א נס דערוויייל געראַטעוועט געוואָרן, אָבער אין מיין האַרץ איז פאַרבליבן, וועט פאַרבלייבן א גאַנץ לעבן, א שטענדיקע פאַרביטערטקייט, א שווערער פאַר־וואורף: די וועלט האָט אונדז פאַרראַטן, פאַרלאָזט אויפן חסד פון שרעק־לעכסטן שונא, די נאַטור, אויך זי האָט אונדז אָפּגענאַרט, אָפּגעשפּעט...

און אין מיינע אויערן קלינגען די קלאָג־סטראָפן ביאַליקס פון אן אַנדערן אומפאַרגלייכלעך קלענערן חורבן (קישענעוו), וועלכער האָט אָבער מער אויפגעטרייסלט די וועלט:

„כי קרא ה׳ לאביב ולטבח גם יחד:\
„השמש זרחה השיטה פרחה והשוחט שחט״...\
ווי ביאַליק האָט עס אַליין איבערזעצט אין יידיש:\
און גאָט אונדז געגעבן א צווילינג:\
„א שחיטה און א פרילינג...״

# זייער לעבנס-ליד איז אָפּגעהאקט...

**פרייטיק, 28. אויגוסט.**

א נס נעכטן געהאט: געראטעוועט. אויף ווי לאַנג? ווער ווייסט? אָבער — גוט איז חיי שעה. אָנגעהויבן האָט זיך עס פשוט, „נאָרמאַל”: כ׳בין אינדערפרי געגאנגען פון מיין וווינונג אויף פּאַוויע־גאַס 6 אין מיין ביוראָ אין דער קהילה אויף זאמענהאָף־גאַס 19, סך הכל א 5 מינוט גאַנג: אויפן וועג האָב איך אָנגעטראָפן א „בלאָקאַדע”: די הייזער פון גענשע־גאַס 13 ביז אראָפּ צו צום בית־עלמין זענען געווען ארומגערינגלט פון די משחיתים, אוקראַינישע פּאָליציאַנטן אונטער דער אָנפירונג פון ס. ס.־לייט. א גרופּע יידן זענען געשטאַנען באַוואַכטע פאר א טויער און גע־וואַרט — אויף ווייטערע קרבנות. ווען איך האָב עס באַמערקט אויף עק זאמענהאָף און גענשע, איז שוין געווען צו שפּעט: די וואַך האָט מיך אריינגענומען אין דער גרופּע. דערווייל איז אָנגעקומען א „טראַנספּאָרט” יידן פון דער געגנט קאַרמעליצקאַ-נאַוואָליפּקי ־ נאַוואָליפּיע; געווען א „סעלעקציע” אין די דאָרטיקע „שאַפּן”, און דאָס איז דער רעזולטאַט. א גרויסער „רעזולטאַט”: טויזנטער און טויזנטער. אונדזערע וועכטער וואַרטן שוין נישט אויף די איבעריקע יידן פון דער גענשע־גאַס, נאָר פירן אונדז אריין אין דער אומגעהויערער מאַסע און מיר — גייען.

מיר גייען... אומענדלעכע רייען. טויזנטער און טויזנטער. א בליק פאַר מיר, אונטער מיר: א ים פון קעפּ. אָן היטלען, מיט היטלען; פאַר־שידענע, קאַשקעטן. קאַפּעליושן; קעפּ גרויע, קעפּ שוואַרצע מיט האָפער־דיקע טשופּרינעס, שייטלען פרומע און קינסטלעך פּלאַטינירטע מאָדישע פּרויען־פריזורן, מיידלערישע גאָלד־בלאָנדענע האָר און פעך־שוואַרצע צעפּ. מיר גייען... יונגע, אַלטע, מענער, פרויען, קינדער, געזונטע און שוואַכע און קראַנקע. טויזנטער און טויזנטער. אזוי שפּאַנט מען שלאָבריג, אָפּגע־לאָזן, אַפּאַטיש. ס׳באַהערשט מיך אויך א מאָדנע גלייכגילטיקייט. אַלע חושים ווערן ביי מיר אָפּגעטעמפּט, אָפּגעשטאָרבן. אפילו דער חוש פון זעלבסט־דערהאַלטונג. ס׳איז מיר שוין אַלץ איינס. זאָל געשען וואָס מוז געשען.

בלויז א יי ן זין איז אין מיר וואַך: אָבסערווירן, זעען. אביסל גע־

בליבן פון מיין אַמאָליק פאַך; דאָך אַזוי לאַנג אַ זשורנאַליסט געווען, שנית, גייט מיר דורך אין מח אַ געדאַנק: אפשר טרעפן אַ באַקאַנטן, אַ פריינט; און אפשר גאָר געפינען אַ יידישן פּאָליציאַנט, אַ רעטער, זאָל ער מודיע זיין מיינע פריינט, אין דער קהילה, אפשר איז דאָך פאַראַן אַ מעג־לעכקייט. דערווייל גיי איך. בתוך הגולים. און נישט הערנדיק הער איך, און נישט־זעענדיק זע איך:

אַן אומגעהויערע מאַסע שפּרייזט מיט אַפּגעלאָזענע, אָפּגעלעבטע טריט, אַפּאַטיש, גלייכגילטיק; ווי איך אַליין. איבער זיי, איבער אונדז, שוועבט שוין דער שאָטן פון טויט. פאַרפאַלן! נישטאָ קיין אויסוועג. נישטאָ קיין רעטונג. וואָס־זשע איז די נפקא מינה? נאָך וואָס זיך מאַטערן? זאָל שוין אַ סוף נעמען. וואָס גיכער איז בעסער. וועט דאָס זיין די אויסלייזונג... ס׳בליצט אין מיר אויף אַ מאמר פון ערגעץ אין דער גמרא: „כי טוב מאד — זה המות״...

אָבער אָט וואָס זע איך: פון דער מאַסע שיילט זיך אַרויס אַ געשטאַלט: אַן אַלטער הויכער ייד, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, דאָס וואָס די ליטעראַטן רופן אָן: „פּאַטריאַרכאַליש״. ער גייט איינגעבויגן, טראָגט אונטערן אָרעם טלית און תפילין. ער גייט איינגעבויגן. ער דערמאָנט אין דעם באַקאַנטן בילד פון ווילהעלם וואַכטעל „גלות״; נאָר דערמאָלט איז געווען ווינטער און היינט איז זומער. פּלוצים אַ באַפעל פונעם דייטשן וואַך־פירער: „שטיין בלייבן״. בלייבט מען שטיין. וואָס איז די נפקא מינה? „אויסרועען״. — הערט מען ווידער אַ געשריי. זעצט מען זיך צוביסלעך אויפן שאָסיי, אויפן טראָטואַר. דאָך עפּעס אַ מענטשלעכער פונק ביי „זיי״ — גייט דורך אַ ווידערווייליקער געדאַנק. ווייזט זיך אָבער באַלד אַרויס אין וואָס ס׳באַשטייט ביי „זיי״ די כוונה פון אויסרוען: די ס. ס.־לייט גייען אַרום צווישן עולם אויף „אינספּעקציע״, און ווען זיי באַמערקן ביי עמיצן אַ פּאָר בעסערע שיך, אַ פּאָר שטיוול, שלעפּן זיי זיי אַראָפּ פון די פיס. אַ היבש ביסל עולם מוז שוין גיין דעם ליידנסוועג אין די זאָקן. דאָס הייסט ביי די דייטשן „אויסרועען״... איך כאַפּ אַ בליק אויף מיינע שיך: נישט אין קיין געהויבענעם צושטאַנד. אַלזאָ, האָב איך ד ע פ א ר נישט וואָס מורא צו האָבן. זיצט מען אַזוי אין צרות, אויסגעטריקנטע, אויסגעהונגערטע, רעזיגנירטע; אויסגעלאָשענע אויגן, איינגעפאַלענע

פּנימער, אַלע אין איין גערדאַנק: זאָל געשען וואָס מוז געשען; אַלע אין איין געפיל: יאוש. — יענער אַלטער ייד מיט דער ווייסער באָרד און מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם, זיצט נישט ווייט פון מיר, גלייך ווי אַלע. פּלוצים גיט ער זיך אַ טרייסל אויף, שטעלט זיך האַסטיק אויף, בייגט אויס דעם איינגעבויגענעם רוקן און אַט הער איך אַ ציטערדיקע אָבער שטאַרקע, זיכערע שטים:

— יידן! זייט נישט צעטראָגן! זייט נישט אין מרה־שחורה! וואָס זיצט איר אַזוי? נאָר נישט אין עצבות ח"ו. זעט איר דען נישט ווי מיר גייען אַנטקעגן משיחן? זעט איר דען נישט?... נאָר נישט אין יאוש! וואָלט איך געהאַט בראָנפן, וואָלט איך איצט געטרונקען לחיים. לחיים! יידן, לחיים! נאָר נישט אין עצבות. זעט איר דען נישט, אַז מיר גייען אַנטקעגן משיחן?

:: :: ::

אַ צווייט געשטאַלט; ריכטיקער, אַ גרופּע געשטאַלטן, צווישן וועלכע ס'דערהויבט זיך איינע: אַ הויך שלאַנק מיידל, שוואַרצע האָר, איידעלער פּראָפיל, דאָס פּנים בלאַס, בלייך, איידל און באַהאַרצט. פּאַרטריקנטע ליפּן. אָבער די אויגן! די אויגן! ווי פינקלען זיי און שטראַלן. מיט עפּעס אַ ליכט, נישט פון דאַנען. ווו האָב איך זי ערגעץ געזען? אַהאַ, דאָס איז דאָך שושנה, די חלוצה, וועלכע איז געקומען אַהער קנאַפּ פאַר דער מלחמה. זיך פאַרבענקט נאָך דער אַלטער היים, געוואָלט זען טאַטע־מאַמע און — אַריינגעפאַלן. זי, שושנה, איז געווען באַקאַנט אין דער געגנט פון דער גזשיבאָווסקע־גאַס; געברענגט פון ארץ ישראל אַ שלל פון העברעאישע חלוצישע לידער און מיט איר זילבערנעם סאָפּראַן געהאַלטן אין איין אויס־קלינגען די ליכטיקע ארץ־ישראל־נגונים אין פאַרחושכטן געטאָ־לעבן. אַ מתנה געברענגט פון דער היים, פון דער אייגענער. אויסגעשטראַלט אָביסל ארץ־ישראל זון אין אונדזער פינצטערקייט: אַ לעבעדיקער, דערמוטנדי־קער גרוס פון „דאָרט"... זי אַליין האָט נישט אויפגעהערט צו טרוימען פון „דאָרט". נישט אויפגעהערט צו האָפן, צו גלויבן, אַז זי וועט צוריקפאָרן אַהין, געמאַכט פּלענער ווי אַזוי זיך איינאָרדענען „דערנאָך". נישט אַליין וועט זי דאָס מאָל קומען „אַהין", נאָר מיט טאַטע־מאַמע, ברודער, שוועס־

טער; אַלע וועט זי אַהין מיטברענגען, מיטשלעפּן, מיט כח, מיט גוואַלד... און דערווייל אויסגעזונגען אירע האָפענונגען און חלומות אין „עוד לא נתקה השלשלת", אין „ארצה עלינו, כבר חרשנו וגם זרענו אבל עוד לא קצרנו"... און אַנדערע מיידלעשע שטימען און — הערצער האָבן נאָכ־געטרוימט און נאָכגעזונגען, פאַרבענקטע. אויף א ז א אופן פאַרזוכט אביסל טעם פון ארץ ישראל...

און אָט זע איך זי דאָ, די חלוצה שושנה, צווישן דער מחנה. זי גייט אָנגעשפּאַרט פון איין זייט אויף דעם ברודער, מיט דער צווייטער האַנט פירט זי די יינגערע שוועסטערל. זי גייט... אזוי גייט מען צו דער שחיטה? מיט אזעלכע שטאָלצע טריט? ווי אזוי זשע גייט שוין א קעניגין צום טראָן?..

אַן „איבערגרופּירונג", א קער אויף א צווייטע גאַס און כ'פאַרליר זי פון די אויגן. אירם א חברטע, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן אין דער לעצטער מינוט זיך צו ראַטעווען (אַנגעטאָן זיך א ווייס פאַרטוך און געמאַכט דעם אָנשטעל פון א קראַנקן־שוועסטער), דערציילט מיר דערנאָך ווי אזוי שושנה האָט דורכגעמאַכט דאָס לעצטע שטיקל וועג צום „אומ־שלאַג־פּלאַץ" (די באַן־סטאַציע פונעם געטאָ, פון וואַנען מ'האָט אַוועק־געפירט קיין טרעבלינקע):

— קינדער, כ'בעט אייך, — האָט שושנה נישט אויפגעהערט צו רעדן, — דערמאָנט מיך עפּעס אַן ארץ־ישראל־לידל, כאָטש איין לידל, כאָטש איינס. אוי, ווי כ'האָב זיי אַלע פאַרגעסן... ווי די אַלע שענסטע „הוירא"־מעלאָדיעס זענען מיר ארויסגעפלויגן פונעם קאָפּ. דערמאָנט מיך, דערמאָנט מיך, — בעט זי זיך.

— יאָ, איך געדענק שוין, — האָט פלוצים איר פּנים אויפגעשיינט, — אָט אזוי האָבן מיר געטאַנצט א „הוירא" אין עמק: „באה מנוחה ליגע, ומרגוע לעמל, לילה חור משתרע על שדות עמק יזרעאל"... און אָט אזוי האָבן מיר געטאַנצט אין תל אביב ביים שפת הים: „אם יש לך כאב, רמסהו ברגלים"... („אויב דו פילסט א ווייטיק, צעטרעט אים מיט די פיס"). און איר שוואַכע שטים ברומט אונטער די מעלאָדיע, און די אויגן קוקן פאַרחלומטע, ווייט, ווייט...

— ווי גוט איז מיר איצט, — האָט זי פלוצים אויסגערופן, — איך ווייס שוין, איך ווייס שוין וווהין מ'גייט, קיין עמק גייט מען, קיין עמק

יזרעאל...— האָט זי נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן, אַ פּאַרחלשטע און דאָך אַ לייכטנדיקע, — קיין עמק...

:: :: ::

פריינט, באַקאַנטע זענען געוואָר געוואָרן (בעיקר פּראָפעסאָר באַלאַבאַן און דער קהילה פּרעזעס ליכטענבוים), און מ׳האָט מיט תחבולות, קונצן און „שפּיצלעך" מיך ארויסגעראַטעוועט, צוזאַמען מיט אַ צענדליק אַנדערע, צווישן זיי דער גרייז־גרויער מזרחי־פירער הרב יצחק ניסענבוים (שפּעטער דאָך דעפּאָרטירט געוואָרן). אין לעצטן מאָמענט. איך לויף שנעל אין מיין וווינונג. אָבער כ׳פיל נישט קיין שום דערלייכטערונג. קיין שום צופרידנקייט. כ׳קען נאָך נישט גומל בענטשן. כ׳דערמאָן זיך דעם דין: שלשה צריכים להודות וכו׳. שטייט דאָרטן: „שיצא מין הסכנה לגמרי", האַלט דאָך נאָך אָבער ווייט דערפון. — כ׳פאַל אנידער אויפן געלעגער האַלב טויט און — ס׳יאָגן מיך בילדער, בילדער... געשטאַלטן, וויזיעס... כ׳הער דאָס אונטערזיפגען פון דער יונגער חלוצה: „אם יש לך כאב", אירע אויגן! זיי מאָנען, פרעגן: פאַרוואָס אַזוי פריציייטיק פאַרלאָשן? פאַרוואָס? רבונו של עולם, פּ אַ ר ו אָ ס ?

ניין! נישט קיין ארץ ישראל איז געגאַנגען שושנה.

„ושתי העיניים שלראות נבראו,

„שלראות יכולו העולם ומלואו,

„תדעכנה תחשכנה ומאומה לא ראו".

(ח. נ. ביאליק).

(און די צוויי אויגן וואָס צום זען באַשאַפן,

וואָס זענען האָבן זיי געקענט די וועלט אין איר פולקייט,

זענען פאַרלאָשן און פאַרפינצטערט און גאָרנישט געזען...).

און נישט אַנטקעגן משיחן איז געגאַנגען דער אַלטער חסידישער ייד מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם... זייער חלום איז געבליבן נישט פאַרווירקלעכט. דער חלום פון הונדערטער טויזנטער, דער חלום פון מיליאָנען. דער געזונטער טרוים פון אַ 3 און האַלב־מיליאָנעדיקן קיבוץ וועגן אויסלייזונג, וועגן אַ נאָרמאַל, מענטשלעך ווירדיק לעבן אין דער אייגענער היים, נישט מקוים געוואָרן...

ושירת חייהם באמצע נפסקה. און דאָס ליד פון זייער לעבן איז אינמיטן אָפּגעהאַקט געוואָרן...

## דער דריטער יאָרטאָג פון דער מלחמה

### דינסטיק, 1. סעפּטעמבער.

היינט דער דריטער יאָרטאָג פון מלחמה-אויסברוך. 3 יאָר. די אָפּקלאַנגען פון י ע נ ע ר מלחמה דערגרייכן אונדז ווי עפּעס פון אַן אומדערגרייכבאַרער ווייטקייט (יענע, ד. ה. די מלחמה פון דער וועלט מיט דייטשלאַנד). ווי פון עפּעס נישט רעאַלע וועלטן. נישט וועגן אונדז ווערט זי געפירט. מיר זענען שוין סיי ווי סיי פאַרלוירן. אונדז וועט זי שוין נישט העלפן, נישט ראַטעווען. מיר שפּירן די באַנגעטן פונעם שונא אַקעגן אונדזערע ברוסטן. צוויי דריטל פון אונדזער יידישן קיבוץ אין וואַרשע איז שוין געפאַלן אין אומגליקלעכן קאַמף. און דער שונא האָט זיין בלוט-דורשטיקייט נאָך אַלץ נישט געזעטיקט...

וואָס האָב איך דערפון, — זאָגט מיר דער העברעאישער שריפטשטעלער מ. ט ש ו ד נ ע ר, אַז מ׳וועט מיר אַריינשרייען אין קבר: היטלער איז באַזיגט געוואָרן; אַז איך וועל שוין נישט זיין דערביי. איך וויל אַליין דערלעבן, זעען...

כ׳דערמאָן זיך דעם מלחמה-אויסברוך אין 1939. מ׳האָט געפילט, פאַרשטייט זיך, אַן אומרואיקייט, שרעק פאַר דעם באָמבאַרדירן, אָבער איך האָב דעמאָלט פעסט געגלויבט, אַז מיר וועלן אויך דעם דאָזיקן וועלטשטורעם איבערדויערן, ווי מיר האָבן נישט איינעם איבערגעדויערט, און מיר וועלן אַרויסגיין פון אים געשטאַרקט, באַפרייטע פון גלות, און — איך בין עס געוועזן פעסט איבערצייגט — מיט אַ יידישער מלוכה. מיר וועלן ענדלעך צוריק באַקומען אַ היים, אַ פאָטערלאַנד, אונדזער פאָטערלאַנד.

און איצט? צי וועט עס נאָך אַמאָל מקוים ווערן? צי איז עס נאָך מעגלעך? נאָך דעם ווי דאָס פּוילישע יידנטום, דער גרויסער צענטער און רעזערוואַר פון אונדזערע נאַציאָנאַלע כוחות ליגט חרוב?

„ארץ כי תחרב יבואו בניה ויבנוה, עם כי יחרב מי יבנהו?״ —



די „טראַנספּאָרט-מיטלען" אין וואַרשעווער געטאָ

לינקס געפינט זיך הרב שטאָקהאמער

דערמאָן איך זיך אַ זאָץ פון אחד העם. „אַ לאַנד אַז ס'ווערט חרוב, קומען זיינע זין און בויען עס אויף, — אַ פאָלק, אַז ס'ווערט חרוב, ווער וועט עס אויפבויען?

:: :: ::

האַלב צוועלף אַזייגער ביינאַכט אַ לופט־אַלאַרם. די שטאָט באַלויכטן מיט ראַקעטן, שוין לאַנג נישט געווען קיין באָמבאַרדירונג אין ווארשע. זייט 1939 ס'ערשטע מאָל. פאַלן באָמבעס, איינע נאָך דער אַנדערער. גאָר נאָענט. די ווענט ציטערן, שויבן פאַלן אַרויס פון די פענצטער, אָבער אַ וואונדער! נישטאָ ביי אונדז קיין פחד! נישטאָ קיין מינדעסט געפיל פון שרעק. פאַרקערט, ס'באַהערשט אונדז עפּעס אַן אָנגענעם געפיל. עפּעס אַן אומבאַשטימטע האָפענונג. יעדער טראַכט זיך: זאָלן פאַלן די באָמבעס, אַ סך, אַ סך! זאָלן אַלע אומקומען, אויך מיר, אָבער אויך אונדזערע רוצחים. די באָמבעס מאַכן דאָך נישט קיין סע־לעקציע... זיי וועלן דאָך נישט אויסוויילן בלויז יידן...

און די באָמבעס פאַלן... אפשר וועלן זיי טרעפן אין דער „פאַרניכ־טונגס־קאָמאַנדע", אפשר איז עס גאָר ספּעציעל אונדז צו באַשיצן, ראַ־טעווען, באַפרייען?... זאָלן פאַלן באָמבעס וואָס מער, וואָס מער, רבונו של עולם! גאָט, שיק אויף זיי דיין שטראָף. ס'קלינגען מיר אין די אויערן די ווערטער פון תהילים:

„ה' הט שמיך ותרד, גע בהרים ויעשנו. ברוק ברק ותפיצם, שלח חציך ותהומם... והצילני ממים רבים מיד בני נכר..."

„גאָט! פאַרנייג די הימלען, זאָלן זיי אַראָפּפאַלן, ריר אויף די בערג זאָלן זיי רויכערן. שיק דיין בליץ און צעשפּרייט זיי, — שיק דיינע פיילן און צעטומל זיי... און ראַטעווע מיך פון גרויסע וואַסערן, פון די הענט פון פרעמדע..."

קיינער פון אונדז פילט נישט קיין מינדעסטן פחד, נאָר אַן אינער־לעכע צופרידנקייט; זאָלן די באָמבעס פאַרניכטן, אַלץ און אַלע...

:: :: ::

די באָמבעס זענען געפאַלן אויסער דער געטאָ און אויך אין געטאָ. אויף דער פאַוויע־גאַס און אויף דעם הויז דזשיעלנע נומער 7, אויף דער שול „מוריה״. ס׳זענען אנטשטאַנען שריפות, וועלכע זענען פאַרלאָשן געוואָרן. קיין קרבנות אין מענטשן איז אין געטאָ נישט געווען.

# בשורות טובות

**מיטוואָך, 2. סעפּטעמבער.**

אַן אויפלעבונג היינט אין געטאָ. אַ גוטער טאָג היינט. אָנגעקומען בשורות טובות. פונוואַנען? פון וועמען? ווייסט מען נישט. אָבער קיינעם פאַלט נישט היינט איין צו צווייפלען. אַלע „ווייסן״:

— אַמעריקע וועט אַלע יידן, וואָס זענען פאַרבליבן אין וואַרשעווער געטאָ, אנערקענען פאַר אמעריקאנער בירגער (טייל גיבן איבער: „אַלע יידן פאַרבליבענע אין פוילן״).

— ענגלאַנד האָט אַלע יידן אין פוילן אנערקענט פאַר ארץ־ישראל־בירגער.

— אינגיכן קומט פאָר אַן אויסטויש פון די פוילישע יידן אַקעגן דייטשן, וואָס געפינען זיך אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד.

— פּרעזידענט רוזוועלט האָט היינט דערקלערט, אַז ער וואָרנט די דייטשן קעגן דעם פאַרטיליקן די יידן אין פוילן. די דייטשן אין אַמעריקע וועלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם גורל פון די פאַרבליבענע יידן אין פוילן.

די דאָזיקע ידיעות גייען איבער פון הויז צו הויז, פון שטוב צו שטוב, פון מויל צו מויל. אַ שטראַל פון האָפענונג אין דער געטאָ־פינצטערניש. מ׳קאָמענטירט די ידיעות. אין ביוראָ (ביים קהילה־אַרכיוו) אַנטוויקלט זיך אַ ברייטער שמועס. מ׳דערמאָנט זיך, אַז אין ענגלישן פּאַרלאַמענט איז אין יאָר 1937 אַריינגעטראָגן געוואָרן אַן ענלעכער פאָרשלאַג, וועלכער איז אַפילו שוין געוואָרן אָנגענומען, נאָר איז נישט דורכגעגאַנגען דורך דער באַריערע פון די לייזונגען און צום סוף נישט צושטאַנד געקומען.

ד״ר יצחק שיפּער, דער געשוווירענער אָפּטימיסט, אַנאַליזירט די דאָזיקע ידיעות יורידיש (ער דערמאָנט זיך, אַז אייגנטלעך איז ער דאָקטאָר

פון רעכט) און קומט נאטירלעך צו דער מסקנה, אז די זאך איז יורידיש אויסגעהאלטן. דאן נעמט ער זיך באהאנדלען דעם ענין פאליטיש (דער־מאנט זיך, אז ער איז געווען סיים־דעפוטאט) און ווידער דער זעלבער פועל־יוצא: פאליטיש איז עס נישט נאר מעגלעך, נאר אפילו ווארשיינ־לעך. דאן הייבט ער אן צו ברענגען היסטארישע פרעצעדענסן (דערמאנט זיך, אז סוף כל סוף איז ער דאך א היסטאריקער) און באווייזט, אז שוין געווען אזעלכע פאקטן. ענדלעך נעמט ער רעדן אלס יידישער כלל־טוער (ער האט אויך נישט פארגעסן, אז ער איז דער פרעזעס פון דער ציונים־טישער ארגאניזאציע אין פוילן) און ווייזט אויף, אז יידישע פערזענלעכ־קייטן אין דער וועלט וועלן נישט רוען, וועלן מרעיש עולמות זיין, האבן זיכער שוין אויפגערודערט די וועלט, אמעריקע, ענגלאנד (ס'פאלן נעמען: וויצמאן, בן־גוריון, גרינבוים, לאסקי), אלארמירט דאס געוויסן פון די גרויסמאכטן און פעלקער. אויסגעפועלט אט דאס וואס מיר הערן. אלזא די ידיעות זענען ריכטיקע, הונדערט פראצענטיק זיכערע. קיין צווייפל.

עס סעקונדירט אים ד"ר עדמאנד שטיין, דער רעקטאר פונעם יודא־איסטישן אינסטיטוט אין ווארשע. די יידישע וויסנשאפטלער — זאגט ער — האבן זיכער באיינפלוסט די מלוכה-מענער אין אמעריקע און ענגלאנד. ער באווייזט, אז די וועלט ווייסט וואס ס'איז געשען און — רעאגירט.

— אונדזער רעטונגס־רוף —זאגט דר. שטיין — איז נישט געבליבן אן ענטפער. נאך דא א געוויסן אויף דער וועלט. נאך דא מענטשלעכקייט.

— וויפל יידן וועלן נאך אין ווארשע געראטעוועט ווערן? — שטעלט זיך א פראגע. רעכנט מען, רעכנט מען, ביז מען דערגייט צו דעם ציפער: 45 טויזנט.

— קומט יהודה לייב ארלעאן, און דערמאנט א פסוק אין ישעיהו: „ועוד בה עשיריה והיה לפליטה" (און נאך א צענטל וועט זיין צו אן אי־בערבלייבעניש) אלזא: דער חשבון שטימט. געווען אין ווארשע 450 טויזנט יידן, זענען געבליבן א צענטל: 45 טויזנט, און דאס צענטל וועט געראטעוועט ווערן; ועוד בה עשיריה...

דערמאן איך אן אנדערן פסוק אין עמוס:

כי כה אמר ה' העיר היוצאת אלף תשאיר מאה והיוצאת מאה תשאיר

עשרה לבית ישראל (עמוס ה׳ ג). ווייל אזוי זאָגט גאָט: די שטאָט וואָס גיט אַרויס טויזנט מענטשן וועט בלייבן הונדערט און יענע וואָס גיט אַרויס (באַזיצט) הונדערט מענטשן, וועט בלייבן צען פאַרן הויז ישראל״ — אַלזאָ געני 10 פּראָצענט*).

פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן האָט אפילו געפּרווט אַריינוואַרפן זיין פּעסימיסטישן צווייפל: — „איך גלויב נישט״ — זאָגט ער, — אין געוויסן פון דער וועלט; „איך וויים, וואָס דאָס איז, איך וועל עס אלנפאלס נישט דערלעבן״, האָט ער איבערגעחזרט צום ווייפלטן מאָל.

הרב מנחם זעמבא באַמערקט, אז דאָס האָבן זיכער די רבנים אויסגעפּועלט; ער קען אַ סך רבנים אין דער וועלט, וועלכע האָבן זיכער נישט גערוט און איינגעריסן וועלטן. זיי האָבן עס באַשטימט אויסגעפּועלט.

ד״ר שיפּער לייקנט נישט, נאָר ער פּרווט דערמאָנען די נעמען פון משיח־ראַביי ד״ר הערץ, פון ראַביי סטיפען ווייז.

— וואָס איז די נפקא מינה, — מאַכט אַ פּשרה הרב שמשון שטאָקהאַמער, — אבי מ׳טוט ענדלעך עפּעס פאַר אונדז. ווער עס טוט איז תבוא עליו ברכה. איבעריקנס — זאָגט ער, איז ער איבערצייגט, אַז אַלע טוען, אַלע יידן מיט וואַרעמע הערצער. וואָרום ווי איז עס מעגלעך אַז אַ ייד אין דער וועלט זאָל בלייבן רואיק, זאָל נישט דורכברעכן מויערן און ראַטעווען דאָס שארית הפליטה? ווי איז עס מעגלעך?...

אין מיר דערוועקט זיך מיין אַלט פאַך, אַ זשורנאַליסט דאַרף געווען, — און וויל דערגיין פּרטים און — וואָס נאָך וויכטיקער — (איך בין דאָך געווינט נאָכזוכן אין די אַרכיוון) זוך איך דעם מקור, די קוועלע: פון וואַנען קומט די דאָזיקע ידיעה? איינער זאָגט מיר, אַז דאָס האָט בי.בי.ס. (ענגלישער ראַדיאָ) איבערגעגעבן. ווער האָט עס געהערט? כ׳ווענד זיך צום „הויפּט־ליפעראַנט״ פון די ראַדיאָ ידיעות ה׳ פּאַפּאַווער, דער קהילה־

---

*) שפּעטער, ווען איך האָב אַלאַרמירט אין בריוו די יידישע וועלט וועגן דער אומגליק, האָב איך טאַקע באַנוצט דעם דאָזיקן פּסוק אַלס שיפער (דער בריוו איז דורך די דייטשע צענזור) שרייבנדיק: „פריינד האָט אונדז אין זיין שרייבן פונעם 5. 3 (דער נומער פונעם אויבן ציטירטן קאַפּיטל און פּסוק) געלאָזט גרוסן״... ד״ר י. אייז פון ציריך, האָט מיר דאַן געענטפערט, אַז ער פאַרשטייט דעם מיין. ד. ה. אַז ס׳זענען געבליבן בלויז — 10 פּראָצענט יידן אין וואַרשע.

בוכהאַלטער. ער ווייזט מיר אָן די קוועלע: ד״ר וויעליקאָווסקי, ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז ס׳זענען פאַרביטן געוואָרן נעמען, נישט ד״ר וויעליקאָווסקי, דער אַדוואָקאַט, נאָר ד״ר מיליייקאָווסקי, דער מעדיקער. יענער ווידער שיקט מיך צו אַ צווייטן, דער צווייטער צו אַ דריטן, ביז — דער קרייז פאַרמאַכט זיך....

צום סוף ווייס איך נישט, — (קיינער ווייסט נישט) — פון וואַנען כ׳קומען אָט די גוטע ידיעות. פאַרנאַכט גיי איך אַ היים מיט אַ ליידיקייט אין מח און פוסטקייט אין הארצן: דאַכט זיך, אַז דאָס איז איינס פון יענע ידיעות, וועלכע אַנטשטייען אויפן באָדן פון פרומע ווונטשן, און וואַקסן אונטער דעם באַפרוכפּערנדיקן רעגן פון האָפענונגען, אילוזיעס, גענערט דורכן זעלבסט-דערהאַלטונג־אינסטינקט.

אין אָוונט זענען שוין אַלע „בשורות טובות״ פאַרוועלקט. אַ קיקיון דיונה, נישט מער ווי איין־טאָג־פלאַנץ. און מ׳קערט זיך ווידער אום צום גרויען האָפענונגסלאָזן פאַרשקלאַפטן וועגעטירן, מיט איין האָפענונג: אַרימער און איין אַנטוישונג רייכער...

##ביינאַכט אויפן קהילה-הויף

מיר האָבן באַשלאָסן וויכטיקע דאָקומענטן, באַריכטן פון געטאָ, פון דעפּאָרטאַציעס, ווערטפולע מאַנוסקריפּטן, ווי כתבי יד פונעם פּראָפּ. באַ־לאַבאַן, פון יעקב בן־יעקב, פונעם גערער רבין, פונעם הרב מלאדי ר׳ שניאור זלמן, א.ד.גל. שאַפונגען פון יידישע שרייבער אין געטאָ, דאָס אַלעס פאַרגראָבן אין דער ערד. מיר זוכן אויס אַ פּאַסנדיק אָרט אין קהילה-הויף. אַזייגער צוויי ביינאַכט טראָגן מיר אַרויס פאַרזיכטיק צוויי גרויסע זעק מיט פּאַפּירן. מיר זענען עטלעכע מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט די דאָזיקע ענינים, ד״ר טולאָ נוסענבלאַט, נחום רעמבא, שמואל האָרענשטיין, ד״ר שמואל שימקעוויטש, ד״ר נחמן קאָוואַלסקי, מאַגיסטער ראַפּין און איך. מיר טראָגן אַראָפּ די זעק שטילערהייט, הערן זיך איין אין פּחד אין יעדן שאָרך, אין יעדן באַוועגן זיך פון אַ בלעטל. ווען מיר געפינען זיך שוין אין הויף, הערן מיר שטילע טריט, דאָס האַרץ בלייבט שטיין שטיל ביי אונדז. מיר בלייבן פאַרשטאַרצט אויפן אָרט און האָרכן זיך איין וואָס

ס׳וועט זיין ווייטער. די שריט דערנענטערן זיך. ווער קען עס זיין אזוי שפעט ביינאכט? די שריט זענען ווי מיר שטעלן פעסט: נישט קיין דייטשע. נישט קיין שווערע, חוצפהדיקע, האפערדיקע; נאר שטילע, דערשראקענע. מיר לאזן שטיין די זעק אויף דער ערד, מיר טוען אויס די שיך און נעמען זיי אין די הענט אריין, און שטיל, אין די זאקן, אין שרעק, לאזן מיר זיך צוריק ארויפגיין אין ארכיוו אריין.

פלוצים באמערקן מיר פון דער ווייטנס דריי געשטאלטן, וואס דער־נענטערן זיך צו אונדז. זיי זענען אריינגעקומען אין קהילה-הויף נישט דורכן טויער, — וועלכער איז פארשלאסן, — נאר דורך דער וואלינסקע־גאס; זיי קומען אן. פון דער ריכטונג פון דער עפענונג פון יענער זייט. מיר אבסערווירן זיי. זיי דערנענטערן זיך אלע מאל מער צו אונדז. איך אונ־טערשייד שוין אין דער פינצטערניש; זיי טראגן יידישע היטלעך, לאנגע קאפאטעס און פיאות. דאס זענען ישיבה־בחורים (ווארום נאר זיי האלטן זיך ביז היינט ביים יידישן לבוש). איך פרעג: „ווער איז דארט?״ זיי ענטפערן נישט. איך חזר איבער די פראגע; אבער אן רעזולטאט. איך גיב א זאג: „דא הלל זיידמאן, — וואס ווילט איר?״ דעמאלט ערשט קומען זיי צו נאענט צו מיר. כ׳גיב א קוק: אויסגעמאגערטע איינגעפאלענע פנימער, אין די אויגן א פחד, אבער גלייכצייטיק אנטשלאסנקייט. זיי דערציילן אונדז דעם צוועק פון זייער נאכט־באזוך:

זיי זיצן אין א בונקער. זיי לערנען. זיי זענען פונעם קיבוץ פון ר׳ אברהמל וויינבערגער (דער באקאנטער ווארשעווער רב, וועלכער איז דע־פארטירט), וואס געפינט זיך איצט אונטער דער השגחה פונעם קאזעגלא־ווער רב, הרב יהודה לייב פראמער, דער ראש הישיבה פון דער לובלינער ישיבה.

זיי לערנען אויף מילע 14, אייגנטלעך א ו נ ט ע ר מילע 14, ווייל זייער „בונקער״ געפינט זיך טיף אונטער דער ערד. האט זיך זיי אויסגעלאזט די לעבנסמיטל. שוין זייט א וואך, זייט ס׳איז געווארן אומ־רואיק אין געטא, גייען זיי נישט ארוים בייטאג. זיי זענען דאך ווילדע, זיי באזיצן דאך נישט קיין „נומערן״; האבן זיי מורא ארויסצוגיין בייטאג. גייען זיי ארוים אינמיטן דער נאכט זוכן שפייז. זיי גייען אין פארלאזטע, אויסגעליידיקטע יידישע הייזער. די איינוווינער, וועלכע זענען דעפאר־

טירט, האָבן זייער אַפּט איבערגעלאָזט אין זייערע װױנונגען שפּייז־רעזערװן, מעל, קאַרטאָפל, קאַשע א.ד.גל. װילן זײ זוכה זײַן מן ההפקר.

זיי װענדן זיך אויך צו די יידישע איינװױנער, װאָס באַזיצן שפּײַז־רעזערװן, און זיי באַקומען אָפּט. טיילמאָל גיט מען זיי געקעכץ. פאַראַן אייניקע יידישע פרויען, װאָס נעמען פאַר זיי צוזאַמען, קאָכן און באַקן פאַר זיי װאָס ס'לאָזט זיך און װאַרטן, זיי זאָלן קומען אָפּנעמען דאָס עסנװאַרג. זיי, די ישיבה־בחורים, גייען אַרויס ערשט אַרום 1 אָדער 2 ביינאַכט. אמת, ס'איז פאַרבאָטן זיך צו װייזן אויף דער גאַס נאָך זיבן אַזייגער אָװנט; אָבער װאָס גייט עס זיי, די ישיבה־בחורים אָן? זיי זענען דאָך סיי װי אומלעגאַל, סיי װי פאַראורטיילט... איז פאַר זיי באַקװעמער טאַקע אַזייגער 2 ביינאַכט. דעמאָלט זענען שױן די דייטשע מערדער אויך מיד... אין דעם קיבוץ זענען דאָ 19 בחורים. יעדע נאַכט גייען אַרויס צװיי אָדער דריי אַנדערע גרופּן צו דריי, זוכן עסן פאַר אַלע. דאָס איז דאָס איינציקע מיטל נישט אויסצוגיין פאַר הונגער.

פאַראַן אפילו אין שכנות, נאַלעװקי 38 אַ פּאָלקס־קיך. מ'װאָלט זיי געגעבן עסן. עס איז אָבער נישט כשר. אמת, אַז אַ טייל פון זיי, די באַזונדערס אָפּגעשװאַכטע, האָב אַ רב, אַ בר סמכא, מתיר געװען, צו עסן פון דער זופּ, — זאָגן זיי מיר, „מוזן מיר דען טאָן אַלץ װאָס מען מעג?" זאָגן זיי. איבעריקנס, איז נישט בלויז אַן ענין פון כשרות. מאכלות אסורות, אַ קלייניקייט? לויטן רמב"ם איז עס דאָך מטמטם את הלב... מ'װעט זיך שױן אַזוי אויך אַן עצה געבן, — איר זעט דאָך... אַ גוטע נאַכט! ניין! אַ גוטן טאָג! װאָרום ס'איז שױן באַלד טאָג...

...און די נאַכט־געשטאַלטן פאַרשװינדן אין דער טונקלקייט.

מיר בלייבן שטיין פאַרגאַפט. טולאַ נוסענבלאַט איז גאַנץ אויסער זיך; ער איז אַ מענטש פון גרויסער עמפּינדלעכקייט, די דאָזיקע יונגע מענטשן האָבן אויף אים געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק. ער גיט אַ זאָג צו מיר:

— בלויז דורות פון יידן, װאָס האָבן זיך מוסר נפש געװען פאַר תורה און אמונה, האָבן געקענט אַרויסגעבן אַזעלכע געשטאַלטן. די אַלע דערציילונגען, װאָס איך האָב װען ס'איז געלייענט װעגן קדוש השם, װעגן מסירת נפש, װעגן אנוסים און קדושים, זענען פון היינט אָן פאַר מיר אַ לעבעדיקע װירקלעכקייט. איך האָב זיי געזען מיט מיינע אייגענע אויגן...

:: :: ::

מיר קערן צוריק צו אונדזער ארבעט. אבער עפעס גייט צו די ארבעט שלאבריק, אן חשק. מיר זענען אלע אונטערן איינדרוק פון דער פלוצימ־דיקער דערשיינונג. א דערשיינונג פון אנדערע צייטן, פון אן אנדערער וועלט...

## צוריקגעקומען פון טרעבלינקע

### דאנערשטיק, 3. סעפטעמבער.

היינט א וויזיט געהאט, א „גאסט" געקומען צו פארן. ער קומט אריין אין מיין ביורא, אן אפגעריסענער, אויסגעמאגערטער, אין די אויגן א סודותדיק פייערל. כ'קען אים פון לאנג: יעקב ראבינאוויטש — הייסט ער. א זון פון פארטשעווער רבין, און א ברודער פונעם יונגן מונקאטשער רבין. אליין א יונגערמאן פון א יאר 25, א בן תורה, געלערנט אין א ישיבה, געווען מיטגליד פון דער רעליגיעזער ארגאניזאציע „הבונה" אין ווארשע, געוווינט אויף דער גענשע נומער 7. הא? וואס? כ'האב דאך געהערט, אז מען האט אים דעפארטירט. איז עס ניט אמת? פון וואנען קומט ער אהער?

ער ענטפערט ניט אויפן ארט, קוקט אויף מיר ווי פארוווּנדערט, און טוט א זאג:

— „פון דארטן"...

כ'ווייס נאך נישט קלאר, וואס ער מיינט, נאר אינסטינקטיוו גיב איך אים א פרעג:

— פון טרעבלינקע?

— יא, — פאלט אן ענטפער.

כ'דערמאן זיך, אז כ'האב געהערט דערציילן, אז עמיצער איז צוריק־געקומען פון „דארטן", און דערציילט וואס דארט קומט פאר. אלזא דאס איז ער. כ'וויל נישט מיט אים רעדן ביי מיר אין ביורא (ער איז אויך שטארק צוריקגעהאלטן, שווייגנדיק), צו פיל אנגעשטעלטע דא, וואס האבן נאענטע דעפארטירטע „נאך אסטען". כ'שמועס זיך מיט אים אפ אויף אין אוונט ביי מיר אין דער וווינונג; ער קומט, און אט וואס ער דערציילט: (כ'האב אלעס גענוי ווערטלעך פארנאטירט, זאל עס בלייבן לזכרון):

— ווי איר ווייסט, בין איך געכאַפּט געוואָרן ביי אַ „בלאָקאַדע" פון דעם „שאַפּ" לאַנדוי אויף גענשע. באַלד ווי מיר זענען געקומען אויפן „אומשלאַג" (די געטאָ־באַן־סטאַנציע פון וואַנען מען האָט דעפּאָרטירט די וואַרשעווער יידן), האָט מען אונדז אַריינגעפּירט אין די וואַגאָנען, וועל־כע זענען שוין געשטאַנען גרייט. פּי־וואַגאָנען זענען דאָס געווען. 100 מענטשן לערך אין אַ וואַגאָן. יונגע, אַלטע, מענער, פרויען, קינדער, קראַנקע, געזונטע, — אַלע אָנגעשטאָפּט אין וואַגאָן. די ענגשאַפט איז שרעקלעך. די היץ נישט צו דערטראָגן. מ'איז געשטאַנען געפּרעסט איינער צום אַנדערן. נישט געקענט זיך רירן, נישט געקענט באַוועגן מיט קיין שום אבר. דער שוויים האָט פון אונדז גערונען. שווער געווען אָפּצואָטע־מען, איך פיל אַ שרעקלעכן דורשט. דער גומען איז פאַרטרוקנט. די ליפּן פאַרטרוקנט. דער מח קלערט נאָר וועגן איין זאַך: אביסל וואַסער, אביסל וואַסער... ס'איז אָבער אַן אומזיסטער חלום. נישטאָ קיין ביסל וואַסער. נישטאָ...

— אַזוי זענען מיר געשטאַנען בערך 4 שעה. ביז וואַנען וועט מען אונדז דאָ אַזוי האַלטן? וועט עס נאָך לאַנג דויערן? וועלן מיר נאָך לאַנג אויסהאַלטן- אָט דאָס זענען געווען די פראַגן, וועלכע האָבן אונדז גע־בוירערט דעם מח. נעבן מיר זענען געשטאַנען אַ פרוי און דריי קינדער־לעך. אַלע האָבן געוויינט, יעמערלעך, פאַרצווייפלט. דאָס קלענסטע פון אַ 2 יאָר האָט ניט אויפגעהערט איבערצוחזרן אויף פּויליש „פּיטש, פּיטש" (טרינקען, טרינקען). כ'האָב שוין פאַרגעסן אין מיין אייגענער דורשט און גענומען טראַכטן, ווי נעמט מען אַ ביסל וואַסער פאַר דעם פאַרחלשטן עופעלע? כ'פיל, אַז כ'וועל עס נישט איבערהאַלטן. כ'קען נישט צוזען דעם צער פונעם קינד. וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? אָבער דער וואַגאָן איז פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן פאַרבלאָמבירט. בלויז דורך דעם שמאָלן פענצ־טערל, צו וועלכן אונדזערע קעפּ דערגרייכן קוים, דרינגען דורך עטלעכע שטראַלן און — די געוויינען און יאָמערן פון ווייבער און קינדער, וועלכע מ'טרייבט אין די וואַגאָנען. איינער וואָס שטייט נעבן מיר, פּראָפּאָנירט מיר אַ קוק צו געבן דורכן פענצטערל, וואָס ס'טוט זיך אין דרויסן. איך שטעל זיך אויף אויף די אַקסלען פון מיין שכן און — פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט זיך אַ גרוילעך בילד.

— דער גאַנצער גרויסער פּלאַץ איז שוואַרץ פון מענטשן, טויזנטער, טויזנטער, אין פאַרצווייפלטן געשטופעריי באַלאָדן מיט פּעקלעך, מיט קינדער, געטריבן פון ס.ס.-לייט און אוקראַינישע מיליציאַנטן, וועלכע צעלאָזן זיך, יעדעס מאָל מיט ווילדע געשרייען און געשלעגערייען. די אַלע יידן ווערן געטריבן אין די וואַגאָנען. — שנעלער, שנעלער, — שרייען די רוצחים, טרייבן, יאָגן, שלאָגן די וואָס קענען נישט לויפן אַזוי גיך.

— איך קען נישט מער קוקן, כ׳לאָז זיך אַראָפּ אויף דער ערד. בעסער דאָ אין ענגשאַפט, איידער צו זען דאָס דאָזיקע בילד אין דרויסן. שטיי איך שוין ווידער אַזוי, און אין מח גייען אַ דורך די נאָר וואָס געזעענע סצענעס. ווי לאַנג וועט מען נאָך אַזוי שטיין?

— ענדלעך, נאָך אַן ערך 4 שעה, רירט דער צוג. מ׳פאָרט. הגם, יעדער פילט וווהין, שפּירט מען ווי אַ דערלייכטערונג. זאָל זיין וואָס ס׳מוז זיין, אַבי שנעלער, אַבי אַ סוף זאָל עס נעמען. ס׳איז פאַרנאַכט צו, די זון ברענט שוין נישט אַזוי. ס׳איז ווייניקער אַביסל הייס און באַלד דערשפּירט זיך אַ פריש ווינטל, אַ ריח פון פעלדר. מ׳דערמאָנט זיך, אַז ס׳איז דאָ אַ וועלט, אַ פרייע, אַ שיינע; אַ נאַטור, וואָס בליט, לאַכט, פרייט; פאַראַן פעלדער, אַ פרייע, אַ שיינע; אַ נאַטור, וואָס בליט, לאַכט, דערפרייט; פאַראַן פעלדער, וועלדער, גערטנער, ביימער, פלאַנצן, פייגל. פאַראַן אַ וועלט, אַ ברייטע, אַ פרייע.

— כ׳פיל שוין נישט קיין ענגשאַפט, כאָטש ס׳איז גאָרנישט לויזער געוואָרן, כ׳פיל שוין נישט קיין הונגער און דורשט, הגם זיי זענען גאָרנישט געשטילט געוואָרן; כ׳שפּיר בלויז אַ מין לעבנס-דראַנג... קיינמאָל האָב איך נאָך נישט געשפּירט אַזאַ שטאַרקן ווילן צום לעבן, אַזאַ חשק צום לעבן, ווי היינט, ווי אָט דאָ... דווקא איצט, — ווילט זיך אַזוי לעבן...

— כ׳טראַכט שוין נישט וועגן שטילן דעם דורשט, דעם הונגער, נאָר — ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך? ווי אַזוי אַנטלויפט מען? איך האַלט אין איין איבערחזרן:

— איך וויל לעבן. איך וויל לעבן.

— מיר פאָרן פּאַמעלעך, פּאַמעלעך. מ׳האָט צייט, מ׳וועט נישט פאַרשפּעטיקן... אונדזער צוג שלעפּט זיך שלעפעריק. שטייט אויף סטאַציעס שעהן-לאַנג. וווהין פאָרט מען? געגנו ווייסט קיינער ניט. אָבער אין יעדנס

מח בויערט דאָס וואָרט: טרעבלינקע. דערווייל קומען פאַר אין דעם פאַר־מאַכטן וואַגאָן „געשעעניש‟. אַן עלטערער ייד איז אַוועקגעפאַלן חלשות. מ׳פּרוווט אַביסל ראַטעווען. אומזיסט: טויט. מ׳באַדויערט נישט, אדרבא, טייל זענען אים מקנא: אָפּגעקומען זיינס. שוין איבערגעקומען. באַשערט אים זיך נישט צו מאַטערן. א מזל פון א יידן... זאָגט איינער. „יידיש מזל‟, באַמערקט אַ צווייטער. באַלד הייבט אָן אַ פרוי היסטעריש צו לאַכן און וויינען צוזאַמען: א שגעון־אָנפאַל. א יונגערמאַן פאַלט אַוועק א באַ־וווסטלאָזער. מ׳ראַטעוועט אביסל — דאָס ראַטעווען באַשטייט אין טרייס־לען מיטן קערפּער — ער לעבט נאָך. באַשערט אים זיך נאָך צו פּלאָגן. די צוויי קינדער נעבן מיר הערן נישט אויף יאָמערלעך צו בליפּען; דאָס וויינען ווערט אַלע מאָל שוואַכער, ביז ס׳גייט איבער אין שטיל קרעכצן...

— מיר פאָרן.. כ׳פאַרליר דעם חשבון פון צייט; כ׳ווייס נישט ווי לאַנג די רייזע דויערט. ס׳פאַלט צו די נאַכט. אַן אומהיימלעכע נאַכט. פאַר־טאָגס זענען מיר אויפן אָרט. מ׳איז לאַנג געפאָרן, אָבער נישט געמאַכט קיין גרויסן וועג. א בליק אויף דער אויפשריפט אויף דעם באַראַק: טרעב־לינקע.

— מיר זענען אַלזאָ ביים „ציל‟. מ׳שטייט נאָך אַן ערך אַ האַלבע שעה, דאַן גיבן זיך אַ פּראַל אויף די טירן פונעם וואַגאָן און ווילדע גע־שרייען טרייבן: „הערויס! הערויס!‟ — דייטשע זעלנער פון דער ווער־מאַכט, פון ס. ס. טרייבן, יאָגן, וווהין? מ׳הערט עפּעס „באַדען‟. דאַן יאָגט מען אַלע אין א גרויסער האַלע אָן פענצטער, בלויז מיט צוויי טירן, ס׳פאַלט אַ באַפעל „ענטקליידען... צום באַדען‟... מ׳וואַרפט אַראָפּ פון זיך דאָס אָנטועכץ; איך טו עס אביסל פאַמעלעך, כ׳איל זיך נישט. אַלע פירן אויס דעם באַפעל גלייכגילטיק, אַפּאַטיש, „נאַטירלעך‟. אַלע זענען שוין אויסגעטאָן. איך האָב בלויז אַראָפּגענומען פון זיך דעם אויבערמאַנטל און אויפגעבונדן די שיך. באַלד הייבט מען אָן טרייבן די מענטשן אין אַן אַנדערע שכנות־דיקע האַלע. אויף איין מאָל באַווייזט זיך פאַר דער טיר אַן אָפיציר פון ס. ס. און רופט אַרויס אייניקע פון אונדז; די יינגערע, די נאָך אָנגעטוענע; און מיך צווישן זיי.

מ׳פירט אונדז אַרויס פון דער געביידע און מ׳לאָזט אונדז — אַכט זענען מיר געווען — אונטערוואַרטן אין דרויסן. מיר קוקן זיך אַרום: פאַר

אונדזערע אויגן שפּרייט זיך אויס אַן אַרומגעמויערטער גרויסער שטח, אויף וועלכן ס׳געפינען זיך פיר לאַנגע הילצערנע געביידעס, באַראַקן, אָן פענצטער. די דעכער זענען שיפּע, געדעקט מיט הילצערנע שינדלען. מיר שטייען אַזוי איבער אַ צוויי שעה. אין אַ געוויסן מאָמענט הערן מיר יעמערלעכע געשרייען, געוויינען, גוואַלדן. דער מח אַרבעט נישט מער. דאָס האַרץ פאַרקילט אין אונדז. בלויז אין אונדזערע אויערן עגבערט דאָס גרוילעכע געשריי... ס׳האָט נאָך נישט אויפגעהערט אין מיר צו הילכן זייט דער דאָזיקער שרעקלעכער מינוט. ס׳צערייסט מיינע אינערן ביי טאָג און ביינאַכט, אויף דער וואָך און אין שלאָף. ס׳יאָגט מיך און פּייניקט מיך אָן אויפהער: קיינמאָל נישט, קיינמאָל אין לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן יענץ געשריי. קיינמאָל נישט!..

— דאָס האָט אַזוי געדויערט אַן ערך 15 מינוט; דער נאָך איז אַנט־שטאַנען אַ מוראַדיקע שטילקייט. מ׳האָט נישט געהערט מער קיין שום שאָרך. אויך קיינער פון אונדז האָט נישט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט. פּלוצים האָט זיך באַוויזן פאַר אונדז אַ דייטשער אָפיציר און אונדז געהייסן אַריינגיין אין דער גרויסער האַלע, וועלכע מיר האָבן נאָר וואָס געהאַט פאַרלאָזט. זי איז שוין געווען אינגאַנצן ליידיק און פּוסט, בלויז אויף דער ערד און אויף די בענק זענען געלעגן בינטעלעך מיט אָנגעטועכץ, מיט געפּעק. טייל אָנגעטועכץ זענען געווען זאַרגפעלטיק, פּינקטלעך, זויבער צונויפגעלייגט; אויף אַ טייל זענען אַפילו געווען צובאַהעפט צעטלען מיט נעמען פון די אייגנטימער. ביז צו דער לעצטער מינוט האָט מען געגלויבט, געהאָפט. גענאַרט זיך: מ׳וועט נאָך צוריקקומען...

מ׳האָט אונדז באַפוילן צונויפצונעמען די קליידער, שיך און פּעקלעך, זיי צוזאַמענלייגן און זיי אַריינטראָגן אין די נאָר־וואָס אויסגעליידיקטע וואַגאָנען, אין וועלכע מיר זענען געקומען צופאָרן. כ׳טו אַפּאַטיש, וואָס מ׳הייסט מיר. אָן שום ווילן, אָן זין. כ׳ריר זיך ווי אַן אויטאָמאַט. מיין אויפגאַבע איז צונויפנעמען די שיך. כ׳זאַמל די שיך, שיך קליינע, קינ־דערישע, צאַרטע; שיך גרויסע, מענערישע, שיך עלעגאַנטע, לוקסוריעזע, שיך אָפּגעטראָגענע, צעריסענע; שטיוול, הויכע וווּליוונגערישע, טייערע; פּאַנטאָפל, דינע, אויסגעטרעטענע אָרימע שיך... וויפל טריט, יאָגעניש

און לויפעניש זיי האָבן דורכגעמאַכט ביז, ביז זיי האָבן דורכגעשפּאַנט דעם לעצטן וועג...

איך נעם צוזאַמען די שיך. דאַן די קליידער. מ'הייסט מיר זיי פאַר־פּאַקן. ס'אַרבעטן מיט אונדז צוזאַמען עטלעכע פּוילישע אַרבעטער. כ'נוץ אויס דאָס פּאַרקוקן זיך פון אונדזער דייטשן אויפזעער און שטעל אַ פראַגע איינעם פון די פּאָליאַקן: וואָס קומט דאָ פאָר?

— אַזעלכע געשרייען הערן מיר יעדן טאָג, — ענטפערט ער מיר, — עטלעכע מאָל אין טאָג. איך בין שוין גרוי פון אָט די קולות. געוואָלט אַנטלויפן. נישט געקאָנט, אַליין אַ פּאָליטישער אַרעסטירטער. היינט בין איך שוין אַביסל צוגעוווינט... אָבער די נעכט זענען שרעקלעך. ביינאַכט אין חלום הערן מיך נישט אויף צו פּייניקן די קולות...

— נישטאָ וואָס צו רעדן, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט. פון דאָרט — ווייזט ער אויפן באַראַק נומער 3, — קומט קיינער נישט אַרויס אַ לע־בעדיקער... צען טויזנט אַ טאָג, — ענדיקט ער. צען טויזנט — דאָס איז דער „קאָנטינגענט”, אַזוי פיל ווערן פאַרגאַזט טאָג־טעגלעך. זייט וואַכן...

אין דעם מאָמענט גיט אַ בליץ אין מיין מח אַ געדאַנק, אַ באַשלוס: איך גיי נישט מער „אַהין” צוריק... ס'איז געמלעך קלאָר, — אַזוי אינ־פאָרמירט מיך דער פּוילישער אַרבעטער, — אַז נאָכדעם ווי די יונגע יידישע מענער ענדיקן די אַרבעט, ווערן זיי אַריינגעפירט אין דער זעל־בער האַלע און — זיי קומען נישט מער אַרויס. איך קוק אויף דעם טויער פון דער האַלע, כ'פיל, אַז אין קיין שום אָרט איז נישט אַזוי צוגעפּאַסט דאַנטעס וואָרט: „לאָזט אייערע האָפענונגען הינטער זיך”, און כ'באַ־שלים: איך גיי נישט. איך גיי נישט!

אין דער מינוט וואַכט אויף אין מיין פאַרמאַטערטן גוף אַן אומגע־אַנטע ענערגיע. אין אַ געוויסן מאָמענט לאָז איך איבער די שיך און וואַרף זיך איבער איינצופּאַקן די קליידער. איך אַרבעט מיט אַ ווילדן אימפּעט; כ'וואַרף שנעל אַריין די קליידער אין וואַגאָן, ביז ער איז שוין כמעט פול. דאַן גיב איך מיך אַ וואָרף אַריין צווישן די הויפנס קליידער, וואַרף איבער זיך נאָך בינטלעך, נאָך, נאָך, ביז כ'פיל, אַז איך ווער באַלד באַלד דערשטיקט; אָבער גלייכצייטיק דערפיל איך אַ מאָדנע רואיקייט

אין מיינע גלידער. און א געדאנק שפראצט אין מיר אויף: כ׳בין גע־ראטעוועט! כ׳לעב. כ׳בלייב לעבן...

אזוי ליג איך א פארחלשער, ביז כ׳שפיר עפעס א שארפע זאך בוייערן אין די קליידער, שטעכן, זוכן; אבער צו מיר דערגרייכט עס נישט. איך הער א ווילד בייזערן זיך, דייטשע אויסגעשרייען, אבער צו מיר דער־גייט בלויז א שוואך ווידער־קול. כ׳פארשטיי, אז דאס זוכן די דייטשן מיך. כ׳פעל זיי צו דער צאל. אבער כ׳פיל, זיי וועלן מיך נישט אויס־געפינען. דאן ווערט שטיל ארום מיר.

איך ליג אזוי א גאנצן טאג. נישט געגעסן, נישט געטרונקען. אין א געוויסן מאמענט דערגייען צו מיר קולות. דאס איז ניט מער די אויסגע־שרייען פון די דייטשן; דאס איז יענץ געשריי, פון די פארגאזטע, גע־טויטע, דאס גסיסה געשריי, דאס ל ע צ ט ע . . . ווי איז עס מיר גוט באקאנט! ס׳רייסט דורך די וואנט, די הויפנס אנגעטועכץ און דערגרייכט ביז די טיפסטע טיפענישן פון מיין נשמה. א געשריי, וואס פארסמט דאס לעבן. אויף אייביק...

ס׳דויערט אזוי א גאנצן מעת־לעת. כ׳פיל, אז די כוחות גייען אויס. ס׳פאלט אויף מיר א פחד: אויסגיין פון הונגער. אבער פלוצים הער איך א קלאפ: פארמאכט דעם וואגאן. און אין א מינוט ארום: דער צוג רירט איך פאר. ס׳גייט אוועק א האלבע שעה; איך פרוּוו ארויסשטעלן דעם קאפ, א האנט, א פוס. דאן קריך איך צו צו דער טיר: זי איז נישט פאר־שלאסן. א גענוג גרויסע שפארע דערלויבט מיר ארויסצוקוקן; מיר פארן פארביי פעלדער, וועלדער, גערטנער, דערפער; אלץ אזוי אידיליש, רואיק, נאטירלעך. ס׳איז שניט אויף גאטס וועלט. שניידט מען די תבואות אויף די פעטע מאזאווישע פעלדער. די זון איז נישט פארגאנגען. אדרבה, זי שיינט מיט אירע לייכטנדיקע שטראלן. גלייך ווי גארנישט. דער הימל איז נישט פארשווארצט; פארקערט, בלוי און קלאר אן א מינדעסט וואל־קנדל... עולם כמנהגו נוהג. די וועלט גייט זיך איר גאנג. בלויז פאר אונדז איז זי פינצטער. בלויז פאר אונדז גייט זי אונטער... בלויז פאר אונדז...

פלוצים דערזע איך היימישע לאנדשאפטן, ווילעס, וועלדלעך, גערט־נער. דאס איז דאך די געגנט פון אונדזער ווארשע. די אזוי גוט באקאנטע היימישע „דאטשע״־ערטער. קינדער שפילן זיך פאר די הייזער. — איך

שטרענג אָן אַלע מיינע כוחות און גיב אַ רוק אויף די טיר. די שפּאַרע איז איצט גענוג ברייט, איך זאָל קענען אַ דורך. איין שפּרונג — און כ׳ליג אָן אויסגעשפּרייטער אויפן גראָז נעבן די באַן־שינעס. געראַטעוועט! ווי לאַנג כ׳בין אַזוי געלעגן, געדענק איך נישט. כ׳האָב פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין. ערשט אין אָוונט געקומען צו זיך.

— עס איז נישט אינטערעסאַנט ווי אַזוי איך האָב זיך דערנאָך באַהאַלטן ביי קריסטן, און דאַן, נאָך פאַרשידענע פּאַסירונגען, אַנגעקומען צוריק אין געטאָ. דאָס איז נישט וויכטיק. גוט וואָס איך בין דאָ. נאָר מיינט איר, געראַטעוועט זיך? ניין. מיין לעבן איז שוין פאַרסמט, אויף אייביק. ווייל מיינע אויגן האָבן געזען, און מיינע אויערן האָבן געהערט. געזען דאָס ווילדע טרייבן פון צענדליקער טויזנטער מענטשן צום טויט. צום פּאַרגאַז, און געהערט דאָס געשריי פון די גוססדיקע, דאָס לעצטע געשריי... ס׳עגבערט מיר אין מח, אין דער נשמה, ס׳פּייניקט מיך. גיט מיר נישט קיין רו נישט ביי טאָג, נישט ביי נאַכט... איך האָב געזען... איך האָב געהערט...

— וואָרום איך קום פון — טרעבלינקע...

— איך קום פון טרעבלינקע.

:: :: ::

אָט דאָס זענען די רייד פון איינעם, וואָס איז אַנטרונען דורך אַ נס פון „דאָרט". פּאַר מיר אַ יונגער מענטש, אַ געזונטער, — אָבער מיט וויפל יאָר האָט ער זיך געעלטערט אין יענע עטלעכע טעג, אין „יענער" מינוט. אַ מענטש אַ צעבראָכענער, מיט אַן אָפּגעטויטער נשמה. דער יונגער מענטש וועט שוין נישט גלויבן קיינמאָל אין גוטסקייט און מענטשלעכקייט, אין דער וועלט.

מיר קוקן זיך ביידע אין די אויגן. איך זע אין זיינע אויגן עפּעס אַן אומהיימלעך פייערל: דער אָפּגלאַנץ פון יענעם גיהנום. כ׳שפּיר איבער מיר יענעם הויך. דעם הויך פון שרעקלעכסטן טויט. כ׳קען בלויז אויפשרייבן, וואָס כ׳האָב געהערט. נישטאָ מער קיין ווערטער. בלויז וויינען, וויינען ווילט זיך, וויינען אָן אויפהער...

מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה,
ואבכה יומם ולילה את חללי בת עמי...

:: :: ::

נאָך אַ מערקווירדיקן באַזוך נעכטן געהאַט: נאָך 12 ביינאַכט קלאַפּט מען ביי מיר אָן:

מ'דערשרעקט זיך, אָבער מ'הערט באַלד אַ היימיש קול:

„ס'איז גאָרנישט, מאַכט אויף".

ס'קומען אַריין מיינע שכנים: אשר פּ ר ע נ ק ע ל און פּרל. פּ אָ ל אַ פּ ר י ד, ווי אויך אַלעקסאַנדער ר אָ ז ע נ פ ע ל ד, סע-ווערין ל י וו אַ, נ. ר אַ ד אַ ל. אַלע יונגע אַקטיווע עסקנים פון בית"ר. וואָס איז? זיי זענען גראָד אויף אַ באַראַטונג ביי פּרענקלען; זיי האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ געדענק־העפט צום זכרון פון זשאַבאָ־טינסקין. ווילן זיי, איך זאָל אויך עפּעס אָנשרייבן און העלפן באַזאָרגן פּאַפּיר, דרוק; האָב איך דאָך אַזעלכע מעגלעכקייטן מצד דער קהילה, וועלכע דרוקט אַ סך (יעדן טאָג נייע פאַראָרדענונגען, גזרות, פאָרמולאַ־רן...).

זיי גיבן מיר צו פאַרשטיין: דאָס קען שטאַרקן דעם מוט, דעם ווידער־שטאַנדווילן.

אויף מיין אָנווענדונג, אַז איך בין נישט קיין רעוויזיאָניסט, דער־מאָנען זיי מיך מיין פּאָזיטיווע מיינונג נאָך פון פאַר דער מלחמה וועגן זשאַבאָטינסקיס פאַראויסזעאונגען.

און אַלעקסאַנדער ראָזענפעלד ברענגט אַרויף פון פּרענקעלס וווינונג צוויי קאָמפּלעטן פונעם „מאָמענט", פון יאָר 1938 און העלפט 1939, און — מיין אַרבעט דאַרף באַשטיין אין אויסקלייבן זאַצן, געדאַנקען, קאַפּיט־לען פון זשאַבאָטינסקיס אַרטיקלען און רעדעס. צו וואָס שרייבן וועגן אים, ווען מ'קען אים אַליין לאָזן רעדן...

לאָזן מיר אים רעדן. און ס'דערגייען צו אונדז ווערטער, אָנשווי־אונגען — פאַראויסזעאונגען, וואָס פאַרווירקלעכן זיך אין אונדזערע אויגן.

איך בלעטער די נומערן פונעם „מאָמענט", איך טרעף פּאָלעמיקן, דיסקוסיעס, סתם אַרטיקלען, — אַלץ איז אַזוי פאַרעלטערט פאַרבלאַסט,

נישט-וויכטיק; בלויז די ארטיקלען פון זשאבאָטינסקין זענען אזוי פריש אזוי אקטועל, גלייך ווי היינט געשריבן. זיי זענען דורכגעאנגען דעם פייער־פרווו פון דער צייט. זיי רעדן צו אונדז — ה יי נ ט . . .

ס׳איז שוין 5 אזייגער פארטאָג. מיר זיצן אזוי און לייענען, און לייענען, אלעמאָל געפינט עמיצער אנדערש פון אונדז א פאסנדן זאץ, אן אקטועל וואָרט. מיר קלויבן זיי אויף ווי פערל.

אין פינצטערן געטאָ דערגייען צו אונדז די ווערטער פון א גרויסן וואָרענער. אָבער — צו שפעט! צו שפעט!

אזוי זענען מיר געזעסן ביז 6 אינדערפרי. זייגער 9 בין איך שוין ביי ה ל ל צ יי ט ל י ן; איך קלער אים אויף אין וואָס ס׳גייט: א באַשיידן „ספר הזכרון" פאר זאב זשאבאָטינסקי; איך בעט אים זיין צושטייער. ער וואקלט זיך אביסל, זשאבאָטינסקי איז צו שארף ארויסגעטרעטן קעגן ווייצמאַנען. ער דערמאָנט זיך זשאבאָטינסקיס א רעדע קעגן פרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אים, צייטלינען, שאָקירט. אָבער סוף כל סוף זאָגט ער צו. נאַטירלעך, וועט זיין נאָמען נישט זיין דערויף. נאָך א באַוואָרעניש: האָט זשאבאָטינסקי כאָטש געהאַט פארשטענדעניש פאר די יידישע הייליקייטן? ער האָט אזוי שארף געפאָדערט א יידישע מלוכה, אויף וואָס האָט ער זיך געשטיצט אין זיין קאטעגאָרישער פאָדערונג, בלויז אויף דער באַלפור־דעקלאַראַציע? ניין. האָט ער זיך געמוזט שטיצן אויף דער תורה, וואָס פאר אן אָרט פארנעמט די תורה אין זיין, זשאבאָטינסקיס, יידישער מלוכה, מיט וו אָ ס איז די דאָזיקע מלוכה יידיש?

אָט דאָס אַלץ, זאָגט צייטלין, וויל איך טאַקע באַהאַנדלען אין ארטיקל איבער זשאַבאָטינסקין. — איך בין צופרידן. אָבער דאָ קומט אריין זיין פרוי, די קליינינקע איידעלע אסתר צייטלין און „דערשמעקט" עפּעס, אז דאָ פּראָפּאָניר איך אים ווידער עפּעס צו שרייבן (ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל...) און הייבט אָן:

— הלל — לאָז נאָך! כ׳האָב מורא, כ׳האָב מורא. לאָז דיך נישט אריין אין אַזעלכע געשעפטן. ביסט נישט קיין יונגערמאַן. דאָס איז בלויז אַן ענין פאַר יונגעלייט. ביסט שוין אַלט. טאָמער „עפּעס", וועסטו נישט איבערהאַלטן. לאָז נאָך! לאָז נאָך! וואָס ווילסטו פון מיין לעבן האָבן?!..

אזוי ווערט גאַרנישט פון צייטלינס מאמר. כ'וועל מוזן רעזיגנירן. איך גיי אין קהילה־אריין און פועל אוים א קאָנטינגענט פּאפּיר; דער פּרעזעס פרעגט גאַנץ איבערראַשנדיק, ווען כ'לייג אים פאַר דעם באַן אונטערצושרייבן; ער פאַרשטייט, אז דאָ גייט עפּעס אין א „לינק" עסק — און „וויל נישט וויסן"... כ'ווייס, אז ווען כ'וועל אים אונטערטראָגן א פריש־געדרוקטע בראָשור מיט א דאַטום פון יאָר 1938, למשל, וועט ער הנאה האָבן, וואָס... מ'נאַרט אים אָפּ. כ'האָב שוין דעריין דערפאַרונג. שוין עטלעכע מאָל אים אזוי „אָפּגענאַרט"...

אַלזאָ, דאָס געדענק־בוך וועט געדרוקט ווערן. כ'ברענג די בשורה דעם קליינעם סימפּאַטישן אשר פרענקעל און זיין בית"רישע חברה. שיינען זיי פון פרייד.

נאָכבאַמערקונג:

דאָס געדענקבוך לכבוד דעם זכרון פון זשאַבאָטינסקין איז דערשינען אויף 32 זייטן אין 1200 עקזעמפּלארן, מיטן דאַטום פון 1938... און איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין געטאָ.

## דער „קעסל"

### מוצאי שבת, א' סליחות, 5. סעפּטעמבער.

זייגער 2 ביינאַכט א גערודער אויפן הויף, ווו איך וווין, פּאַוויע 8. געקומען שליחים פונעם יודענראַט און אויפגעוועקט די דאָרט וווינענדיקע צוויי מיטגלידער ראָזענטאַל און האַראַוויץ; אן אויסעראָרדנטלעכע זיצונג פונעם יודענראַט. פּאַרטאָג, זייגער 5 ווערט מען געוואָר אַט וואָס: אַלע יידן, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס זייער צאָל ווערט געשאַצט אויף א 100.000, דאַרפן זיך פאַרזאַמלען ביז צוזאַמענס, זונטיק, זייגער 10 אין דער פרי, אויף דעם שטח פון די גאַסן וואָלינסקע־מילא־סטאַווקי־ניסקא־שטשענשליווע. יעדער ייד וואָס וועט געפונען ווערן נאָך דעם דאַזיקן טערמין אויף צפון זייט פון דער ליניע פון דער גענשע־גאַס, וועט ווערן דערשאָסן.

וואָס איז דער צוועק פון דער דאַזיקער פאַראָרדענונג? ווייסט מען נישט, אויך נישט דער יודענראַט. ער האָט באַקומען א באַפעל אָן פּירוש־

שים. גייען דורך אין מח פאַרשידענע געדאַנקען. איינער — דער לייט־מאָטיוו: דאָס איז שוין דער סוף. קיינער וועט נישט בלייבן. אַלע פאַר־אורטיילט צום פאַרניכטן...

**זונטיק, 6. סעפּטעמבער**

פון גאַנץ פרי אָן מחנות פון טויזנטער יידן אויף דער זאַמענהאָף־גאַס. יעדער טראָגט מיט זיך דאָס ביסל, וואָס מ'קען נאָך דערטראָגן. ווידער אַמאָל דאָס זעלבע טראַגישע בילד: ווייבער, קינדער, אַלטע, קראַנ־קע, פאַרמאַטערט, פאַרהונגערט, פאַרשוואַרצט. מ'איילט זיך. מ'שטופּט זיך. יעדער וויל זיין פריער. מ'גייט אין דער ריכטונג פון דער וואָלינסקע־מילע. לויטן באַפעל. וואָס ווייטער ווייסט מען נישט. מ'גייט פון אַלע „שאָפּן", פון שולצן, פון טעבענסן, פון דעהרינגען...

די קהילה־אָנגעשטעלטע פאַרזאַמלען זיך מיט זייערע פאַמיליעס אין דער געביידע און אויפן הויף פון דעם קהילה־הויז. אין מיין ביוראָ, אין קהילה־אַרכיוו, זיצן אויף דער ערד, אויף די טישן, אויף די זעק מיט אַקטן די יידישע אינטעליגענט, וואָס זענען געווען „באַשעפטיקט" ביים „דזשאָינט" אָדער אין פאַרשידענע „שאָפּן" און איצט זוכן זיי די שוץ פון דער קהילה, פּראָפעסאָר ד"ר מאיר באַלאַבאַן, ד"ר יצחק שיפּער, דירעקטאָר בראַנדשטעטער (פון לאָדזש), ד"ר עדמונד שטיין, יונה שפּער, נ. פינקעלשטיין, יהודה לייב אָרלעאַן, א. ג. פרידענזאָן פון לאָדזש, אלחנן צייטלין און אַנד.

ס'געפינען זיך די לעצטע איבערגעבליבענע וואַרשעווער רבנים: ר' מנחם זעמבא, ר' שמשון שטאָקהאַמער, ר' דוד שפּיראָ, מיט זייערע פאַמי־ליעס (די איבעריקע זענען שוין געווען דעפּאָרטירט דעמאָלט). שפּעטער איז געקומען הרב אליעזר יצחק מייזעל און הרב שמחה טרייסטמאַן פון לאָדזש.

די ענגשאַפט אין די קליינע שטיבלעך איז אומגעהויער. נישטאָ ווו זיך צו רירן. די קליינע קינדער וויינען. פאַרלאַנגען עסן. און קיין עסן איז נישטאָ. מ' ה ו נ ג ע ר ט. מענטשן גייען אום שוואַכע, פאַר־חלשטע פון הונגער. מ'עסט רויע מייערן (נישטאָ ווו צו קאָכן) און ריבן.

ד"ר שיפּער זיצט אויף אַ זאַק פּאַפּירן און פירט אַ פילאָזאָפישע דיסקוסיע מיט מאַגיסטער ר ו נ ד ש ט יי ן (אַ יונגער געלערנטער

פון לאָדזש) וועגן ש פּ י נ אָ ז א . . . באַלאַבאַן רופט זיך אָן א וואָרט, שיפּער ענטפערט אים און — ווען איך קום צוריק (געגאַנגען זוכן בענקלעך), קאָכט זיך שוין א הייסער וכוח צווישן זיי ביידע וועגן דעם, פון וואַנען עס שטאַמען די פּוילישע יידן? שיפּער האָט נייע באַווייזן אויף זיין טעאָריע, אַז מיר שטאַמען פון די כ אַ ז אַ ר ן און באַלאַבאַן האַלט זיך ביי זיינעם: ניין, מיר זענען געקומען אַהער פונעם רהיין, פון מערב... די רבנים הערן זיך צו מיט פאַרוווּנדערונג צו דעם דאָזיקן וכוח (וועלכער דויערט שוין, אויב איך האָב ניט קיין טעות, א יאָר דרייסיק, און וועלכער האָט אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן היסטאָריקער-קאָנגרעס אין וואַרשע אין יאָר 1935 אַרויסגערופן א ברייטע באַהאַנדלונג מיט פּראָפ. קאָזיצקי, פּראָפ. סאַלא באַראָן א. אנד.); „דער ד״ר שיפּער", זאָגט מיר הרב שאַפּיראָ, „איז נעבעך משוגע געוואָרן... וואָרום, לויט אים קומט דאָך אויס, אַז מיר שטאַמען אַלע פון גרים... ס'ערשטע מאָל הער איך אַזעלכע משונהדיקע איינפאַלן".

איך דערלויב מיר אַריינצוּוואַרפן א וואָרט אין דער דאָזיקער דיס־קוסיע:

— אפשר וועט מען זיך פאַרטראַכטן, אַנשטאָט מאַין באתה — לאן אתה הולך? ווו גייט מען? וואָס וועט מיט אונדז זיין?...

די געלערנטע פאַלן מיט אַמאָל אַראָפּ פון די אַקאַדעמישע הויכ־קייטן... קומען צוריק צו דער גרויער ווירקלעכקייט. יאָ, מ'וועט גיין פרעגן דעם פּרעזעס פון יודענראַט אינזשיניער ליכטענבוים וואָס דאָס באַדייט, ס'גייט שיפּער, וועלכער האָט א שטיקל אָנזען ביים פּרעזעס.

און מיר וואַרטן אין שפּאַנונג. ענדלעך קומט ער צוריק. זיין פּנים זאָגט ניט קיין גוטס. די ס.ס.־פאַרניכטונגס-קאָמאַנדע האָט פאַרזאַמלט אַלע יידן פונעם געטאָ, כדי דורכצופירן א סעלעקציע; א „דורכקעמונג", ווי זיי דריקן זיך אויס. ס'וועלן בלייבן בלויז די „ווירטשאַפטלעך נאָט־ווענדיגע". וויפל? מ'רעדט פון א 30.000. די דאָזיקע וועלן באַקומען נו־מערן. בלויז די באַזיצער פון די נומערן וועלן האָבן דאָס רעכט צו בלייבן אין געטאָ. די איבעריקע... ווייסט מען שוין.

## מאָנטיק, 7. סעפּטעמבער

א שרעקלעכע נאכט געווען. אלע זענען מיר געזעסן א גאנצע נאכט און זיך איינגעהערט אין די קולות און ווידער־קולות פון דרויסן. ארום דער קהילה־געביידע שווערע טריט פון די ס.ס.־לייט, וועלכע באוואכן אונדז. פון צייט צו צייט הערן מיר שיסערייען, מיר ווייסן וואס דאס באַדייט: א סוף צו יידישע לעבנס. קינדער כליפּען, זיי זענען הונגעריק, שוואך. די מאמעס בארואיקן זיי מיט — רייד. זאל נאר טאג ווערן, קינד מיינס, וועסטו זען, וועט זיין צו עסן, און צו טרינקען. זאל נאר טאג ווערן...

קיינער ווייסט נית, וואס ס'וועט ברענגען דער מאָרגן. אמת, מ'זאָגט, אז טייל וועלן בלייבן, אבער ווער ווייסט? קען מען זיי גלויבן? און ווער וועט זיין פון יענע גליקלעכע? מיר זענען איצט פארמאכט אויף א קליינעם שטח, ארומגערינגלט מיט א שטארקער וואך. מיר זענען „איינגעקעסעלט" און פארמשפּט. און צי האט נאך דער יודענראט, צי די קהילה אן עקזיס־טענץ־בארעכטיקונג? צי וואס דארף מען אים איבערהויפּט? און אויב יאָ, צו וואס דארף מען אן ארכיוו? וויפל זשע קענען איבערהויפּט בלייבן פון די קהילה־אנגעשטעלטע, ווען צאל האט זיך אזוי שטארק פארגרע־סערט? (צוליב דעם וואס מ'האט געוואָלט ראטעווען אנדערע און זיי אנגאזשירט אלס אנגעשטעלטע).

די פריערדיקע פאקטישע אנגעשטעלטע פונעם ארכיוו האבן אויף מיר גרויס תרעומות: פארוואס האב איך צוגענומען אזויפיל נייע מענטשן? דערמיט שטעל איך איין דאס לעבן פון די אלטע; מ'וועט אונדז אלע פארנעמען, טענהן זיי.

גאנץ פרי הייבט זיך אן דער עולם צו רירן. שפּעטער טרעט אריין אביסל א בארואיקונג. מ'ווייסט נישט פונוואנען און מ'ווייסט נישט פארוואס... שיפּער באקומט צוריק זיין אפּטימיזם. ער נעמט זיך דערציילן דעם עולם וועגן זיין לעצטער רייזע קיין ארץ ישראל. אויף זיין אייגנ־טימלעכן אופן וויקלט ער פאר אונדז אויף די פּאנאראמע פון דעם הר הצופים. זיין שילדערונג איז אזוי מייסטערהאפט, אז מיר זעען ממש די הערלעכע לאנדשאפט פון דעם סקאפּוס־בארג. ס'העלפט אים צו דער יונגער היסטאריקער ד"ר שמואל שימקעוויטש, וועלכער איז אויך געווען אין

ארץ ישראל אין יאר 1939. שפּער רעדט וועגן זיינע פּלענער אויף דער צוקונפט, ער רוימט מיר איין א סוד (באַלאַבאַן זאָל ניט הערן... קאָנקור־רענץ): ס'שטייט אים אין אויסזיכט א קאטעדרע אויף דער ירושלימער אוניווערזיטעט. ער רעדט וועגן די פּאָליטישע פּערספּעקטיוון. איצט? איצט, נאָך דעם אַלעמען וואָס ס'איז געשען, וועט עמיצער וואגן זיך קעגנשטעלן דער יידישער פאָדערונג אויף אַן אייגענער היים? איצט?...

הרב ר' מנחם זעמבא לאָזט זיך נישט שטערן. ער האלט אין איין שרייבן חדושי תורה. ער גיט מיר צו פארשטיין: לולי תורתך שעשועי כמעט אבדתי בעניי, זאָגט ער, און ווייזט מיר אַן ענטפער אויף דעם „מנחת חינוכם" א „נסתפקתי"; אין אָנהייב איז אויפגעשריבן: „מה שחדשתי בעזרת הי"ת בימי הזעם והכליה; הכלה אתה עושה לבית ישראל" — ביום ב' סליחות. למשפּטיך היום עמדו עבדיך, ל מ ש פ ט י ך", איז אונטערגעשטראָכן; ער איז זיך מפלפל אין הלכה מיט זיין איידעם הרב בער פון אָזאָרקאָוו. דאָן גיט ער צו פארשטיין הרב שטאָקהאַמער דעם זין פון דעם רמב"מס מאמר אין הילכות דעות וועגן דער פליכט צו לעבן. שפּעטער הער איך א שמועס וועגן „שפת אמת", דעם גערער רבין. הרב זעמבא גיט צו פאַרשטיין דעם אויסטייטש אין „שפת אמת" פון דעם פסוק „והוצאתי אתכם מתחת ס ב ל ו ת מצרים", „סבלות" איז פונעם לשון ס ב ל נ ו ת, ד. ה. דולדן, טאָלערירן; מ'טאָר ניט דולדן דאָס גלות, מ'טאָר ניט שלום מאַכן מיטן מצב, — זאָגט דער גאון.

אזוי זיצן רבנים און פארטיפן זיך אין תורה, זיצן אַנדערע געלערנטע און דיסקוטירן וועגן וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען, און אָט דער אָראַטאָר שיפּער וויקלט פאַר אונדז אויף וויזיעס פון דער צוקונפט אין אייגענעם לאַנד, אין ארץ ישראל, טראָגט אונדז איבער אין ווייטע פרייע וועלטן, אין ליכטיקע צוקונפט־טרוימען. וועלן זיי אַמאָל מקוים ווערן?...

דערווייל וואַרט אויף אונדז א שווערער אומבאַקאַנטער מאָרגן.

## דינסטיק, 8. סעפּטעמבער.

מיר ווערן געוואָר, אַז אין „קעסעל" אויף די גאסן וואָלינסקע־מילע געפינען זיך א ריי יידישע פערזענלעכקייטן: ד"ר עמנואל ר י נ ג ע ל־ב ל ו ם, דער אָרטאָדאָקסישער פירער זישע פ ר י ד מ א ן, דער פיאַסעטשנער רבי ר' קלונימוס ש פּ י ר אָ, דער פירער פונעם „בונד"

מ ו ר י צ י  א ָ ז ש ע ך, דער שרייבער יצחק  ב ו נ י ן  פון לאָדזש, דער העברעאישער דיכטער יצחק  ק א צ ע נ ע ל ס א ָ ן, די פאַמיליעס פון הרב ר׳ מנחם זעמבא און פון ד״ר עדמונד שטיין (די 2 לעצטע האָבן זיך געפונען אין דער קהילה־געביידע). מ׳הייבט אָן זיך באַמיען ביים יודענראַט־פרעזעס אינזשיניער ליכטענבוים, ער זאָל עפּעס טאָן פאַר די דאָזיקע, זיי ראַטעווען. ער איז מסכים. ווער זשע זאָל אהין גיין? פאַלט דער גורל אויף דעם יונגן קהילה־וויצע־סעקרעטאַר נחום רעמבא, אַן ענערגישער יונגערמאַן, וועלכער גייט אַנגעטאָן אין א ווייס פאַרטוך, שפּילט די ראָל פון אַ דאָקטאָר, מ׳רופט אים אפילו פּראָפעסאָר (כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט דערמיט צו טאָן), און קאָמאַנדעוועט ארום מיט דעם יידישן שאָפער פונעם קראַנקן־אַמבולאַנס. ער פאַרלאַנגט אָבער, ס׳זאָל עמיצער מיטגיין מיט אים פונעם ארכיוו, וואָרום די דערמאָנטע דאַרפן געראַטעוועט ווערן אַלס ארכיוו־אַנגעשטעלטע. היות איך בין דער ארכיוו־שעף, ווערט באַשלאָסן, איך זאָל מיטגיין.

די קהילה גיט מיר מיט א כתב, וועלכעס דאַרף מיך שיצן פאַר די מלאכי חבלה (וואָס איז אָבער גאָרניט ווערט, ווי עס ווייזט זיך באַלד ארויס). מיר גייען אריין אין „קעסעל" אין באַגלייטונג פון צוויי שומרים, יידישע מיליציאַנטן, וועלכע זענען אין דער ווירקלעכקייט א זייער קליינע שמירה. זיי אַליין ציטערן.

אין די ענגע געסלעך, אויף דעם טראָטואַר, אויף דער גאַס, אין די קליינע שמוציקע שטיבלעך, אין די קעלערס, אויב די בוידעמס, אין די קאָרידאָרן און אויף די הויפן, וואַלגערן זיך, ליגן, זיצן אויף דער ערד צענער טויזנטער מענטשן. אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע, פאַרחלש־טע, פאַרשמאַכטע. קינדער וויינען, עלטערע קרעכצן, קראַנקע, שוואַכע ליגן מאַכטלאָז, אָן שום הילף. מ׳איז שוין דעם דריטן טאָג אין „קעסעל". אין פּחד, אין פאַרצווייפלונג, אין יאוש. אָבער איבער אַלעמען האָט אויסגע־שפּרייט זיינע שוואַרצע פליגל דער הונגער. נישטאָ קיין שטיקל ברויט. פאַר קיין שום געלט נישט. נישטאָ קיין לעפל געקעכץ. דער הונגער טויט אָפּ ביי אַלע יעדעס אַנדערע געפיל. טעמפּט אָפּ אַלע חושים. שוואַכט אָפּ יעדע ווידערשטאַנד־קראַפט. אויך אין דער קהילה־געביידע, פון וואַנען איך קום, איז נישטאָ וואָס צו עסן; אָבער ס׳איז נישט אזוי שרעקלעך ווי דאָ. דאָרט

האָט מען נאָך דאַן באַקומען צו אַ פערטל קילאָ ברויט אַ טאָג. דאָ אָבער באַקומט מען גאָרנישט און בלויז געציילטע יחידים באַזיצן אַביסל שפּייז־רעזערוון. דער גרויסער רוב ליידט שרעקלעך הונגער. איך שפּיר גוט זייער טעם, ווייל איך אַליין האָב שוין אויך צוויי טעג אָפּגעלעבט מיט אַ טעלער וואַסערדיקער זופּ; כ׳האָב נעמלעך פאַרשפּעטיקט דאָס פּאַרטיילן דאָס ברויט אין דער קהילה. איך אַליין פאַל אויך פון די פיס. דערצו ברענט נאָך די היץ. די זון בראָט מוראדיק. אַ צוגאָב, אַזאַ: שיינע טעג...

פּלוצים, ווען מיר האַלטן זיך אַזוי אין נאָכפרעגן אויף פאַרשידענע פּערזאָנען, פאַרשפּרייט זיך אַ ידיעה: היינט די סעלעקציע.

„סעלעקציע". מיר ווייסן שוין, וואָס דאָס באַדייט. דאָס איז דער אורטייל: „איזו לחיים ואיזו למות". דאָס קריטעריום: ווי ס׳געפעלט דעם הענקער. מיט איין מאַך מיט דער בייטש ווערט אַנטשידן וועגן טויט און לעבן פון אומשולדיקע מענטשן. מער צום טויט ווי צום לעבן. מען שטעלט זיך אויס אין פירן, לאַנגע, לאַנגע רייען. מ׳זעט נישט קיין ענדע. טויזנטער, צענטויזנטער. אויף דער גאַנצער לענג פון דער מילע און פון דער וואָלינסקע־גאַס.

דער צענטער פון דער „סעלעקציע" געפינט זיך אויף דער זאַמענהאָף־גאַס, נאָענט פון דער מוראַנאָווסקע. אַהין ווערן געפירט די אומאויפהערלעכע מענטשן־רייען. דערווייל שטייט מען אַזוי אין דער היץ. ס׳איז 10 אַזייגער אינדערפרי, אָבער די זון ברענט שוין. מ׳שטייט אַזוי אין אַנגסטן פיר שעה. זייגער 2 נאָכמיטאָג קומען אָן די פירער פון דער „פאַרניכטונגס-קאָמאַנדע" און די רעפערענטן פאַר יידישע ענינים פון דער וואַרשעווער געשטאַפּאָ: בראַנד, מענדע, וויטאָסעק, און ווי זיי הייסן נאָך דאָרט. אַלע האָבן אין די הענט בייטשן... טייל האַלטן אין דער צווייטער האַנט רעוואָלווערן. זיי זענען אַלע אין גוטן הומאָר. אויפגערוימט. קלאַפּן זיך מיט די רייט־בייטשן איבער די גלאַנצנדיקע שטיוול. זענען אָנגעפּרעסן, רירעוודיק...

זיי הייבן אָן צו „שאַצן". די קרבנות האַלטן אין דער האַנט אַלערליי פּאַפּירן, לעגיטימאַציעס, דאָקומענטן, אַרבעט־קאַרטן. די הענקערס גיבן אַפילו נישט קיין בליק־אויף די פּאַפּירן. קוקן בלויז שיף אויף דעם מענטש; איז ער יונג, געזונט, זעט גוט אויס, פּעאיק צו אַרבעט — אויף רעכטס,

ד. ה. צוריק אין „שאָפּ" אריין; געראַטעוועט; ווען נישט — און זייער ווייניק זעען נאָך גוט אויס, נאָך אַזויפיל ליידן, — דאַן אויף לינקס, ד. ה. צום „אומשלאַג-פּלאַץ", ד. ה. צו פ א ר נ י כ ט ו נ ג.

ס'אסיסטירן דערביי די דייטשע אייגנטימער פון די „שאָפּן", ווו ס'ארבעטן די יידן. זייערס אַ גוט וואָרט קען אַמאָל העלפן, קען ראַטע־ווען פון טויט. די דאָזיקע ווערטער פאַלן אָבער זעלטן. נישט יעדער איז זוכה. ווארום אזא „וואָרט" קאָסט א סך. די ציווילע דייטשע אייגנטי־מער פון די דאָזיקע „שאָפּן" מאכן פארמעגנס פון אומזיסטע יידישע שקלאַפן־ארבעט, און אויך פון אַזעלכע „רעטונגס־ווערטער". נישט יעדער איז אָבער אומשטאַנד צו באַצאָלן די הויכע סומעס, וואָס דאָס קאָסט... מענטשן, בלאַסע, ציטערנדיקע פאַר שרעק גייען דורך ווי שאָטנס דורך די מערדערישע בליקן פון די תּלינים. די אויגן געווענדט צום מויל פון די געשטאַפּאָ-לייט; אויף זייערע ליפּן ליגט דער גורל פון די אומגליק־לעכע. וואָס וועט ער זאָגן? וואָסער אורטייל וועט ער ארויסגעבן? צום לעבן אָדער צום טויט?

צווישן דער מאַסע מענטשן דרייען זיך ארום אָפיצירן פון ס. ס. און פון דער ווערמאַכט און „האַלטן אָרדענונג". די „אָרדענונג" באַשטייט אין שלאָגן אומברחמנותדיק מיט די בייטשן די קרבנות; זיי מאכן נישט קיין אונטערשיד פון אַלטע, פרויען, קינדער; זיי שלאָגן אַלע, איבערן פּנים, אויף די פּלייצעס, איבערן קאָפּ. און ס'טרעפט זיך, אַז עמיצער, אָפּגע־שוואַכט קען נישט אַזוי שנעל לויפן אין דער רייע, אָדער פאַלט אַנידער פון שוואַכקייט — נעמט דער נאַצי־אָפיציר ארויס דעם רעוואָלווער און דערשיסט אַזא אומגליקלעכן אויפן אָרט. עלטערן ווערן דערשאָסן אין די אויגן פון קינדער, קינדער אין די אויגן פון עלטערן. פאַר מיר שטייט אַן עלטערע פרוי, וועמענס טאָכטער ארבעט אין דער קהילה. א דייטשער זעלנער רופט זי ארויס פון דער רייע און דערשיסט זי מיט דער ביקס פאַר די אויגן פון אַלע. די ענגקער הערן נישט אויף צו טרייבן דעם עולם: שנעלער, שנעלער... אַלע מאָל ווערן זעלטענער די באַפעלן „אויף רעכטס", ד. ה. צוריק אין די „שאָפּן"; מ'הערט כמעט בלויז אויף לינקס, ד. ה. צום „אומשלאַג". קינדער און עלטערע מענטשן קומען איבערהויפּט נישט

אַריין אין דער רייע אויף רעכטס. זיי אַלע, אָן אויסנאַם, ווערן פאַר־משפּט צום אומקומען.

מענטשן זעען, אַז די שאַנסן גערעטעוועט צו ווערן זענען זייער קליין, שטעלט מען זיך נישט צו דער סעלעקציע. מען באַהאַלט זיך. אויף די בוידעמס, אין די קעלערס, אין פאַרמאַסקירטע שטיבלעך, אין לעכער. די דאָזיקע הייזער אויף דער וואָלינסקע און מילע, די וווינונגען פון דער יידישער אַרימקייט, זענען פול מיט טויזנטער מענטשן. נישטאָ דאָרט קיין היגיענישע איינריכטונגען. די שטיבלעך קליין. ס'הערשט אַ שרעק־לעכע ענגשאַפט און אַ דושנעקייט. ס'פעלט לופט צו אָטעמען. און ס'פעלט קודם כל עסן. דאָך בלייבט מען באַהאַלטן. מ'וויל זיך נישט איבערגעבן אַליין אין די הענט פונעם שונא. ס'איז שווער בלויז מיט די קליינע קינ־דער, וועלכע פאַרשטייען נישט, וואָס דאָ קומט פאָר און וויינען, פאַרלאַנ־געדיק עסן. דאָס כליפּען פון די קינדער קען צוציען די אויפמערקזאַמ־קייט פון די אוקראַינישע מיליציאַנטן. וואָרום די דאָזיקע גייען אום אי־בער די הייזער און זוכן די באַהאַלטענע. טרעפן זיי עמיצן, נעמען זיי אים באַלד אויפן „אומשלאַג". ס'טרעפט זיך אָבער אויך, אַז זיי דערשיסן אויפן אָרט. אָפט וואַרפן זיי אַריין האַנט־גראַנאַטן אין די קעלערס, ווו זיי זענען חושד, אַז ס'זענען פאַראַן באַהאַלטענע, — דערנאָך הערט מען פאַרצווייפלטע הילף־געשרייען... קיינער קומט אָבער נישט צו הילף.

אונדזער שליחות, מיט וועלכן מיר זענען געקומען, איז „נישט אַקטועל". אוממעגלעך עפּעס צו טאָן. ווי נאַאיוו זענען מיר געווען, רעכענענדיק אַז די „פּאַפּירן" וועלן עפּעס העלפן. מיר וועלן זיין גליקלעך, ווען מיר וועלן זיך אַליין אַרויסבאַקומען פון דאַנען.

### מיטוואָך, 9. סעפּטעמבער.

נישט געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען פונעם „קעסל". אויך מיר בלייבן פאַרשפּאַרט. צווישן אַלע. די פאַרצווייפלונג און פּאַניק ווערט שטאַרקער פון שעה צו שעה. מ'פאַרלירט יעדע האָפענונג. נישטאָ קיין אַנטרינען. היינט ווידער „סעלעקציע". פאַרזעצונג פון דער נעכטיקער. ווידער די זעלבע סצענעס. טויזנטער מענטשן אָנגעזאַמלט אויף אַן ענגן שטח פון דער וואָלינסקע־גאַס וואַרטן — אויף וואָס? מ'האָט שוין נישט קיין שום אילוזיעס. מ'גיט זיך אָפּ גענוי רעכענונג. די זון ברענט; דער

הונגער פייניקט. מענטשן פארשמאכטע, פארצווייפלטע שטייען אין אנג־סטן. און אַמשרעקלעכסטן דאָס בילד פון די קינדער. קינדער... קינדער... נישט פאַרגעשטעלט זיך, אז ס׳איז דאָ אזויפיל קינדער אין ווארשעווער געטאָ. נישט געזען קיינמאָל אזעלכע שיינקייטן פון קינדער. פנימלעך ליכ־טיקע, שטראַלנדיקע מיט עפעס א ליכט פון אנדערע וועלטן. און אייגע־לעך! אייגעלעך! דער גאַנצער אָפּגרונט פון דער שרעקלעכסטער פון אלע טראַגעדיעס ליגט אין אָט די אייגעלעך! טיפער זענען זיי היינט ווי דער תהום. וויפל שרעק, פיין, ליידן ליגט אין די דאָזיקע אייגעלעך. די דאָזיקע קינדערלעך טראָגן שוין אויף זיך די גאַנצע אומגעהויערע טראַגישע לאַסט פון גלות. קענען זיי איז שוין געווענדט דער גאַנצער טיוולאָנישער האַס פון דעם מעכטיקסטן פון אלע שונאים.

איך פאַל אריין אין אַן אַפּאַטיע. מיר איז שוין אַלץ איינס. כ׳פאַר־געס אויף א ווײַלע אָן דעם, וואָס טוט זיך און בין אינגאַנצן אבסאָרבירט מיט די קינדער. איין געדאַנק בויערט מיר אין מח: ווען אָט די אַלע קינ־דער וואָלטן זיך היינט געפונען אונטער דער ארץ־ישראל זון?... ווען די אַלע דאָזיקע קליינינקע לייכטנדיקע קינדערשע קעפּלעך זאָלן אויפבליען ערגעץ אין א קיבוץ אָדער אין א שול אין — עמק!.. וויפל אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, וויפל גייסטיקע פּאָטענצן, וויפל ביאָלאָגישע פאָלקס־כוחות ליגן אין אָט די קליינע! און וויפל צוקונפט וועט מאָרגן אין זיי אָפּגעטויט ווערן.

די קינדער וויינען נישט. אפילו די קלענסטע פארהאַלטן זיך „דיס־ציפּלינירט". ס׳האָט זיך באַוויזן אויף דער מילע־גאַס די שווארצע מחנה: די געשטאַפּאָ-לייט, ס. ס.־אָפיצירן, און די פארניכטונגס־קאָמאַנדע. מ׳גיט זיך איבער די נעמען. נעמען, וואָס וואַרפן אָן א טויט-שרעק: בראַנד, מענדא, גלובאָטשניק. א שטילקייט באַהערשט די גאַנצע גאַס. מ׳האַלט איין דעם אָטעם. אפילו די קלענסטע קינדער גיבן נישט קיין שאָרך. א טויט־שווייגעניש. ס׳דויערט אזוי אַן ערך פון א פערטל שעה. דאַן הערט מען שיסן. פון גאַנץ נאָענט. און א געשריי. מ׳שפּירט: דאָס איז דאָס ל ע צ ט ע געשריי. — דאָס האָט מען דערשאָסן אייניקע עלטערע יידן, — גיט מען איבער. צו שוואַך געווען זיי צו פירן צום פארניכטן קיין טרעבלינקע. זענען אנדערע זיי מקנא: נישט א סך זיך געמאַטערט...

## דאָנערשטיק, 10. סעפּטעמבער.

נישט לייכט געווען אַריינצובאַקומען זיך אין „קעסעל"; נאָך שווערער זיך אַרויסצובאַקומען. מיין מיסיע האָט זיך נישט איינגעגעבן. איבעריקנס, האַלטן די מענטשן, וועלכע איך דאַרף ראַטעווען, אַז אין דעם „קהילה־קעסל" איז נאָך פאַראַן ווייניקער שאַנסן געראַטעוועט צו ווערן. ס'איז דאָרט צו ענג; נישטאָ קיין אָרט זיך צו באַהאַלטן.

כ'פיל זיך זייער שוואַך; שוין צוויי טאָג גאָרנישט געגעסן.

ענדלעך ווער איך געוואָר, אַז די דייטשן שיקן איינציקע יידישע „ווערק־שוץ"־לייט (וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו היטן די אָרדענונג אין די שאָפּן) אין דער קהילה וועגן מקבר זיין די געשאָסענע. עס געלינגט מיר זיך אָנצושליסן צו די דאָזיקע און — אָט בין איך ווידער אין דער קהילה.

איך קום אַריין אין מיין ביוראָ. כ'טרעף פאַרזאַמלט פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן, דירעקטאָר מ. בראַנדשטעטער, ד"ר יצחק שיפּער, הרב ר' מנחם זעמבאַ, הרב שמשון שטאָקהאַמער, הרב דוד שפּירא און נאָך אַנדערע. מ'דערוואַרט מיך מיט אומגעדולד: מ'וויל וויסן וואָס הערט זיך „דאָרט", אין „קעסל". איך שווייג אָבער. קיין גוטע גרוסן האָב איך נישט; וויל איך נישט פאַרגרעסערן די פאַרצווייפלונג. איבעריקנס, איך בין אַזוי אָפּגעשוואַכט פון הונגער, אַז איך קען נישט רעדן. איך פיל, אַז כ'בין ביים סוף פון מיינע כוחות. אַלע זענען אין גרויס יאוש. בלויז ר' יהודה לייב אָרלעאַן, וועלכער דרייט זיך אויפן הויף, פאַרלירט נישט די האָפענונג; ער באַרואיקט, גיט אַריין מוט, בטחון. אויך ד"ר שיפּער איז פול מיט האָפענונג. ער רעדט נישט דערפון. ער נעמט פשוט נישט צו קענטעניש די סכנה. ער איגנאָרירט אינגאַנצן די ווירקלעכקייט; די קעגנוואַרט עקזיסטירט נישט פאַר אים; ער איז פאַרנומען בלויז מיט דער פאַרגאַנגענהייט און מיט דער — צ ו ק ו נ פ ט. שיפּער האַלט אין איין נישטערן אין די אַלטע פּראָטאָקאָל־ביכער פון וואַרשעווער קהילה; ער פילט זיך דאָ ווי אַ פיש אין וואַסער; ער זיצט אין סאַמע אַרכיוו, קיינער שטערט אים נישט, וואָס גייט אים אָן, אַז אַרום לויערט אויף אים דער טויט? — ער איז גאָר פאַרזונקען אין די 70־קער יאָרן פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט, אין קאַמף צווישן דעם וואַרשעווער רב ר' יעקל געזונדהייט, מיט די נאַטאַנזאָנס

פונעם „דאָזאָר באָזשניטשי" (קהילה). שיפּער האָלט נעמלעך ביים פאַר־ענדיקן זיין „געשיכטע פון די וואַרשעווער רבנים"... בעת דער דייטש האַלט אין „פאַרענדיקן" די געשיכטע פון די וואַרשעווער רבנים מיט דער קהילה צוזאַמען...

הרב ר' מנחם זעמבא זיצט אויך און שרייבט; נישטאָ קיין טרדות הרבנות היינט, קען ער פאַרזעצן זיינע חדושי תורה. איך גיב אַ בליק אויף זיין כתב יד: „מה שחדשתי בעזרת ה' בימי הזעם, תחת חמת המציק, בענין קדוש ה' ע"פ הרמב"ם והראב"ד ז"ל"... פונדעסטוועגן איז ער דאָך נישט אָפּגעריסן אינגאַנצן פון דער ווירקלעכקייט; ער זאָגט מיר: ב'זאָל רעדן מיטן קהילה־פּרעזעס, אפשר קען מען דאָך ראַטעווען געוויסע מענטשן פונעם „קעסל" אויף וואָלינסקע אין דער קהילה אריין. באַלד הער איך פון אים אַ „וואָרט" פונעם קאָצקער רבין: „עירובין ונטילת ידיים שלמה המלך תקנן, — „עירובין" זיך אויסמישן מיט דער וועלט „ונטילת ידיים" און אַרויסצונעמען די הענט פון דער וועלט — דאָס האָט שלמה המלך באַוויזן; מ'דאַרף קענען ביידע..."

ס'קומט אריין הרב שטאָקהאַמער, וועלכער איז אַ מיטגליד אין יודענ־ראַט און ברענגט אַ ידיעה: די קהילה באַקומט 2.800 „נומערן".

איך לויף שנעל צום קהילה־פּרעזעס, כדי געוואָר צו ווערן, וואָס ס'איז מיט מיין „פּערסאָנאַל", ד. ה. די אָנגעשטעלטע פונעם קהילה־אַרכיוו (צווישן וועלכע ס'געפינען זיך בלויז עטלעכע פּאַקטישע אָנגע־שטעלטע און — כמעט אַלע פּני פון דער גייסטיקער עליטע). איך ווער געוואָר, אַז אַלע געפינען זיך אויף דער ליסטע צו באַקומען נומערן. אַלזאָ — געראַטעוועט. איך לויף אין איין אָטעם, — כ'האָב מיט אַמאָל באַקומען כח — צוריק אין ביוראָ אריין אָנצוזאָגן די פּרייזלעכע בשורה. קיינער פרייט זיך אָבער נישט. אמת, יעדער קעמפט קודם כל וועגן זיין לעבן; דער זעלבסט דערהאַלטונגס־אינסטינקט איז סוף כל סוף שטאַרקער ווי דער קאָלעקטיוו־אָינסטינקט. אָבער אויך דער לעצטער איז גענוג שטאַרק. היינט מער נאָך ווי ווען אַמאָל. יעדער איינער פילט זיך ענג פאַרבונדן מיטן כלל. און קודם כל זאָרגט מען נאַטירלעך פאַר די נאָענטע. איז מען שטענדיק אין צושטאַנד פון פחד. פון שרעק פאַר זיך, און פאַר די טייערע, און פאַר אַלע; פאַרן היינט און פאַרן מאָרגן.

וואָרום אויב אפילו היינט גערעטעוועט, פרעגט מען: אויף ווי לאַנג?

זייגער 3 בייטאָג קומט אַ באַפעל: אַלע אויפן קהילה־הויף. שטייען מיר אַזוי אויף דעם גרויסן הויף פון דעם אַמאָליקן פּריצישן פּאַלאַץ, וועלכן דער לעצטער פּוילישער קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט האָט אויפגעפרישט אין 18טן יאָרהונדערט, און וועלכער איז דערנאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליטערישער תפיסה; היינט געפינען זיך דאָ די ביוראָס פון דער יידישער קהילה. מיר זענען אויסגעשטעלט אין רייען פון פיר פּערזאָן; לויט די באַזונדערע אָפּטיילונגען פון דער קהילה. בראש פון יעדער אָפּטיילונג איר שעף, וועלכער דאַרף פאַרשטעלן פאַר די מלאכי חבלה זיינע אונטערגעאָרדנטע. שטיי איך אַזוי „אין שפּיץ" פון אַ גרופּע, פאַר וועלכער איך האָב שטענדיק געבויגן דעם קאָפּ אין טיפסטן, אויפריכטיקסטן יראת הכבוד; געפינט זיך דאָך אין איר דאָס ביסל פון פערזענלעכקייטן, וואָס זייער נאָמען קלינגט אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

פּראָפעסאָר באַלאַבאַן פילט זיך שוואַך; ער שטייט שוין אַזוי קרוב 3 שעה. ביי זיינע קרוב 65 יאָר און אָפּגעשוואַכקייט פון דחקות איז עס פאַרשטענדלעך. ער פרעגט מיך, צי קען ער זיך אַנידערזעצן אויף דער ערד. איך ראַט אים נישט. לויטן באַפעל מוז מען שטיין „שטראַם"... שוואַכקייט רופט ביי זיי נישט אַרויס קיין רחמנות, אומגעקערט.

זייגער 6 באַווייזט זיך דער געשטאַפּאָ־שעף בראַנד מיט אַ מחנה ס. ס.־לייט. זיי נישטערן דורך מיט דער הילף פון די אוקראַאינישע מלאכי חבלה אַלע ווינקעלעך פון דער קהילה, זוכנדיק, צי ס'איז נישט עמיצער געבליבן באַהאַלטן. זיי געפינען עטלעכע יידן, צווישן זיי מרדכי לאַנגער, יצחק ראַוויטש און וואָלף ליפּסקער, הרב שלום מרדכי הכהן פון דראָבנין, — פאַר זיי אַלע האָט די קהילה און דער דייטש נישט באַוויליקט קיין „נומערלעך"; נישט געקלעקט, האָט מיר דערקלערט אויף מיינע תחנונים אינזש. ליכטענבוים. אויך די אלמנה פון ר' משולם קאַמינער האָט נישט באַקומען קיין נומער. זיי אַלע ווערן פאַרנומען אויפן „אומשלאַג" צו פאַרניכטונג.

בראַנדט קומט צו צו די באַזונדערע גרופּן פון די אָפּטיילונגען פון דער קהילה; אויך צו מיין גרופּע. ער גיט אַ וואָרף אויף מיר אַ מערדערישן בליק, דאַן אויף מיינע „אָנגעשטעלטע": „אַך, זי האָבען דאָך דען באַ־

לאַבאַן...״ גיט ער אַ זאָג, און גייט ווייטער. דער גרעסטער יידישער היס־טאָריקער אין פּוילן איז ביי אים „דער באַלאַבאַן״, אַ „נומער״...

די „אינספּעקציע״ דויערט נאָך אַ האַלבע שעה. דאַן קומט דער באַ־פעל: מאַרשירן! אויסגעשטעלט אין מיליטערישע רייען צו פיר, הייסט מען אונדז גיין אַ היים, יעדער אין זיין וווינונג. איז עס מעגלעך?...

איך קום צוריק אין מיין וווינונג און וואַרף זיך אַנידער אויפן בעט. כ׳פאַל אַריין אין אַ קאָשמאַר־חלום. מיין קאָפּ איז פול מיט בילדער פונעם „קעסל״, פון גרעסטן און שרעקלעכסטן שחיטה־אָרט, בילדער, וואָס קיינ־מאָל קען מען זיי נישט פאַרגעסן. זיי בלייבן אויף אַ גאַנץ לעבן...

## ר׳ הלל צייטלין ווערט דעפּאָרטירט...

### פרייטיק, ערב ראש השנה תש״ג, 11. סעפּטעמבער

אין לך יום שקללתו אינה מרובה ממחרתו; „נישטאָ קיין טאָג, וואָס זיין קלאָג זאָל נישט זיין גרעסער ווי פונעם אַנדערן טאָג״, זאָגט ערגעץ דער מדרש. יעדער טאָג ברענגט „נייעס״. דאַכט זיך, וואָס קען שוין גאָר זיין ערגער? ווייזט זיך אַרויס, אַז די סאַדיסטישע פאַנטאַזיע איז דערפינ־דעריש ביז גאָר. אָט אַן „אַבענדערונג״ אין „נאָרמאַלן״ אַכזריות; דעפּאָר־טירט היינט — אין די ז ע ל ב ע באַדינגונגען: פי־וואַגאָנען, 120 מענטשן אין איין וואַגאָן — די קראַנקע פונעם יידישן שפּיטאָל. ווו פירט מען זיי? אויך צו אַרבעט? ...הייבט מען אָן צו עפענען די אויגן. הייבן אָן צו צערינען האָפענונגען, אילוזיעס... קראַנקע, — זיי איז דאָך זיכער... מ׳האָט נישט דעם מוט צו דערטראַכטן ביזן סוף... מ׳וואָגט נישט צו ציען מסקנות.

דערצו אַ „קליינע״ ידיעה, אַ „צוגאָב״: צווישן די קראַנקע, וועלכע מ׳האָט דעפּאָרטירט, געפינט זיך — ה ל ל צ יי ט ל י ן.

אַ גרויל גייט מיר דורך דורכן גאַנצן קערפּער. הלל צייטלין, דער נעס־טאָר פון יידישע שרייבער, דער דענקער, דער ערלעכער אָן שום פניות־דיקער קעמפער פאַרן אמת, פאַר אַלעם אידעלן אין יידישן לעבן, הלל צייט־לין דער מוכיח און דער גרויסער ערלעכער ייד. עפּעס אַ טיפער יראת הכבוד באַהערשט מיך ביים דערמאָנען דעם דאָזיקן ריינעם לייכטנדיקן יידישן נאָמען. און אַ נאָך טיפערער ווייטיק.

מ׳האָט זיך נישט וויניק באַמיט אים צו ראַטעווען. קודם כל זיין שנור, פרוי  ט א ל א  צ יי ט ל י ן, וועלכע פאַרנעמט אין דער קהילה אַ הויכן פּאָסטן: דירעקטאָרין פון דער א. ג. עטאַט־אָפּטיילונג (שטייער אָפּצאָל). זי האָט איר שווער „אַנגאַזשירט" אַלס „שיק־ייִנגל" אין איר אָפּטיילונג, — אַזאַ ליידיקער „פּאָסטן" געווען. איז ער געזעסן גאַנצע טעג אין דער ביוראָ אויף דער גזשיבאָווסקע גאַס און — געלערנט זוהר... טייל אסימי־לאַטאָרישע גראָב־יונגישע קהילה־אָנגעשטעלטע, „פּאַקטישע" אָנגעשטעל־טע, האָבן זיך אפילו געקרימט: דער „אַלטער" וועט אַלע אומגליקלעך מאַכן מיט זיין לאַנגער באָרד... אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן — און נ י ש ט דער אַלטער האָט אומגליקלעך געמאַכט... נאָך דעם ווי ס׳איז דעפּאָרטירט געוואָרן זיין פרוי, איז ער געוואָרן אינגאַנצן צעבראָכן. דער מענטש האָט זיך געעלטערט מיט אַ צען יאָר. געוואָרן נאָך בלייכער. דאַן ווען מען האָט געזען, אַז די קראַנקע אין יידישן שפּיטאָל רירט מען נישט, — האָט מען צייטלינען איבערגעפירט אין יידישן שפּיטאָל, וועלכעס האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף דער לעשנע גאַס נומער 1 אין דער געביידע פונעם אַמאָליקן ספּיריטוס־מאָנאָפּאָל. דאָרט איז ער געווען פון דעם 10טן אויגוסט ביזן 11טן סעפּטעמבער 1942. דער שפּיטאָל דירעקטאָר ד״ר שטיין (אַ משומד), און ד״ר וואָל — אַ שוואָגער פונעם באַוווסטן מזרחי־פירער ד״ר וואָלפסבערג — האָבן זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט צייטלינען, פאַרלייכטערט אים די שווערע לעבנס־באַדינגונגען דאָרט, און דאַן בעת אַ „קאָנטראָל" פון די קראַנקע (ווען פיל זענען אַנערקענט געוואָרן פאַר גע־זונטע און דעפּאָרטירט געוואָרן), האָבן זיי צייטלינען אויסבאַהאַלטן. אַ געוויסע קורצע צייט איז מיט אים געווען צוזאַמען זיין זון אלחנן (*).

מ׳האָט זיך באַמיט אים צו דערהאַלטן, צו ראַטעווען, אָנגעווענדט פאַרשידענע מיטלען, תחבולות און אָנשטרענגונגען.

און אָט האָט מען אויך אים, דעם העכער 70־יעריקן שרייבער, גע־פירט צו דער שחיטה — גלייך ווי אַלע זיינע ברידער.

*) אלחנן צייטלין איז ערשט נאך דעם ערשטן עטאפ פון דער דעפארטאציע קראנק געווארן פאר צרות און טראץ דעם מסירת־נפשדיקן ראטעווען פון זיין איידעלער פרוי, געשטארבן דעם 4טן דעצעמבער 1942. ער איז נקבר געווארן אין דער ליטעראַ־רישער אלעע נישט ווייט פון אהל פּרץ).

# ר׳ הלל צייטלין אויף דער עלטער



(איינס פון זיינע לעצטע בילדער, פֿאָטאָגראַפֿירט ערב דער מלחמה אויף זומער־וווינונג אין יוזעפֿאָוו, בײַ וואַרשע)

פאַר מיינע אויגן שווימען אויף בילדער, און אין מח גייען אויף זכרונות פון מיינע באַזוכן ביי הלל צייטלין אין די מלחמה־יאָרן. נישט איינמאָל ביי אים געווען, שטענדיק אַרויסגעגאַנגען אַ געשטאַרקטער. אָבער איין וויזיט ליגט מיר באַזונדער אין געדעכעניש, כ׳געדענק עס ווי היינט. איבעריקנס איז עס דאָך נישט אַזוי לאַנג. געווען איז עס נעמלעך פרייטיק ערב דעם לעצטן שבת פאַר ראש השנה תש״ב (1942); באַקום איך אַ בריוול פון צייטלינען, אויף העברעאיש נאַטירלעך — כ׳האָב עס ביי מיר צופעליק (און אפשר טאַקע גאָרנישט „צופעליק"), אָט איז עס:

„היות שהשבת הבע״ל היא האחרונה בשנה זו, שנת חירום, והיות ששבקנו את כל שנת תש״א, שזוהי שנת של ערב „שב״ת", בלי מעשי תשובה להתעלות, ובלי להכין את עצמנו בפנימיותנו לשנת ה „שב״ת" הבאה עלינו לטובה ולגאולה, אני חושב שנחוץ לכל הפחות בשבת האח־רונה, להתבונן ולעשות חשבון הנפש ולהכין את נשמותינו לקראת שנת „שב״ת", שבטח תהיה שנת גאולה שלימה להתעלות רוחנית, מעין עולם הבא כדברי הרמב״ם בהלכות דעות. — על כן אני מזמין איזה אנשים בעלי דעה לבא אלי ביום השבת הבע״ל לטובה, לחשוב איך לקבל את שבת ה״שב״ת" כראוי, כידוע ליודעי חן, ומי שטרח בערב שבת יאכל בשבת. אבקשך איפוא לסור אלי אי״ה ביום מחר בשבת בשעה 4 אחה״צ.*).

שבת צו דער באַשטימטער צייט קום איך אַרויף אין דער וווינונג פון צייטלינען אויף דער שליסקע־גאַס נומער 60. כ׳קום אריין אין אַ

*) אַזוי ווי דער קומענדיקער שבת איז דער לעצטער איז דעם יאָר. איז יאָר פון פלאָג, און אַזוי ווי מיר האָבן דורכגעלאָזט דאָס גאַנצע יאָר תש״א, וועלכעס איז דאָס יאָר פון „ערב שבת" אָן טאָטן פון אומקער און דערהויבונג, און נישט צוגריי־טנדיק זיך אינערלעך צום יאָר „שבת" (1942) וואָס קומט אויף אונדז צום גוטן און אויסלייזונג, מיין איך, אַז ס׳איז נויטיק וויניקסטנס איז לעצטן שבת פון יאָר זיך צו פאַרטראַכטן און מאַכן אַ חשבון הנפש און פאַרצוברייטן אונדזערע נשמות פאַרן יאָר „שבת" (1942), וועלכעס וועט זיכער זיין אַ יאָר פון פולקאָמע אויסלייזונג און גייסטיקער דערהויבונג — אַ מין צוקונפטיקע וועלט, לויט די רייד פונעם רמב״ם אין הלכות דעות. — דעריבער פאַרבעט איך עטלעכע מענטשן מיט פאַרשטאַנד זיי זאָלן קומען צו מיר דעם צוקינפטיקן שבת, כדי צו באַטראַכטן זיך ווי אַזוי צו עמ־פאַנגען דאָס „שבת" יאָר ווי ס׳דאַרף צו זיין. אַזוי ווי ס׳איז באַוווּסט פאַר די פאַר־שטענדיקע איז גייסט, איז דער וואָס גרייט אָן ערב שבת, וועט עסן אום שבת. איך בעט אייך דעריבער צו קומען צו מיר אי״ה מאָרגן שבת, זייגער 4 נאָך מיטאָג.

קליין שטיבל, און טרעף דארט א צענדליק יידן, ארטאדאקסישע, צווישן זיי עטלעכע באוווסטע תלמידי חכמים, און צייטלין זיצט אויף זיין שטול, און פון זיין מויל גייען ארויס ווערטער־פלאמען... דאס פנים בלאס, די אויגן בלאנקען עפעס מיט א ליכט — נישט פון דער וועלט: — יידן, טייערע הייליקע ווארשעווער יידן, זעט איר דען נישט ווי א וועלט גייט אונטער — און א נייע קומט? פילט איר דען נישט דעם הויך פון דעם וועלטן־בויער — בונה עולמות ומחריבן? זעט איר נישט ווי הימלען גליען, ווי וועלטן פלאקערן? הערט איר דען נישט די טריט פון א נייער צייט? וואס טוט איר, כדי זיך צו דערנענטערן, וואס טוט איר, כדי זיך צוגרייטן, כדי ראוי צו זיין צו דער תקופה וואס קומט? יא — ולא שמעו אל משה מקצר רוח ומעבודה קשה — זיי הערן נישט צוליב דעם קורצן אטעם און שווערער ארבעט. מ׳איז פאריאגט און פארפלאגט און פארשווארצט; — אבער דאך, ביז וואנען וועט מען נישט פילן דעם הויך פון דער אייביקייט? שפירט איר דען נישט דאס דערנענטערן זיך פונעם גאולה־יאר, פונעם יאר וואס איז אינגאנצן שבת? הערט איר דען נישט די שריט פון משיחן?...

אין קליינעם ענגן שטיבל פאלן אומהיימלעכע שאטנס, כ׳זע אן עדה יידן איינגעהערטע אין צייטלינס ווערטער און זיין הויך געשטאלט מיט דער לאנגער ווייטער פאטריארכאלישער ווייסער בארד לייכט ארויס פון דער טונקלקייט. ס׳נעמט מיך ארום א מאדנע געפיל, א מיסטישע שטימונג. ס׳דערגרייכן צו מיר סודותדיקע ווערטער פון ווייטע דורות... ס׳הילכן אפ אין מיין נשמה אפקלאנגען פון זוהר — וועלטן, פון טיפסטע אמונה־קוואלן, פון מקובלהשע שטראלן... הערט איר דען נישט די טריט פון משיחן?

דאכט זיך: איך הער, ס׳איז דאך טאקע „באו מים עד נפש״, ס׳מוז דאך א סוף נעמען. און דער סוף מוז דאך זיין א גוטער... כ׳זיץ איינגעזונקען אין מחשבות און פון ערגעץ ווייט דערגייט צו מיר די שטים פון שטראפער און טרייסטער: — יא ס׳איז קלאר: מיר גייען אקעגן משיחן...

נישט משיחן זענען מיר אבער אקעגן געגאנגען... נישט דערפילט איז געווארן דער חלום פון צייטלינען, וועלכער האט אין די לעצטע זיינע לעבנס־יארן, בפרט אין די מלחמה־יארן, דורכגעמאכט א טיפע זעלישע מעטאמארפאזע: געווארן פרום ביז גאר, בדעה ובמעשה. אפגעהיט שטרענג

אלע מצוות מעשיות, טאקע מיט מסירת־נפש. און געגליט מיט הייסער אומבוויגזאמער אמונה, מיט פעסטן בטחון און האפענונג.

פינף מינוט צייט האט מען געגעבן דעם שווער — דערציילט מיר זיין שנור, פרוי טאלא פערלמוטער־צייטלין, (וועלכע איז ארויסגעפארן אויפן „אומשלאג־פלאץ" צו ראטעווען איר שווער)*) זיך „איינצופאקן". האט ער אנגעטאן דעם טלית און תפילין, גענומען א זוהר אין דער האנט — און געגאנגען...

— א מערקווירדיקער גאנג איז דאס געווען, דערציילט מיר נחום רעמבא. מיט שטארקע טריט האט ער געשפרייזט צווישן דער מחנה אומגליקלעכע. זיין פאטריארכאלישע געשטאלט, זיינע פינקלענדיקע אויגן און זיין גיין האבן אנגעווארפן אן אימה. אפילו די רוצחישע אוקראינישע מיליציאנטן, זענען געווארן באאיינדרוקט: זיי האבן אים נישט געטריבן ברוטאל, געלאזט אים אין רו. און ער האט געשפרייזט פארטראכט, זיינע ליפן האבן נישט אויפגעהערט זיך באוועגן און זיינע אויגן זענען געווען פארקוקט ערגעץ ווייט, ווייט.

:: :: ::

היינט ערב ראש השנה. מ'דארף מאכן א סך הכל. א יאר איז פארביי. און מיט אים — א פאר מיליאנען יידן. יידן, ווי געוועלעך, ווינטשן זיך. ווי געוועלעך? ניין, עפעס ווייניק איבערצייגונג — און ווייניק האפענונג קלינגט אין די ברכות „א גוט יאר". א „גוט יאר"? וואס קען שוין גאר גוט זיין אט דעם יונגן מענטשן, ביי וועמען מ'האט צוגענומען דאס ווייב און פיר קינדער, די עלטערן, ברידער, שוועסטער, און ער איז געבליבן איינער אליין אויף גאטס וועלט? פונדעסטוועגן — דער לעבנס־אינסטינקט איז שטארק, שטארקער אפשר — אלס אפווער — ווי אמאל:

---

*) פרוי טאלא צייטלין האט זיך געפילט טאפלט „געדעקט": ראשית, האט זי מיט איר זון אנרי געהאט א וויזע קיין קובא און א בריוו פונעם שווייצארישן קאנסול אין בערלין, אז — ער וועט איר שוין מודיע זיין ווי אזוי זי וועט קענען פארן צו איר מאן אהרן צייטלין; און מיט אויסלענדער האט מען זיך נאך אביסל גערעכנט ביי די דייטשן. שנית איז זי, לייטעריין פון דער שטייערן אפטיילונג אין דער קהילה געווען „געדעקט", ווייל מ'האט נאך אמאל האנארירט די דאזיקע פאסטנס. זי איז דעריבער צוזאמען מיטן ה' נחום רעמבא ארויסגעפארן ראטעווען הלל צייטלינען: ס'האט אבער נישט געהאלפן

מ'וויל דאָך לעבן. ווינטשט מען: זאָל שוין נעמען א סוף צום פאַרניכ־טונג. זאָל שוין גאָט זאָגן צו אונדזערע צרות: גענוג!

איך טרעף זיך מיט הרב רבי מנחם זעמבא. „אפילו חרב חדה מונחת על צוארך...״ „מ'דאַרף האָפן. מ'דאַרף נישט פאַרלירן דעם בטחון״, זאָגט ער מיר. „לשנה טובה...״.

— איך קען אייך באַווייזן אויף זיכער, אז דאָס יאָר, דאָס קומענ־דיקע וועט זיין א בעסערס; פשוט: נישטאָ נאָך קיין דריי מיליאָן יידן אין פוילן צום פאַרטיליקן. איז דאָך שוין ממילא נישט מעגלעך אזא שלעכט יאָר, — זאָג איך, — מוז דאָך דאָס קומענדיקע יאָר זיין א בעסערס.

ווען איך האָב די דאָזיקע „טרייסט״ איבערגעחזרט פאַר ד"ר שיפּער, האָט ער מיר געענטפערט:

— ניין, ס'איז נישט אזוי. ווייל ס'שטייט נאָך אין קאַן דאָס שארית הפליטה... ס'קען נאָך געשען א גרעסער אומגליק... אָבער דאָך האָף איך (דער אומפאַרבעסערלעכער אָפּטימיסט!), אז די, וואָס זענען דאָ, וועלן שוין בלייבן. וואָרום צו וואָס האָט דען געטויגט אזויפיל „סעלעקציעס״?...

פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן, וועלכער איז מיט אייניקע חדשים צו־ריק נאָמינירט געוואָרן אַלס ראַבינער אויפן אָרט פון פּראָפעסאָר ד"ר מ ש ה ש א ר, נעמט שטאַרק ערנסט זיין אמט; ער גרייט צו א גרויס מנין אויף ראש השנה. אין דער געביידע פון דער קהילה. אַלע שולן גע־פינען זיך נעמלעך מחוץ דעם איינגעשרומפּענעם געטאָ, וועלכעס באַשטייט פון עטלעכע גאַסן. באַלאַבאַן, דער באַרימטער היסטאָריקער פון פּוילישן יידנטום, דער גרויסער געלערנטער, — איז זיין לעבנס־חלום שטענדיק געווען צו זיין — ראַבינער... זאָל זיין אין קלענסטן שטעטל, אבי ער זאָל זיין ראַבינער. דאָס איז געווען זיין הייסעסטער ווונטש, זיין שטאַרקסטע (און שוואַכסטע...) אַמביציע. ער האָט זיך, נעמלעך, גערעכנט צו דער פּלעיאַדע פון דער לעמבערגער גרופּע געלערנטע און עסקנים, צו וועלכע ס'האָבן געהערט: ד"ר יהושוע טהאָן, ד"ר מרדכי עהרענפּרייז, ד"ר מרדכי ברוידע, ד"ר שמואל גוטמאַן, ד"ר משה שאָר און ד"ר יהודה לייב לאַנדוי (איצט אין יאָהאַנעסבורג). אַלע זענען געוואָרן ראַבינער, נאָר ער, באַלאַ־באַן, נישט. האָט ער געהאַט קנאה. און ווו ס'האָט זיך געמאַכט א געלעגנ־הייט, האָט ער געגעבן אָנצוהערן. אז ער איז גרייט. איז געשטאָרבן ד"ר

טהאָן, האָט ער נישט־אָפיציעל קאַנדידירט אויף זיין אָרט אין קראָקע. באמת אָבער, האָט ער נישט „דורכגעמאַכט" דאָס ראַבינער־סעמינאַר. איצט, בעת דעם געטאָ, האָט ער באַקומען אַ ראַבינער־דיפּלאָם, געשריבן אויף פּאַרמעט, מיט דער גאַנצער רייכער אויסשטאַטונג, פון ראַבינער ד"ר לעאָ בעק פון בערלין, און טשערניאַקאָװ האָט אים נאָמינירט פאַר פאַרגעשריטענעם ראַבינער. אַזוי איז זיין באַגער ענדלעך מקוים געוואָרן. ער האָט, ווי געזאָגט, גענומען שטאַרק ערנסט זיין אַמט, און זיך זייער געפּאָרעט אַרום דעם צוגרייטן דאָס מנין. באַזאָרגט מחזורים (וואָס ס'האָט נישט געפעלט דעמאָלט אין וואַרשע), טליתים, אַ שופר, און אַ חזן: ש ע ר מ אַ ן, דער צווייטער חזן פון דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע, האָט געדאַרפט אָפּריכטן די תפילות.

און — דערווייל האָט נאָך אין „קעסל" זיך געקאָכט... די יידן, וואָס זענען דאָרט געווען, זענען נאָך אַלץ געלעגן אין אַנגסטן אויף די בוידעמס, אין די קעלערס, אין די לעכער. ס'איז שוין, אמת, געוועזן נאָך דער סע־לעקציע, ד. ה. איין טייל איז שוין אָוועקגעשיקט געוואָרן צום פּאַרטיליקן און אַ צווייטע צוריק אין די שאָפּן, די אָבער, וואָס זענען געווען באַהאַלטן, זענען ווייטער דאָרט געבליבן, מורא האָבנדיק צו פאַרלאָזן דאָס באַהעל־טעניש. די דאָזיקע גאַסן זענען ווייטער געווען אַרומגערינגלט פון אוק־ראַינישע מיליציאַנטן אין דייטשע מונדירן. מ'האָט נישט געקענט נישט אַרויס און נישט אַריין. די באַהאַלטענע יידן האָבן געהונגערט, און מ'האָט זיי נישט געקענט העלפן פון דעם געטאָ.

מ'האָט בכלל נישט געוווּסט אין געטאָ, ד. ה. צווישן די לעבנגעבלי־בענע, וואָס ס'קומט איצט פאָר אויף דער וואָלינסקע און מילע, אין „קע־סל". דאָס דאָזיקע איז אַלץ הערמעטיש פאַרשלאָסן. מ'ווייסט נישט ווער איז דאָרט דאָ, און וויפל. מ'שפּירט נאָר, אַז דאָרט שפּילט זיך אָפּ אַ טראַגעדיע, און מ'זעט מאַכטלאָז צו...

**ראש השנה תש"ג. זונטיק ביינאַכט, 13. סעפּטעמבער. מוצאי ראש השנה.**

אַ ראש השנה פול מיט געשעענישן. דעם ערשטן טאָג איז דער זאַל אין דער נייער קהילה־געביידע, זאַמענהאָף 19, פול געפּאַקט. ס'דאַוונט פאַרן עמוד דער חזן שערמאַן. ס'קומען אַ סך יידן, פרייע, אַסימילירטע.

מ'דאוונט מיט כוונה. א טיפער ערנסט ליגט אויף אלעמענס פנימער. מ'איז צעבראכן. אין די געדאנקען איז מען מיט יענע, וואס זענען נישטא. און אליין איז מען דורכגעדרונגען מיט פחד פארן מארגן. והיה חייך תלוים לך מנגד... איז מקוים געווארן.

איך דאוון אין מנין, וועלכעס איז איינגעארדנט אין דער דירה, פאוויע 4, וווּ ס'געפינט זיך הרב רבי מנחם זעמבא. דארט איז זיך צוזאמענגעקומען דאס ביסל שארית פון ווארשעווער ראבינאט, און די עסקנים. ס'זענען דא די רבנים שטאקהאמער און שפירא, ר' יהודה לייב ארלעאן, ר' אליעזר גרשון פרידענזאן און דוד גוזשיק, דער דירעקטאר פונעם „דזשאינט". רבי מנחם דאוונט מיט התלהבות. פארן עמוד — ר' יצחק ראזענשטרויך. אלע זענען צעבראכענע מענטשן. אלע זענען אליין; פארלארן די נאענטסטע. א שטיל געוויין לאזט זיך הערן פון צייט צו צייט. און א קרעכץ, וואס איז משבר דעם גוף מיט דער נשמה. נאכן דאוונען ווערט א שמועס; שוין נישט דאס אייביקע טעמע: „וואס ווייטער?" נאר אביסל טיפער: „פ א ר ו ו א ס ?" די פראגע ווארפט זיך אויף פון זיך אליין.

קיינער געפינט נישט קיין ענטפער. אפילו רבי מנחם זעמבא, וואס פארענטפערט שטענדיק די הארבסטע קשיות, קען די קשיא נישט פארענטפערן. נישטא קיין שום תירוץ. שמועסט מען אזוי סתם אין דער וועלט.

גוזשיק שטייט אין דער זייט און הערט זיך צו שווייגנדיק. פלוצים, גיט ער זיך א ווענד צו מיר מיט א פראגע: נו?...

נישט מער. אבער איך ווייס וואס דאס באדייט. ער איז געבליבן אליין, פארלארן ווייב און קינדער. און דאך בעת די דריי יאר אקופאציע א סך גוטס געטאן. נישט געלאזט באוועלען רבנים, תלמידי חכמים. געזארגט פאר זיי, געשטיצט פון די „דזשאינט"-געלטער מיט א ברייטער האנט. מיט אלע כוחות מיטגעהאלפן ר' זישע פרידמאן אין זיין הילפס-ארבעט פאר רעליגיעזע מענטשן. געהאלפן ישיבה בחורים, וואס זענען געזעסן און געלערנט אין גרעסטן געפאר. איצט פרעגט ער, נישט פרעגנדיק: וואס וועט זיין?...

דער עולם בעט מיך צו גיין אין דער קהילה אריין; דערוויסן זיך וואס ס'הערט זיך. כ'קום אריין אין דער קהילה-געביידע און טרעף דעם פרע-

זעם אינזש. מארק ליכטענבוים. ער פרעגט מיך, פארוואס איך גיי נישט דאווגען? ער טרייבט איך די אנדערע קהילה־אנגעשטעלטע צום דאוונען. ער באזיצט געמלעך, א שטיקל רעליגיעז געפיל, יחוסט זיך מיט זיין אפּשטאמונג פונעם „מגלה טמירות”. איצט טרייבט ער צום דאוונען.

איך קום אריין אין קהילה־זאל, ווו מ'דאוונט. כ'שטיי א ווײלע. עס האלט ביי מוסף. פּלוצים רייסט זיך אריין א יונגער ס.ס.־מאן און שטעלט אן דאס געווער אקעגן עולם. ער הייסט אלע דורכגיין און ווייזן די נומערלעך, וואס יעדער איינער טראגט אויפן לאץ. גייען מיר אזוי דורך, ביז ס'קומט צו צו ה' יוסף קעניגסבערג. ער האט נישט קיין „נומער”. ער זיצט געמלעך אין דער יידישער תפיסה (אזוי איז ער אפּגעראטעוועט געווארן פון דעפּארטאציע...), ווו די געשטאפּא האלט אים אין איין אויספרעגן וועגן דער לובלינער ישיבה, פון וועלכער ער איז פארוואלטער. איצט איז ער געקומען אין באגלייטונג פון א יידישן פּאליציאנט, כדי צו דאוונען בצבור. דער ס.ס.־מאן פרעגט: ווי קומט ער אהער? דער יידישער פּאליציאנט פּרווט עפּעס ענטפערן, אבער ער ווערט מערדערלעך צעשלאגן. דאן צילט אן דער ס.ס.־מאן די ביקס אויף קעניגסבערגן; דער דאזיקער ווערט בלייך ווי די וואנט; זעט דעם טויט פאר די אויגן. מיר אלע שטייען צוגעשמידט צו די ערטער אין טויט־שרעק. אבער אין א מינוט האט ער זיך עפּעס באטראכט און שיסט נישט. ער פירט אים אוועק אויף דעם „אומשלאג”.

אין דער קהילה ווערט א גרויסע בהלה. ס'קומט צו לויפן דער יידישער שעף פון דער תפיסה, וועלכער איז פאראנטווארטלעך פאר קעניגסבערגן, אלס העפטלינג. מ'נעמט זוכן עצות. ס'קומט אן א. ב. ע ק ע ר מ א ן. ענדלעך ווערט געשאפן א ליטער בראנפן, און — נאך אנטשפּרעכנדע „אונטערהאנדלונגען”, ווערט קעניגסבערג צוריקגעבראכט פונעם „אומשלאג” און געפירט צו דער תפיסה. אזוי ארום געראטעוועט געווארן.

דעם צווייטן טאג איז שוין קיין מנין אין דער קהילה נישט פארגעקומען.

אין דער שאפּ „שולץ” אויף נאוואליפּיע־גאס האט מען געדאוונט אין עטלעכע מנינים בצבור. אין גרעסטן פון זיי איז געווען דער בעל תפילה און בעל קורא ה' זישע פרידמאן. ער האט צענומען דעם עולם מיט

זיין הארציק דאווגען, הגם ער איז נישט געווען קיין חזן. מ'איז נישט געווען באפרייט פון דער ארבעט, נאר מ'האט זיך אן עצה געגעבן... איך בין דארט דעם צווייטן טאג ראש השנה (געגאנגען זוכן פריינד, באַקאנטע), כ'טרעף דארט דעם פיאסעטשנער רבין ר' קלונימוס שפירא, דעם פאביאניצער רב ר' אברהם אלטער, מאטל, יוסף און לייב לעווין, יעקב ראדזינסקי (דער איינציקער עסקן פון „מזרחי", וואס איז נאך געבליבן).

:: : ::

דעם צווייטן טאג ראש השנה. אן אויסערגעווענלעך געשעעניש: די אוקראינישע וואך איז אוועקגענומען געווארן פונעם „קעסל", מ'קען פריי ארויסקומען. די באהאלטענע יידן קריכן ארויס פון זייערע באהעלטענישן. צוערשט פארזיכטיק, שפעטער אלעמאל דרייסטער. אין גרופן, אין מאסן. זיי לאזן זיך צוריק אין די „שאפן". איך באגעגן צווישן זיי הרב בעער פון אזארקאוו (דער איידעם פון רבי מנחם זעמבא), ר' יוסף פרענקעל פון ביליץ, און פיל אנדערע. זיי האבן זיך באהאלטן און געראטעוועט געווארן. מ'איז פארחושכט און פארחלשט פון הונגער און שרעק; אבער מ'אטעמט דאך פרייער אפ. יעדער האט צו דערציילן ניסים. די שטימונג ווערט אביסל אויפגעלעבטער. מ'אטעמט פרייער אפ. אין די אויסגעליידיקטע הערצער טליעט ווידער אויף א פונק פון האפענונג...

א ניי יאר גייט אויף אונדז — נייע האפענונג.

## יום כפור

### מוצאי יום כפור תש"ג, מאנטיק, 21. סעפטעמבער.

די דייטשן האבן ארויסגעגעבן א באפעל, אז אויך אום יום־כיפור מוז מען ארבעטן. יידן האבן זיך אבער „אן עצה געגעבן", און אין אלע „שאפן" און הייזער, ווו ס'זענען געווען יידן, האט מען געמאכט מנינים און געדאווענט. מ'האט געדאווענט מיט הארץ. מיט צעבראכנקייט. אין איין שאפ האט געדאווענט פארן עמוד גרשון ס י ר א ט א. פאר דער מלחמה און בעת דער מלחמה איז ער שוין געווען שוואך, זיין שטימע האט שוין

נישט געקלונגען ווי אַמאָל. און — מערקווירדיק! — גראָד איצט, אויף דער עלטער, און אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען, האָט זיין שטים זיך צעהילכט אין איר גאַנצער פּראַכט. מענטשן זענען געבליבן שטיין פאַרגאַפט און פאַרוווּנדערט. — דער געניאַלער חזן האָט דאָס מאָל זיך אליין איבערגעשטיגן. יידן האָבן געהאַלטן אין איין גיסן מיט טרערן ביי זיין דאַווענען. מ׳איז געווען ענג געפּאַקט, אין נישט גרויסן צימער, און סיראַטאָס שטים איז זיך צעגאַנגען אין מתיקות אין „ומלא משאלותינו במדה טובה, ישועה ורחמים”, — דער „ורחמים” האָט דאָס מאָל געקלונגען ווי אַ געוויין פון אַ קליין קינד, און — ווי אַן אַלאַרם... געוויינען פון געפּייניקטע און געמאַרטערטע, האָבן זיך אַרויסגעהערט פון דעם דאָזיקן „ורחמים”...

אין אַ האַרציקן השתפכות הנפש איז זיך סיראָטאַ צעגאַנגען ביי „אבינו מלכנו”. דאָס איז נישט געווען זיינס אַ חזנישע קאָמפּאָזיציע, — ווי מענטשן, וואָס האָבן אים געהערט שטענדיק, פאַרזיכערן מיך, — פלעגט ער קיינמאָל נישט זינגען די דאָזיקע תחינה. בלויז היינט — אַ נייעס, דאָס איז אַ האַרציקע אימפּראָוויזאַציע, ממש — דברים הנובעים מן הלב. באַזונדער צעוויינט זיך זיין העלדישע שטים ביי:

„אבינו מלכנו, עשה למען הרוגים על שם קדשך!
„אבינו מלכנו עשה למען טבוחים על יחידך!
„אבינו מלכנו, עשה למען באים באש ובמים על קידוש שמך!...”

די דאָזיקע תפילות דרינגען אַריין טיף אין אונדזער נאַציאָנאַלן אומגליק, און אין געמיט פון יעדן איינעם פון אונדז. מענטשן צעגייען זיך אין געוויין. יעדער געדענקט זיינע נאָענטע, טייערסטע. דאָס איז נישט מער סתם אַ תפילה. נישט מער קיין „טעאַטעטישער” פּזמון פונעם מחזור — נאָר אַ „פּערזענלעכער” ענין פון יעדן איינעם פון אונדז. און נישט מער אַ תפילה פון אַמאָליקע צייטן, נאָר פון היינט, פון איצט ממש.

:: : ::

שפּעט פאַרנאַכט צו, ווען מ׳האַלט ביי נעילה, איך דאַוון נעילה ביי רבי מנחם זעמבאַ, קומט צו גיין מיין חבר פון דער קהילה פּנחס וואַסערמאַן, און ברענגט אַ ידיעה: אַן „אַקציע” ביי שולצן.

איך לויף אַרויס אין דער קהילה אַריין געוואָר ווערן פּרטים. כ'הער אַז בלויז אַזאַ „צוגאַב" צו דער פריערדיקער אַקציע, וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט דעם צווייטן טאָג ראש השנה. „בלויז" אייניקע הונדערט יידן.

דורכן פענצטער פון דער קהילה, אויף זאַמענהאָף 19 זע איך דורכ־פירן צום „אומשלאַג־פּלאַץ" אַ גרופּע יידן. ס'איז שוין טונקל; איך דער־קען אָבער אייניקע מענטשן צווישן דער גרופּע:

אָט גייט רבי מאיר אַלטער, דער עלטסטער זון פונעם גערער רבין, ער איז אָנגעטאָן אין אַרבעט־קליידער, אָבער דאָס אצילות שיינט אים פונעם פּנים. ער איז נאָך זיכער אין די הייליקע יום־כּפּורדיקע תפילות. נעבן אים זע איך יצחק אייזנער. דאָן רבי מאיר אַלטערס איידעם וואָלף לאַנדוי, און זיין פרוי מיט צוויי יינגלעך, אין עלטער פון 13 יאָר, אַ צווילינג, פּראַכט־שיינע קינדער, זיי שמען אין געטאָ מיט זייער אינטעליגענץ און התמדה; זיי קענען שוין גוט לערנען און באַ־הערשן אויך אייראָפּעיִשע שפּראַכן, ענגליש, פראַנצויזיש.

דאָן באַמערק איך פּאָלמאַנען, דעם סעקרעטאַר פון דער טלאָמאַצקע־סינאַגאָגע און אַדוואָקאַט ד"ר איזידאָר גראָספעלד. (איך דערמאָן זיך, ווי ערשט אייערנעכטן האָט פּאָלמאַן מיר דערציילט וועגן דעם בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון ארץ ישראל פון זיין טאָכ־טער, אַ שילערין פונעם יודאַאיסטישן אינסטיטוט, וועלכע איז בעת דער מלחמה אַרויסגעפאָרן קיין ארץ ישראל).

איך באַמערק ווייטער דעם אַלעקסאַנדערער רבינס משפחה, זיינע טעכטער און איידעמס, ווי אויך הרב יוסף חיים דאַנ־ציגער. דאָן גייט לוי גוטגעלד פונעם ארץ־ישראל אַמט, סטאַראָווינס־קי, פונעם קרן היסוד.

דאָן מאַרישאַ אייזנשטאַט, די טאָכטער פונעם באַר־דיריגענט פון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע, דוד אייזנ־שטאַט, וועלכע מ'האָט גערופן די „נאַכטיגאַל פון געטאָ"; זי איז געווען באַרימט מיט איר וווּנדערלעכער שטימע. איר געזאַנג האָט געמאַכט אַ קאָ־לאָסאַלן איינדרוק, טויזנטער מענטשן פלעגן קומען זי הערן. אויך פּאָליאַקן פלעגן זיך שמוגלען אין געטאָ, כדי זי צו הערן, אַזוי באַרימט איז זי גע־ווען. באַקאַנט איז געווען איר זינגען פון דעם ליד „אלי, אלי למה עזבתנו".

ביי וועלכן מענטשן פלעגן זיך באָדן אין טרערן. מבינים האָבן איר פאַר־אויסגעזאָגט א גרויסע צוקונפט. היינט פירט מען זי דאָ צום „אומשלאַג". זי גייט גלייך מיט אַלע, גלייכגילטיק, טראָגט עפּעס אַ פּעקל און אַ טעקע. (ווי מ'זאָגט מיר דערנאָך, האַלט זי אין דער דאָזיקער טעקע די נאָטן פון די לידער, מיט וועלכע זי טרעט אויף אויף קאָנצערטן). זי גייט אין דער רייע, גלייך ווי אַלע; אַליין, וואָרום אַליין איז זי געבליבן אויף דער וועלט; אירע עלטערן און משפּחה שוין פון פריער „דעפּאָרטירט"; זי גייט שווייגנ־דיק, ווי אַלע, אָבער איבער איר, און איבער דער צום טויט־געפירטער מאַסע שפּיר איך אַן עכאָ פון איר ליבלינג־ליד:

— „אין פייער און פלאַם האָסטו אונדז געבראַכט", דאָס ליד: „אלי אלי למה עזבתנו..."

אָט אַזוי איז עס געווען אין געטאָ־וואַרשע, יום כפור תש"ג...

## צוויי פּאָפּולערע געשטאַלטן פאַרשווינדן

**דינסטיק, 22. סעפּטעמבער.**

ער האָט זיך „באַוואָפנט" מיט אַלערליי מעגלעכע לעגיטימאַציעס, אונדזער ר' ד ן פונעם וואַרשעווער ראַבינאַט. געהאַט אַ לעגיטימאַציע אַלס קהילה־אַנגעשטעלטער, אַלס אַרבעטער אין אַ שאָפּ, אַלס פאַכמאַן פון בערשטן־פאַבריקאַציע. אחוץ דעם איז ער געווען גאָר פאַרזיכטיק. די גאַנ־צע צייט פון דער „אָקופּאַציע" האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פון זייערע הענט. אַ קלוגער ייד געווען. נישט אומזיסט אויסגעוואַקסן כמעט צו אַ לעגענדאַרער פיגור פונעם וואַרשעווער ועד הרבנים, צו וועלכן די רעפּאָר־טערן פון די יידישע צייטונגען האָבן „צוגעטשעפּעט" אַלערליי מעשיות. און היינט איז ער אַריינגעפאַלן. געגאַנגען פון דער היים אין דער קהילה אַריין, און אויפן וועג אָנגעטראָפן אויף אַ „בלאָקאַדע". איך לויף צום פּרעזעס פונעם יודענראַט ליכטענבוים — אפשר קען מען עפּעס טאָן; ער טעלעפאָנירט צום שעף פון דער יידישער פּאָליציי יעקב לעיקין און צום לייטער פונעם „אומשלאַג־פּלאַץ" שמערלינג, — אָבער ס'איז שוין צו שפּעט; י. מ. פּ אָ ז נ ע ר, דער בית־החיים־אינטענדענט און מאָטל פּ י נ ק ע ר ט, וועלכע זענען נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון דאָרט, דער־

ציילן, אז ר׳ דן (וואלקענברייט האט ער געהייסן) איז שוין אין וואגאן... אויפן וועג קיין טרעבלינקע.

אזוי איז פלוצים אוועק איינע פון די פאפולערע געשטאלטן פונעם ווארשעווער יידישן לעבן.

צוזאמען מיט אים איז היינט אויך פארנומען געווארן ה׳ יעקב גע־זונדהייט, אן אייניקל פונעם לעצטן ווארשעווער רב מיט דעם זעלבן נא־מען, און לאנג־יאריקער סעקרעטאר פונעם ווארשעווער ראבינאט.

יעקב געזונדהייט איז אויך געווען אן אינטערעסאנטע געשטאלט. ער האט באטראכט זיין אמט אלס עבודת הקודש, געארבעט טאג און נאכט, און בעיקר זיך אפגעגעבן מיט עגונות, מיט פארלאזענע פרויען, געהאט אן אפן הארץ און אן אפענע האנט פאר יעדן מר לב. קיינמאל נישט גענו־מען קיין אורלויב אין דער קהילה. שטענדיק געווען פארארבעט. ער האט געטאן זיין ארבעט אומאינטערעסירט, זיך באגנוגנט מיט זיין מאגערע פענסיע, און נישט גענאמען קיינמאל פון זייטיקע פארדינסטן. בעת דער אקופאציע האט ער געליטן דחקות, אבער נישט געוואלט גענימען פון קיין שום שטיצע.

געווען א מערקווירדיקער מענטש, געארבעט מיט מסירת־נפש, אויפן אלטן שטייגער. אויך מיט אים איז פארשוונדן א ספעציפישע געשטאלט פונעם יידישן לעבן אין ווארשע. א מענטש, וואס מ׳טרעפט זעלטן אזעלכן צווישן אנגעשטעלטע פון עפנטלעכע אינסטיטוציעס.

## פארשידענע פארמען פון יידישער קולטור

### מיטוואך, 23. סעפטעמבער.

היינט ווידער „נייעס״: געשאסן ביינאכט פיר יידן. לויטן „אנגענו־מענעם״ נוסח: אנגעקלאפט זייגער איינס ביינאכט, ארויסגעפירט פון דער וווינונג און — צומארגנס אין דער פרי געטראפן פארן הויז א דערשא־סענעם. געשעען איז עס אפט פאר דער דעפארטאציע. דעמאלט איז עס געווען א מעשה בכל יום. איך דערמאן זיך, ווי צווישן אנדערע איז פרילינג 1942 דערשאסן געווארן דער יונגער פארשער מאגיסטער מנחם ל י נ־ ד ע ר. געווען א פריינד מיינער. געשטאמט פון שניאטין (ביי דער גא־

ליציש־רומענישער גרענעץ), שטודירט אין װאַרשע, אַלט געװען בלויז אַ יאָר דרײַסיק און שוין געהאַט אַ נאָמען אַלס ערנסטער װיסנשאַפטלער. פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע רײע װיסנשאַפטלעכע אַרבעטן אין די „ייװאָ־בלעטער", געװען סעקרעטאַר פון ייװאָ אין װאַרשע און אײנער פון אירע אַקטיװסטע עסקנים. פּראָפּ. באַלאַבאַן האָט אים פאַראױסגעזאָגט אַ גרױסע צוקונפט אַלס סאָציאָלאָג. אין משך פון דער אָקופּאַציע איז ער לײטער פון דער סטאַטיסטישער אָפּטײלונג בײם „דזשאָינט". ער איז געװען צוזאַמען מיט הרב ק. הובערבאַנד, ד"ר רינגעלבלום און איך — אײנער פון די איניציאַטאָרן פון דעם געהײמען אַרכיװ, װעלכער האָט געזאַמלט מאַטע־ריאַלן װעגן די גזרות און רדיפות.

אויף זײן איניציאַטיװע װערט אויך געשאַפן דעם 21סטן פעברואַר 1941 אַ ייִדישע קולטור־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, א. נ. „איקאָר", װעלכע אָרדנט אײן פאַרשידענע קולטורעלע פאַראַנשטאַלטונגען, שאַפט ביבליאָ־טעקן, געהײמע רעציטאַציע־אָװנטן א. ד. גל.

איך בין אַמאָל אָנװעזנט געװען אויף אַ זיצונג פון דער דאָזיקער קולטור־קאָמיסיע אין דעם ביוראָ פונעם „דזשאָינט". ס'זענען געקומען דער טעאַטער־דירעקטאָר מרדכי מאַזאָ, מאַרק אַרנשטײן (אַנדזשעי מאַרק), דירינגענט פון סינאַגאָגע־כאָר, ד. אײזענשטאַט, פעליקס פרידמאַן, ד"ר ע. רינגעלבלום, מ' װײסבערג (דירעקטאָר פון דער סינאַגאָגע־ביבליאָטעק), ד"ר נחמן קאָװאַלסקי (אַ זון פונעם װלאָצלאַװקער רב סענאַטאָר י. ל. קאָװאַלסקי), פרוי נעכאַ ראַטנער פון בענדין, ליפּע קעסטין, ישראל שטערן, שלמה גילבערט, יחיאל רײזמאַן און איך.

מ'האָט גערעדט װעגן פאַרשידענע פאַראַנשטאַלטונגען און אונטער־נעמונגען, װעגן אַ שלום־עליכם־אָװנט, אַ מענדעלע־אָװנט, אַ פּרץ־פײערונג, — איך מוז מודה זײן, אַז כ'האָב געהאַט װײניק פאַראינטערעסירונג פאַר אַט דער דאָזיקער ריכטונג. װײס איך דאָך, אַז איבער 2 טױזנט בחורים זיצן אין װאַרשע און לערנען טאָג און נאַכט גמרא מיט תוספות בעיון, און מיט גרױס התמדה.

אָבער ניט דאָ איז דאָס אָרט. און נישט הײנט די צײט איבערצו־חזרן אַלטע װכוחים, נאָך װעלכע יעדער בלײבט בײ זײן מײנונג. איך שװײג דעריבער. איך באַװונדער אָבער די באַגײסטערונג, װאָס אַט די

מענטשן האָבן פאַרן יידישן וואָרט, פאַר קולטור, לויט זייער אויפפאַסונג. תיתי להם. בפרט ווער איך באַאיינדרוקט פון מנחם לינדערס רירעוודי־קייט און אַקטיוויקייט. ער איז דער רוח החיים פון דער גאַנצער אונטער־נעמונג. איך דריק אים אויס מיין באַוואונדערונג פאַר זיין ענערגיע, און זאָג אים צו מיין מיטאַרבעט פאַר זאַמלען מאַטעריאַלן. איך נעם איבער די לייטונג פון דער דאַזיקער אַפּטיילונג אין דער קאָמיסיע, און זאָג צו צוצושטעלן צו דיספּאָזיציע אַלע מיטלען און מאַטעריאַלן פונעם קהילה־אַרכיוו (טשערניאַקאָוו האָט ליב געהאַט, אַז מען זאָל אים נישט פרעגן קיין הסכמה; נאָר בדיעבד איז ער געווען שטענדיק פּאָזיטיוו איינגע־שטעלט צו אַזעלכע געהיימע אומלעגאַלע אונטערנעמונגען).

איך האָב לינדערן דערציילט וועגן די מאַטעריאַלן, וועלכע ס׳האָט זיך מיר איינגעגעבן צו זאַמלען וועגן ווילנע, לעמבערג, טאַרנאָפּאָל, קאָלאָמיי, האָט ער זיך געפרייט. איך באַוואונדער ווי דער דאָזיקער יונגער מענטש האָט אָן ערנסטן, דערפאַרענעם, געוויסנהאַפטן צוגאַנג צו וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען און גלייכצייטיק שפּרודלט ער מיט ענערגיע און אונטערנע־מונגס־קראַפט.

און אָט האָט דער באַרבאַרישער שונא אַ סוף געמאַכט צו דעם יונגן לעבן.

די יונגע אַלמנה האָט מיר איבערגעגעבן אַ גאַנצע וואַליזע מיט פּאַ־פּירן, מנחם לינדערס וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, אין כתב יד, אַ סך סטאַ־טיסטישע און סאָציאָלאָגישע מאַטעריאַלן וועגן יידישן לעבן אין וואַר־שעווער געטאָ. איך נעם עס אין אַרכיוו אַריין, מיט דעם געדאַנק, אַז מ׳וועט דערלעבן, וועט דערפון געשטעלט ווערן אַ לעבעדיקער דענקמאָל דעם דאָזיקן יונגן מענטש, וואָס איז געווען אַ גרויסער יידישער געלערנ־טער און האָט געקענט ווערן נאָך גרעסער, ווען דער שונא זאָל נישט גע־ווען אונטערהאַקן דאָס דאָזיקע יונגע לעבן.

## מ׳וואַרט אויף אַ ישועה פון אויסלאַנד

### דאָנערשטיק, 24. סעפּטעמבער.

יעדער בריוו וואָס קומט פון אויסלאַנד איז אַ ליכט־שטראַל אין געטאָ. היינט איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דער שווייץ. מ׳שרייבט דאָרט

וועגן „ליבעסגאבען־פאקעטן", אזעלכע, ווי ס'האט באקומען די פאמיליע וו יי נ ג אַ ר ט. און די פאמיליע ווײנגאַרט האט באקומען דרום־אמע־ריקאנישע פאספאַרטן. אייניקע פאמיליעס האבן באקומען אזעלכע בריוו; די פאמיליע פרענקעל ראפאפאַרט פון ביליץ, אהרן בלומענקאפּף (פון זיין זון, א דאָקטאָר אין דער שווייץ) א. אנד. די דאָזיקע פאספאַרטן זענען היינט אין געטאָ די איינציקע לעבנס־שאנסן. מענטשן זוכן זיך אויס קרובים, פריינט, באקאנטע אין אויסלאַנד, בעיקר אין דער שווייץ — און מ'בעט תחנונימדיק, אין פארשידענע פארשטעלטע שיפרירטע לשונות: שיקט א פאספאַרט!

דאָס גאנצע חריפות און דערפינדערישקייט ליגט מען אריין אין אָט די בריוו; מ'רעדט מיט א לשון, וואָס זאָל נישט זיין פאַרשטענדלעך פאַרן דייטשן צענזאָר און פאַרשטענדלעך פאַר דעם קרוב אין נייטראַלן אויס־לאַנד (מ'באַנוצט פאַרשידענע פסוקים, רמזים, אַנדייטונגען). ס'טרעפט זיך אָבער פאַרקערט: דער דייטשער צענזאָר פאַרשטייט יאָ אין וואָס עס גייט — און ס'קומען ארויס צרות, — און דער ווייטער קרוב אין דער „פרייער וועלט" פאַרשטייט נ י ש ט. ער לייענט דעם בריוו פשוטו כמשמעו. מ'פאַרלאַנגט „ליבעסגאַבען־פאַקעטן" — קומען אָן פון פאָר־טוגאַל קליינע פעקלעך מיט שטרוי־טיי — און פייגן...

ס'איז לייכט זיך פאָרצושטעלן די אַנטוישונג.

ס'רוב קומען כלל נישט אָן קיין תשובות. אָדער תשובות, וואָס זענען נאָך ערגער איידער גאָרנישט. דאָ זיצט מען אין צרות, אין נויט, אין טויט־שרעק און מ'וואַרט אָפּ מיט הארץ־קלאַפּעניש דעם בריוו מיט דער אויסלענדישער מאַרקע; און ווען ס'קומט ענדלעך אָן דער אַזוי לאַנג דער־וואַרטער בריוו, לייענט מען גאָרנישט־זאָגנדיקע צוזאָגן. עורבא פרח, „נאָרמאַלע" שרייבעכצן אין געמיטלעכן טאָן; מ'איז ב"ה געזונט דאָרט אין דער שווייץ, נאָר ס'איז איצט פעריען; מ'פאָרט איצט זיך אַביסל אָפּרוען קיין אראָזאַ; אז השי"ת וועט העלפן, מ'וועט צוריקקומען, וועט מען זיך פאַראינטערעסירן, וועט מען געוואָר ווערן, וועט מען נאָך שרייבן...

און דאָ ברענט דער באָדן אונטער די פיס. יעדער טאָג איז א יאָר.

יעדע מינוט קען זיין צו שפּעט!... אין יענע, די שאננים לא בציון, האָבן צייט... פאַרן זיך אָפּרוען...

בלויז די סאַמע נאָענטסטע קרובים רופן זיך אָפּ מיט מעשים. היינט אָנגעקומען פּאַספּאָרטן און אַ בריוו צו דער פאַמיליע פּ אַ ז נ אַ נ ס ק י פון לאָדזש. דער זון ד״ר יוליוש פּאַזנאַנסקי פון באַזעל שרייבט: כ׳האָף אַז איר וועט באַלד אינטערנירט און אויסגעטוישט ווערן אַלס דרום־אַמע־ריקאַנער בירגער. דער בריוו איז געשריבן אין פראַנצויזיש, און היות די מוטער, די פרוי פּאַזנאַנסקי. קען נישט קיין פראַנצויזיש, קומט זי צו מיר, איך זאָל איר איבערזעצן דעם בריוו; איך טו עס גערן. אָבער מיט איינ־מאָל איבערזעצן באַגנוגנט זי זיך נישט, זי קומט נאָך אמאָל, יעדן צווייטן טאָג כמעט, איך זאָל איר פאָרלייענען, ד ע ם ז ע ל ב ן בריוו, אין יידיש. איך קען שוין דעם בריוו אויסנווייניק. זי אויך. איינמאָל באַמערק איך, ווי זי דרייט זיך אין קאָרידאָר פון מיין ביוראָ, און לייענט זיך פאָר (אריינקוקנדיק אין פראַנצויזישן טעקסט), הויך אויף יידיש, דעם פראַנ־צויזישן בריוו. און טרערן קייקלען זיך איר פון די אויגן...*).

אויך געוויסע אָרטאָדאָקסישע פּערזענלעכקייטן און עסקנים באַמיען זיך צו באַקומען, דורך דער אָפּטיילונג פון דער אגודת ישראל אין דער שווייץ, אַזעלכע פּאַספּאָרטן. מען שרייבט בריוו צו ר׳ חיים ישראל א יי ז קיין צוריך.

האָבנדיק אַ פּאַסירשטיין ארויסצוגיין אויף דער אַרישער זייט, פיר איך די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ. מ׳שרייבט אַ סך. וועגן די רבנים, וואָס געפינען זיך נאָך אין וואַרשע. וועגן די אָרטאָדאָקסישע עסקנים. איך שרייב אויך בריוו צו הרב ד״ר טוביה לעווענשטיין אין ציריך, וועלכן איך קען פון וואַרשע, ווען ער איז אַזמגעפאָרן און מרעיש עולמות געווען וועגן דער סכנה פון קאַלענדאַר־רעפאָרם. אָבער תשובות קומען אָן זעלטן. כאָטש מיר ווערן געוואָר פון אַנדערע קוועלן, אַז אונדזערע בריוו, אונדזערע ווייִ־געשרייען, זענען דערהאַלטן געוואָרן. אַזוי שרייבט מיר למשל ר׳ ח יי ם

---

*) די דאָזיקע פאַמיליע איז געוואָרן אינטערנירט און איבערגעפירט קיין וויטעל: אָבער דערנאָך דעפּאָרטירט געוואָרן פון דאָרט, טייל דעם 18טן אַפּריל 1944. טייל דעם 16טן מאַי 1944 קיין דראַנסי, און דערנאָך קיין אַשוויענטשים, צוזאַמען מיט נאָך 175 יידן. קיינער פון די דאָזיקע איז נישט צוריקגעקומען.

י ש ר א ל  א י י ז, אז מיין בריוו צו הרב ד"ר טוביה לעווענשטיין האט ער געזען, אבער ער, הרב לעווענשטיין, קען זיך דערמיט נישט פאראינ־טערעסירן. ד"ר אברהם  ז י ל ב ע ר ש ט י י ן  אין גענף ענטפערט לגמרי נישט אויף די בריוו פון פרוי פראפעסאר תמר שאר און מיינע. מיר שרייבן נישט וועגן זיך, וואָרום מיר האבן שוין די פארלאנגטע פא־פירן, נאר וועגן ד"ר שיפער, ד"ר שטיין, אברהם געפנער און אנד. אבער קיין ענטפער קומט נישט. און קיין פאפירן אויך נישט. ה' שוואלב, דער פירער פון „החלוץ" אין גענף, ענטפערט יא. ס'האט מיר געוויזן זיינע בריוו ה' אלעקסאנדער  ל א נ ד ו י. ה' שוואלב, זעט מען פון די בריוו, ווייסט אין וואס ס'גייט, און ער וועט שיקן. אויך ה. י. אייז, שיקט פא־פירן פאר טייל ארטאדאקסישע פערזענלעכקייטן; אבער ס'גייט צו אזוי פאמעלעך, און דא ברענט, און דא קען יעדע מינוט זיין צו שפעט. צו שפעט. הרב ד"ר שאול וויינגארט פון מאנטרעי האט געשיקט פאפירן פאר זיינע עלטערן און קרובים, צווישן זיי פאר הרב שבתי ראפאפארט פון וואידיסלאוו־פינטשעוו, דער באקאנטער מחבר „פאר הרב חיים לייבוש בערגלאס פון קראקע.

די דאזיקע אויסלענדישע פאפירן זענען די איינציקע רעטונג. מ'גארט נאך זיי, מ'לעכצט נאך א ווארט, נאך א צוזאג פון אויסלאנד. דעפוטאט יעקב טראקענהיים, זישע פרידמאן, א. ג. פרידענזאן און יהודה לייב אר־לעאן האבן שוין באקומען צוגעזאגט אויסלענדישע פאפירן. אבער דער־ווייל זענען זיי נאך נישטא. און — דער באדן ברענט אונטער די פיס *).

מיטן אנקומען פון די אויסלענדישע פאפירן איז נאך נישט די גאנ־צע הילף. מ'מוז נאך אנקומען צו פארשידענע פארמיטלערס, מעקלערס, צו פארשידענע פראטעקציעס. און ס'קאסט נאך א סך געלט...

בלויז נאך גרויסע השתדלותן און פיל פראטעקציעס, ווערט מען אנערקענט אלס אויסלענדער און אינטערנירט. אבער לאו כל אדם זוכה...

---

*) שפעטער, אין מערץ־אפריל 1943, זענען די אויסלענדישע פאפירן אנגעקומען, אבער מיטן אינטערנירן און אנערקענען אלס אויסלענדער איז שוין דעמאלט געווען צו שפעט. בלויז ארלעאן און די פאמיליע ראפאפארט־פרענקעל זענען אינטערנירט געווארן, אבער שפעטער אויך דעפארטירט געווארן.

# ד״ר צאמבער פונעם „בונד״

**פרייטיק, 25. סעפטעמבער**

היינט געהאט א באזוך: ד״ר ליפמאן צאמבער, א לערער אין א „צישא״-שול. ער דערציילט מיר וועגן דער טעטיקייט פון די א. ג. „אגא־ניסקאס״, אין די הייזער פון דער יידישער ארימקייט אויף דער וואלינסקע גאס, שטשענשליווע, סאבאטשעווסקע, מילע א. אנד., וועלכע ווערן אנגע־פירט דורך די פריערדיקע לערער און לערערינס פון די „צישא״-שולן. די דאזיקע „אגניסקאס״ זענען געשטאנען אונטער דער השגחה פון „טאז״. זייער אויפגאבע איז פארמעל בלויז א סאניטארע, אבער באמת זענען דאס פאלשטענדיקע שולן פאר קינדער אין עלטער פון 7 ביז 14 יאר. די יינגערע ווערן אויך געהאלטן אין די קינדער־גערטנער, און ווערן גע־לערנט יידישע לידער, יידיש שרייבן. און דערביי ווערט געגעבן א דער־גענצונג-דערנערונג פון די פאנדן פון „דזשאינט״.

סאניא נאוואגרודזקא, אזשעך און אנדערע „בונד״-פירער זענען די אנפירער פון דער דאזיקער ארבעט. ד״ר צאמבער דערציילט מיר אויך וועגן די פאלקס־קיכן, וועלכע זענען אנגעפירט געווארן דורך דער לערער־שאפט פונעם „צישא״.

איך האב טאקע אמאל באזוכט עטלעכע אזעלכע קיכן. זיי ווערן זייער גוט געפירט. דער פערסאנאל גיט זיך מי מיט דעם מאגערן ביסל ירקות ארויסצוברענגען גוטע מיטאגן.

ד״ר צאמבער דערציילט מיר אויך, אז די פראפעסיאנעלע פאראיינען, וועלכע זענען אויפגעלייזט, טוען ווייטער אויפן געביט פון סאציאלע הילף. זיי געניסן פון דער שטיצע פונעם „דזשאינט״.

זאל דאס בלייבן לזכרון.

ס׳גייט דאן אוועק א שמועס וועגן ארץ ישראל. איך ווייז אים א ידיעה, וועלכע כ׳האב דערהאלטן אויף א נישט-לעגאלן אופן, אז הרב ר׳ שלמה דוד כהנא און אדוואקאט שמעון זיידעמאן האבן געשאפן ביי דער יידישער אגענץ א ביורא פאר עגונות. ד״ר צאמבער, א בונדיסט, חזרט איבער די אלטע ארגומענטן פונעם בונד־ארסענאל. צום סוף אבער לאזט ער זיך „בייגן״:

— לאָמיר נאָר דערלעבן — זאָגט ער — וועט מען שוין צוקומען צו אַן עמק השוה. אַזוי ווי ס'איז געווען וועט שוין נישט זיין. און די אַרבע־טער־מאַסן פונעם „בונד" וועלן זיכער נישט שטיין פון דער ווייטנס פון דעם גראַנדיעזן אויפבוי־ווערק אין א"י, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַזוי פיל סאָציאַלע דערגרייכונגען. לאָמיר נאָר דערלעבן...

דערווייל שמועסט מען וועגן — ראַטעווען און וועגן ווידערשטאַנד. דאָ זענען מיר איינִיק. אַלע, נישט מער וואָס געוויסע בונד־טוער, געצייל־טע, אמת, האָפן נאָך אויף הילף מצד דרויסן. דאָס זענען יענע, וואָס קענען נישט דעם דרויסן, האָבן נישט קיין קאָנטאַקט מיט אים. ד"ר צאַמבער געהערט נישט צו זיי. ער איז צו אינטעליגענט, ער זאָל גלויבן אין דער נישט עקזיסטירנדיקער „סאָלידאַריטעט" פון די פוילישע סאָציאַליסטן. ווען איך גיב אים אַ פרעג עפּעס דערוועגן, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט מיט ביטול. ווי איינער זאָגט: לאָמיר בעסער נישט רעדן דערפון...

# מ'שטודירט אין געטאָ

## מאָנטיק, 28. סעפּטעמבער, א' חוה"מ סוכות.

אין מיינע געטאָ־וואַנדערונגען באַגעגנט היינט אַ באַקאַנטע, פּרל. ד"ר אסתר מאַרקין. זי איז געווען איינע פון די פּראָפעסאָרינס פון די יודאַ־איסטישע אוניווערזיטעט-קורסן, אָבער נישט פון אַ יודאַאיסטישן קעגנ־שטאַנד; זי האָט געהאַלטן לעקציעס איבער פּסיכאָלאָגיע. אין אַ שמועס מיט דער דאָזיקער גאַנץ יונגער געלערנטער, וועלכע האָט שוין אַ נאָמען — ווער איך געוואָר, אַז די דריי דאָצענטינס אויפן הומאַניסטישן פאַקולטעט פונעם וואַרשעווער אוניווערזיטעט זענען אַלע געווען יידן. זי אַליין, דאָצענטין פון פּסיכאָלאָגיע, פּרל. ד"ר שטיינבערג, דאָצענטין פון לאָגיק (אַסיסטענטין פון פּראָפעסאָר טאַדעאוש קאָטאַרבינסקי) און אַ דריטע, וועלכע הייסט נישט אַנדערש ווי ד"ר עשרה־דבריא. אַלע דריי געפינען זיך, נאַטירלעך אין געטאָ. זיי לערנען ווייטער. בכלל לאָזט זיך היינט אין געטאָ מערקן אַ שטאַרקער דראַנג צו וויסן. דער עולם לערנט בהתמדה. מ'לאָזט נישט פאַר־גיין די צייט ליידיק, מען שטודירט.

ווען די מלחמה וועט נאָך דויערן אַ 5 יאָר, וועט אויסוואַקסן אין

וואַרשעווער געטאָ א דור פון געלערנטע, א דור דעה, — זאָג איך אין שפּאַס.

— יאָ, דער עולם לערנט, צוליב פאַרשידענע טעמים. ראשית, ווייל מען פאַרטרייבן די צייט און די טרויעריקע מחשבות; צווייטנס, גלייבט מען דאָך, אַז מ'וועט איבערלעבן, ווייל מען זיך באַוואָפענען מיט וויסן צום נייעם לעבן.

אַזוי איז עס געווען אין געטאָ פאַר דער דעפּאָרטאַציע, און אַזוי איז עס היינט אויך, הגם אין א פיל קלענערער מאָס.

במשך פון דער גאַנצער צייט געווען אַן אויסערגעוויינלעכער בילדונגס-דראַנג. די הויז־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין יעדן הויז, האָבן איינגעאָרדנט קורסן, פון העבּרעאיש, פון פאַרשידענע אַנדערע קענגשטאַנדן; מ'האָט געלערנט א סך ענגליש. די ציש"א-קרייזן האָבן געשאַפן וואַנדערנדיקע לייַ־ביבליאָטעקן, ד. ה. יונגנטלעכע זענען אַרומגעגאַנגען אין די הייזער מיט א קאָלעקציע ביכער, יידישע ס'רוב און זיי פאַרטיילט צווישן די לייענער. פאַר דער דערציִונג פון די שולן האָבן א גרויסע ראָל געשפּילט די א. ג. „אָגניסקאָס", „ווינקעלעך" פאַר קינדער, וועלכע זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן „טאָז". דאָרט האָט מען נישט בלויז געגעבן די קינדער צו עסן, נאָר אויך מיט זיי געלערנט. דאָס סיסטעם איז געווען פון א פּרעבל־שול, ס'זענען אָבער געווען עלטערע קינדער, מיט וועלכע מ'האָט געלערנט נאָרמאַלע שול־קעגנשטאַנדן, לויטן שול־פּראָגראַם.

אויך בעת ס'זענען געעפנט געוואָרן די שולן, איז אחוץ זיי געווען א גרויסע נעץ פון אומלעגאַלע לערן־אַנשטאַלטן. די שולן האָבן נעמלעך נישט געקענט אַריינעמען אַלע קינדער. און זיי זענען געווען פאָלקס־שולן. די אומלעגאַלע האָבן געהאַט א פּראָגראַם פון מיטל־שולן.

טשערניאַקאָוו האָט איינגעאָרדנט לאַבּאָראַטאָריעס, ווו אוניווערזיטעט-פּראָפעסאָרן האָבן פאָרגעזעצט זייער אַרבעט. צווישן די דאָזיקע זענען געווען פּראָפ. צענטנערשווער, דער באַרימטער כעמיקער, פּראָפעסאָר הירשפעלד און פּראָפעסאָר צווייבוים, ביאָלאָגן. עס זענען אפילו געמאַכט געוואָרן וויכטיקע אַנטדעקונגען אויף פאַרשידענע געביטן פון דער וויסנשאַפט.

און דאָס אַלץ אין די שווערסטע באַדינגונגען, מיט די באַשיידנסטע מיטלען.

איצט — ווי איז דאָס אַלץ אומגעקומען?

# אַ קרבן אין געטאָ און ברית פון סיביר

**מיטוואָך, 30. סעפּטעמבער.**

ווען מיר האָבן פאַרלאָזן נעכטן, נחום רעמבאַ און איך, דעם רעוויזיאָניסטישן „בונקער" אויף זאַמענהאָף 21, און מיר זענען פּאַרזיכטיק צוגעקומען צום הויז-טויער, האָבן מיר באַמערקט אַ באַוועגונג, אַן אומרואיקייט אויף דער קופּיעצקע־גאַס, וואָס געפינט זיך גראָד אַנטקעגנאיבער. מיר ציען זיך צוריק און וואַרטן אַביסל אין הויף. ס'איז שוין טונקל אין דרויסן. נאָך אַ האַלבע שעה וואַרטן נעמען מיר זיך אָן מיט מוט און גייען אַרויס אויף דער גאַס. מיר טרעפן הרב שמחה טרייסטמאַן און הרב אליעזר יצחק מייזעל פון לאָדזש לויפן פאַרצווייפלטע. וואָס איז געשען?

— אַ „וויזיט" געווען, — ענטפערט מיר הרב מייזעל, — פון מייזינגער...

מיר פאַרשטייען וואָס דאָס הייסט. מייזינגער איז איינער פון די געשטאַפּאָ־סאַדיסטן, וואָס קומט אַלע פּאָר טעג אין אַ קליינעם אויטאָ אין געטאָ אַריין, און שיסט אויף די יידן, וואָס ער טרעפט אויף דער גאַס. אויך איצט, ערשט נישט לאַנג געווען פיר קרבנות. אויף עק קופּיעצקע און זאַמענהאָף־גאַס ליגט אַ דערשאָסענע די פרוי טרייסטמאַן, די פרוי פון הרב שלום טרייסטמאַן ,אַ מוטער פון פיר קינדער.

איר שוואָגער, הרב שמחה טרייסטמאַן פון לאָדזש לויפט זיך באַמיען זי צו ברענגען צו קבר ישראל. ס'גייט מיט אים יעקב מינץ פון מאַטל פינקערטס באַגרעבעניש-אַנשטאַלט.

-- איצט — זאָגט מיר הרב שמחה טרייסטמאַן — האָב איך באַקומען נאָך 3 קינדער, אחוץ מיינע.

הרב שלום טרייסמאַן, צוזאַמען מיט אַ זון געפינען זיך נעמלעך אין סיביר.

רעמבאַ זאָגט מיר:

— געדענקסט די „קעניגלעך־אסירישע" הערצל־געשטאַלט פון שלום טרייסטמאַנען, ווי ער פלעגט דערשיינען „מאַיעסטעטיש" צו א חופה? ווי וואָלט ער זיך היינט געפּאַסט צו זיין א פירער פונעם יידישן אויפשטאַנד!

— וואָלט ער דאָ געווען, — זאָג איך, — וואָלט ער זיכער אָנטיילגענומען אין אונדזער באַוועגונג; ער האָט דאָך געהערט צו די רעוויזיאָניסטן, געהאָלפן שאַפן, צוזאַמען מיט יוסף שניידער, זייער רעליגיעזע גרופּע א. נ. „ישורון". היינט וואָלט ער געהאַט נאָך א סיבה צום קאַמף: נקמה פאַר זיין פרוי!

אָבער ער איז היינט אין ארכאַנגעלסק, פאַרשיקט דורך די סאָוויעטן פון ביאַליסטאָק, וווהין ער איז אַנטלאָפן פון וואַרשע ביים מלחמה־אויסברוך.

מיר גייען אַרויף אין ארכיוו. און מיר ברענגען די ידיעה וועגן די פרישע קרבנות. פאַלט מיר איין צו מאַכן א „סורפּריז" דעם פאַרזאַמלטן עולם (ד"ר שיפּער, ד"ר שטיין, הרב שפּירא, הרב שטאַקהאַמער, ד"ר שימקעוויטש).

— מערקווירדיק, — זאָג איך — גראַד באַקומען עטלעכע בריוולעך פון הרב שלום טרייסטמאַן, און אפילו נישט קיין צייט געהאַט זיי צו ווייזן זיין פרוי; אָט זענען זיי!

באמת זענען די בריוולעך פון צוריק מיט א יאָר; ער האָט זיי געשיקט צו מיין חבר און פריינט יוסף ש ר יי ב ע ר קיין פּשעמישל, און דער האָט זיי מיר איבערגעשיקט, אַלס אינטערעסאַנטע, און כ'זאָג אָן איבערטרייבונג — היסטאָרישע דאָקומענטן.

איך נעם זיי אַרויס פון צווישן די ארכיוו־אַקטן און לייען פאַרן עולם אייניקע פראַגמענטן (און א באַהאַלטענע כוונה האָב איך אויך דערביי: זאָל עס זיין א מין „קדיש" אויפן פרישן קבר פון זיין איידעלער פרוי...).

— „ס'איז היינט ערב ראש השנה" — שרייבט הרב טרייסטמאַן פון „ארכאַנגעלסקאַיאַ אָבלאַסט" — „מיר מוזן ארבעטן אין וואַלד, ביי אויסהאַקן ביימער, היינט און מאָרגן און איבערמאָרגן, אין קעלט און אין הונגער. נישטאָ קיין ימים טובים דאָ! מיר איז אָבער א גליק געשען: פאַרווונדעט א פוס און געוווּנען א טאָג פריי; קען איך שרייבן. דאָס איז

באמת א גליק. „ויזרח לו השמש, והוא צולע על ירכו" — א הינקען אויף א פוס איז דא א זון־שטראל.

— נא, ס'איז ערב ראש השנה. קיין שופר נישטא, קיין מחזור אויך נישט, אפילו קיין סידורל. אבער מ'גיט זיך אן עצה: דוד המלך האט אין זיין ווונדערלעכער „אפטייק", ווו ס'איז פאראן רפואות אויף אלעמען, אזא מין קליין קאנדענסירט „רעצעפטל"; מיר וועלן עס היינט באנוצן:

— רבונו של עולם! „ראה עניי ועמלי ושא לכל חטאתי"...

דאס וועט מוזן גענוג זיין פאר אלע פיוטים און סליחות און תפילות און תחינות... — ענדיקט טרייסטמאן.

אגב, א צווייט בריוול, וואס ליגט דא אין דער אקטן טעקע פון „סי־ביר". פון בוכארא, פון דעם בארימטן גאון און צדיק הרב בעריש ווי י־דענפעלד, דעם רב און ראש ישיבה פון טשעבין. דאס בריוול איז געשריבן מוצאי יום כפור פון בוכארא צו זיין שוועסטער, מיין קרובה, פרוי לאה טירקל, אין ווארשע (איצט דעפארטירט).

— היינט א גאנצן טאג יום הקדוש געמוזט טאן מיין ארבעט: פאשען די שאף. קיין מחזור, קיין סידור. האב איך געוויזן אויף מיינע שעפעלעך און געזאגט „כבקרת רועה עדרו" מיט א כוונה, וואס קיינמאל נאך נישט האב איך זי דערגרייכט:

— רבונו של עולם, זע, ווי איך היט די שעפעלעך, וואס מ'האט מיר איבערגעגעבן; היט דו די ייִנגע שעפעלעך, דיין פאלק ישראל...

און נאך א בריוול פון הרב שלום טרייסטמאן. פון ערב סוכות.

— ס'איז ערב סוכות. נישטא קיין סוכה. נישטא קיין ארבע מינים; נישטא קיין בשר ויין, אפילו נישט קיין לחם משנה; נאר דאס הארטע שווארצע שטיקל ברויט מיט דער וואסערדיקער זופ. און דא זאגט אן דער פסוק ולקחתם, ושמחתם. לייכט צו זאגן... ושמחתם. ס'דערמאנט מיך אין דעם פאטאגראף פון מיין שטעטל, וועלכער איז געווארן דענטיסט. ווען דער פאציענט איז צו אים געקומען מיט א געשוואלן פנים נאך א שלאפ־לאזער נאכט, נערוועז, און זיך אנידערגעזעצט „על האבניים" און דער דענטיסט איז געשטאנען איבער אים ווי א רוצח מיטן צוואנג אין דער האנט, פלעגט ער, דער פריערדיקער פאטאגראף און איצטיקער דענטיסט, געבן א זאג, מחמת געוווינהייט:

— מאכט א פריילעך פנים!...

דאָס זעלבע מיטן היינטיקן „ושמחתם״... נאָר פונדעסטוועגן, — נישט געזאָרגט! נישט פארלירן דעם בטחון. ס׳וועט גוט זיין! ס׳גייט יום־טוב אויף גאַנס וועלט, די תורה האָט געהייסן פריילעך זיין, דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין; אלזאָ חי געלעבט, גם זו לטובה״...

א מערקווירדיקער בטחון און שטארקייט קלינגט פון די דאָזיקע בריוולעך.

יאָ, גם זו לטובה — זיין פאַרשיקונג איז געווען זיין רעטונג. די יידן אין ווייטן קאַלטן סיביר, זיי זענען געראַטעוועט. אפשר די איינציקע פון אונדז. זייער „אומגליק״, פון וועלכן זיי האָבן מיט אַלע מיטלען זיך באַמיט ארויסצובאַקומען, איז געווען זייער גליק.

אלהים חשבה לטובה...

# אינסטיטוציעס אין געטאָ

## דאָנערשטיק, 1. אָקטאָבער.

די דייטשן האָבן נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט יידישע אינסטיטוציעס, מיט יידישע אָרגאַניזאַציעס, זיי האָבן געוואָלט אַלץ קאָנצענטרירן אין איין אינסטיטוציע, כדי אויסצואיבן א שטאַרקערע קאָנטראָל. זיי האָבן דעריבער אָפּגעשאַפט די אַלע יידישע פּראָפעסיאָנעלע און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס (די פּאָליטישע זענען לגמרי פאַרבאָטן געוואָרן) ווי אויך די הילפס־אינסטיטוציעס און זייערע פונקציעס איינגעגלידערט אין דער קהילה.

באמת אָבער האָבן די דאָזיקע ווייטער עקזיסטירט, אויף וויפל די באַדינגונגען האָבן עס דערלויבט, און נאָר לפּנים געטראָגן דעם נאָמען פון קהילה־אָפּטיילונגען. די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס פאַר דער מלחמה, האָבן ווייטער דערפילט זייערע פונקציעס. אזוי איז דער פאָרזיצער פון דעם צענטראַלן סוחרים־פאַראיין פון דער סענאַטאָרסקע־גאַס, אברהם ג ע פּ נ ע ר, געווען ווייטער פאָרזיצער פון דער זעלבער אינסטיטוציע אונטערן נייעם נאָמען „האנדלס אָפּטיילונג ביים יודענראַט״ און דער דירעקטאָר פון דער דאָזי־



סאמועל הירשהאָרן



מנחם קירשענבוים



מ. קיפּניס

קער אינסטיטוציע איז ווייטער געווען אינזשיניער אברהם ש ט אַ ל צ־מ אַ ן. דער פּרעזעס און דירעקטאָר פונעם צענטראַלן קליינהענדלער־פאַראיין פון לעשנע 40, אַדוואָקאַט בערנאַרד ז ו נ ד ע ל ע ו י ט ש און א. נ יי פ ע ל ד, האָבן ווייטער אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער אינסטיטוציע, וועלכע איז געוואָרן אַן אָפּטיילונג אין דער קהילה. די אָנפירער פונעם צענטראַלן האַנטווערקער־פאַרבאַנד ג. ר אָ ז ע נ ט אַ ל און אברהם וו אָ ל פ אָ ו י ט ש, זענען ווייטער געבליבן די אָנפירער פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, אַלס אָפּטיילונג פון דער קהילה.

באמת זענען זיי געווען אויטאָנאָם, האָבן זיך געהאַט זייערע ראַטן, זייער אָנגעשטעלטן־שטאַב. צוליב אָבער די אַלגעמיינע באַדינגונגען — צוליב דער פאַרקלענערונג פון דער צאָל טעטיקע יידישע סוחרים און האַנטווערקער — איז זייער אַרבעט קאָנצענטרירט געווען מער אויף הילף, איידער אָרגאַניזאַציע און פאַרטיידיקונג פון זייערע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן.

און נאָך איין וויכטיקע ענדערונג: זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין צ ע נ ט ר אַ ל ע אינסטיטוציעס פאַרן גאַנצן לאַנד, און זיך באַגרענעצט אויף לאָקאַלע טעטיקייט, בלויז פאַר וואַרשע.

אויך די הילפס־אינסטיטוציעס, דער „טאָז", (געזעלשאַפט פאַר געזונט־שוץ) און „צענטאָס", די „געזעלשאַפט פאַר שוץ פון די יידישע יתומים", זענען פאָרמעל, אָבער טאַקע נישט מער ווי פאָרמעל, — איינגעגלידערט געוואָרן אין דער קהילה.

באמת האָבן זיי מיט דער הילף פון די פאָנדן פונעם „דזשאָינט" און שפּעטער פון דער „יידישער זעלבסט־הילף" אָנגעפירט אַ זעלבסט־שטענדיקע און זייער פאַרצווייגטע הילפס-טעטיקייט.

דער „צענטאָס" און „טאָז" האָבן געגרינדעט און אויסגעהאַלטן הונדערטער „קינדער ־ווינקעלעך", וווּ טויזנטער יידישע קינדער האָבן געניאָסן פון דערנערונג, השגחה, דערציאונג און אַלערליי הילף. די דאָזיקע „ווינקעלעך" זענען געווען אַן אויסערגעוויינלעכער וויכטיקער פאַקטאָר.

אויך די „יידישע זעלבסט־הילף" גופא איז געווען לפנים איינגעגלידערט אין דער קהילה; באמת אָבער איז זי געווען אַן אויטאָנאָמישע אינסטיטוציע, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אין איין צעוואַקסן און אַנט־

ווילקלען, און וועלכע איז איבערגעוואקסן די קהילה, הן מיט איר צאָל אָנגעשטעלטע, הן מיטן פאַרנעם פון איר טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן.

141 פאָלקס־קיכן, וווּ ס׳זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן צענער־טויזנטער מיטאָגן אַ טאָג, צענדליקער אַנדערע הילפס־אינסטיטוציעס, מאַטעריעלע שטיצע, וועלכע איז געגעבן געוואָרן טויזנטער יחידים, אַט דאָס אַלץ האָט געטאָן די „יידישע זעלבסט־הילף״. מיט דער צייט איז די „יידישע זעלבסט־הילף״ אויסגעוואַקסן צו אַ מין קאָנצענטראַציע פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות, און איז געוואָרן נישט־ווילנדיק אַ מין קעגנזאַץ צו דער קהילה. בעת אין דער קהילה האָבן די דעה געהאַט מענטשן „נייע״, „אומפּאַרטייאישע״, ד. ה. באמת אַזעלכע, וואָס רעפּרעזענטירן קיינעם נישט און גאָרנישט, זענען אין דער לייטונג פונעם „דזשאָינט״, אָדער פון דער „יידישער זעלבסט־הילף״, געווען פון לאַנג באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע עסקנים, פאַרשטייער פון די גרויסע פּאָליטישע פּאַרטייען, בעיקר פון די ציוניסטן (ד״ר יצחק שיפּער) פון דער אגודת ישראל (אַ. זישע פרידמאַן), פונעם „בונד״ (מוריצי אָזשעך), פון לינקע פועלי ציון (שכנא זאגאַן). אַרום זיי האָבן זיך אין דער הילפס־אַרבעט גרופּירט אַ סך אַנדערע יידישע פּאָליטישע עסקנים פון די פאַרשידענע פּאַרטייען, זיי זענען דאָרט געווען באַשעפטיקט אין דער לייטונג, אין דער אַדמיניסטראַציע, וועלכע איז זיך אומגעהויער צעוואַקסן (דאָס איז נישט געווען שלא בכוונה: אָנשטאָט צו געבן די יידישע אינטעלעקטועלע נדבות, האָט מען פאַר זיי געשאַפן ספּעציעל באַשעפטיקונגען), און אויך אין די באַזונדערע אינסטיטוציעס, וואָס דער „דזשאָינט״ האָט געשאַפן און אויסגעהאַלטן.

באַלד ביים סאַמע אָנהייב פון דער אָקופּאַציע, ווען די יידישע זשורנאַליסטן האָבן זיך געפונען אָן ברויט און אָן באַשעפטיקונג, האָבן די זשורנאַליסטן ב. כ י ל י נ אָ װ י ט ש, נ. ג א ו ו ז ע, און בעיקר דער יונגער און ענערגישער משה מ אַ ר ק, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן דאָ גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און מוט (ריזיקירנדיק אָפט דאָס לעבן, לויפנדיק פון איין אינסטיטוציע צו דער אַנדערער, פון איין עסקן צום אַנדערן) — אָרגאַניזירט אַ הילפס־קאָמיטעט פון זשורנאַליסטן און ליטעראַטן, וועלכער איז דערנאָך איינגעגלידערט געוואָרן אין „דזשאָינט״,

און אירע מיטגלידער זענען געװאָרן אָנגעשטעלטע פונעם „דזשאָינט". דאָס האָט באַדייט נישט בלויז מאַטעריעלע הילף, נאָר אויך אַ געװיסן שוץ פאַר אַלערליי דייטשע פּרעגיות: אַרבעטס־לאַגערס, צװאַנגס־אַרבעט, פאַר־שיקונגען א.ד.גל. מיט דער צייט איז די צאָל פון די געװעזענע זשורנאַ־ליסטן און איצטיקע „דזשאָינט"־אָנגעשטעלטע געװאָרן אַלץ גרעסער און גרעסער דער „דזשאָינט" האָט זיי איבערגעגעבן צו פירן פאַרשידענע קיכן, „קינדער־װינקלעך", און אַנדערע זיינע הילפס־אינסטיטוציעס. אַזוי אַרום איז די יידישע זעלבסט־הילף (מיר װעלן בלייבן ביי דעם נאָמען) געװען אַ צענטער פון יידישע זשורנאַליסטן, ליטעראַטן און געלערנטע.

ס'זענען געװען באַשעפטיקט אין דער „יידישער זעלבסט־הילף" און אירע אינסטיטוציעס:

ד"ר יצחק שיפּער (מיטגליד פונעם דירעקטאָריום), זישע פרידמאַן (מיטגליד פונעם דירעקטאָריום), ד"ר עמנואל רינגעלבלום (מיטגליד פו־נעם דירעקטאָריום), אהרן איינהאָרן, נחמיה פינקעלשטיין, נ. גאָװזע, בערנהאָלץ (סעלים), מנחם קיפּנים (געשטאָרבן אין יאָר 1941), י. פּראָ־פּוס, מ. קרימסקי, ל. ראַקאָװסקי, אברהם און אַלעקסאַנדער ראָזענפעלד, ליפּע קעסטין, יהודה װאַרשאַװיאַק, אברהם מרדכי ראָגאָװי, יצחק ראַ־װיטש, אלימלך שטייער (געװאָרן שפּעטער דעפּאָרטירט פון מיעליץ קיין דענביצע און אין דאָרטיקן אַרבעט־לאַגער פּוסטקאָװ אומגעקומען אין זו־מער 1942), װאָלף ליפּסקער און בער סאָקאָלאָװ; אלחנן צייטלין, יהודה עלבױם, די שרייבער יקיר װאַרשאַװסקי, ישראל שטערן, רחל אױערבאַך, ד"ר טולא נוסענבלאַט (הערצל־ביאָגראַף), ליבושיצקי, ד"ר נתן עק פון לאָדזש, הרב הובערבאַנד פון פּיעטרקאָװ, דירעקטאָר מיכל בראַנדשטעטער פון לאָדזש, יונה שפּער פון לאָדזש, סאָניאַ נאָװאָגראָדזקאַ, ד"ר ליפּמאַן צאָמבער, ד"ר ראובן פעלדשו, די אַקטיאָרן: דירעקטאָר מרדכי מאַזאָ, יאָ־נאַס טורקאָװ, אייזיק סאַמבערג, זיידערמאַן א. אנד. די אַרטיסטן־פּלאַס־טיקער פעליקס פרידמאַן, װיינטרויב, רעגינאַ מונדלאַק, זיידענבייטל, אדאַם הערשאַפּט, אברהם אָסטזשעגאַ, מאָריצי טרעמבאַטש, א. אנד.

די דאָזיקע יידישע שרייבער און אַרטיסטן האָבן פאַרנומען אַדמי־ניסטראַטיװע פּאָסטנס, ס'רוב פון נישט גרויסער באַדייטונג. זיי האָבן אָבער נישט געװאָלט עסן קיין „נהמה דכסופי", און איינגעאָרדנט פאַר־שידענע קולטורעלע פאַראַנשטאַלטונגען, פאָרלעזונגען, רעציטאַציעס, רע־

פֿעראַטן, פֿאַרשטעלונגען, קאָנצערטן, בילדער־אויסשטעלונגען א. ד. גל.

ס'האָבן זיך באַלד אויסקריסטאַליזירט 2 טענדענצן: אַ ציוניסטיש־העברעאישע און אַ סאָציאַליסטיש־יידישיסטישע. די ערשטע האָבן געביל־דעט אַ גרופּע א. נ. „ת ק ו מ ה" מיט אלחנן צייטלין, ד"ר עדמונד שטיין, ד"ר נתן עק, יהודה וואַרשאַוויאַק, דירעקטאָר א. ל. בלאָך בראש, און די צווייטע, אַ גרופּע א. נ. „י י ד י ש ע ק ו ל ט ו ר ־ אָ ר ג אַ ־ נ י ז אַ צ י ע", בקיצור גערופֿן „ א י ק אָ ר", אין וועמענס שפּיץ ס'זענען געשטאַנען שכנא זאַגאַן, סאָניא נאָוואָגראָדזקאַ מאַגיסטער מנחם לינדער און דירעקטאָר מאַזאָ.

אין דער „תקומה" זענען געווען אחוץ דעם זייער טעטיק דער רעצי־טאַטאָר זשאַק לעווי, יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער האָט דעמאָלט אינטענ־סיוו געשאַפֿן; כ'האָב אים געהערט פֿאַרלעזן זיינע אייגענע נייע ווערק „חניבעל", „במפקדה הראשית", „על נהרות בבל". די טעמאַטיק איז גע־ווען אַן אקטועלע, אין אַן אלעגאָרישער פֿאָרם. אויך ח. י. בונין פֿון לאָדזש, דער מחבר פֿון „תורת חב"ד" און זיין זון, די העברעאישע דיכטער נ. פּ אַ מ ע ר אַ נ ץ און מיין אוניווערזיטעט־חבר מלכיאל ל ו ס ט ע ר ־ נ י ק זענען געווען טעטיק אין „תקומה" (מ. לוסטערניק איז דערשאָסן געוואָרן, בעת ער האָט געפּרוווט זיך אַרויסשמוגלען פֿונעם געטאָ אויף דער „אַרישער זייט"). איינער פֿון די טעטיקסטע עסקנים אין „תקומה" איז געווען דער יונגער סימפּאַטישער ד"ר טולא נוסענבלאַט.

איך האָב שטענדיק מיט גרויס אינטערעס געלעזן זיינע ווערק איבער ד"ר הרצל. אין געטאָ האָבן מיר אַ געוויסע צייט געוווינט אין שכנות און זיך זייער באַפֿריינדעט. ד"ר טולא נוסענבלאַט האָט געשטאַמט פֿון סטרי, יונג געמאַכט זיין דאָקטאָראַט אין ווין, רייך חתונה־געהאַט און אריינגע־לייגט זיין גאַנץ פֿאַרמעגן — און אויך זיין צייט און טאַלאַנט — (ער איז בכלל געווען אַ באַגאַבטער און אַלזייטיק טאַלענטירטער יונגערמאַן, אימ־פּראָוויזירט זייער לייכט לידער ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן) — אין דער ה ע ר צ ל ־ פֿ אָ ר ש ו נ ג. ער האָט זיך אָפּגעגעבן דערצו מיט גרויס ליבע און טאַלאַנט און געשאַפֿן אַ רייע גרונטזעצלעכע ווערק אויף דעם דאָ־זיקן געביט. דאָס אַלץ איז אָבער געווען בלויז אַ צוגרייטונג צו אַ גרויסע הערצל־ביאָגראַפֿיע. אויך אין געטאָ האָט ער אינטענסיוו געאַרבעט איבער

דעם דאָזיקן װערק; און ער האָט מיר איבערגעגעבן, בעת דער „איבערזיד־לונג" פונעם „קלײנעם" אין „גרױסן" געטאָ אַרײַן, דעם 10טן אױגוסט 1942, דעם מאַנוסקריפּט צו באַהאַלטן אין אַרכיװ. װען מיר האָבן איבער־געפירט דעם אַרכיװ פון גזשיבאָװסקע־גאַס אױף זאַמענהאָף־גאַס, האָב איך פון די ערשטע דאָקומענטן . איבערגעפירט נוסענבלאַטס הערצל־ביאָגראַ־פיע. ער איז מיר געװען זײער דאַנקבאַר און מיר צוגעזאָגט — אַ געדרוקטן עקזעמפּליאַר מיט אַ װידמונג. איך האָב אים געענטפערט, — איך װעל אָננעמען זײַן הערצל־ביאָגראַפיע (לכתחילה געשריבן אין דײַטש) בלױז אין העברעאיש און דװקא אין פּראַכט־אױסגאַבע אין „אמנות"־פאַרלאַג אין תּל־אָביב...*).

אַזױ האָט מען געװירקט, געאַרבעט אין די שװערסטע באַדינגונגען. באַמיט זיך מיט אַלע כּוחות צו דערהאַלטן דעם גײַסט, יעדער אױף זײַן אופן. ס'האָט געבליט אין געטאָ אַ קולטורעל לעבן אין פאַרשידענע פאָר־מען. יידישיסטישע קורסן, רעפעראַטן, רעציטאַציעס, קאָנצערטן, פאָר־שטעלונגען. אַלץ באַהױכט פון אַ מערקװירדיק עקשנות, פון אַ גײַסט פון „אף על פּי כן..." אַלץ דורכגענומען מיט דעם טיפן גלױבן, אַז מ'װעט דורכהאַלטן, איבערלעבן; און דעריבער האָט מען זיך געגרײט צו אַ נײַ בעסער לעבן...

## מ'לערנט תּורה אין שאָפּ „שולץ"

### פרײַטיק, הושענא רבא, 2. אָקטאָבער.

אַן אינספּעקציע הײַנט געמאַכט אין אַלע „שאָפּן" אין געטאָ. באַקומען אַ דערלױבעניש דערצו, כּדי צו זוכן ספרים, ביכער, ביבליאָטעקן. אָבער געזוכט האָב איך — מענטשן. און געפונען. מענטשן — לעבעדיקע ספרים. „כּמה טפשאי הני בבלאי, דקיימא קמא ספרא תורה ולא קיימא קמא גברא רבא", — זאָגט די גמרא, טאַקע אין תּלמוד בבלי. מיר זוכן ספרים און דאָ װאַלגערן זיך, אין הונגער און נױט, גײַסטיקע אוצרות, — לעבעדיקע.

---

*) ד"ר טולא נוסענבלאַט האָט אַנטײלגענומען אין אױפשטאַנד אין װאַרשע אין אַפּריל 1943, װו ער איז געפאַלן. קײן גענױערע פרטים זענען מיר נישט באַקאַנט.

אַט בין איך אין „שאפּ" פון שולץ. איך קום אָן, ווען דער עולם קלאַפּט טשוועקעס און זאָגט „הושענות". דאָ האָט זיך, א דאַנק איינעם פון די דירעקטאָרן, ה' אברהם הענדעל, אָנגעזאַמלט די עליטע פון דער אָרטאָדאָקסיע: רבים, רבנים, תלמידי חכמים, רעליגיעזע עסקנים, באַוווּסטע חסידים. אַט זיצט ביים וואַרשטאַט פון פאַררירכטן שטיוול (די אַרבעט באַשטייט אייגנטלעך פון אַרויסשלעפּן מיט א צוואַנג די טשוועקעס), דער קאָזשעגלאָווער רב, הרב יהודה אריה פ ר אָ מ ע ר, דער פריערדיקער ראש ישיבה פון „ישיבת חכמי לובלין". און — לא פסיק פּומי מגירסא". דער דאָזיקער ייד זיצט דאָ, און זיין גייסט דערהויבט זיך אין אַנדערע וועלטן. ער הערט נישט אויף אויסנווייניק צו לערנען. זיינע ליפּן האַלטן אין איין שעפּטשען. פון צייט צו צייט ווענדט ער זיך מיט א וואָרט צום פּיאַסעטשנער רבין, ר' קלונימוס שפּירא, דעם מחבר פון „חובת התלמידים", וועלכער זיצט פּונקט אקעגן. און ס'אַנטוויקלט זיך א שטילער „שמועס אין לערנען"; ס'ווערן דורכגעוואָרפן ש"ס און פּוסקים. און באַלד געפינען זיך „אויפן שוסטער־טיש" — גענויער: אין די מוחות און מיילער פון אַט־די גאונים, — דער רמב"ם און דער ראב"ד, דער טור און רמ"א, ראשונים און אחרונים; עס דעפּילירן אין דעם פאַבריקס־חלל פּלעיאַדן פון גאונים און גדולים — און ווער מיר ס. ס.־לייט, ווער מיר פאָלקס־דייטשן־אויפזעער, ווער מיר הונגער און נויט און נגישות און טויט־פּחד? — שוועבט מען דאָך אין העכערע וועלטן, זיצט מען דאָך נישט אין „שאפּ" אויף נאָוואָליפּיע 46, נאָר — אין לשכת הגזית...

אזוי זינקען מענטשן אין נויט, און דערהויבן זיך צו גייסטיקע הויכקייטן, צו מדרגות. איך באַמערק ביים טיש זיצן מיין פריינט משה פנחס ה ע ר ץ, דעם ביאַלער עלוי, א יונגער מענטש מיט א פייערדיקן קאָפּ. ער רוט נישט, ער „שיט" מיט רמב"מס און תוספותן און ר"ן, און — מ'מוז אים איינשטילן: די ס.ס.־לייט קענען אַריינקומען. א יונגערמאַן אברהם שלמה ר א ב י נ אָ וו י ט ש, דעם נייסשטעטער רבס זון און אן איידעם פון ר' יוסף פּ ר ע נ ק ע ל פון ביליץ, — זיצט זיך פון דער ווייטנס, נעבן אים ר' אברהם אָ ס ט ר אָ וו ע ר און דער פּאַביאַניצער רב, ר' אברהם אַ ל ט ע ר, דער סאָסנאָוויצער רב, הרב דוד ה א ל ב ע ר ש ט א ם, דער מזרחי־עסקן הרב ב ל ו מ ע נ פ ע ל ד;

פון צייט צו צייט וואַרפט הרב ר א ב י נ אָ ו י ט ש אַריין „אַ וואָרט", דרך אגב, באַשיידן, צו זיינע שכנים, איינער פון זיי גיט עס איבער ווייטער, און די אריות שבחבורה, דער קאָזשעגלאָווער רב א. אנד. האָרכן אויפ־מערקזאַם אויף: דער יונגערמאַן רעדט צו דער זאַך... און מ'הייבט אָן ווידער צו אַנאַליזירן, פּאַרשן, מעיין זיין.

שפּעטער זאָגט מיר דער קאָזשעגלאָווער רב: „דער יונגערמאַן וואַקסט אַ גאון. גאָרנישט געוווּסט, אַז ער האָלט אַזוי ווייט... גאָרנישט געוווּסט..."

און אָט באַגעגן איך דאָרט רבקה אַלטער־ראַפּאָפּאָרט; זי האָט נאָר איין זאָרג: ווי גייט עס ה' אָרלעאַן? (דער דירעקטאָר פונעם בית־יעקב־סעמינאַר) און — „וואָס זאָגט ער?" ווי מ'דערציילט מיר — איז זי פאַר־נומען אין קיך פון „שאָפּ"; אַרבעט זי אחוץ די 12 שעה אין מעת־לעת, נאָך עטלעכע נעכט אין דער וואָך, כדי צו זיין באַפרייט אום שבת; און אחוץ דעם אַרבעט זי איין נאַכט אויפן אָרט פון פרוי יוכבדל לעווין־אַל־טער (אַ שוועסטער פון הרב יצחק מאיר לעווין), כדי יענע צו באַפרייען פון חלול שבת. פאַר יענער אָבער איז עס נישט קיין „פּראָבלעם".

— ביי מיר איז עס קלאָר: אום שבת אַרבעט איך נישט! וואָס קען דען גאָר זיין? כ'מוז דווקא לעבן? אַלנפאַלס דעם שבת האָב איך נישט צו פאַרקויפן, — זאָגט זי מיט אַנטשלאָסנקייט און פשוט.

די רבנים וואָלטן איר, נאַטירלעך, מתיר געווען, פּקוח נפש; זי פרעגט אָבער נישט קיין שאלה. און יהודה לייב אָרלעאַן לערנט אַ שיעור מיט זיינע פאַרבליבענע תלמידות, און לערנט אַריין אין „מיין" און אין דער כוונה יוכבדל לעווין־אַלטער; זי איז — אַ „טעמע" און אַ פּראָבלעם. אַ מענטש פון טיפן פאַרשטאַנד און ברייטע השגות — איז זי אַרומגערינגלט מיט אַכטונג פון אַלע קרייזן, אפילו פון די פרייע; נישט יעדער „האַלט דערביי", אָבער אין דער דאַזיקער קליינער, פּריצייטיק געעלטערטער פרוי זעט מען גרויסקייט. (איר זון פּנחס, ביי 16 יאָר, באַזיצט השגות, ידיעות און הבנות פון אַ גדול).

דער „שאָפּ" שולץ איז אַ וועלט פאַר זיך. דאָרט איז דאָס מקום פון דעם אָרטאָדאָקסישן סולת. כ'טרעף דאָרט הרב סענדער פון פויזן, הרב שמחה טרייסטמאַן פון לאָדזש, הרב ד"ר גליצענשטיין פון גרודזיאָנדז, דעם יונגן עלוי, דעם זון פון הרב מנחם זעמבאַ, אהרן, דעם מזרחי־עסקן

ראַדונסקי, די ברידער ראַפּאַפּאָרט פון ביליץ, די ברידער פון הרב יצחק מאיר לעווין: מאָטל, יוסף, לייבל. דאָרט איז אויך געווען רבי משה בצלאל, דעם גערער רבינס ברודער, רבי מאיר אַלטער, דעם גערער רבינס עלצטער זון, ר׳ בונם לעווין פון לאָדזש, ר׳ הערשל גור־אריה און זיינע קינדער; אַלע זענען זיי דעפּאָרטירט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

די פּאַרבליבענע זיצן און לערנען, לעבן אין נויט, אין הונגער און פּחד, אָבער אין גייסטיקע וועלטן. זיי דערהויבן זיך פון דער טרויעריקערווירקלעכקייט צו — מדרגות.

## משומדים

**דינסטיק, 6. אָקטאָבער.**

היינט אַ מערקווירדיקן באַזוך געהאַט: די אַלמנה פון דעם שריפט־שטעלער לעאָפּאָלד ב ע ל מ אָ נ ט. (בעלמאָנט איז געשטאָרבן אין געטאָ, זומער 1942, און באַגראָבן געוואָרן אויפן עוואַנגעלישן צעמענטאַר.) ס׳אינטערעסירט מיך צו וויסן, ווי איז די שטעלונג פון דעם פּוילישן קלער לגבי דעם וואָס ס׳איז געשען און געשעט.

— „זיי באַדויערן", — זאָגט מיר מאַדאַם בעלמאָנט....

— נישט מער? — פרעג איך. — און צי העלפן זיי די משומדים אין געטאָ?

זי אַליין ווייסט נישט, וואָרום זי איז אַן עוואַנגעליקערין, און די עוואַנ־געלישע גייסטלעכע ווערן אויך גערודפט. די דייטשן באַטראַכטן זיי פאַר „פאַררעטער", וואָרום אַלס פּראָטעסטאַנטן געהערן זיי צום דייטשן קולטור־קרייז און — זיי זענען דאָך געווען פּוילישע פּאַטריאָטן. דאָס איז ריכטיק. איך דערמאָן זיך, אַז דער פּרעזעס פון די פּוילישע עוואַנגעליקער, דער סע־נאַטאָר וו. ל. עווערט, האָט מיר דערציילט, אַז די נאַצים האָבן איינגע־זעצט אין תפיסה די פּראָטעסטאַנטישע פּאַסטאָרן און געשטערט זיי אָפּ־האַלטן זייערע תפלות.

און די קאַטוילִיקן? אין געטאָ זענען פאַראַן אַן ערך פון אַ 3.000 משומדים, קאַטוילִיקן. זיי האָבן זייער קירכע אויף דער לעשנע־גאַס און זייערע גלחים. אויך משומדים. מ׳האָט פאַרגעוואָרפן, און נישט אָן רעכט,

טשערניאקאוו, אז ער פאוואריזירט זיי ביי באזעצן פאסטנס אין דער קהילה. פאקטיש איז דער שעף פון דער יידישער פאליציי, יוזעף ש ע ר י נ ס ק י, א משומד. אויך אנדערע משומדים ווי למשל פראפעסאר צענטנערשווער זענען געווארן פאוואריזירט דורכן קהילה־פרעזעס.

צי האט די פוילישע גייסטלעכקייט געהאלפן די דאזיקע משומדים, זייערע גלויבנס־גענאסן פון יידישער אפשטאמונג?

ווייזט זיך ארויס, אז ניין. דער אנטיסעמיטישער פוילישער קלער האט למעשה — הגם נישט טעארעטיש, ווייל דאס איז קעגן זייער לערע — אנגענומען די ראסיסטישע אידעאלאגיע: א ייד בלייבט אייביק א ייד. — און אן אנטיסעמיט בלייבט אן אנטיסעמיט אפילו — לגבי א געשמדטן ייד. אפילו א משומד אין 2טן און 3טן דור.

כ׳געדענק, ס׳איז צו מיר ערשט נישט לאנג געקומען א גלח פון א שטעטל ביי קעלן. ער איז אן אייניקל פון א משומד. נישט ער, נישט זיינע עלטערן האבן נישט געהאט קיינמאל קיין שום שייכות מיט יידן. איצט האבן די נאצים אנטדעקט זיין יידישע אפשטאמונג און אים דעפארטירט מיט יידן צוזאמען קיין ווארשע. ער געפינט זיך אין א שווערע מאטעריעלע לאגע. ווארום פונוואנען זאל ער נעמען? איז ער געקומען צו מיר אלס שעף פון דער רעליגיעזער אפטיילונג ביי דער קהילה — נאך הילף; ער האט דאך זיכער א שייכות מיט רעליגיע, ניין? איז מיר אבער געוועזן די זאך אביסל פריקרע. די רעליגיעזע אפטיילונג פון דער יידישער קהילה זאל אויסהאלטן גלחים? און ווי אזוי וועט עם „קלינגען” אין בודזשעט, ווען ס׳וועט זיך געפינען אזא מין פאזיציע? (א: אינטערעסאנטער פרט, קלער איך מיר, פארן צוקינפטיקן היסטאריקער פונעם געטא...) פון דער אנדערער זייט: „אין בודקין למזונות”, און „משום דרכי שלום”... וואס טוט מען דא? גיב איך דעם גלח אן עצה, ער זאל זיך ווענדן צום עפיסקאפאט. צו זיינע גלויבנס־גענאסן די גלחים. איך נעם זיך אונטער צו באזארגן א בריוו פון אים צו די געהעריקע אינסטיטוציעס, ווען כ׳וועל ארויסגיין אויף דער „ארישער” זייט. ער איז נישט איבעריק באגייסטערט פון מיין עצה, זע איך, אבער ער שרייבט דאך אן א בריוו און גיט מיר איבער. איך שיק אים איבער דורך א קריסט אויף דער „ארישער” זייט, מורא־האבנדיק אליין זיך צו ווייזן אין א קריסטלעכער אינסטיטוציע.

אין א וואך ארום קומט אריין צו מיר דער זעלבער גלח און ווייזט מיר אן ענטפער: אן אפזאג, אן מאטיוון. ער פארשטייט נישט פארוואס, זאגט ער. איך פארשטיי יא: פאר ז י י בלייבט ער שטענדיק א ייד.

איך געפין אן אויסוועג: ער וועט באקומען שטיצע פון דער אפטיילונג פאר סאציאלער שוץ פון דער קהילה; דער לייטער פון דער דאזיקער אפ־טיילונג, קאלעגע מ. לוסטבערג, איז מסכים.

און ווען איך בין געווען אין „טראנספארט" צום „אומשלאג", האב איך באמערקט צווישן דער מאסע דעם גלח־משומד פון דעם קליינעם שטעטל ביי קעלן...

דער זעלבער גורל האט געטראפן אלע משומדים אין געטא. צווישן זיי דעם גלח פון דער געטא־קירכע פודינג, דעם משומד אדוואקאט עטינ־גער, דעם אוניווערזיטעט־פראפעסאר סערעיסקי.

ס'האט מיר אמאל עמיצער פארגעשלאגן, איך זאל זיך ווענדן צו די משומדים, זיי זאלן פועלן ביי זייערע ארישע גלויבנס־גענאסן ובפרט ביי דער קריסטלעכער גייסטלעכקייט, זיי זאלן זיך אננעמען פאר יידן. דאס איז מיר נישט געווען איבעריק געשמאק. איך האב אין מיר געשפירט פון קינד־ווייז אן א ווידערווילן און אן עקל צו משומדים. דאס איז דאך געווען דער ערגסטער פסול ביי יידן. אין געטא האט זיך אין מיר דער דאזיקער ווי־דערווילן נאך געשטארקט. האב איך נישט געקענט ברענגען איבער מיר צו ווענדן זיך צו א שערינסקי, צו א נאטאנזאן, צו א לוקסעמבורג. לעצ־טנס האב איך געהאט געוויסנביסן: פקוח נפש; געדארפט פרווון דעם וועג. ס'גייט דאך אין לעבן. איצט האב איך זיך איבערצייגט: גארנישט פאר־לארן. די פוילישע גייסטלעכקייט, וועלכע איז תמיד געווען אנטיסעמי־טיש, איז בעת דער אקופאציע נישט בעסער געווארן. און אויך בעת די שרעקלעכע שחיטות זענען זיי געבליבן פיינטלעך־„נייטראל"...

## צווישן יידישע שרייבער

### פרייטיק, 9. אקטאבער.

היינט געווען זוכן ספרים אין סטאליאר־„שאפ" „שולינג" אויף נא־וואליפיע. געטראפן דארט באקאנטע. איך קום אן אין סאמע מיט „ברען" פון א וכוח צווישן דעם העברעאישן שרייבער מ. ט ש ו ד נ ע ר און

דעם העברעאישן דיכטער י צ ח ק ק א צ ע נ ע ל ס א ן. דער וכות גייט אָן וועגן ש. י. עגנון. דאַן גייט מען איבער צו דער מעשה פון דער איליאדע־איבערזעצונג אין דער „התקופה": ווער איז געווען גערעכט, דוד פרישמאַן אָדער שאול טשערניכאָווסקי, און ווער איז מער מסוגל צו האָ־מער־איבערזעצונגען? קיין אַנדערע זאָרגן האָבן זיי נישט...

ניין, קאַצענעלסאָן האָט יאָ אַ זאָרג:

— וואָס וועט זיין מיט מיין „על נהרות בבל"? — פרעגט ער מיך.

ער האָט אָנגעשריבן די דראַמאַטישע דראַמע אין ווארשעווער געטאָ. נאָך פאַר דער „דעפּאָרטאַציע". אייניקע קאַפּיטלען, גאָר שטאַרקע, האָב איך געהערט אים רעציטירן אויף אַ געהיימען אָוונט פון רעוויזיאָניסטן (אַזעל־כע אומלעגאַלע קורסן וועגן העברעאישער ליטעראַטור). וויל ער עס מיר געבן, איך זאָל עס באַגראָבן אין קעלער פון קהילה־אַרכיוו. איך בין מס־כים. דאָס וועט געשען.

טשודנער האָט צו מיר אַן אַנדערע בקשה: ער וויל „איבערגיין" אין אַרכיוו. דאָרט, האַלט ער, איז מען זיכערער. וואָרום דאָ, אין סטאָליאַר־שאָפּ, איז חוזק. מ'האַלט אין איין הובלעווען די זעלבע ברעטער, זיי ווערן אַלץ דינער און דינער, טייל זענען שוין ווי ציגאַרעטן־פּאַפּירלעך, און ס'וועט דאָך סוף כל סוף נעמען אַן ענדע צו דער דאָזיקער פיקציע. די דייטשן וועלן זען, אַז די אַרבעט איז נישט „פּראָדוקטיוו" — און וואָס דאַן?

— און די „אַרבעט" אין אַרכיוו איז יאָ פּראָדוקטיוו? — פרעג איך אים.

ער וויל אָבער דאָך אַהין. ערשטנס, קען ער נישט זיצן צווישן מענטשן, וואָס קענען נישט קיין וואָרט העברעאיש, צווישן אַמתע סטאָליאַ־רעס, ער ווערט „פאַרגרעבט", זאָגט ער. איז שוין דאָ איין קאַצענעלסאָן — קען ער מיט אים נישט אויסקומען; ער איז מיט אים מחולק איבער פרישמאַנען, איבער שמעונוביצן, איבער אליעזר שטיינמאַן און איבער ש. י. עגנון. וואָס ביי איינעם איז טייער און הויך, איז ביים אַנדערן — גאָרנישט, אָדער „סתם אַזוי". אין אַרכיוו אָבער זיצן מענטשן, וואָס האָבן אַ ידיעה אין די זאַכן, און — זיי וועלן ביי אים לערנען. אַ חוץ דעם,

אַט זאַמלט מען דאָך דאָרט ספרים, אפשר וועט ער טרעפן עפּעס אַ יקר המציאות. איבעריקנס, איז מען דאָרט דאָך זיכער.

איך בין מסכים און נעם אים מיט. אויפן וועג איז ער מסביר זיין כוונה: די גאַנצע משפחה האָט מען ביי אים צוגענומען. ער הונגערט צו. אין דער גאַנצער צייט פון געטאָ האָט ער אויך נישט געהאַט איבעריק. איז ער דאָך געשטאַנען מיט אַ וועגעלע אויף דער גאַס און פאַרקויפט זיי־נע ביכער. איצט איז ער גאַנץ אַליין.

— פונדעסטוועגן וויל איך נישט זיין — זאָגט טשודנער ערנסט, — פון די מיליאָנען יידן, וואָס די אַמעריקאַנער און ענגלישע „יאַהודים" וועלן איבער זיי איינאָרדענען אין די סינאַגאָגעס הזכרות, און דער אָבער־קאַנטאָר וועט זיך איבער אונדז צעגאָרגלען: „בעבור שנהרג על קידוש השם", און די „יאַהודים" וועלן צושאָקלען מיט זייערע צילינדערס... ניין! ס'איז מיר נישט כדאי! און אויך נישט, אז דער ערצבישאָף פון קענטערבורי זאָל איינאָרדענען אַ גאָטעסדינסט און די ענגלישע און יידישע „פּני" זאָלן שעפּן נחת פון גוויאישן אהבת ישראל... ניין! נישט כדאי! און אויך נישט, אז מ'זאָל נאָך דער מלחמה אריינשרייען אין קבר: „זיי וויסן, טשודנער — היטלער האָט געהאַט אַ מפּלה!" ניין! כ'וויל אַליין דער־לעבן, כ'וויל אַליין מיט מיינע אויגן זען... פאַרשטייט איר מיך?..."

יאָ, כ'פאַרשטיי אים. איינס פון די פאַקטאָרן, וואָס שטאַרקן אַזוי דעם לעבנס־ווילן אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס ווירקט, אז די צום טויט פאַראורטיילטע קלאַמערן זיך קראַמפּהאַפט מיט איבערמענטשלעכע כו־חות ביים לעבן, איז — דער פעסטער גלויבן אין ענדלעכן נצחון פון דער גערעכטיקייט. זיי ווייסן, זיי האָבן די פעסטע זיכערקייט, אז די ממשלת הרשע וועט באַזיגט ווערן, — און ווילן דערלעבן. זיי זאָגן: „ייתי ואח־מיניא (זאָל קומען די גאולה, און איך וויל זי זען).

דערמיט דערקלערט זיך דער זעלטזאַמער פאַקט, וואָס אין געטאָ איז טראָץ די שרעקלעכע ליידן — נישט געווען כמעט קיין זעלבסט־מאָרדן. נישט בעת דער גאַנצער צייט פאַר דער דעפּאָרטאַציע, נישט בעת דער דעפּאָרטאַציע גופא, און נישט דערנאָך, בעת דער „הפסקה".

זעלבסטמאָרדן זענען אין געטאָ געווען פיל זעלטענער, ווי פאַר דער מלחמה. די איינציקע, מיר באַקאַנטע פאַלן זענען געווען סאַמועל אַדאַל־

בערג (דער געוועזענער ראטגעבער פאר יידישע ענינים אין בילדונגס־מיניסטעריום), באלד ביים אנהייב אין דעצעמבער 1939, און פון סאַ־מועל ה י ר ש ה אָ ר ן (דער פובליציסט פון „נאש פשעגלאנד"), דעם 28טן יולי 1942. אגב, מערקווירדיק:ביידע נישט קיין גלוביקע יידן און נישט קיין ציוניסטן.

טשערניאקאָווס זעלבסטמאָרד איז געווען א העלדישער טויט.

ס'האָט זיך איינגעבירגערט די איבערצייגונג, אז זעלבסטמאָרד איז דעפעטיזם, איז יאוש, איז — דעזערציע. און קיינער האָט נישט געהאַלטן, נישט ביי יאוש און קיינער האָט נישט געוואָלט דעזערטירן. אזוי שטארק איז געווען דער גלויבן! און אזוי שטארק דער לעבנס־ווילן!

דער לייטער פונעם סטאטיסטישן אמט האָט מיר איבערגעגעבן מיט פארוואונדערונג, אז די צאָל זעלבסטמאָרדן ביי יידן אין די יאָרן 1940 — 1942 איז געפאלן אין פארגלייך מיט דעם יאָר 1939 מיט 65 פראָ־צענט. איך האָב עס אים געפרווט צו דערקלערן דערמיט, וואָס אין דעם אלגעמיינעם אומגליק, אין דער קאטאסטראָפע פון קאָסמישע מאסשטאבן, פארטרינקט דער יחיד זיין אינדיווידועל אומגליק, ווי ליבעס־טראגעדיעס, נויט־לאגעס, קרענק א.ד.גל. וועלכעס ווערט קלענער און פארשווינדט אין אנבליק פון וועלט־אומגליק. און דער עיקר — מ'וויל איבערלעבן, כדי צו זען דעם סוף, וועלכער וועט דאָך באשטימט זיין א גוטער, און נאָך וועלכן ס'וועט זיך אנהייבן א נייע תקופה, א ליכטיקע, א גליקלעכע.

אלע האָבן איין געדאנק, איין ווילן: אויסדויערן, איבערהאַלטן, איבערלעבן!

## „יידישע פאָליציי"

**מאָנטיק, 12. אָקטאָבער.**

היינט געהאט ביי מיר צוויי באזוכן: דער יונגער יוסף ט ע נ ע נ־ב ו י ם, א זון פון דעם פארשטאָרבענעם מזרחי־פרנס אליהו טענענבוים, און יעקב ע ה ר ל י ך. ביידע יידישע פאָליציאנטן. אָבער וואָסער — חילוק! צוויי וועלטן. דער ערשטער — א יונגער אדוואָקאט, אן אינטע־ליגענטער מענטש, שטענדיק גרייט א יידן א טובה צו טאָן, שטענדיק גרייט

צו העלפן, אפילו מיט מסירת נפש — און העלפט טאקע! — דער צווייטער — א טיפ פון דער אונטער־וועלט, א ריקזיכטסלאזער שאנטאזשיסט. אוןביידע זענען יידישע פאליציאנטן. וועלכער פון זיי דריקט אויס דעם אמתן כאראקטער פון דער דאזיקער אינסטיטוציע? ווער פון זיי רעפרעזענטירט זי פאקטיש?

כדאי איצט, ווען דער סך־הכל איז אזוי טרויעריק פאר דער „יידישער פאליציי", זיך צו פארטראכטן איבער דער דאזיקער מערקווירדיקער אינסטיטוציע, און איבער איר ראל אין געטא. יוארשע!

די יידישע פאליציי איז א „שווער" און א ווייטיקלעך קאפיטל. שווער ארויסצוטראגן איבער איר אן אורטייל. אייגנטלעך, איז זי שוין פאראורטיילט געווארן. און איך האלט גארנישט ביים פארטיידיקן זי. איך וויל אבער אנצייכענען איר גענעזע, איר אנטשטיין און איר וועג — בארגארא. איך וויל אויך פרווון געבן א תשובה אויף דער פראגע:

— ווי איז עס מעגלעך געווען? ווי איז עס מעגלעך געווען, אז יידן זאלן איבערגעבן אנדערע יידן צו פארניכטונג?

אייגנטלעך, דארף מען פרעגן: ווי איז עס מעגלעך „געווארן" ווארום די יידישע פאליציי איז נישט אנטשטאנען לכתחילה צו דעם צוועק צו שיקן יידן אויף פארניכטונג. ווען זי איז אנטשטאנען, האט די אממיינסטן פעסימיסטישע פאנטאזיע זיך נישט געקענט פארשטעלן אזא שרעקלעכע קאטאסטראפע. זי איז אנטשטאנען אונטערן אפיציעלן נאמען „יידישע ארדנונגס־דינסט", און איר צוועק איז געווען צו האלטן ארדענונג אין געטא. צו פארטרעטן די פוילישע פאליציי, וועלכע איז צוריקגעצויגן געווארן (אלנפאלס, נישט אינגאנצן) פונעם געטא.

אין אנהייב איז עס געווען א מקום מקלט, נישט פאר דער עליטע. באלד אבער האט מען זיך ארומגעקוקט, אז דא קען מען געפינען אן ארט פון געוויסע פריווילעגיעס, הנחות, און אויך — הכנסות, און ס'האט זיך אנגעהויבן א געיעג אויף די פאסטנס פון פאליציאנטן. מצד דער קהילה האט זיך פארנומען מיט ארגאניזירן די פאליציי אדוואקאט בערנארד ז ו נ ד ע ל ע וו י ט ש, דער פריערדיקער פרעזעס פונעם קליינהענדלער פארבאנד אין פוילן, א שוואכער מענטש, וואס האט באלד פארלארן די השפעה אויף דער פאליציי, און א געוויסער ה' קופטשיקער, א קליין

מענטשל, מיט ווייניק אינטעליגענץ און נאך ווייניקער געזעלשאפטלעכן חוש, וואס איז פלוצים עולה לגדולה געווארן. אין שפיץ פון דער יידישער פאליציי איז געשטעלט געווארן א געוויסער ש ע ר י נ ס ק י — א משומד! — וועלכער איז פריער געווען פאליציי קאמיסאר ביי דער פויילישער מלוכה-פאליציי. אמת, ס'זענען תחילת געווען אייניקע בעסערע, ערלעכע מענטשן אין דער פאליציי, ווי איר וויצע־קאמאנדאנט אדוואקאט ד"ר מאקסימיליאן ש ע נ פ ע ל ד, סטעפאן ל ו ב ל י נ ע ר, דער באוווסטער אקטיאר עדמונד מ י נ א ו י ט ש, יוסף ט ע נ ע נ־ בוים, אדוואקאט ד"ר ג א מ ב י נ ס ק י, אדוואקאט מיעטשיסלאוו ג א ל ד ש ט י י ן, אדוואקאט ב ר א ק מ א ן, אדוו. ע ט י נ ג ע ר, אדוואקאט נ א ו א ג ר ו ד ז ק י, אדוואקאט לע ו ו ק א ו י ט ש, אדוו. פשעדבארסקי א. אנד. באלד אבער האט דער ערגערער עלעמענט געוואונען די אויבערהאנט. אלע אנפירער אבער, ס'רוב אדוואקאטן, זענען געווען אסימילאנטן, פיל צווישן זיי מיטן קאמענדאנט שערינסקי בראש — משומדים, — אלע ווייט פון יידישקייט, פון די יידישע מאסן, אויף וועלכע זיי האבן געקוקט מיט גרינגשעצונג און אפט — מיט שנאה.

צו זיי איז צוגעקומען א חברה ביטרע געשעפט-מאכערס, „דרייערס" פון דער „גאלדענער יוגנט" און סתם מענטשן, נישט פון די בעסטע.

זיי האבן זייער פונקציע גענומען ע ר נ ס ט. און דאס איז געווען דער עיקר־פעלער און די הויפט־זינד זייערע. זיי האבן זיך שטארק איבערגענומען מיט זייער ראל און ארויסגעוויזן אייפער און פלייסיקייט אין איר דערפילן. צו פיל אייפער און צופיל פלייסיקייט. זיי זענען ס'רוב געווען ענערגישע מענטשן, און האבן זייער ענערגיע ארויסגעוויזן, ס'רוב דארט ווו ס'איז אמווייניקסטן געווען אויפן ארט: ביים אויספירן די גזירות פון די דייטשן. א גרויסער טייל פון זיי, אסימילירט, ווייט פון די יידישע מאסן, פיינטלעך לגבי זיי, האבן דאס אויספירן פון די דייטשע גזירות, נישט געטאן עם „כמי שכפאו שד", נישט מיט קיין צעבראכן הארץ, נישט מיט קיין קרעכץ און א זיפץ, נאר אפטמאל מיט סאטיספאקציע.

ביים אנהייב האבן זיי נישט באקומען קיין שום שכירות פון דער

להילה. זיי האבן געארבעט „פּריוויליק", „שלא על מנת לקבל פּרס". — „ערן-פּאָסטנס" אזעלכע. „אידעאַליסטן" אזעלכע... היות זיי האבן אָבער געמוזט לעבן, האבן זיי זיך געזוכט הכנסות „פון דער זייט". בעיקר האבן זיי צוגעהאָלפן צום שמוגל פון לעבנסמיטל אין געטאָ. דאָס איז גראָד געווען א נוצלעכע פונקציע (וואָרום אָן דעם וואָלט מען מיט די 12 דעקא ברויט־פּאַרציעס א טאָג אלע אויסגעשטאָרבן פון הונגער), הגם זיי האבן פאַרדינט דערביי.

ערגער איז אָבער געוואָרן, ווען זיי האבן אליין געמאַכט צוזאַמען מיט אַנדערע אינסטיטוציעס „גזירות", ווי למשל די א. ג. „פּאַרוווקעס". ווען מ'האָט אַנטדעקט א טיפוס־קראַנקהייט אין א הויז, האָט מען פאַרמאַכט דאָס הויז, אין יוצא ואין בא, — אַרויסגעגעבן א באַפעל די איינוווינער זיך צו גיין „באָדן", ווו מ'האָט זיך ערשט געקענט אָנשטעקן מיט א קראַנקהייט, און נישט אַרויסגעלאָזט פונעם הויז אָן אַן אָפּצאָל. אזעלכע „המצאות" זענען געווען פאַרשידענע און אָפטע.

פונדעסטוועגן זענען געווען, ווי געזאָגט, צווישן די פּאָליציאַנטן אָנשטענדיקע מענטשן, וואָס האבן זיך אויפגעפירט ווי ס'דאַרף צו זיין.

דאָס איז געווען ב י ז צו די מאַסאַקרעס, די א. ג. „דעפּאָרטאַציעס", אָדער „אַקציעס".

אין מאָמענט פון דער „דעפּאָרטאַציע" אַנטשטייט א גרינטלעכע ענדערונג אין דער יידישער פּאָליציי; אין איר פּסיכיק און אין איר האַנדלונג.

קודם כל עטלעכע ווערטער וועגן דער אַלגעמיינער אַטמאָספערע און פּסיכישער איינשטעלונג בעת דער „דעפּאָרטאַציע".

מ'קען נישט צוגיין צו פאַראורטיילן האַנדלונגען אין געטאָ, בפרט בעת דער דעפּאָרטאַציע, מיט נאָרמאַלע קריטעריומס. מ'מוז נעמען אין באַטראַכט די אויסנאַם־אומשטאַנדן. און דעריבער דאַרף מען נישט זיין איילים און פאַראורטיילן געוויסע יידן. וואָרום יידן בכלל זענען אין גלות אַן אָ ב י ע ק ט בלויז פון א ו י ס ע ר ל ע כ ע באַדינגונגען. און די דאָזיקע באַדינגונגען האבן געשאַפן אַנדערע, די ד יי ט ש ן נעמלעך. די דאָזיקע באַדינגונגען האבן געענדערט די מאָראַלישע און עטישע יסודות. מענטשן אין געטאָ, וועמענס מאָראַליש־עטישע העמונגען זענען

געווען שוואכע, זענען דעמאָלט נאָך מער געפאַלן. שלעכטע זענען געוואָרן נאָך שלעכטער, פאַרדאָרבענע זענען געוואָרן נאָך מער פאַרדאָרבענער. (דערביי האָבן מענטשן אויף אַ הויכע עטישע מדרגה, זיך דערהויבן נאָך העכער!) דער טייטש פונעם „שפת אמת" אויף „וירעו אותנו המצריים" — דאַרף דאָך שטיין אָנשטאָט „אותנו", — „לנו", — נאָר זיי האָבן אונדז שלעכט געמאַכט; אָט דער טייטש האָט זיך אַרויסגעוויזן אַממיינסטן אין געטאָ. די דייטשן האָבן אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען, אָרגאַניזירט אַ טייוולאָנישן אַפּאַראַט, כדי צו צעברעכן די מאָראַל פון די יידן, כדי זיי צו דעמאָראַליזירן, דערוועקן ביי זיי די ווילדסטע אינסטינקטן. זיי האָבן די „מלחמת הקיום" געמאַכט אַזוי שווער, אַזוי אוממענטשלעך. אַז יעדער איינער זאָל קענען לעבן בלויז אויף קאָסטן פונעם אַנדערן.

ס'דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, אַז אין דער גאַנצער פּאָליציי איז נישט געווען קיין איינציקער אָרטאָדאָקסישער ייד; קיין איינציקער נישט! נישט פון דער אגודה, נישט פונעם מזרחי, און נישט קיין סתם רעליגיעזער ייד*) די דאָזיקע האָבן זיך נישט געוואָלט ראַטעווען אויף יענעמס קאָסטן. זיי האָבן געהאַלטן אין דעם „מאי חזית דדמך סומק טפי?"...

ס'דאַרף אויך פעסטגעשטעלט ווערן, אַז כ'האָב אין דער ווארשעווער יידישער פּאָליציי נישט באַגעגנט קיין איין באַקאַנטן ציוניסטישן עסקן.

די פּאָליציי איז באַשטאַנען פון אַ פאָלקס-פרעמדן אָדער גאָר פאָלקס־פיינטלעכן עלעמענט. און זיי זענען נישט עומדים בנסיון געווען. ווען עס איז אַנטשטאַנען די מעגלעכקייט — לויט זיי האָבן געמיינט, — זיך צו ראַטעווען אויף די קאָסטן פון יענעמס לײדן, האָבן זיי זיך קיין איין רגע נישט קיין וואַקל געטאָן.

און טייל פון זיי האָבן די מיסיע צו זיין די תלינים אויפן דייטשן באַפעל אויסגעפירט מיט ענערגיע און פעאיקייטן. די „פינצטערע מאסע" איז ביי זיי געווען אַ מינדערוויכטיק עלעמענט. לגבי רעליגיעזע יידן האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן מיט גרינגשעצונג און אפילו האַס. און לגבי יידן בכלל

---

*) דאָס זעלבע איז אויך געווען דער פאַל אין די לאַגערס. צווישן די אַלע „אויפזעערס, „קאַפּאָס" א. ד. גל. יידישע מושלים און שוטרים איז נישט געווען קיין רעליגיעזע יידן. דאָס שטעלן פעסט אַלע, וואָס זענען געווען אין די לאַגערן.

האָבן זיי נישט געהאַט קיין באַזונדער ברידערלעך געפיל, און איידעלע מענטשלעכע סענטימענטן האָבן זיי אויך נישט ארויסגעוויזן.

ס׳דאַרף אָבער דאָך באַמערקט ווערן, אַז אַ סך יידישע פּאָליציאַנטן האָבן מיט מ ס י ר ת  נ פ ש אָפּגעראַטעוועט פיל יידן.

מיטן שטייגן פון די דעפּאָרטאַציעס זענען אָבער אַנדערע אַלעמאָל ווילדער געוואָרן; אַלעמאָל נידעריקער געפאַלן. זיי האָבן געראַטעוועט זייערע משפחות. ס׳רוב פון זיי האָבן זיך אָבער אויך באַרייכערט, געלעבט אַ גוטן טאָג, געהוליעט און געשכורט (בכלל איז צוליב דער אומזיכערקייט פונעם מאָרגן געווען אַ שטימונג פון „חטוף ואכול, חטוף ושתה...).

איך דערמאָן זיך עטלעכע שוידערלעכע מאָמענטן: איך גיי אויף דער זאַמענהאָף־גאַס. ביים טויער נ״ר 11 הער איך אַ געשריי. איך גיי צו און זע ווי אַ יידישער פּאָליציאַנט אַמפּערט זיך מיט אַן עלטערן חסידישן ייד. דער פּאָליציאַנט שלעפּט אים און יענער רייסט זיך אַרויס. וווהין וויל ער אים נעמען? צום „אומשלאַג״־פּלאַץ...

איך קען זיך נישט איינהאַלטן און פרעג: אין וואָס גייט דאָ? הייבט אָן דער ייד מיר צו דערציילן, אַז דער פּאָליציאַנט האָט אים געפונען אין אַ באַהעלטעניש, און וויל אים נעמען צום „אומשלאַג״; ער האָט נישט קיין „נומערל״, מילא, איז ער גרייט צו גיין; אַ ברירה האָט ער? נאָר וואָס, ער וויל מיטנעמען טלית און תפילין — און דער פּאָליציאַנט איז נישט מסכים דערויף...

איך הייב אָן איינצוטענהן מיטן פּאָליציאַנט, אים בעטן, איבערצייגן; ס׳העלפט נישט. איך שטעל זיך פאַר פאַר א יידישן זשורנאַליסט, יענער, אַן אסימילירטער יונג, ווייסט נישט פון מיר. ענדלעך — אַ הונדערט זלאָטעס האָט דעם יידן אָפּגעראַטעוועט — דערווייל.

דאָס איז געשען יענע וואָך, ד. ה. שוין נאָך דער מאַסן־דעפּאָרטאַציע. די טאַט פונעם יידישן פּאָליציאַנט איז געווען אַלזאָ „בתורת נדבה״. אַזעלכע מאָמענטן זענען געווען אַ סך.

די יידישע אסימילאַציע האָט זיך אויך דאָ אין געטאָ אסימילירט צו די פּאָליאַקן... זיי האָבן געמיינט אַזוי זיך צו קענען ראַטעווען.

ווען מ׳פרעגט אָבער: ווי איז עס מעגלעך געוואָרן אַזאַ שרעקלעכע מאָראַלישע ירידה? דאַן ווייסן מיר: דאָס האָבן די נאַציס דערצו געבראַכט,

דאָס האָבן זיי געשאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, אַז מענטשן, מאָראַליש שוואַכע, זאָלן נאָך פאַלן נידעריקער (*).

מענטשן, וואָס אין נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלטן זיי געווען גאַנץ אָנשטענדיקע בירגער, זענען נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון פון שווערע באַדינגונגען, פון די שרעקלעכסטע, וואָס קענען נאָר געמאָלט זיין.

# שמוגלערס

## שבת, 17. אָקטאָבער

איך גיי היינט דורך דער פראַנציסקאַנער־גאַס און הער שיסן. אויף דער גאַס אַ פּאַניק. מענטשן באַהאַלטן זיך אין די הייזער, אין די קעלערס אין אַ מינוט ווערט די גאַס ליידיק, טויט. איך לויף אַריין אין אַ וווינונג און טרעף דאָרט אַ גרופּע מענטשן ציטערנדיקע פאַר שרעק. איינער נעמט זיך אָן מיט מוט און גייט צו צום פענצטער: מ׳זעט קיינעם נישט. שטייט מען אַזוי און — מ׳וואַרט. מ׳וועט זען, וואָס ס׳וועט זיין ווייטער. איז עס אַן „אַקציע", אָדער בלויז אַן איינצלנער פאַל. ס׳פאַרגייט אַזוי אַ שעה, צוויי ביז איינער, אַ הויכער יונג אין אַ לעדערנעם מאַנטל גייט אַראָפּ צום טויער געוואָר ווערן וואָס מ׳הערט. אין אַ צען מינוט קומט ער צוריק מיט אַ באַרואיקונג:

— ס׳איז גאָרנישט. געשאָסן צוויי שמוגלערס...

יאָ, מ׳איז שוין געוווינט דערמיט. דערהרגעט צוויי מענטשן, דאָס איז „גאָרנישט". דאָס איז נאָרמאַל. איז עס דאָך אַ מעשה בכל יום.

דער ענין „שמוגל" איז אין געטאָ אַ וויכטיק קאַפּיטל. כדאַי זיך אָפּצושטעלן דערויף. כדאַי צו פאַרצייכענען לזכר. וואָרום אין דעם דאָזיקן, געוויינלעך נישט־דערהויבענעם פאַך האָט זיך קאָנצענטרירט אַ סך העראָאיזם. און די שמוגלערס האָבן דערפילט אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע, נישט ווייניקער, וואָלט איך געזאָגט, ווי די אַלע סאָציאַלע הילפס־אינסטיטוציעס, הגם זיי האָבן געטאָן זייער אַרבעט נישט צוליב אידעאַליזם, נאָר כדי צו פאַרדינען זייער ברויט. אָן זיי וואָלט דער הונגער געווען אַ תל געמאַכט פון אַלע.

---

*) די יידישע קעמפער האבן ארויסגעטראגן איבער זיי זייער משפט און אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל איבער די אנפירער פון דער דאזיקער פאליציי. יעקב לעיקין, יוזעף שערניסקי, ישראל פירסט, ערליך, שמערלינג, פירסטענבערג.

קיינמאל איז די מימרא „בנפשו יביא לחמו״ נישט געווען אזוי צו־געפאסט, ווי ביי די שמוגלערס.

דאס געטא איז געווען ארומגערינגלט מיט מויערן 3 מעטער די הויך. אויף די מויערן זענען געווען שטעכיקע דראטן און גלאז־שטיקלעך. ביי די מויערן, פון ביידע זייטן, פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק האבן זיך געדרייט מחנות פוילישע פאליציאנטן, וועלכע האבן געהיט מיטן גרעסטן פלייס, און דייטשע זשאנדארן. שוין דאס בלויזע דערנענ־טערן זיך צו א מויער, אדער צום טויער איז געווען פארבונדן מיט סכנת נפשות.

ביים מינדעסטן „חשד״ האבן די דייטשע זשאנדארן געשאסן. און אמאל האבן זיי געשאסן אן א „חשד!״ אזוי איז געווען איין דייטשער שומר פונעם געטא, וועלכער האט סתם געשאסן אויף יידן. מ׳האט אים שוין געקענט אין געטא און מ׳האט אים גערופן, כ׳ווייס נישט פארוואס — „פראנקענשטיין״ (עפעס אן אנצוהערעניש, ווייזט אויס, אויף א באַ־קאנטן מערדער). דער דאזיקער, האט מען געזאגט, „מוז״ יעדן טאג שיסן א ייד.

דאס געטא איז אלזא געווען פארמאכט הערמעטיש און ארומגע־רינגלט מיט דער שארפסטער שמירה, פונקט ווי א תפיסה פון די געפער־לעכסטע פארברעכער.

און אט אין דער פארמאכטקייט האט מען אריינגעשמוגלט אין די מאסן פון דער ארישער זייט די פארשידנסטע סחורות. קודם כל — לע־בנסמיטל, אלערליי. קודם כל ברויט, מעל, ירקות, קארטאפל; אבער אויך צוקער, מארמעלאדע, פוטער, מיט איין ווארט — אלץ צום עסן.

אן דעם וואלט געווען געקומען צו א קאטאסטראפע נאך פאר דער סיסטעמאטישער פארניכטונג.

שווער זיך פארצושטעלן די אלע תחבולותן, אויפטועכצן, די אלערליי שפיצלעך און קונצן, וואס יידן האבן באוויזן, כדי אריינצושמוגלען אין געטא א זעקל מעל, א פאר ברויט, א פאר קילא קארטאפל.

תחילת זענען די מויערן ארום דעם געטא אזוי געבויט געווארן, אז זיי האבן פארמאכט א גאס, ד. ה. זענען געבויט געווארן צווישן איין הויז אין א צווייטן אקעגנאיבער. אזוי איז אויסגעקומען, אז פון צוויי שכנות־

דיקע הייזער האָט איינס געהערט צום געטאָ און דאָס צווייטע צו דער „אַרישער" זייט. האָט מען דורכגעבויערט לעכער אין די שכנותדיקע ווענט, צווישן איין וווינונג און דער צווייטער, צווישן איין בוידעם און צווייטן.

זענען אָבער די דייטשן געוואָר געוואָרן דערפון און אויסגעבויט די מויערן אַנדערש: אַרום די הייזער־בלאָקן. דאָס האָט הערמעטיש פאַר־מאַכט דאָס געטאָ. און דאָך האָבן יידן זיך אַן עצה געגעבן. מ'האָט אונ־טערגעקויפט די פוילישע פּאָליציאַנטן, און אָפט אויך די דייטשע זשאַנ־דאַרן. מ'האָט אויסגעפונען עפענונגען און לעכער, געהיימע אויסגאַנגען. מ'האָט אַרויסבאַקומען פון דער „טראַנספּער־שטעלע" (דאָס דייטשע „צאָל־אַמט" פאַרן געטאָ) אַן אַריינפאַר־דערלויבעניש אויף אַ געוויסן סאָרט און צאָל סחורה און — אַריינגעפירט, באַהאַלטן, אַנדערע סחורות.

אַ גרויס אָרט פון שמוגל איז געווען דאָס בית החיים אויף גענשע־גאַס. דורך די מויערן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דאָס בית־החיים און וועלכע זענען אָפט געווען דורכגעבראָכן, האָט מען אַריינגעשמוגלט פאַר־שידענע לעבנסמיטל. איינער האָט באַוויזן אַ קונץ און אַריינגעברענגט דורכן פּלויט אַ ...קו.

דאָס אינטערעסאַנטסטע און צוגלייך טרויעריקסטע קאַפּיטל איז געווען דער שמוגל, וועלכן ס'האָבן אויסגעפירט די קינדער, קליינע קינ־דער פון 6, 7, 8 יאָר, מיט שמאָלע אויסגעדאַרטע קערפּערלעך, האָבן זיך דורכגעשטופּט דורך די ענגע שפּאַרעס פון די געטאָ־מויערן, דורך די לע־כער פונעם וואַסער־אָפּפלוס און — זיך אַרויסבאַקומען אויף דער אַרי־שער זייט. דאָרט האָבן זיי פאַר איניקע צענדליק זלאָטעס איינגעקויפט אַביסל לעבנסמיטל. ס'רוב קאַרטאָפל, אַ ברויט א. ד. גל. און דאַן האָבן זיי, באַלאָדן אונטער די קליידער מיט דער דאָזיקער „סחורה", זיך גע־דרייט אַזוי לאַנג ביי איינעם פון די טויערן פון די געטאָ־מויערן (וואָרום מיט דער „סחורה" האָבן זיי זיך שוין נישט געקענט מער דורכשטופּן די ענגע שפּאַרעס), ביז די דייטשע וואַך האָט זיך פאַרקוקט, און — דאַן זע־נען זיי שנעל דורכגעלאָפן דורכן טויער און זיך געפונען ווידער אין געטאָ. ביים אַריינגיין אין געטאָ איז די דייטשע וואַך שוין נישט אַזוי שטרענג, ווי ביים אַרויסגיין.

ס׳רוב איז דער קינדערשער שמוגל געלונגען. נישט איינמאָל פלעג זיך אָבער טרעפן, אַז אַ פּוילישער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט זיך געדרייט נעבן די געטאָ־מויערן אין דינסט אָדער סתם אַזוי „פּריוואַטיק״ צו באַוואכן די יידן, — האָט באַמערקט ווי אַ יידיש קינד וויל דורכגיין די מויער; ער האָט זיך גענומען דאָס קינד מערדערלעך שלאָגן, אָדער האָט צוגערופן אַ דייטשן זשאַנדאַר, און דער האָט דאָס געטאָן, אָדער באַלד דערשאָסן דאָס קינד אויפן אָרט.

אַזוי האָבן די קינדער אָפטמאָל באַצאָלט מיט זייער יונגן לעבן פאַר דעם שטיקל ברויט, וואָס זיי האָבן געוואָלט האָבן פאַר זיך און פאַר דער משפּחה.

די קינדער האָבן גערופן אויסגעהאַלטן טאַטע־מאַמע, די עלטערע ברידער און שוועסטער, וועלכע זענען געווען צו „אַלט״ זיך צו קענען דורכשמוגלען דורך די לעכער, און האָבן געהונגערט, וואַרטנדיק אין דער היים אויף דעם שטיקל ברויט, וואָס ס׳וועט פאַר זיי ברענגען דער קליינער 7־יעריקער ברויט־געבער.

די דאָזיקע קליינע קינדער שמוגלער־סוחרים זענען געווען זייער קלוג. זענען געהאָדעוועט געוואָרן אין שווערער און סכנותפולער אַרבעט, האָבן זיך אויסגעשאַרפט די מוחות אין קאָמפּליצירטן משא־ומתן פון די געטאָ־געשעפטן. זיי האָבן גוט גערעכנט, נישט־לייכט געווען זיי אויסצונאַרן, אָדער צו באַשווינדלען. זיי זענען געוואָרן רייף פאַר די יאָרן, גערעדט, געהאַנדלט, געאַרבעט ווי דערוואַקסענע. זיי האָבן אויף זיך געטראָגן די גאַנצע שווערע לאַסט פונעם נאַציישן יאָך און נאַצישע רדיפות. זיי זענען געווען די הויפּט־שאַמפּיאָנען אין נישט־גלייכן קאַמף מיטן שונא, וועלכער האָט געוואָלט אויסהונגערן די יידן אין געטאָ.

אַ סך זענען געפאַלן אין דעם דאָזיקן שווערן געראַנגל. געפאַלן אַלס העלדן, אין געטריישאַפט פאַר זייערע נאָענטע, אין ליבשאַפט פאַר משפּחה, און אַ סך מאָל געהאָלפן אויך סתם־יידן מיט אַ שטיקל ברויט. זייער העלדנטום איז נישט ווייניקער ווירדיק ווי יעדעס אַנדערע אין געטאָ און בכלל, הגם זיי האָבן קיין אויסצייכענונג נישט באַקומען. און זיי וואָלטן אויך דעם דאָזיקן קאַמף געוווּנען, ווען נישט די מאַסן־מאַסאַקרעס, וואָס האָבן געבראָכן יעדן ווידערשטאַנד.

יידישע קינדער אין געטאָ אַלס פּרנסה־געבערס, אַלס סוחרים, „אימ־פּאָרטערן", אַלס „שמוגלער", — אַלס קעמפער קעגן דייטשער אויס־הונגערונג־אַרבעט, אַלס סאָלדאַטן אָן מונדירן, אָן געווער, אַלס קליינע סאָלדאַטן און גרויסע העלדן, — אָט דאָס איז איינס פון די טראַגישסטע און רומרייכסטע קאַפּיטלען פון דעם ווידערשטאַנד אין װאַרשעװער געטאָ.

## די קהילה אָרגאַניזירט שול-קורסן

**פרייטיק, 27. נאָוועמבער.**

היינט האָט דער קהילה־פּרעזעס, אָדער ריכטיקער געזאָגט, יודענראַט־פּרעזעס, אינזש. מאַרק ליכטענבוים, גערופן אַ זיצונג פון אייניקע אָפּטיילונגס־לייטער פון דער קהילה און נאַציאָנאַלע עסקנים. איך באַמערק אויף דער זיצונג שמואל ה אָ ר ע נ ש ט יי ן, דער פריערדיקער שעף פון דער שול־אָפּטיילונג, נחום רעמבאַ, זיין פּאַרטנער, דירעקטאָר ב ר א נ ש ט ע ט ע ר פון לאָדזש, פרוי נ א ט א נ ב ל ו ט, אַ פריערדיקע שול־אינספּעקטאָרין, פרוי ז י ג ע ל ב ו י ם, די פרוי פון דעם „בונד" פירער „אַרטור", ו אָ ל פּ אָ ו י ט ש, דער פריערדיקער פאָרזיצער פון דער שול־אָפּטיילונג פון דער קהילה, ד"ר עדמונד שטיין, דער געוועזענער רעקטאָר פונעם יודאַאיסטישן אינסטיטוט אין וואַרשע, און אייניקע אַנדערע. ס'זענען נאָך דאָ קינדער אין געטאָ, זיי גייען אַרום ליידיק. דאַרף מען פאַר זיי גרינדן שול־קורסן. אין איין וועג וועט דאָס געבן באַשעפטיקונג די שול־לערער פון דער קהילה. ליכטענבוים דער־קלערט, אַז ער קען דערויף באַקומען די הסכמה פון דער „בעפעל־שטע־לע". (דאָס איז דער אָרגאַן פון דער דייטשער מאַכט, וועלכער האָט זייט דער דעפּאָרטאַציע די שליטה איבערן געטאָ).

די אָנוועזנדע רוקן אַרוים באַוואָרענישן. ראשית, צי דאַרף מען צו־זאַמענגעמען קינדער אויף איין אָרט. דאָס איז אַ געפאַר. צווייטנס, וואָס זאָל מען זיי לערנען? ס'שטעלט זיך די פראַגע: וואָס האָבן מיר די קינ־דער צו ענטפערן, ווען זיי וועלן אונדז פרעגן: פאַרוואָס? ווען זיי וועלן פרעגן, ווו זענען זייערע עלטערן, ברידער, שוועסטער, קליינע פריינד־

איך מאַך אויפמערקזאַם, פאַרוואָס מ'האָט נישט פאַרבעטן די באַ־

קאָנטע רעליגיעזע פּעדאַגאָגן און חינוך-עסקנים, ווי יהודה לייב אָרלעאַן, זישע פרידמאַן. פאַרוואָס האָט מען נישט איינגעלאַדן די רבנים? דער פּרעזעס ליכטענבוים זאָגט, אַז ער וועט זיי פאַרבעטן צו דער נאָענטסטער זיצונג, און בעט מיך דערווייל זיך צו פאַרשטענדיקן מיט זיי און הערן זייער מיינונג. ער פאַרזיכערט מיך, אַז די אָרטאָדאָקסישע עסקנים וועלן צוגעצויגן ווערן צו דער דאָזיקער אַרבעט.

איך קום אַהיים (איך ווין צוזאַמען מיט י. ל. אָרלעאַן און א. ג. פרידענזאָן) און גיב זיי איבער דעם פאַרלויף פון דער זיצונג. מ'דרינגט דערפון, אַז די לאַגע האָט זיך „סטאַביליזירט", ד. ה. אַז מער קיין „אַק־ציעס" וועט שוין נישט זיין, אַ סימן, מ'רעדט וועגן איינאָרדענען עפּעס דויערהאַפטעס.

צום ענין גופא דאַרף מען זיך מיישב זיין. קודם כל, שטעלט פעסט אָרלעאַן, אַז קינדער פון אָ ר ט אָ ד אָ ק ס י ש ע עלטערן איז דאָ זייער ווייניק. די דאָזיקע זענען געוועזן ווייניק געשיצט, נישט געהאַט נענוג געלט, פּראָטעקציע און איינפלוס צו קענען ראַטעווען די קינדער; אויב מ'האָט זיך אַליין ווי נישט איז געראַטעוועט, האָט מען נישט גע־האַט גענוג מיטלען אויסצובאַהאַלטן די קינדער. ס'רוב געבליבענע קינ־דער זענען דערייבער פון אַסימילירטע עלטערן (די דאָזיקע האָבן פאַר־מאָגט מער מיטלען מציל צו זיין זיך און די פאַמיליעס, געווען פּאָלי־ציאַנטן, אָנגעשטעלטע פון דער יידישער אַפּראַוויזאַציע, פון די „שאָפּן". וווהין פאַר אַ רעליגיעזן יידן איז געווען שווער אָנצוקומען...), די דאָזיקע קינדער זענען שוין אונטער דער השפעה פון פרוי נאַטאַנבלוט, אַ פּעאיקע פּעדאַגאָגין און אַ קאָרעקטער מענטש, דאַרף מען צוגעבן, אָבער אַסימי־לירט. וואָס־זשע האָבן מיר דאָ צו טאָן? וואָס קענען מיר טאָן?...

כ'רעד נאָך איבער מיט ד"ר עדמונד שטיין; ער איז, ווי געוועגלעך, שטענדיק אַרבעט־גרייט און אָפּטימיסטיש. איצט? — זאָגט ער — איצט וועט מען לערנען די קינדער אַסימילאַטאָריש, ווען די גאַנצע אַסימי־לאַציע האָט אַזוי באַנקראָטירט? — מ'וועט זיי לערנען העברעאיש, וועגן ארץ ישראל, און יהדות.

זישע פרידמאַן גיט מיר איבער, אַז פאַקטיש האָט ער אָרגאַניזירט אין געהיים און אומלעגאַל קליינע חדרים פאַר דעם ביסל קינדער, וואָס



הרב ר' מנחם זעמבא



ר' זישע פרידמאַן



ר' אייזיק בער עקערמאַן

איז איבערגעבליבן; ער דארף נישט די שטיצע פון דער קהילה, ער האט די מיטלען פונעם „דזשאינט", און ער האט מורא פאר דער „לעגאליזאציע" פון די דייטשן...

איך פארשטענדיק זיך מיט עטלעכע חברים פון דעם ווידערשטאנד־קאמיטעט, זיי זענען קאטעגאריש דאקעגן איינצואָרדענען וועלכע ס'איז שולן אדער קורסן. זייערע ארגומענטן איבערצייגן מיך אמבעסטן. אי סיפא לא ספרא...

איך באשליס אפצוווענדן דעם יודענראט־פראזעס פון דעם געדאנק וועגן שולן. נישט קיין צייט דערויף איצט. בפרט מיטן חסד פון דער נאציבאנדע.

:: :: ::

נעכטן און היינט צוויי געשעענישן:

נעכטן: דער געשטאפא־רעפערענט פאר יידישע ענינים מ ע נ ד א האט פארעפנטלעכט און באפוילן צו אפישירן אויף די מויערן פונעם געטא פאלגנדיקע דערקלערונג:

„היות געוויסע אומפאראנטווארטלעכע אינדיווידואומס פארשפרייטען ידיעות וועגן א כלומרשטער בעפארשטייענדיקער אויסזידלונגס־אקציע, איז מען מודיע, אז די דאזיקע ידיעות זענען פולשטענדיק גרונטלאז; די פארשפרייטער פון די דאזיקע פאלשע ידיעות וועלן שטרענג באשטראפט ווערן פאר סאבאטאזש". —

(אונטערגעשריבען: מ ע נ ד א).

די דאזיקע דערקלערונג, צוזאמען מיט דער איניציאטיוו פונעם יודענראט צו ארגאניזירן שולן, האט געברענגט אביסל בארואיקונג אין געטא. כאטש דער גרויסער רוב באציט זיך מיט חשד און אומגלויבן צו די דייטשע דערקלערונגען. מ'האט שוין געהאט גענוג געלעגנהייטן זיך צו איבערצייגן אין זייער „אויפריכטיקייט"... טייל האלטן אפילו, אז דאס איז א סימן צו שלעכטן; נאך יעדער „בארואיקונג" — האט די דערפארונג געלערנט — קומט א גזרה.

א צווייט „געשעעניש":

מ'האט היינט פארלאנגט פון די „שאפן" צוזשטעלן א צאל פון קוואליפיצירטע שניידער מיט ניי־מאשינען אויף ארבעט קיין לובלין. ס'זענען ארויסגעפארן א 40 שניידער מיט מאשינען. מ'איז אין געטא נישט באאומרואיקט וועגן זייער גורל. כאטש ס'פעלן נישט קיין פעסי־מיסטן...

אין אלגעמיין איז „רואיק" אין געטא. זייט יום כפור נישט געווען קיין „אקציע". נאר מ'ווייסט נישט, צי איז עס א סוף פון דער פארניכ־טונג, צו בלויז א „הפסקה", א שטילקייט פאר א שטורעם.

די ידיעות, וואס קומען אן פון די פראווינץ־שטעט וועגן שטענ־דיקע „אקציעס", טראגן, נאטירלעך, נישט ביי צו קיין בארואיקונג. פיל מענטשן גרייטן זיך. יעדער אויף זיין שטייגער, און לויט זיינע מעגלעכ־קייטן. דער, וואס האט א סך געלט און באציאונגען מיט דער „ארישער זייט", באמיט זיך אהין איבערצוטראגן. אינזשיניערן, טעכניקער בויען אונטערערדישע באהעלטענישן, א. ג. „בונקערס", פארזען מיט אלע כמעט וווינונגס־איינריכטונגען, עלעקטריש ליכט, גאז, וואסער, א. ד. גל. מ'פאר־זארגט זיך מיט שפייז־רעזערוון יעדער לויט זיינע מיטלען. און מ'גרייט זיך צו קאמף...

## יידן וואס האבן געשאפן פאר פוילישער קולטור

**זונטיק, 29. נאוועמבער.**

איך בין היינט געווען ביי פראפעסאר מאיר באלאבאן. ער האט זיך שוין אויסגעשטעלט זיינע ביכער און זיצט און שרייבט. מיט וואס פארנעמט ער זיך היינט? בין איך טשעקאווע צו וויסן.

— הארט פאר דער מלחמה, האב איך כמעט שוין געהאט פארענ־דיקט — ענטפערט ער מיר אויף מיין פראגע — אן ארבעט א"נ „די יידן אין דער פוילישער קולטור". די דאזיקע ארבעט האט ביי מיר בא־שטעלט די קראקעווער וויסנשאפט־אקאדעמיע („אקאדעמיא אומיעיענט־נאשטשי"). ענדיק איך זי איצט אויס.

איך בלעטער איבער די דאזיקע ארבעט און א שלל פון מאטעריאל אנט־פלעקט זיך פאר מיר. באקאנטס און נאך מער — אומבאקאנטס. אויף באלאבאנס שטייגער, אן א שיעור נעמען, פאקטן, שילדערונגען.

— אָבער וואָס וועט עס באַווייזן? — פרעג איך מיין פּראָפעסאָר.
— מה קא משמע לן? דאָס קען העכסטנס צוגעגעבן ווערן אַלס אַנעקס צו דעם היסטאָרישן אַנקלאַגע־אַקט קעגן די פּאָליאַקן, פאַרוואָס זיי פאַר־האַלטן זיך אַזוי גלייכגילטיק, א ל ע, אויך די אינטעלעקטועלע, לגבי דעם מאָרד אויף דעם יידישן פאָלק אין פּוילן (אַ טייל האָבן גאָר מיט־געהאָלפן די מערדערס).

איך זע דאָרט יידישע נעמען, וואָס האָבן באַלייכט די פּוילישע קול־טור. מענטשן, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן געווידמעט פּוילן. אַ סך פון זיי האָבן געהאַט בלויז זייער יידישע אָפּשטאַמונג; אַ טייל האָבן געווירקט פאַר יידן אויך. און אַלע האָבן היינט געטיילט דעם יידישן גורל.

ס'רוב פון זיי זענען שוין נישטאָ. נישטאָ יאַנוש קאָרטשאַק, ברונאָ ווינאַווער, נישטאָ פּראָפעסאָר מוריצי אַלערהאַנד, פּראָפעסאָר בעק פון לעמבערג; און הונדערטער און טויזנטער אַזעלכע, וואָס זענען געווען די קרוין פון פּוילישער ליטעראַטור, וויסנשאַפט, קונסט.

איך קען נישט בשום אופן פאַרשטיין: האָבן דאָך די דאָזיקע מענטשן אַ גאַנץ לעבן פאַרבראַכט דווקא צווישן פּאָליאַקן; האָבן זיי דאָך אָן אַ שיעור געלייסטעט פאַר פּאָליאַקן; האָבן זיי דאָך געהאַט אַ סך תּלמידים, אָנהענגער, פריינד; — האָט זיך קיינער נישט געפונען, וואָס זאָל זיי ביישטיין אין דער דאָזיקער צרה? קיין איינער נישט? ווי איז דאָס מעג־לעך?

איך קען עס נישט באַגרייפן.

איינס ווייס איך: אויב נאָך נויטיק אַ באַווייז פון דער אומזיסטי־קייט פון יידישער האַרעוואַניע פאַר פרעמדע, — האָבן מיר היינט אין פּוילן אַ טרויעריקן און בלוטיקן מוסר השכל דערויף...

כל רעינו בגדו בנו...

## איוב-בשורות פון דער פּראָווינץ

### מאָנטיק, 30. נאָוועמבער.

אַ באַזוך היינט געמאַכט אויף דער ניסקע־גאַס. דאָרט געפינט זיך די א. ג. „ווערט־ערפאַסונג". דאָס איז אַן אָרגאַניזירטער רויב פון יידיש פאַרמעגן. די נאַציס נעמען צונויף דאָס פאַרמעגן פון די יידן, וואָס זענען

דעפּאָרטירט געוואָרן און פון די, וואָס לעבן נאָך אין געטאָ, און שיקן עס אַוועק קיין דייטשלאַנד. זיי באַשעפטיקן דערביי יידן. ס'אַרבעטן דאָרט אַ סך יידן פון ווארשע און אויך די, וואָס זענען לעצטנס אָנגעקומען פון די אַרומיקע שטעטלעך. איך גיי אַריבער זיך דורכרעדן מיט די לעצטע און הערן, וואָס ס'איז געשען אויף דער פּראָווינץ. מיין פריינד יהודה לייב אָרלעאַן האָט מיך אויך געבעטן, איך זאָל זיך אינפאָרמירן וועגן ווענג-ראָוו (ביי ווארשע), ווו ער האָט זיין פרוי און 5 קינדער. איך טרעף אַ ייד פון ווענגראָוו. זיך געראַטעוועט. איינער אַליין פון זיין גאַנצער משפחה, פון דער גאַנצער קהילה.

און אָט וואָס ער דערציילט:

יום כפור, וועלכער איז אויסגעפאַלן מאָנטיק דעם 21סטן סעפּטעמ-בער (1942), איז אַראָפּגעקומען אַ באַנדע ס.ס.-לייט און באַפוילן, אַז אַלע יידן אָן אונטערשיד פון עלטער און געשלעכט זאָלן זיך פאַרזאַמלען אויפן מאַרק. ווען דאָס איז געשען, האָט מען אַלטע און קראַנקע, וועלכע זענען נישט געווען טראַנספּאָרט-פעאיק, געשאָסן אויפן אָרט, אָדער זיי געפירט אויפן יידישן בית-עלמין און דאָרט זיי דערשאָסן. אַלע איבער-ריקע יידן האָט מען אַוועקגעפירט. וווהין? — פרעג איך. „דאָרט ווו אַלע יידן," פאַלט דער ענטפער. „און מ'האָט זיך נישט געקענט באַהאַל-טן?" — ווונדער איך זיך. „יאָ, אַ קליינע צאָל יידן האָט זיך באַהאַלטן; אין די קעלערס. אויף די בוידעמס, אין די וועלדער. האָבן די דייטשן מודיע געווען, אַז פאַר יעדן געפונענעם יידן גיבן זיי אַ פערטל קילאָ צוקער. זענען קריסטלעכע קינדער, און אויך — דערוואַקסענע, אַרומגע-גאַנגען און גענישטערט אין אַלע לעכער און באַהעלטענישן, זוכנדיק באַ-האַלטענע יידן. ווען זיי האָבן געפונען אַזעלכן, האָבן זיי אים מיט גוואַלד אַרויסגעשלעפּט פונעם באַהעלטעניש, און אויב ער האָט זיך קעגנגע-שטעלט, האָבן זיי אים מערדערלעך צעשלאָגן, און — דאַן אים אי-בערגעגעבן די נאַציס. די גויים זענען געווען אָן רחמנות. זיי האָבן דער-שמעקט, אַז אויף אַ בוידעם איז באַהאַלטן אַ יונג יידיש יינגל פון אַ יאָר 12, האָבן די קריסטלעכע קינדער אַרומגערינגלט דאָס הויז, געוואָרפן שטיינער, אָנגערייצט בייזע הינט, גענומען אונטערצינדן דאָס הייזל, ביז זיי האָבן אַראָפּגעקריגן דאָס קינד פון זיין באַהעלטעניש און אין גרויס

פרייד און טריומף עס געפירט צו דער דייטשער קאָמאַנדאַנטור. אין די אויגן פון דער גאַנצער קריסטלעכער באַפעלקערונג. און קיין איין פּאַ־ליאַק האָט זיך נישט אָנגענומען פאַר דעם דאָזיקן אומגליקלעכן קינד! די דייטשן האָבן גענומען דאָס יינגל און עס אַרויסגעפירט אויפן בית עולם און עס געשאָסן אין די אויגן פונעם פּוילישן המון, וועלכער איז געקומען בייוווינען די „עקזעקוציע", — ווי זיי האָבן אָנגערופן די גרוי־זאַמע רציחות. קיין איין ייד איז נישט געבליבן אין דעם שטעטל ווענג־ראָוו. אויך די, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער, זענען דורך די פּויערים איבערגעגעבן געוואָרן די דייטשן".

אַ מיידל, וואָס איז געקומען פון מ י נ ס ק ־ מ אַ ז אָ וו י עצ ק, פּרל. ז אַ ק אָ ן, דערציילט מיר וועגן חורבן פון דער דאָזיקער שטאָט:

„כמעט אַלע יידן זענען דעפּאָרטירט געוואָרן נאָך אין די חדשים יולי־סעפּטעמבער. ס'איז געבליבן בלויז אַ קליינע צאָל, לערך 180, וועל־כע האָט געאַרבעט אויסער דער שטאָט. איר פּאַמיליע אַליין, וועלכע האָט געהאַט אַן עסיק־פאַבריק, איז געבליבן אַלס אַרבעטער אין דער דאָזיקער פאַבריק. די איבעריקע האָבן געאַרבעט אין באַראַקן אויסער דער שטאָט. אויף איינמאָל איז פעסטגעשטעלט געוואָרן צווישן די אַרבעטנדיקע יידן אַ פאַל פון טיפוס. איז אַראָפּגעקומען אַ מחנה נאַצים, האָבן אַריינגע־טריבן אַלע יידן אין אַ באַראַק און אונטערגעצונדן דעם באַראַק. אַלע זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט".

אין אָ ט וו אָ צ ק (ביי ווארשע), דערציילט מען מיר, איז דער חורבן פאָרגעקומען אויף דעם „קלאַסישן" אויפן פון די נאַצישע מעטאָדן. מ'האָט אויף איין טאָג געמאַכט אַ הפסקה אין דער פאַרניכטונג אין ווארשע (אין חודש אויגוסט) און די באַנדע איז אַרויסגעפאָרן קיין אָטוואָצק, דאָרט אָפּטאָן זייער אַרבעט. נאָר דאָרט איז געווען אַן אָרי־גינעלער ניואַנס: „אַ סך יידן" — דערציילט מיר מיין פריינד ה' זאַל־בערג, אַ זון פון דעם באַוווסטן חסידישן פענסיאָנאַט אייגנטימער יחיאל זאַל־בערג, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן — זענען אַנטלאָפן אין די אַרומיקע וועלדער. האָבן די פּאָליאַקן אָנגעהויבן אַ געיעג אויף יידן אין די וועלדער. ווען זיי האָבן געכאַפּט אַ ייד, האָט מען אים אי־

בערגעגעבן די דייטשן, וועלכע האָבן געגעבן אַ „פּרעמיע" פאַר יעדן געכאַפּטן ייד. געווען אויך פאַלן, ווען פויערים האָבן דעם ייד דערהרגעט אויפן אָרט, כדי ביי אים צוצורויבן זיינע שטיוול, זיין אַנטועכץ, זיין געלט". אַ קליינע טייל איז אַנטלאָפן קיין רעמבערטאָוו, קיין קאַלאַביעל, און אויך שפּעטער געקומען קיין וואַרשע. קיין קאַלאַביעל איז אויך אַנטלאָפן דער יונגער רב הרב ישראל וו י ד ע נ פ ע ל ד, דער איידעם פון ר' מנחם זעמבא, וועלכער איז געווען אין אַ סאַנאַטאָריום אין אָטוואָצק. אויך די אַלע יידישע קראַנקע פון דעם סאַנאַטאָריום „בריאות" און אַנדערע זענען דעפּאָרטירט געוואָרן. די גייסטיק קראַנקע פון „זאָפּ-יופקע" זענען געשאָסן געוואָרן אויפן אָרט, צוזאַמען מיטן פּערסאָנאַל און דאָקטוירים. אין אָטוואָצק איז אויך געווען דער באַקאַנטער יידיש-פּוילישער געלערנטער און שריפטשטעלער ד״ר ברונאָ ווי נ א ווע ר, וועלכער איז לעצטנס געווען שעף פון דער נאַטור-וויסנשאַפטלעכער פאַ-קולטעט ביי די יידישע אוניווערזיטעטס-קורסן, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרן אין געטאָ דורך פּרעזעס אינזש. טשערניאַקאָוו. אויך ברונאָ ווינאַווער איז אומגעקומען בעת דער פאַרניכטונג פון אָטוואָצק. קיין אָט-וואָצק זענען אויך נאָך פריער אַריינגעטריבן געוואָרן די יידן פון שרוד-באָרוו, שווידער און אַנדערע. פון פאַלעניץ האָבן די דייטשן נאָך דעם פריערדיקןווינטער אַריינגעטריבן אַלע יידן קיין וואַרשע.

צווישן די פריש-אָנגעקומענע קיין וואַרשע געפינט זיך אויך הרב ז ע מ ע ל מ א ן, דער רב פון פשיטש. אויך ער דערציילט וועגן דער פאַרניכטונג פון די קליינע און גרעסערע יידישע קהילות אויף דער פּראָווינץ. דער דאָזיקער רב — אַן אגודה עסקן און אַ גרויסער תלמיד חכם, — האָט אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט געוויסע פּוילישע לינקע פּאַרטיזאַנען, ער שמוגלט זיך אָפּט אַרויס אויף דער אַרישער זייט, ווו ער האַלט זיך אויף אַלס ריינער „אַריער" און ברענגט פון דאָרט רעוואָלווערן און אַמוניציע. ער רופט מיט גרויס ענטוזיאַזם צו ווידערשטאַנד. איך האָב היינט געהערט הרב ז ע מ ע ל מ א ן אויף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג אין אַ „בונקער". ער באַזיצט אַ גרויסן אָראַטאָרישן טאַלענט, און מיטן גאַנצן פייער פון זיין קאָכעדיקן טעמפּעראַמענט גיט ער איבער די שרעקלעכע בילדער פון דער פאַרטיליקונג פון גאַנצע עדות יידן, און —

רופט צו נ ק מ ה. „גדולה נקמה — ציטירט ער — שנתנה בין שתי אותיות. אל נקמות ה׳״. ער ברענגט פסוקים, מאמרים פון ש״ס, און רופט צו אן אויפשטאנד. ער רעדט נישט סתם מיט פראזן, נאר לייגט פאר א גענויען פלאן ווי אזוי צו קעמפן. און ער נעמט זיך אליין אונטער צו שאפן געווער און אמוניציע (וואס ער האט שוין איבעריקנס געטאן אין א גרויסער מאס). ער איז נישט נאר א נאה דורש, נאר אויך א נאה מקיים; אט האט ער היינט איבערגעגעבן דעם ווידערשטאנד־קאמיטעט 12 רעוואלווערן און עטלעכע שאכטלעך קוילן. ער באזוכט אלע רבנים און רבים, און אלע עסקנים, און פאדערט זיי אויף צו רופן צום אויפשטאנד. ער ברענט אינגאנצן מיט דעם דראנג צום קאמף. נעכטן, דערציילט מען מיר, איז ער געווען אויף א פארזאמלונג פון חלוצים, וועלכע בילדן דעם קערן פון ווידערשטאנד, ער האט שטארק באגייסטערט די יונגע חלוצים. יענע וואך איז געקומען צווישן אים און געוויסע „בונד״־פארשטייער צו א שארפן ווערטער־אויסטויש; בעת יענע האבן גערעדט וועגן ווארטן אויף א סיגנאל פון אויסלאנד און פון די סאציאליסטישע חברים פון דער ארישער זייט, האט ער אויפגעוויזן די נישטיקייט פון די דאזיקע פאלשע אילוזיעס...

## אן ארץ־ישראל־ווינטל האט א בלאז געטאן...

**פרייטיק, א׳ חנוכה, 4. דעצעמבער.**

נעכטן א סענסאציע אין געטא: אנגעקומען ארץ־ישראל סערטיפי־קאטן. ביי יעדן פון אונדז פינקלט אויף א האפענונג: אפשר פאר מיר אויך...

ס׳ווייזט זיך ארויס, אז אנגעקומען זענען 54 סערטיפיקאטן, כמעט אויסשליסלעך פאר פרויען, וועמענס מענער געפינען זיך אין ארץ־ישראל. דער יידישער פאסט־לייטער ה׳ מ. יאשונסקי ברענגט מיר אריין אין ער־ביוו דאס פעקל בריוו און דאקומענטן, פרעגט אן עצה: ווי אזוי אויפ־זוכן די אדרעסאטן? די אדרעסן זענען אלע נישט־אקטועלע. יענע גאסן זענען שוין „ארויזירט״ געווארן. כ׳נעם די בריוו אין דער האנט אריין. דאס זענען סערטיפיקאטן ארויסגעשיקט געווארן דורכן פאלעסטינא־

אמט אין קאנסטאנטינאפאל. ס'רוב פארזעען מיט פאטאגראפיעס פון די באטרעפנדיקע פרויען און קינדער. צו יעדן סערטיפיקאט איז בייגע־לייגט א בריוו, אונטערגעשריבן ד"ר גאלדין, אין וועלכן ס'ווערט געזאגט, אז נאכן באקומען אן אויסרייזע־וויזע פון דער דייטשער מאכט וועט מען באקומען די טראנזיט-וויזע דורך טערקיי און די רייזע הוצאות ביז ארץ ישראל.

כ'קוק איבער די נעמען און געפין א סך באקאנטע און פריינד: די פרוי און קינד פון ה' פנחס לעווין (מינדל און שרה), די פרוי און קינ־דער פונעם רעדאקטאר פונעם ווארשעווער „טאגבלאט" שמואל ראט־שטיין, די פאמיליע קאמינער פון דער צעגלאנא גאס 9, און א סך אנדערע.

כ'קען צופעליק די אדרעסן פון אייניקע. זיי ארבעטן אין די „שאפן". כ'גיב זיי איבער ה' יאשונסקי. אבער נאך איידער די באטרעפנדיקע האבן באקומען צוגעשיקט די סערטיפיקאטן, זענען זיי שוין געוואר געווארן — דער „אינפארמאציע דינסט" אין געטא פונקציאנירט זייער גוט, יעדע ידיעה צעגייט זיך אין משך פון א האלבע שעה אומעטום. מ'קומט צו לויפן אין דער קהילה אריין פרעגן אן עצה: „איז עס עפעס ווערט? ווי אזוי רעאליזירט מען עס? וואס טוט מען דערמיט?"

ס'ווייזט זיך ארויס, אז אויף די 54 סערטיפיקאטן געפינען זיך נאך אין געטא נישט מער ווי א צענדליק באזיצערינס פון די דאזיקע. די אי־בעריקע אדרעסאטן זענען שוין דעפארטירט...

דער וויצע־פרעזעס פונעם קהילה־ראט, אינזשיניער א. שטאלצמאן, פרעגט אין געשטאפא א שאלה: מה טיבו של עיבור זה?

— „אויף פאלעסטינא־אויסטויש", — פאלט די תשובה.

ביי דער געלעגנהייט ברענגט שטאלצמאן אן אנדערע ידיעה: אנגעקו־מען אין דער אויסלאנד־שטעלע פון דער ווארשעווער געשטאפא א ליסטע פון 21 פערזאנען*), וועלכע דארפן ווערן אויסגעטוישט קיין ארץ ישראל. די געשטאפא הייסט זיי זוכן אין געטא. אויף דער באמערקונג פון שטאלצ־מאנען, אז זיי זענען באשטימט דאס רוב דעפארטירט, ענטפערט מען אים, אז „מ'קען שיקן פארטרעטער"... „ווער וועט דען קאנטראלירן, אז ווער איז ווער?" ...פאלט אן אנצוהערעניש.

אלזא — א שטיקל טיר פון האפענונג. א גאנץ שמאלע שפארע —

*) די דאזיקע נעמען זענען ביי מיר פארשריבן.

אמת, אָבער דאָך... איצט שטעלט זיך אַ פראַגע: ווי אַזוי פירט מען צו די זאַך צו אַ טאָלק.

זיצן עטלעכע מענטשן. אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טוער און ס'פּאַלט אַ געדאַנק: צעטיילן די דאָזיקע בעלי־בתים־לאָזע סערטיפיקאַטן צווישן יידישע פּערזענלעכקייטן אין געטאָ. ס'ווערט באַלד געשאַפן אַ קאָמיטעט — די צייט איילט — און מען באַראַט זיך מיט גרוים ישוב הדעת: האַנדלט זיך דאָך אין דיני־נפשות. מ'גייט זען, ווער ס'זאָל האָבן דעם זכות געראַטעוועט צו ווערן. נאָך לאַנגע באַראַטונגען איז ענדלעך באַשלאָסן געוואָרן אַ רשימה פון די פּערזאָנען, וועלכע דאַרפן געניסן פון די אויסטויש-סערטיפיקאַטן: ד"ר יצחק שיפער, דעפּוטאַט יעקב טראָקענהיים, ד"ר עמנואל רינגעלבלום, יצחק גיטערמאַן, מנחם קירשענבוים, זישע פרידמאַן, דוד גוזשיק, מוריצי אָזשעך, שמואל האָרענשטיין, ד"ר יעזשי הערשפינקעל, הרב דוד שפּיראָ, מאַדאַם נחמה ראַטנער, נחום רעמבאַ, יהושע פּערלע, אברהם געפּנער, דר י. ראָטפעלד, ד"ר נ. וואַהל, יוסף קעניגסבערג, י. קרגיש און איך.

ס'הייבט זיך אָן אַ פּאָרעניש ביי די באַטרעפנדיקע דייטשע אַמטשטעלן; מ'באַמיט זיך צו רעאַליזירן די דאָזיקע רשימה, ביז שפּעט אין היינטיקן אָוונט איז מען געוואָר געוואָרן:

דער גאַנצער ענין איז דערווייל נישט אַקטועל...

„דערווייל"... און שפּעטער? וועט עס אַמאָל זיין אַקטועל?*) ווער ווייסט? דערווייל צעפלאַמען זיך חלומות, אילוזיעס, ס'באַווייזן זיך וויזיעס פון אַ ליכטיק לעבן אין ארץ ישראל, פון אַ רעטונג.

*) שפּעטער האָבן די דייטשן איבערגעשיקט אַ סך באַזיצער פון ארץ־ישראל־סערטיפיקאַטן אין דעם לאַגער פון בערגען־בעלזען ביי האַנאָווער. זיי זענען כמעט אַלע (אויסער די, וואָס זענען געשטאָרבן פאַר הונגער און טיפוס) ניצל געוואָרן. בעת די באַזיצער פון די דרום־אַמעריקאַנישע פּעסער זענען אַלע דעפּאָרטירט געוואָרן פון בערגען־בעלזען און זענען פאַרשוואונדן געוואָרן אָן אַ שפּור, זענען די באַזיצער פון וואָסער ס'איז באַווייז וועגן ארץ־ישראל־שייכות — געבליבן. אויך איז וויטעל זענען אָנערקענט געוואָרן די באַזיצער פון באַשטעטיקונגען פונעם פּאַלעסטינע־אַמט, אַז פאַר זיי איז באַשטימט אַ"י־סערטיפיקאַטן.

אין פּאַראָומערטן געטאָ־לעבן האָט אַ פּריש ווינטל, אַן ארץ־ישראל ווינטל אַ בלאָז געטאָן. האָפענונגען האָבן דערוואַכט. אפשר דאָך, אפשר דאָך... אפשר וועט זיך איינגעבן אונדזערע ברידער, שוועסטער, פריינד אין ארץ ישראל אונדז אויסצושטרעקן אַ רעטונגס־האַנט; אפשר וועט די ענגלישע רעגירונג דאָך עפּעס טאָן צו ראַטעווען דעם קליינעם רעשט, דעם שארית הפליטה...

וועלן די דאָזיקע חלומות מקוים ווערן?
ווער ווייסט?...*)

## נקמה אָן „ליטעראַטור"

### דינסטיק, 6. דעצעמבער.

מיר זיצן היינט אין ארכיוו פאַרמאַכט. אין יוצא ואין בא. אַ גע־שטאַפּאָ־אָפיציר באַווייזט זיך יעדע עטלעכע טעג אין געטאָ און שיסט יידן, וועלכע ער טרעפט אויף דער גאַס. געווען היינט 7 קרבנות. זיצט מען אין פחד. אייערנעכטן איז דער זעלבער געשטאַפּאָ־מערדער געקומען אין דער קהילה און פונדאַנען טעלעפאָנירט צו זיין שעף: „פינף יודען דערשאָסען". ווייזט אויס אַזאַ טאַקטיק. זענען מיר אַלע צונויפגעזאַמלט, און מ'וואַרט אויף בין השמשות. דעמאָלט איז ווייניקער סכנה זיך צו ווייזן אויף דער גאַס. די שעהן שלעפּן זיך שווער ווי בליי. רבנים „קוקן אַריין אין אַ ספר". אַנדערע דרייען זיך נערוועז. די אַטמאָספערע איז „געשפּאַנט". מ'וואַרט.

אין דער דאָזיקער דערוואַרטונג וואַרפט עמיצער אַ וואָרט. דאָס וואָרט קייקלט זיך אין חלל און נעמט אָן אַלץ מער פאַרנעם. ווי אַ קליין שטיקל שניי, וואָס פאַלט אַראָפּ פון אַ הויכן באַרג, קייקלט זיך און קייקלט זיך, ס'וויקלט זיך אַרום אים אַלעמאָל נייע שיכטן, ביז ס'קומט צום טאָל — ווערט עס אַ — לאַווינע.

אזוי האָט היינט עמיצער געפרעגט: וואָס וועט זיין דער סוף? האָט

---

*) ליידער איז די דאָזיקע האָפענונג נישט מקוים געוואָרן. קיינער פון די אויס־געדעכנטע איז נישט געראַטעוועט געוואָרן.

אן אנדערער „געענטפערט" מיט א פראגע אויף א פראגע; אויפן יידישן שטייגער: וואס איז דא אייגנטלעך געשען?

און מ'האט געפרווט זיך קלאר מאכן דעם ענטפער אויף אט־דער צווייטער שאלה, און מ'האט נישט געקענט. געזעסן מענטשן פון פאר־שידענע אנשויאונגען, פון פארשידענע וועלטן, מענטשן, וואס יעדער אויף זיין געביט האט עפעס באדייט, האט געהאט עפעס צו זאגן; און היינט זאגט מען אויך, אבער יעדער זעט ווי נישטיק־קליין זענען ווערטער אקעגן דער אומגעהויערלעכקייט פון דעם וואס ס'איז געשען. דאס לאזט זיך נישט אויפקלערן נישט מיט תורה, נישט מיט וויסנשאפט, נישט מיט לאגיק און נישט מיט געפיל, נישט מיט היסטארישע פרעצעדענסן און נישט מיט פאליטישע סברות.

ס'זיצן רבי מנחם זעמבא, הרב דוד שפירא, הרב שמשון שטאקהא־מער, ד"ר יצחק שיפער, ד"ר עדמונד שטיין, דירעקטאר יהודה לייב אר־לעאן, דירעקטאר מיכאל בראנדשטעטער, שמעון רונדשטיין, ד"ר עמנו־אל רינגעלבלום, מוריציו אזשעך, יצחק קאצענעלסאן, אדאם הערשאפט, יעקב טראקענהיים, ד"ר שמואל שימקעוויטש, ד"ר וואהל, טשודנער, י. פערלע, יצחק גיטערמאן און אנדערע.

די דיסקוסיע איז אין פולן ברען. מ'וויל עפעס דערגיין. דער „עפעס" איז גאר גרויס: א בליק טאן אונטערן שווארצן פארהאנג פון דער צו־קונפט. אנגעהויבן האט זיך עס מיט דער פראגע: „וואס וועט זיין?" די אספיראציעס ווערן וואס א מאל קלענער: מ'וויל שוין בלויז דערגיין דעם „זין" פון דעם, וואס איז ש ו י ן ג ע ו ו ע ן. יא, מ'באגנוגנט זיך שוין מיט דעם מינימום: מ'וויל בלויז געפינען א באצייכענונג, א דעפיניציע פון דעם וואס ס'איז דא פארגעקומען. געווען א האלב מיל־יאן יידן, געווען א מעכטיקער, יידישער קיבוץ, געבליבן א קליין הייפל צעבראכענע מענטשן, האלבע מענטשן, געוועזענע מענטשן, — וואס איז דא געשען?

ווייזט זיך ארויס, אז די „גוטע קעפ", וואס האבן זיך דא פאר־זאמלט, קענען עס נישט באגרייפן. פאראן, ווייזט אויס, קאטאסטראפעס, וואס גייען איבער דעם מענטשלעכן שכל, די מענטשלעכע אויפנעמס־פעאיקייט, פאראן ווייטיקן, וואס זענען טיפער ווי דער תהום.

נישטאָ קיין שום פסוק אין דער תוכחה, נישטאָ קיין שום דרש, קיין שום פירוש, וואָס זאָל דאָ קענען אָנגעווענדט ווערן.

אַן אַנדערער פּרוווט זוכן פּרעצעדענסן אין דער געשיכטע. אָבער באַלד פילן מיר אַלע: אומזין. נאָך נישט געווען אַזעלכעס! נישט אין אונטערזערער, והגם רייכע אין מאַרטיראָלאָגיע, און נישט אין אַלגעמיינער. נישט אין די שחיטות פון די אַרמעניער, נישט אין די „40 טעג פון מוזאַ־דאַג" (וועלכע פראַנץ ווערפל האָט אַזוי מייסטערהאַפט אויפגעכאַפּט), און נישט אין חורבן בית ראשון און חורבן בית שני, און נישט אין גירוש ספרד, און נישט אין גזרת ת"ח (כמיעלניצקי). ניין! נאָך נישט געווען אַזעלכעס. דאָס איז איינמאַליק.

און קיינער פון אונדז, נישט די לומדים און נישט די היסטאָריקער, נישט די וויסנשאַפטלער און נישט די שרייבער זענען בכוח צו געבן דאָ אַ קלאָר באַגריף. מ'איז פאַרטשמיעלעט דורכן מוראדיקן קלאַפּ.

אויך אַנדערע פעלקער האָבן געליטן. אָבער די סובסטאַנץ פונעם פאָלק איז געבליבן. אָפּגעשוואַכט, אָבער געבליבן. דאָ איז אָבער דער ספּעצי־פישער איינגאַרטיקער פאָלקס־אָרגאַניזם, מיט זיינע אייגנטימלעכקייטן, מיט זיינע גייסטיקע, קולטורעלע און עקאָנאָמישע כוחות פאַרניכטעט. וואָרום דער יידישער קיבוץ אין פוילן און אין ליטע און אַלע זיינע ריכ־טונגען און שאַטירונגען און אַלע זיינע דערשיינונגען און שאַפונגען איז דאָך געווען אַן אָרגאַנישע אָריגינעלע נאַציאָנאַלע איינהייט. געווען אַ פאָלק, איין פאָלק. פאַר זיך אַליין, און אַ רעזערוואואַר פאַר אַלע אַנדערע יידישע קיבוצים. און אָט דאָס איז פאַרניכטעט.

כ'דערמאָן זיך, אַז ווען כ'פלעג באַקומען אין דער האַנט צו פאַר־עפנטלעכן אַן אויפרוף, וואָס פלעגט זיך אָנהויבן אויפן היימישן באָמ־באַסטישן שטייגער, מיט די ווערטער „צום יידישן פאָלק אין פוילן!" פלעג איך שטענדיק קאָריגירן, אויף „צו די יידן אין פוילן", וואָרום, וואָס הייסט? איז דען דאָס יידישע פאָלק אין פוילן? — היינט, ווען איך הער זיך צו צו דער דיסקוסיע פון דער גרופּע יידישע אינטעלעקטועלע, זע איך איין: א י ך האָב געהאַט אַ טעות! יאָ, געווען אַ „יידיש פאָלק", בפי־רוש — אַ יידיש פאָלק אין פוילן, און אפשר ד אָ ס יידישע פאָלק!

קיינמאָל אין דער יידישער געשיכטע, — דאָס באַשטעטיקן מיר די־

קאָמפּעטענטע יידישע היסטאָריקער (שיפּער און רינגעלבלום, — איז נישט געווען אָנגעזאַמלט אויף איין אָרט אַזוי פיל פאָלקס־כוחות אויף אַ ל ע געביטן ווי אין פּוילישן יידנטום. דאָ איז געווען דער צענטער, דער רעזערוואַר פון אַלעם לעבעדיקן און שאַפנדיקן אין יידנטום.

ס'איז נישט קיין קאַטאַסטראָפע פון אַ יידישן קיבוץ, נאָר פון דעם יידישן קיבוץ; אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע.

שמעון דובנאָווס היסטאָריאָזאָפישע טעזע וועגן העגעמאָניע־צענטערן, וואָס האָבן אין פאַרשידענע תקופות דערהאַלטן דאָס יידנטום, האָט אין פּוילן געפונען זיין פולסטע באַרעכטיקונג. דאָ איז געווען דער העגעמאָניע־צענטער.

ד"ר שיפּער באַרירט דאָס פּראָבלעם פון יידישן איינפלוס אויף דער פּוילישער קולטור. אָרלעאַן ענטפערט, אַז ער קען נישט הערן דאָס וואָרט פּוילישע אָדער אייראָפּעאישע קולטור; זענען דאָך די דייטשן, זאָגט ער, געווען די קולטור-טרעגער בהא הידיעה!...

ס'אַנטוויקלט זיך אַ דיסקוסיע וועגן דער „יידישקייט" פון דעם קריסטיאַניזירנדיקן יאַקאָב וואַסערמאַן, פון סטעפאַן צווייג א. ד. גל. אַדאַם הערשאַפט רעדט וועגן דעם מאָלער ליבערמאַן. פרוי יאַרעצקאַ, די באַרימטע פּוילישע שריפטשטעלערין, גיט־צו רעכט אָרלעאַנען. זי באַדויערט, וואָס זי האָט געשריבן פּויליש. ווען זי איבערלעבן, וועט זי זיך אויסלערנען העברעאיש, יידיש און אין די שפּראַכן שרייבן.

איך נעם די דאָזיקע פראַגע פון אַן „אַקטועלן" שטאַנדפּונקט, פונעם שטאַנדפּונקט פון — „נ ק מ ה". איך דערמאָן פישל שניאורסאָנס דערציילונג א. נ. „די יידישע נקמה". אונדזער נקמה, למשל, אין פּוילן, איז געווען, וואָס ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, נישט צוליב אונדזער „שולד", אַז די דריי גרעסטע מאָדערנע פּוילישע דיכטער — יוליאַן ט ו ב י ם, יוזעף וו י ט ל י ן, אַנטאָני ס ל אָ נ י מ ס ק י, — זענען יידן. „וואָס זיי זענען, זענען זיי, אָבער יידן זענען זיי...".

און ווען כ'האָב שטודירט אויפן וואַרשעווער אוניווערזיטעט, און צוגעזען די אָרומטרייבערייען פון די ענדעקישע סטודענטן־כוליגאַנעס, — האָב איך געשפּירט אַ געפיל פון נקמה, ווען כ'האָב פעסטגעשטעלט, אַז די דריי גרעסטע קאַפּאַציטעטן פונעם, איבעריקנס, נישט גענוג רייכן אין

פערזענלעכקייטן, ווארשעווער אוניווערזיטעט זענען יידן: שמעון א ש־כ נ ז י, דער גרעסטער פוילישער היסטאָריקער און בעסטער סטיליסט אין דער פוילישער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור; שמואל ד י ק־ש ט יי ן, דער באַרימטסטער מאַטעמאַטיקער, און זדיסלאַוו ז מ י ג־ר י ד ע ר ־ ק אָ נ אָ פּ ק א, דער בעסטער אָראַטאָר.

אָט דאָס איז אונדזער „נקמה״.

:: :: ::

אַזוי ציט זיך די דיסקוסיע אָן אַ סוף, ביז ס׳קומען אַריין, — יוסף טענענבוים מיט זיין פרוי אירענע, אַנילאָוויטש, פּרל. לאַנדוי, יחיאל רייזמאַן און פּרל. טאַשיא. זיי האָבן צו מיר אַנדערע ענינים, מער פּראַק־טישע. זיי רעדן אויך וועגן נקמה, אָבער אָן „גענדזנפּיסלעך״ און אָן — ליטעראַטור. איך האָב זיי צוגעזאָגט צו פאַרמיטלען ביים אַריינבאַקומען געווער. וואָס איז דערמיט? פרעגן זיי.

וואָס זיי ענטפערן?

זייט צען טעג טו איך אין דעם דאָזיקן ענין. פריער געהאַט אַ קאָנ־טאַקט מיט מיין באַקאַנטן פּאָליאַק, מיניסטעריאַל־ראַט, זיגמונט כשאָנ־סטאָווסקי, וועלכער איז געווען ביז צו דער מלחמה רעפערענט פון יידי־שע ענינים אין בילדונגס־מיניסטעריום. איז ער אָבער אַ גרויסער פּחדן. נישט קיין חידוש; ער איז געזעסן אין תפיסה, אויפן פּאַוויאַק, און קוים אַרויסגעקומען. לעצטנס האָב איך אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט וולאַדיס־לאַוו ווילקאָש, אַ סוחר. אָפּגעהאַנדלט מיט אים אַ גאַנצע וואָך, געגעבן אַ היבשע סומע האַנט־געלט, און — גאָרנישט. זיי, די חלוצים פון גראָכאָוו, גיבן מיר צו פאַרשטיין פּשוט: עס גייט נישט וועגן העלדישקייט. אויך נישט וועגן ווייזן דער וועלט, צו אַלדע... די וועלט, מיט איר מיטלייד און „הילף״... דער א. ג. „כבוד״, „ווירדע״, „פאַלן מיט כבוד״, צו אַלדע... דריקן זיי זיך אויס ברוטאַל. דאָס איז אַן ענין פאַר ציימונגס־שרייבער, גיבן זיי מיר אַ שטאָך. נאָר אויב שוין גיין צו דער שחיטה, ווילט זיך האָבן איין מינוט פאַרן טויט דאָס זיסע נקמה־געפיל, דערזען דאָס טרפהנע בלוט פון דער בעסטיע זיך גיסן. וועט זיין רעוואָלווערן, איז גוט. אַנישט — האָט מען אָנגעגרייט — מעסערס.

זיי גיבן מיר איבער, אַז איך האָב נישט די ערשטע אַנטוישונג. נישט איין מאָל האָבן „פריינד“ צוגענומען דאָס געלט, און — גאָרנישט. איינמאָל האָבן זיי נאָך שאַנטאַזשירט, דראָענדיק מיט מסירה, און אויסגעפרעסט נאָך אַלס צוגאָב לאַ־יחרץ־געלט... געשען נאָך אַן ערגערער פאַל: אַ חבר פון דער ווידערשטאַנדס־גרופּע, זאַלצוואַסער, אַ רעוויזיאָניסט, האָט זיך געשטעלט האַרט לגבי אַ „צושטעלער“ פון געווער, האָט אים יענער באַשטעלט אויף אַ ראַנדעוווּ, און ער איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. נישט געווען גענוג פאָרזיכטיק. צו היים־בלוטיק. דאָ מוז מען אָנווענדן אַנדערע מעטאָדן.

פון מיר פאַרלאַנגען זיי נאָר אָנצובינדן אַ „קאָנטאַקט“, דאָס איבעריקע, אַריבערשמוגלען אין געטאָ אַריין א. ד. גל. נעמען זיי זיך אונטער אַליין צו דערליידיקן.

ס'ווערט אָפּגעשמועסט, אַז מאָרגן גיי איך אַרויס אויף דער „אַרישער“ זייט; אויף וויעלקאַ־גאַס האָב איך אַן „אַדרעס“. כ'שרייב זיך אָפּ אַ „פּרעטעקסט“. אַ נישט־געשטויגענעם באַדאַרף פון אַן אָפּשריפט פונעם אַרכיוו פונעם ציווילשטאַנד אויף דלוגאַ־גאַס. און מאָרגן זייגער 8 אינדערפרי גיי איך אַרויס.

אַזוי האָבן מיך די יונגע גראָכאָווער חלוצים אַראָפּגעשלעפּט פון די פילאָזאָפישע הויכקייטן אויף דער פלאַכער ערד פון האַרטן קאַמף, פון נקמה אָ ן „ליטעראַטור“...

## אונדזער אַרומוועלט...

### פרייטיק, 9. דעצעמבער.

געווען היינט אויף דער „אַרישער“ זייט. געזען זיך מיט עטלעכע פּאָליאַקן, באַקאַנטע פון פריער, און מיט אַזעלכע, צו וועלכע כ'האָב געהאַט רעקאָמענדאַציעס פון מיטגלידער פונעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט (ווידערשטאַנד־קאָמיטעט). געמאַכט אַ באַזוך ביי „וויקטאָרן“ אויף זשאַליבאָזש, ביי „סטאַשעקן“ אויף דער שעננאַ־גאַס. (פּסעוודאָנימען פון אונטערערדישע טוער), און אַנדערע. זיי זענען אַלע מיטגלידער פון אַ געהיימער באַוועגונג. זיי שטייען אין קאָנטאַקט מיט לאָנדאָן. זיי וויזן

דערווייל נישט ארוים קיין גרויסע טעטיקייט. זיי ווארטן אויף א סיג־נאל, — זאגן זיי. דערווייל פארשפרייטן זיי געהיימע אויסגאבן און צייטונגען. זיי גיבן מיר איבערצוקוקן עטלעכע פון זיי.ביים בלעטערן די צייטונגען טרעף איך אן אויף פראזן פון בולטן אנטיסעמיטיזם.

— האַ? אויך היינט?! — פרעג איך פארוואונדערט, — אויך היינט, ווען יידן ווערן פארטיליקט אין די מאסן, און ווען מיר האבן א געמיינ־זאמען שונא, אויך היינט פירט מען אנטיסעמיטישע אגיטאציע?!.....

מיינע אינטערלאקוטארן זענען אביסל וזשענירט. זיי פארענטפערן:

— דאס זענען ענדעקעס, אן אלטע געוווינהייט... מיר קענען אבער נישט איצט אנהויבן א פאלעמיק מכוח דער יידן־פראגע, מיר קענען צו־ליב יידן נישט ארויסרופן א שפאלטונג אין דער איינהייטלעכער פויל־ישער אונטערערדישער באוועגונג, — זאגט מיר „וויקטאר״, איינער פון די פירער, וואס געהערט צו „פ.פ.ס.״. גענוג מי געקאסט ביז מיר האבן דערגרייכט די דאזיקע איינהייט...

איך קלער אויף די געפערלעכקייט פון דער דאזיקער אגיטאציע, די מוראדיקע טראגישקייט פון איר. יידן ווערן פארטיליקט; טאמער גע־לינגט עמיצן צו אנטלויפן, פאלט ער אריין אין די הענט פון דער פויל־ישער באפעלקערונג, און די דאזיקע גיט זיי איבער די דייטשן.

איך פרעג:

— פארוואס, ווען איר, די פוילישע אונטערערדישע באוועגונג, מאכט סאבאטאזש־אקטן, פארוואס רייסט איר נישט אויף מיט דינאמיט די שינעס, וועלכע פירן צו די טויט־לאגערן? פארוואס איז נישט געווען קיין שום סאבאטאזש־אקט מצד די באנער, וואס פירן די קרבנות קיין טרעבלינקע אדער בעלזשיץ צום פארטיליקן? פארוואס שווייגט די פוי־לישע גייסטלעכקייט? די פוילישע אינטעלעקטועלע? פארוואס אלארמירט א י ר נישט די וועלט, פארוואס שווייגט א ו נ ד ז ע ר פוילישע רע־גירונג, פארוואס רודערט זי נישט אויף אלע מלוכות? האט איר דאך א קאנטאקט מיט לאנדאן. האט איר דאך מעגלעכקייטן. פארוואס ראטע־וועט איר נישט כאטש יחידים, יידישע געלערנטע, פערזענלעכקייטן, יידישע קינדער? פארוואס? פארוואס?

אבער מיינע שאלות בלייבן נישט פארענטפערט. ס׳קומען נאך אריין

עטלעכע אנדערע פ.פ.ס.־טוער און אַנדערע פירער פון דער אונטערער־דישער באַוועגונג; זיי דאַרפן האָבן אַ באַראַטונג. איך גיב זיי איבער פאַקטן פונעם געטאָ, פון דעם שוידערלעכן אומקום. זיי פילן זיך פאַר־לעגן. זיי פאַרדאַמען אפילו דאָס אכזריות. אָבער וואָס זאָל מען טאָן? זיי קענען גאָרנישט העלפן...

איך דערצייל זיי, אַז פון די טויט־צוגן הלשט מען נאָך אַביסל וואַ־סער אויף די סטאַציעס, קינדער גייען אוים פאַר דאָרשט, די זון ברענט און דאָס ענגשאַפט איז שרעקלעך, — אָבער, — ווי ס׳דערציילן די איינ־צלנע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, אַנטלויפנדיק פון די טויט־צוגן, באַציט זיך די פּױליש באַפעלקערונג פיינטלעך־„נייטראַל״. נישטאָ קיין איין פאַל, אַז מ׳זאָל דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער די קרבנות, וואָס מ׳פירט צום טויט!

זיי הערן אוים שאָקלענדיק מיט די קעפּ. זיי וועלן זיך באַראַטן און וועלן מיר געבן תשובה. איך גיי אַרויס אין אַ שכנותדיקע שטוב און — וואַרט. ס׳גייט פאַרביי אַ שעה, צוויי, דריי, איך זיץ אין אַנגסטן; עס ווערט שוין טונקל, דער זייגער איז באַלד שוין 6, און נאָר ביז 7 אָוונט מעג מען זיך באַווייזן אין געטאָ... אין דעם זעלבן צימער זיצט אויך אַ יונגערמאַן.

ווי ס׳ווייזט זיך שפּעטער אַרויס, אַ ייד, געקומען פון קראָקע, אַ דעלעגאַט פון דער דאָרטיקער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג. ער גיט מיר איבער, אַז ד״ר מיכאל ווייכערט, וועלכער איז דער פאַרטרע־טער פונעם „דזשאָינט״ אין קראָקע, האָט זיך געווענדט צו גראַף ראָני־קער, דעם פרעזעס פונעם פוילישן הילפס־קאָמיטעט „פּאָלסקי קאָמיטעט אָפּעקי״, ער זאָל עפּעס טאָן פאַר יידן, ער זאָל זיך ווענדן צום ערצבי־שאָף אין קראָקע פירשט סאַפּיעהא, ער זאָל געבן אַ „ווונק״, מ׳זאָל אוים־באַהאַלטן יידן. אָבער גראַף ראָניקער האָט אים אָפּגעזאָגט. איבעריקנס, איז זיכער, אַז דער ערצבישאָף סאַפּיעהא וועט גאָרנישט טאָן פאַר יידן. האָט זיך דאָך צו אים געהאַט געווענדט אַ דעלעגאַציע פון רבנים, נאָך אין יאָר 1941, הרב שמעלקע קאָרניצער, הרב ראַפּאַפּאָרט און אַנד. און דער רעזולטאַט איז געווען בלויז דער, וואָס די דייטשן האָבן זיך דער־וווּסט און מ׳האָט זיי אַלע באַלד פאַרנומען קיין אָשוויענטשים, וווּ מ׳האָט

זיי געשאָסן. (יאָ דאָס איז מיר גוט באַקאַנט, וואָרום די פרוי פון הרב קאַרניצער, מיין קוזינע פערל קאַרניצער, האָט באַקומען אַ דעפּעשע, אַז דער מאַן איז „פאַרשיידען" און שפּעטער — אַ קעסטעלע אַש...).

איך ווער דערביי געוואָר אַ צווייטן שווידערלעכן פאַקט: דער פּרע-זעס פון דער קהילה טשערניאַקאָוו האָט מיך געהאַט געשיקט צו דעם פּוילישן סענאַטאָר וולאַדיסלאַוו לודוויק עוו ע ר ט, דעם פּרעזעס פון דער עוואַנגעלישער קירכע אין פּוילן, וועלכער איז געווען אַ פריינד פון סענאַטאָר יעקב טראַקענהיים און פּראָפ. ד"ר משה שאָר און צו וועלכן איך האָב געהאַט אַ בריוו פון סענ. טראַקענהיים, מיט דער בקשה, ער זאָל זיך ווענדן צו זיין קאָלעגע, דעם סענאַטאָר פירשט יאַנוש ראַד-זיוויל, אַז דער זאָל דורך די גלחים זיך ווענדן צו די קאַטויליקן, זיי זאָלן העלפן יידן. דאָס איז געווען נאָך פאַר דער דעפּאָרטאַציע. סענאַטאָר עווערט, וועלכער איז אַליין געווען גערודפט דורך די נאַציס, האָט מיר צו-געזאָגט עפּעס צו טאָן פאַר יידן. איצט ווער איך געוואָרן פון דעם שליח פון קראָקע (און דאָס באַשטעטיקן מיר שפּעטער העכסט-קאָמפּעטענטע פּוי-לישע טוער), אַז פירשט יאַנוש ראַדזיוויל, וועלכער האָט אַ גרויסע השפּעה צווישן די גלחים, האָט זיך געווענדט צו די וואַטיקאַנישע קרייזן און צו די הויכע קאַטוילישע ווירדנטרעגער, אַז זיי זאָלן זיך נישט אָננע-מען פאַר יידן, ווייל דאָס קען שאַדן די פּאָליאַקן אין גענעראַל-גובערנע-מענט....

איך דערוואַרט זיך ענדלעך דעם סוף פון דער לאַנגער באַראַטונג. און „חבר וויקטאָר" איז מיר מודיע:

— געוועז אַ סך וויכטיקע פּונקטן אויף דער טאָג-אָרדענונג, און מ'האָט נישט געקענט צוקומען צום „יידישן" פּונקט. מ'וועט עס באַ-האַנדלען אויף אַ צווייטער זיצונג...

:: :: ::

איך געזעגן זיך שנעל און לויף בפחי נפש אַרויס צום געטאָ-טויער: 10 מינוט נאָך פאַר 7. די דייטשע וואַך פירט ביי מיר דורך אַ גרינטלעכע רעוויזיע; דער רעזולטאַט: צוגענומען ביי מיר אַ גאָלדן האַנט-זייגערל, אַ פוטער-פעדער און 180 זלאָטעס. אָבער — ווער קלערט היינט וועגן אַ שאָדן. דאָס איז נישט וויכטיק.

װיכטיק איז, אַז די אילוזיע, װעלכע עטלעכע „בונד"־טוער האָבן געפלעגט אין געטאָ, אַז די פּױלישע סאָציאַליסטן װעלן אונדז העלפן, אַז זײ האָבן אַ „קאָנטאַקט", אַז מ'האָט זײ צוגעזאָגט הילף — איז צעריגען. נישטאָ קײן שום אױסזיכטן אױף הילף פון דרױסן.

נאָר מיט אײנעם האָבן זײ געהאַט רעכט: טײל צװישן דעם יידישן־נאַציאָנאַל־ראַט האָבן אַרױסגערוקט אַ סוגעסטיע, אַז מ'דאַרף זיך װענדן צו דער פּױלישער גײסטלעכקײט, זײ זאָלן העלפן. אױך די אילוזיע האָט געפּלאַצט. קײן שום פּױלישע ריכטונג רופט זיך נישט אָפּ. אַלע זענען שונאים. אײנע אָפן, די צװײטע באַהאַלטן. אָבער קײן הילף קענען מיר פון קײנעם נישט דערװאַרטן. פון קײנעם נישט פון זײ...

:: :: ::

איך קום גראָד אָן אױף אַ באַראַטונג פונעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט. איך הער זיך צו געדולדיק צו די רעדעס. ס'רעדט מוריצי אָזשעך, דער בונד־פאַרשטײער. ער חזרט איבער דעם פּזמון װעגן פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט. אָבער אָן גרױס איבערצײגונג. איך גיב איבער, װאָס איך האָב געהערט: סטענאָגראַפיש, אָן פּרושים. און אָן קאָנקלוזיעס.

אַ שװאַרצע מרה שחורה צעלײגט זיך אױף די פּנימער און — אױף די הערצער פון די פאַרזאַמלטע. ס'איז אַזױ פּשוט: אונדזערע שכנים זענען בדיעבד נישט אומצופרידן... דאָס „יידן־פּראָבלעם" װערט „געלײזט". דאָס „נײע פּױלן", דאָס „פרײע", װעט שױן נישט האָבן דערמיט צו טאָן. דאָס איז „פּאָליטיק". דאָס איז אפשר העכערער „שטאַאַטס־רעזאָן"...

# די פּסיכאָלאָגישע מלחמה קעגן אונדז

**פרײטיק, 11. דעצעמבער.**

געװען הײנט אױף אַ באַראַטונג. מ'איז זיך צונױפגעקומען װעגן שאַפן שפּײז פאַר די ישיבה־בחורים און רבנים אין די ישיבה־בונקערס.

אַלע האָבן זיך װאַרעם אָפּגערופן. אפילו מענטשן װײט פון פרומקײט.

נאָך דער באַראַטונג האָט זיך „געמאַכט״ פון זיך אַליין אַ שמועס אויף דער אייביקער טעמע: וואָס ווייטער? וואָס וועט זיין? וואָס לאָזט זיך טאָן?

און ווידער אַמאָל איז אויפגעשוואומען, ווי אַ שוואַרצער געדיכטער נעפּל, אונדזער אומבאַהאָלפנקייט. אונדזער מאַכטלאָזיקייט.

מיר לעבן — צווישן איין שחיטה און דער צווייטער — כמעט נאָרמאַל. מ׳באַקומט, ווי נישט איז, צו עסן. מ׳אָרדנט זיך איין אין די נייע דירות. מ׳לייענט אפילו אַמאָל אַ בוך. שרייבער שרייבן, דיכטער דיכטן. מ׳קומט זיך צונויף. אין די אָוונטן האַלט מען אפילו רעפעראַטן. מ׳זעט נאָך וויפל וויסן, פעאיקייטן, ענערגיע, איז נאָך פאַרבליבן. אויף אַלע געביטן, נישט בלויז געלערנטע, שרייבער, נאָר אויך געניטע סוחרים, אינזשיניערן, בעלי־מלאכה.

און אַלע צוזאַמען וויסן, אַז דער היינטיקער טאָג איז נישט מער, ווי אַ „הפסקה״ צווישן איין מאָרד און צווייטן. מ׳איז פאַראורטיילט. און מ׳רייסט נישט קיין ווענט, מ׳ברעכט נישט קיין מויערן. מ׳לעבט עפּעס אין אַ בלינדער אָפּהענגיקייט. אין אַ מין פאַטאַליזם.

וואָס איז עס? איז עס עפּעס אַן איבערבלייבעניש פון אונדזער „אָריענטאַלישער אָפּשטאַמונג״?

מיר דאַכט זיך, אַז ניין. האָבן מיר דאָך שטענדיק אַרויסגעוויזן אַזאַ דירעקטע ענערגיע. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ פּראָדוקט פון דער קרענקלעכער „קאָלעקטיוויזאַציע״, אין וועלכער מיר זענען אַריינגעקוועטשט געוואָרן.

דאָס איז אַ טייל פון דער פּסיכאָלאָגישער מלחמה, וואָס די דייטשן פירן לגבי אונדז.

מיר זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַסע.

דאָס מיינט: ס׳זענען „אויסגעשאַלטעט״ געוואָרן ראַציאָנעלע און קולטורעלע פאַקטאָרן, און ס׳זענען געבליבן בלויז עמאָציאָנעלע.

אָנשטאָט דעם שכל, האָט געהערשט דער אינסטינקט.

דער יחיד פאַר זיך דענקט, וועגט אָפּ אַן ענין מיט אַלע זיינע „פּראָ״ און „קאָנטראַס״. און באַשליסט. ווען ער ווערט אָבער צונויפגעגאָסן מיט דער מאַסע, איז ער מוותר אויף זיין פאַרשטאַנד, און קומט אַראָפּ צום

אינטעליגענץ־ניוואָ פונעם המון, וועלכער איז ,געוועלעך, נישט קיין הויכער.

דער געלערנטער אין זיין קאַבינעט פאַרלירט זיין חכמה אין שטראָם פון דער מאַסע. דער וועלט־חכם ווערט נאַאיוו ווי אַ קינד. און פונקט אַזוי אומבאַהאָלפן.

און דאָס איז געשען מיט אונדז.

איך זע מענטשן, און דערקען זיי נישט. נישט בלויז צוליב דער אויס־געמאַטערטקייט, צוליב די איינגעפאַלענע פנימער זייערע, נאָר אויך צו־ליב דער אינערלעכער אומוואַנדלונג.

מיר ווערן אָפּגעטויט אויף „ראַטעס".

אפילו בעת דער „הפסקה", — נאָך איידער מ׳פירט אונדז צום אומקום, זענען מיר שוין — „כצאן לטבח יובל"...

## דער ווילן צום לעבן און דער טרוים פון גאולה

**זונטיק, 13. דעצעמבער.**

און דווקא איצט, אליין אין די טייערסטע, צעבראָכן, אין פיין און ליידן, — ווילן די מענטשן לעבן.

פון עפּעס געהיימע לעבנס־קוואַלן שטראָמט אין אומגעצוימטער ווי־טאַלער ווילן צו איבערהאַלטן.

אין אַלע שמועסן הערט זיך בלויז איין רעפרען:

— אַז ס׳וועט געשען אַ נס און מ׳וועט איבערלעבן...

און דאַן קומען פּלענער אויף דער צוקונפט.

און די צוקונפט — שיינט אַזוי ליכטיק, אַזוי אין זאָרגן, אַזוי שיין!

וואָס קען דען פעלן, אַז מ׳וועט נאָר איבערלעבן?! וואָסערע דאגות קען שוין בכלל האָבן אַ מענטש, וואָס וועט אַרויסקומען פונעם שרעק־לעכסטן פון אַלע גיהנומס!

מערקווירדיק, ווי מענטשן ווילן לעבן!

און ווי זיי ג ל ו י ב ן, אַז טראָץ אַלע וואַרשיינלעכקייטן, וואָס ווייזן דאָס קעגנגעזעצטע — וועלן זיי דאָך איבערלעבן.

מ'ווייסט נישט ווי אזוי. מ'קלערט נישט ווי אזוי. מ'האָפט אויף „געשעעניש‟, חוץ לדרך הטבע: אויף ניסים.

מ'גייט ארום און מ'חלומט אין העלן טאָג.

ס'דאַכט זיך, אז אַט דאָס אַלץ, וואָס געשעעט, איז בלויז אַ חלום.

און אויב מ'לעבט אין טרוים, פאַרוואָס־זשע זאָל מען שוין נישט טרוימען — שיינע, פרייליכע חלומות?

מ'טרייבט, אין די געדאַנקען, אוועק די פינצטערע ווירקלעכקייט. מ'לעבט ווי אין טראַנס.

אמת, עפּעס א פינצטערער קאָשמאַר האָט זיך צעלייגט אויף די חו־שים, אָבער — א קאָשמאַר פאַרשווינדט. טרייבט מען אים: זאָל ער פאַר־שווינדן! וואָס גיכער! וואָס גיכער!

אוי, ווי ל מען לעבן!

זאָל זיין אין די טיפסטע טיפענישן פון נויט און ליידן, — אבי לעבן. אוועק אַלע „ליטעראַרישע‟ באַגריפן פון הערָאאיזם.

אוועק אַלע „ראָמאַנטישע‟ שלייערן פון מארטירערטום, פון העל־דישקייט. געבליבן בלויז דער נאַקעטער ווילן צו לעבן.

— זאָל מען נאָר אויסהאַלטן, איבערלעבן, וועט מען — ד ע ר ־ ל ע ב ן.

און דאָ הויבן זיך אָן פונאַנדערוויקלען פּלאַנען, פּראָיעקטן, אָבזיכ־טן, חלומות. זיי זענען די טעמע פון לאַנגע שמועסן אין געשפּענסטער־שעהן ביי טאָג, און פון שלאָפלאָזע שוואַרצע נעכט.

און אַלץ דרייט זיך אַרום איין אַקס:

ארץ ישראל.

סאַראַ פּראַכט־שיינענדיקע מיראַזשן ס'באַווייזן זיך פאַר צעווייטיק־טע הערצער אין פינצטערן געטאָ — וואַרשע!

ס'דאַכט זיך, ווי טויזנט־יעריקע בענקשאַפטן נאָך גאולה, ווי דור־רות־לאַנגע שטרעבונגען פון מיליאָנען האָבן זיך דאָ קאָנדענסירט אַט־דאָ אין די דאָזיקע טיפסטע „מעמקים‟ פון גלות.

יונג און אַלט, שוואַך און שטאַרק שטרעקן אויס פונעם אָפּגרונט זייערע פאַרחלשטע אָרעמס צו גאָט, צו דער וועלט, צו יידישע ברידער: ר ח מ י ם !

איך האָב דאָס דאָזיקע געשריי נאָך גאולה אַליין געהערט ערשט אַנומלט אין דער פראַגע פון אַ יונגער חברה פון בית"ר, פרל. פּאָלאַ פריד, וועלכע האָט אין אויסזיכטלאָזיקייט צו באַקומען אַ „נומער" (אַלס „שאָפּ"-אַרבעטערין) מיך געפרעגט:

— וועל איך שוין קיינמאָל נישט זען ארץ ישראל?

מיליאָנען האָבן געהאַט די דאָזיקע פראַגע אויף זייערע ליפּן אין די לעצטע מינוטן. ארץ ישראל צוזאַמען מיט שמע ישראל...

# דער „בונד"

## מאָנטיק, 14. דעצעמבער.

זיך צונויפגעקומען היינט מיט מוריצי אָזשעך, אינזשיניער קלעפּ-פּיש און אַנדערע אָנפירער פונעם „בונד".

זיי זענען פול מיט בונטאַרישקייט. די יאָרן פון קאַמף קעגן צאַר און קעגן פּוילישן אַנטיסעמיטיש-דיקטאַטאָרישן רעזשים האָבן אין זיי אויסגעשמידט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד־ווילן.

האָבן זיי אויך אַ כוח?

געוויס זענען נאָך פאַראַן אין געטאָ אַ סך „בונדיסטן", בפרט פון דער יוגנט, וואָס זענען גרייט צום קאַמף. זענען זיי דאָך געווען אין וואַר־שע האַרט פאַר דער מלחמה אַ כוח, וואָס האָט געקענט מיטרייסן די מאַסן; — ביי די שטאָט-ראַט-וואַלן אין יאָר 1938 האָבן זיי געוווּנען 17 מאַנדאַטן אויף 20 יידישע, — אָבער וויפל איז פון זיי פאַרבליבן?

די יידישע אָרימקייט איז — ווי תמיד — געווען דער ערשטער קרבן. טויזנטער יידישע אַרבעטער זענען אויסגעשטאָרבן פון הונגער און עפּידעמיעס, נאָך אין די יאָרן 1940-42, פאַר דער מאַסן־שחיטה. און ווען ס'איז געקומען דאָס גרויסע אומגליק, זענען די אַרבעטער מאַסן ווידער גע־ווען די ערשטע צו דער שחיטה. זיי האָבן נישט פאַרמאָגט גענוג געלט און „באַציאונגען" זיך צו דעקן אין די „שאָפּן".

זענען די עלטערע אַוועק, די נעמלעך, וואָס האָבן נאָך געהאַט אין זיך די טראַדיציע פון יאָר 1905 און פון שפּעטערדיקע קאַמפן.

געבליבן איז אביסל פון דער יוגנט, אָרגאַניזירט אין „סקיף". זייער גייסט און מוט און זייער קאַמפס־גרייטקייט איז צו באַוווּנדערן.

כ'האָב פיל מיט זיי גערעדט. ווי איך זע, שיילן זיך אויס פון זיי צוויי ריכטונגען (הגם ס'איז נישט פאַראַן קיין קלאָרע אָפּגרענעצונגען; טייל זענען וואַקלדיק און געהערן אָט צו איינע, אָט צו אַ צווייטער פון די דאָזיקע ניואַנסן), נעמלעך: טייל האַלטן, אַז די פּוילישע אַרבעטער דאַרפן זיין — און זענען — דער אָנהאַלט און רוקן פון אונדזער ווידער־שטאַנד; אָט די זענען נאָך אַלץ דורכגענומען מיט דער לאַנגיעריקער טראַ־דיציע און לערע וועגן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט; — אַנדערע ווידער האָבן, אין אָנבליק פון פאַקטן, אינגאַנצן פאַרוואָרפן יעדע האָפענונג אויף הילף מצד פּוילישע אַרבעטער. זיי לייגן דעם טראָפּ אויף נאַציאָנאַלער אחדות. זיי זענען גרייט צו גיין צוזאַמען מיט די חלוצים און אפילו מיט די רעוויזיאָניסטן. און זיי גרייטן געווער און אַמוניציע, און בונקערס.

— נאָך דער מלחמה, אַז מיר וועלן איבערלעבן, וועלן מיר זיך ווייַ־טער אַמפּערן; איצט זענען מיר אַלע יידן און נאָר יידן... — זאָגן מיר אייניקע — יונגע „בונדיסטן".

אויך יוסף יאַשונסקי, וועלכער איז אַלט שוין 70 יאָר, און וועלכער האָט אַ גאַנץ לעבן געגלויבט אין פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט, — איז היינט אינגאַנצן אַנטוישט אין איר.

אפילו דער „קאָנטאַקט" מיט „לאָנדאָן" איבערצייגט אים ווייניק.

— וואָס גיט מען אונדז „אינסטרוקציעס" און „עצות", — פרעגט יאַשונסקי, — זענען מיר דאָך „סוף כל סוף" (ער אונטערשטרייכט דעם „סוף כל סוף") בירגער פון דער פּוילישער רעפּובליק; איז עס דאָך די פליכט פון דער פּוילישער רעגירונג אונדז צו שיצן, אויפשטורעמען די גאַנצע וועלט!

— ווי אַזוי — זאָגט יאַשונסקי פאַרביטערט — וועט די פּוילישע רעגירונג זיך נישט שעמען אויפצוהייבן דעם קאָפּ נאָך דער מלחמה? — אָדער אפשר איז זי, די לאָנדאָנער פּוילישע רעגירונג, אין האַרצן צופרידן וואָס די יידן־פראַגע אין פּוילן ווערט „געלייזט?", — און אפשר — ענ־

דיקט ער — איז נישט ב ל ו י ז די פּוילישע רעגירונג צופרידן... ווער ווייסט...

# אין דער וועלט פון טענער

**זונטיק, 20. דעצעמבער.**

ס׳קומט היינט צו מיר צולויפן אַ פּאַרסאָפּעטער, אַ פּאַרזאָרגטער, דער יונגער מאַרצעלי ר יי ך *), דער שעף פון דער קאָרעספּאָנ־דענץ פון דער קהילה. וואָס איז געשען? פרעג איך אַ צעשראָקענער, — וואָרום איך ווייס, אַז רייך איז דער ערשטער אינפאָרמירט פון אַלע פּור־עניות. — ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט גאָר אַן אַדערע זאָרג:

— פאַראַן אין די וווינונגען פון די באַקאַנטע דיריגענטן שמעון פּ ו ל מ אַ ן, פּ ו ר מ אַ נ ס ק י, זייער ווערטפולע נאָטן; קאָמפּאָ־זיציעס, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך יידישע קאָמפּאָזיטאָרן אין געטאָ, — מוז מען זיי (ד. ה. די קאָמפּאָזיציעס, וואָרום די קאָמפּאָזי־טאָרן זענען שוין נישטאָ!) ראַטעווען.

פאַרלאַנגט ער, אַז די עקיפּע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט ראַטעווען ספרי קודש און וועלטלעכע ביכער, זאָלן אויך צוזאַמענעמען די נאָטן פון די קאָמפּאָזיטאָרן. ער ווייסט, ווו די דאָזיקע נאָטן געפינען זיך, ער וועט אונדז פירן, ער וועט זיך פאַרנעמען מיט אָרדענען זיי, באַהאַלטן, ער וועט אָרגאַניזירן אַ נייע „אָפּטיילונג” אין אונדזער עקיפּע, אַ „מוזיק־אָפּטיילונג”...

דער סימפּאַטישער, געלאַסענער און ערנסטער יונגערמאַן, אַ מענטש פון אַ סך וויסן, און אַ גרויסער אַרטיסטישער באַגאַבונג, פלאַמט איינ־גאַנצן, ווען ער רעדט וועגן דעם דאָזיקן ענין. ער רעדט מיט ברען, מיט התלהבות. ס׳גייט אים, זעט מען בנפשו.

---

*) מארצעלי רייך איז אפּגעראטעוועט געווארן. ארויסשפּרינגענדיק פונעם וואגאן אויפן וועג קיין טרעבלינקע און געפינט זיך היינט אין ווארשע, ווו ער איז אנגע־שטעלטער אין אינערן מיניסטעריום. זיין יונגע פרוי, אויך געראטעוועט, איז א באַ־רימטע מאלעריו.

איך דערמאָן זיך די ענערגיע, די באַגייסטערונג און די אַרבעט, וואָס אַ גרופּע מענטשן האָבן אַריינגעלייגט אין דער אונטערנעמונג, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין געטאָ, די סימפאָנישע קאָנצערטן. די מיטגלידער פון דעם סימפאָנישן אָרקעסטער אין געטאָ האָבן טאָקע געהונגערט, ווינטער געשפּילט מיט געפרוירענע פינגער אין אַ קאַלטן זאַל, אָבער די קאָנצערטן פון דעם ס י מ פ אָ נ י ש ן אָ ר ק ע ס ט ע ר אין געטאָ זענען געשטאַנען אויף אַ הויך, וואָס האָט געקענט קאָנקורירן מיט די גרעסטע אייראָפּעאישע הויפּט־שטעט.

די פאַרטריבענע יידן פון ווין, פון בערלין, וואָס וואַלגערן זיך דאָ אין די אָרימע אַזילן פון געטאָ, פילן אַן די זאַלן, ווו ס׳קומען פאָר די סימפאָנישע קאָנצערטן און זיצן מיט אָפענע מיילער, פאַרגאַפט אויף דעם וווּנדער פון דער געטאָ־מוזיק. זיי זאָגן, אַז „אונדזער״ אָרקעסטער קען קאָנקורירן מיט די באַרימטע ווינער אָדער בערלינער אָרקעסטערס.

ס׳האָבן זיך צוזאַמענגענומען אייניקע פענאָמענאַלע אַרטיסטן, ווי אַרקאַדי פלאַטוי, שמעון פולמאַן, פורמאַנסקי א. א. ווי אויך עטלעכע יינגערע דיריגענטן, וואָס האָבן זיך ערשט איצט אין געטאָ קונה שם געווען, ווי מאַריאַן נ יי ט יי ך, לודוויק ה אָ ל צ מ אַ ן, וויעראַ ג יי מ אַ ר ק, איגנאַצי ר ו ז ע נ ב ל ו ם, און קאָמפּאָזיטאָרן ווי ז. ק אַ ט אַ ש ע ק און האָבן געשאַפן אין געטאָ ווונדער איבער ווונדער.

און ס׳וואָלט זיך געדאַכט: וועמען ליגן אין קאָפּ אַזעלכע „נאַרישקייטן״? ניין. דאָס געטאָ האָט געענטפערט וואָרעם אויף דער איניציאַטיוו פון דער דאָזיקער גרופּע אַרטיסטן. די קהילה סובווענציאָנירט די דאָזיקע אונטערנעמונג, דער „דזשאָינט״, אָדער די יידישע זעלבסטהילף שטיצט זי אויך, און בעיקר — יידן פילן אויס דעם גרויסן זאַל פונעם קינאָ „פעמינאַ״ אויף לעשנאָ־גאַס, ביז צום לעצטן פּלאַץ.

מענטשן הונגעריקע קומען אַהער זיך איינהערן אין די טענער פון מוזיק. מ׳פאַרגעסט זיך אויף אַ צוויי שעה, און מ׳שוועבט אין אַנדערע וועלטן, אין בעסערע.

אַזוי אַרום איז פאַראַן אויך אַ „מוזיקאַליש־לעבן״ אין געטאָ. פאַדאָן, נעמלעך, צוויי גרופּן אַרטיסטן, „אַלטע״ און מאָדערנע, צווישן וועלכע ס׳גייט אַ קאַמף מיט אינטריגן, מיט קאָנקורענץ און מחלוקת, אין

װעלכע ס'האָט זיך אויך געקאָכט דער יונגער מוזיק־קענער מארצעלי רייך, װאָס איז געװען איינער פון די גרעסטע מבינים און קריטיקער פון דעם דאָזיקן „מוזיקאלישן לעבן"... פולמאן האָט זיך געהאט זיינע אָנהענ־גער און פורמאנסקי האָט זיך געהאט זיינע. און אפילו דער יונגער מאַ־ריאן נייטייך האָט שוין אויך געהאט זיין „פּאַרטיי"...

אַ חוץ דעם זענען נאָך געװען אַנדערע מינים קאָנצערטן; קאַטאַשעק האָט דיריגירט לייכטע מוזיק, און פּיוּװישים פון לאָדזש האָט — ביי דער צוזאַמענאַרבעט פון ד"ר עדמונד שטיין — אָרגאַניזירט אַ פאָלקס־כאָר און אויסגעפירט מיט גרויס פּאָמפּע דאָס אָראַטאָריום „חשמונאים".

און װאָס האָבן די דייטשן דערצו געזאָגט?

זיי האָבן נישט געשטערט. זיי האָבן בלויז פאַרבאָטן צו שפּילן בעט־האָװען, מאָצאַרט, באַך, און אַנדערע דייטשע קאָמפּאָזיטאָרן. האָבן יידן זיך באַגנוגנט מיט אַנדערע. ספּעציעל זיך גענומען צו די יידישע קאָמ־פּאָזיטאָרן: האַלעװי, מאייערבער, בלאָך, מענדעלזאָן א. אנד.

אַזוי אַרום איז דער סימפאָנישער אָרקעסטער אויסגעװאַקסן צו אַ גרויסע קולטורעלע אונטערנעמונג.

אינטערעסאַנט, אַז פּאָליאַקן פלעגן אָפט קומען אין געטאָ אריין, שמוגלענדיק זיך אַריין דאָרט אונטער פאַרשיידענע פּרעטעקסטן, כדי צו הערן די סימפאָנישע קאָנצערטן. געװען אויך אַנדערע אַרטיסטישע אונ־טערנעמונגען אין געטאָ, טעאַטער (סאַמבערג, שמחה פאָסטעל, יוסף קאַ־מען, דירעקטאָר מרדכי מאַזאָ, יאָנאַס טורקאָװ, מרים אָרלעסקאַ, עדמונד מינאָװיטש־פּיצעלעס, סאַנדלער, זיידערמאַן, ובפרט אַנדזשעי מאַרעק און זיין „טעאַטער פון יונגע"), געװען רעציטאַציע־אָװנטן (װיערא גראַן, ליפּסקי, פּאַקשאַנסקי, אין „שטוקא", דיאַנאַ בלומענפעלד און זמרה זע־לינפעלד), אָבער די מוזיק קאָנצערטן זענען געשטאַנען אויפן העכסטן ניװאָ.

— נאָך דער מלחמה, — האָט מיר געזאָגט דער אַלטער כאָר־די־ריגענט פון נאָזשיקס שול ד א װ י ד אָ װ י ט ש, — װעט נישט װין און נישט בערלין זיין דער װעלט־צענטער פון מוזיקאַלישן לעבן, נאָר װאַרשע, ד. ה. דאָס װאַרשעװער יידנטום.

דאָס איז געװען צו פאַרדאַנקען אויך דעם פאַקט, װאָס אַ סך יידישע

מוזיקער זענען געקומען פארטריבן פון דייטשלאנד און עסטרייך און זענען דורך די דייטשן אריינגעשטופט געווארן אין געטא.

איצט, ווו זענען זיי?

נישטא, דאכט זיך, היינט קיין איינער פון זיי אין געטא. ווען טויזנטער מענטשן האבן געשטופט זייערע הענט צו פארקויפן אין די שאפן פאר שקלאפן־ארבעט, האבן די איידעלע הענט, די לאנגע פיינע פינגער פון די פענאמענאלע פיאניסטן, וויאלינעסטן, דיריגענטן, קיין שום ווערט נישט געהאט. זיי זענען געווען „נישט פראדוקטיוו". ווערטלאז פאר דער דייטשער קריגס־פראדוקציע. און דעריבער — די ערשטע קרבנות.

היינט זארגט מ. רייך, זייער באוונדערער, פאר די נאמען פון זייערע מוזיקאלישע שאפונגען, פארעט זיך ארום זיי, ווייל דערהאלטן די טענער, וואס זענען געבליבן נאך זיי, לזכר; זאלן זיי אמאל אפקלינגען אין דער צייט, וואס קומט, און דערציילן וועגן די אויסשטראלונגען פון יידישן זשעניע אין דער וועלט פון טענער.

## די אסימילאציע אין פייער־פרווו

**מאנטיק, 21. דעצעמבער.**

געווען היינט ביי מיר ד"ר פשעדבארסקי, איינער פון דער דאזיקער רייכער אסימילירטער יידישער פאמיליע. ער זוכט עפעס א פאמיליען־דאקומענט אין ארכיוו. מיט אים זענען אריינגעקומען צוויי זיינע פריינד, יידישע פאליציאנטן. ד"ר ש. שימקעוויטש זאגט מיר אויף זיי אלע דריי: דאס איז די אסימילאטארישע „אריסטאקראטיע".

— מיט וואס זענען זיי אריסטאקראטן? — פרעג איך.

— ערשטנס, — ענטפערט מיר מיין קאלעגע שימקעוויטש — זענען זיי זייער רייך. צווייטנס, זענען זיי ווייט פון יידן און יידישקייט, און פאלן אריין אין קעלבערנע התפעלות פון קלענסטן פוילישן שרייבערל. איצט איז זיי צוגעקומען א נייער סימן פון „אריסטאקראטיע": זיי זענען אין דער יידישער פאליציי... ס'רוב אין סאמע שפיץ...

יא. זיי, די אסימילאנטן, צוזאמען מיט אונטערוועלט־מענטשן, זענען

היינט די „יידישע פּאָליציי". ס'איז מערקווירדיק, ווי די דאָזיקע צוויי עלעמענטן — די אַסימילאַנטן און אַפּשוּמים — אַרבעטן „האַרמאָניש". זיי פאַרשטייען זיך זייער גוט. זיי זענען האָפערדיק, זעלבסט-זיכער. זיי זע־נען איבערצייגט, אַז זיי מיינט מען נישט. זיי זענען אַ „נוצלעך עלע־מענט". זיי האָבן אַכטונג געגעבן אויף דער אָרדענונג אין געטאָ, און איצט פירן זיי אויס די באַפעלן פון דער דייטשער באַפעל־שטעלע. זיי זענען זיכער, אַז זיי וועלן בלייבן.

אמת, טייל פון זיי דערפילן די דייטשע באַפעלן „כאלו כפאו שד". זיי טוען מער לפנים, ווי ערנסט.

אַ סך אָבער ווייזן אַרויס אַ באַזונדערן אייפער. און אַפילו סאַדיזם. די אַסימילאַנטן, וואָס זענען געווען ווייט פון יידישן לעבן, וואָס האָבן נישט געקענט נישט יידן און נישט יידישקייט, און האָבן זיך שטענדיק באַצויגן מיט גרינגשעצונג, און אַ טייל אפילו מיט האַס, צו די פינצטערע מאַסן, צו דער „טשעמנע מאַסע", שפּילט ביי זיי איצט נישט קיין ראָל קיין יידיש לעבן, אַבי צו ראַטעווען זייערע.

אַפילו היינט באַטראַכטן זיי זיך נישט פאַר קיין יידן. און פאַר קיין פּאָליאַקן קענען זיי זיך אויך נישט האַלטן. זענען זיי דאָך אין געטאָ, און טיילן דעם יידישן גורל.

וואָס־זשע זענען זיי?

ווייזט אויס, אַז ס'איז נישט אַזוי ווי אַ טייל האָבן געמיינט, אַז פאַראַן אַ ווידערשפּרוך צווישן „ייד" און „מענטש". („הוי יהודי באהלך ואדם בצאתך" — לויטן משכילישן נוסח), נאָר פאַרקערט: אַז מ'איז נישט קיין גוטער ייד, איז מען נישט קיין גוטער מענטש.

נאַציע און נאַציאָנאַליטעט פון אַ מענטשן זענען אָרגאַנישע עלע־מענטן. אויב איינער באַזיצט עס נישט, איז ער אַ גייסטיק אויסגעוואָר־צלטער, אַ מאָראַליש אַנטגלייזטער...

דאָס האָבן באַוויזן די אַסימילאַנטן אין דער שעה פון נסיון. זיי זענען אים נישט ביי געשטאַנען, נישט אַלס יידן און נישט אַלס מענטשן.

זיי זענען אין איין מאָראַלישן אָפּגרונט מיט די נידעריקסטע אונ־טער־וועלט־מענטשן, מיטן אַפּשוּמים פון געטאָ.

מ'דערציילט אין וואַרשע, אַז ווען מ'איז אַמאָל געקומען זיך באַ־

קלאָגן צו דעם באַוווסטן אַסימילאַטאָר ד״ר העגריק נוסבוים, אַז פּאָ־ליאַקן שלאָגן יידן אין זאַקסישן גאָרטן, האָט ער געענטפערט:

— נישט אמת; אָט בין איך א ייד און קיינער שלאָגט מיך נישט; און אָט בין איך א פּאָליאַק און איך שלאָג קיינעם נישט...

היינט זענען די היגע אַסימילאַנטן ביידע: זיי ווערן געשלאָגן, ווייל דער שונא באַטראַכט זיי אַלס יידן; און זיי שלאָגן, ווייל זיי זענען ביי זיך נישט קיין יידן...

## די וועלט האָט אונדז פאַרראַטן!

### דאָנערשטיק, 31. דעצעמבער.

איך זע אַ פּאָר מיין זוכעניש פון ספרים, ווי אַן אַמאָליקער יידישער רייזנדער, וואָס האָט געזוכט אַלטע ספרים אין פאַרשידענע יידישע קיבוצים. מיין רייזע איז אויך פאַרבונדן מיט סכנות. איך זוך ספרים און — געפין מענטשן. אָט בין איך היינט אין „קליינעם געטאָ״, אין געוועזענעם „קליינעם געטאָ״, וועלכעס איז איינגעשרומפּן אויף עלעכע „שאָפּן״; „טעבענס״ אויף פּראָסטאַ־גאַס און צעגלאַנע־גאַס; „דעהרינג״ אויף קאָמיטעטאָווע־גאַס און אין קהילה־הויף אויף גזשיבאָווסקע 26‑28, אין דער געוועזענער געביידע פון ד״ר לודוויק נאַטאַנזאָנס האַנטווערקערשול. כ׳טרעף אומעטום היימישע, באַקאַנטע. ביי טעבענסן פּרל. ה א ל־ב ע ר ן, די געוועזענע סעקרעטאַרין פונעם יידישן קאָלאָ אין סיים, פון גרינבוימס צייטן. זי דערציילט מיר, ווי גרינבוים האָט איר פאַרשאַפט א פּאָסטן אין ארץ ישראל; איז זי אָבער צוריקגעקומען. איצט... כ׳טרעף דעם חסידישן גביר ר׳ שמעון לאַנדוי, געווען אין ארץ ישראל, געקויפט א נחלה דאָרט, — און צוריקגעקומען...

כ׳טרעף ה׳ גאָדל ט ש ע ר נ אָ ל ע וו ס ק י, א געוועזענער ־רייכער פאַבריקאַנט פון לאָדזש, וואָס „כחט זיך״ אין בראָסלאַווער חסידות. ער שענקט מיר דאָס ספר „לקוטי מהר״ן״ פון רבי נחמן פון בראָסלאַוו, וועלכעס ער אַליין האָט אַרויסגעגעבן האַרט פאַר דער מלחמה. ער דערציילט מיר, אַז ער פאַרמאָגט א הויז, א פּלאַץ אין א״י, מיט וועלכן ס׳פאַרוואַלטעט מיין פריינד מאיר לייכטער (וואָידיסלאַווסקי). ער אַליין

איז געװען אין א״י, און צוריקגעקומען... כ׳טרעף די פרוי פון אינזשיניער ר ײ כ ע ר, אַ טאָכטער פון דעם חסידישן הױזבאַזיצער נתן בראַמבערג, זי איז אַן אַגראָנאָם, זיך פאַרנומען אין געטאָ מיט דער לײטונג פון „טאָ־פּאַראָל״, אַ געזעלשאַפט צו פאַרשפּרײטן לאַנד־אַרבעט צװישן ײדן. אין געטאָ האָט די דאָזיקע געזעלשאַפט אױסגענוצט יעדער שטיקל לײדיק פּלאַץ, יעדער חורבה און שטיקל הויף, צו פאַרזײען דאָרט אַביסל גראָז, אַ גערטנדל, אַ יונג בײמל, אַ ביסל זריעות, קאַרטאָפל, ירקות, בלומען. איצט אַרבעט זי דאָ, זי איז געװען אין ארץ־ישראל און — צוריקגעקומען...

כ׳טרעף דעם העברעאישן פעדאַגאָג און שרײבער צבי ר אַ ק אָ װ־ כ ק י, די ײדישע דיכטערין חנה י אַ ק ו ב אָ װ י ט ש, די מוטער פון מײן ליבן סימפּאַטישן קאָלעגע און פרײנד פונעם יודאַאיסטישן אינ־סטיטוט אין װאַרשע. זי איז געװען אַנגעשטעלט אין ארכיװ, כ׳האָב איר געגעבן צו מאַכן אינדעקסן צו די מעטריקע־ביכער. אין אָנהױב פון דער דעפּאָרטאַציע איז זי פאַרשװוּנדן. איצט טרעף איך זי אין „קלײנעם געטאָ״.

יעדער פרעגט מיך: װאָס הערט זיך? װאָס זאָגט מען אין דער „גמי־נע״? װאָס איז מיטן אױסלענדישן בירגערשאַפט? װאָס זאָגט די װעלט?

די לעצטע שאלה חזרט זיך איבער אומעטום. יעדער פרעגט: װײסט מען שױן „דאָרט״? (אין דער פרײער װעלט, הײסט עס) און אױב יאָ, װאָס טוט מען דאָרט פאַר אונדז?

תחילת האָט מען פאַרשפּרײט ידיעות, — און געגלױבט אין זײ, — װעגן אױסלענדישע בירגערשאַפט פאַר די פאַרבליבענע פּױלישע ײדן, װעגן אַ שוץ־גאַראַנטיע פון ענגלאַנד, װעגן אַנערקענונג פון אַלע פּױלישע ײדן פאַר ארץ־ישראל בירגער אױפן יסוד פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, װעגן רעפּרעסיעס לגבי די דײטשן מצד דער אַמעריקאַנישער רעגירונג, װעגן השתדלותן פון מאָרגענטױ, בערנאַרד באַרוך, סעמועל ראָזענמאַן בײ רוז־װעלטן און װעגן דעקלאַראַציעס פון דעם לעצטן בנוגע ײדן, װעגן אינ־טערװענצן פון האַר־בעלישע און פונעם בישאָף פון קענטערבורי און װעגן דראָאונגען פון טשױרטשילן לגבי די נאַציס...

הײנט רעדט מען שױן נישט דערפון. אפילו די געשװױרענע אָפּטי־מיסטן זענען פאַרשװיגן געװאָרן. און פאַרשװוּנדן זענען די האָפענונגען

אויף דער הילף פון דער וועלט. מ׳האָט אונדז איבערגעלאָזט פּנים אל פּנים מיטן שונא. מ׳האָט אונדז געוואָרפן אלס קרבן דער ווילדער בעס־טיע. און — מ׳שטייט פון דער ווייטנס.

יעדער פּילט עפּעס א שרעקלעכע פוסטקייט. א לײדיקייט און איינ־זאַמקייט. קיין שום הילף, קיין שום אָנשפּאַר. מיר זענען אליין, איינע אליין אין דעם וועלט־חלל. איינע אליין מיט אונדזער פארצווייפלונג און מיט אונדזער ווייטיק. דאָס געשריי פון קינדער געמאַטערטע און געהרגעטע איז געבליבן הענגען אין דער לופט. האָט נישט דערגרייכט צו קיי־נעמס אויערן. איבער אונדזער קריוודע האָט זיך צעלייגט א שוואַרץ שוויי־געניש. דאָס „געוויסן פון דער וועלט״? פאראַן אַזעלכעס?

ס׳איז פשוט:

די וועלט האָט אונדז פאַרראַטן.

# 1943

## די „אויסלענדער" אין „פּאַוויאַק"

**פרייטיק, 1. יאַנואַר 1943.**

באַקומען היינט אַ בריוול, אַרויסגעשמוגלט פון די יידן „אויסלענ־דישע" בירגער, וואָס זיצן אין דער תפיסה „פּאַוויאַק". זיי בעטן, מ'זאָל זיי שיקן שפּייז, ווייל זיי הונגערן. פאַראַן דאָרט בלויז געציילטע אמתע אויסלענדער. דער גרויסער רוב זענען „געמאַכטע", ד. ה. אַזעלכע, וואָס האָבן באַקומען דאָקומענטן אַלס אויסלענדער בעת דער מלחמה. ס'רוב זענען די דאָזיקע פּאַספּאָרטן, אָדער אַנדערע דאָקומענטן פון דרום־אַמע־ריקאַנישע און צענטראַל־אַמעריקאַנישע לענדער.

זיי זענען אינטערנירט געוואָרן דעם 17טן יולי 1942, ערב דער „דעפּאָרטאַציע".

נישט אַלע יידישע אויסלענדער געפינען זיך נאָך אין „פּאַוויאַק". אַ טייל פון זיי, נעמלעך די באַזיצער פון אויסלענדישע פּאַספּאָרטן פון נייטראַלע מלוכות, ווי אַרגענטינע, טשילע, אָדער פון „פרייינטלעכע", ווי רומעניע, זענען „דעפּאָרטירט" געוואָרן פונעם „פּאַוויאַק" קיין טרעב־לינקע. צווישן זיי דער „דזשאָינט"־דירעקטאָר ניישטאַט מיט זיין פרוי, די באַוווסטע שוישפּילערין קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, און דער באַקאַנטער וואַרשעווער אַדוואָקאַט אַלעקסאַנדער מאַרגאָלים (וועלכער איז אַרויסגע־טרעטן אויפן פּשיטיקער פּראָצעס). זיי האָבן געהאַט אַרגענטינער פּעסער.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי אַלע אויסרעכענונגען האָבן פאַרפירט; גראָד די פיינטלעכע אויסלענדער (אַ גליק וואָס פּאַראַגווײ, פּערו,

א.א.וו. האבן דערקלערט מלחמה דייטשלאנד) זענען געבליבן; מ'האלט זיי אויסצוטוישן פאר דייטשן, בעת די בירגער פון נייטראלע און פריינט-לעכע מלוכות זענען געפירט געווארן קיין טרעבלינקע.

צווישן די אויסלענדער אין „פאוויאק" געפינען זיך מאדאם תמר שאר, די פרוי פונעם פראפעסאר ד"ר משה שאר מיט איר טאכטער פעלי-ציא קאהן און 3 אייניקלעך; 2 קינדער פון פרוי קאהן און איין ייִנגל פון איר טאכטער פרוי ארטור מילער.

ס'געפינט זיך דארט אויך די פעדאגאגין און שרייבערין גוטא איי-זענצווייג, וועלכע האט געשפילט אזא וואונדערלעכע ראל אין קולטורעלן לעבן אין געטא. זי איז געווען דער רוח החיים פון א גאנצער רייע העכערע בילדונג־אינסטיטוציעס אין געטא. גוטא אייזענצווייג האט געלערנט אין פארשידענע הויך־שולן, אין ווארשעווער אוניווערזיטעט, ביי פראפעסאר מאדעאוש קאטארבינסקי; אין יודאאיסטישן אינסטיטוט אויף טלאמאצ-קע, ביי פראפ. באלאבאן, שאר, שטיין און מתתיהו שוהם; און דערצו האט זי אויך געענדיקט דעם קראקעווער בית-יעקב־סעמינאר.

אין געטא איז זי געווען נאך אין 1940 די באנייערין, צוזאמען מיט ד"ר עדמונד שטיין און סעקרעטארין פונעם יודאאיסטישן אינסטיטוט, צוערשט אומלעגאל, דערנאך, אלס אפענע לערער־קורסן. זי האט אויך באַ-נייט דעם בית־יעקב־סעמינאר, צוזאמען מיט פרוי רבקה אלטער־ראפא-פארט; נאך דעם ווי דער סעמינאר דירעקטאר יהודה לייב ארלעאן איז געבראכט געווארן פון קראקע קיין ווארשע.

גלייכצייטיק איז גוטא אייזענצווייג געווען די „רעכטע האנט" פון אברהם געפנערס הילפס־ארבעט לטובת די יידישע יתומים־הייזער.

אממיינסטן האט זי זיך אבער אויסגעצייכנט מיט אירע פראכטפו-לע שריפטן, אויפרופן און באטראכטונגען אויף אקטועלע טעמעס, וועלכע זענען פארשפרייט געווארן, נישט בלויז אין ווארשע, נאר אויך אין אלע שטעט און שטעטלעך אין פוילן און האבן אריינגעבראכט אביסל ליכט אין פארחושכטן געטא־לעבן.

הלל צייטלין, ש. י. סטופניצקי, פראפעסאר באלאבאן און אנדערע האבן זיך אויסגעדריקט מיט באגייסטערונג וועגן די שאפונגען פון גוטא אייזענצווייג.

איצט איז זי צוזאמען מיט איר ערנווירדיקער מוטער נ״ן פאוויאק אלס „פאראגווייער”.

אנומלט זענען געבראכט געווארן יידן „אויסלענדער” פון די פראַ־ווינץ־שטעט. צווישן זיי הרב שבתי הכהן ראפאפארט, דער פינטשעווער רבי, א מחבר פון ספרים אין דרוש און אין הלכה, — צוזאמען מיט זיין משפחה. זיין איידעם, דער עלוי און אויסערגעוויינלעך אינטעליגענטער יונגערמאן הרב חיים לייבוש בערגלאז פון קראקע, מיט זיין פרוי, די פע־דאגאגין אלטע ראפאפארט־בערגלאז.

ס'זענען אויך דא אין פאוויאק די פאמיליע וויינגארט פון ביליץ, פרוי שיין, די טאכטער פון דעם מזרחיסטישן טוער פון קראקע ד״ר בולווא.

זיי ווערן דארט באהאנדלט בעסער ווי די אנדערע ארעסטאנטן. מ'לאזט צו זיי צו שפייז־פעקלעך. איך האב אויסגעפועלט ביי אברהם געפנער, דעם אפראוויזאציע־אנפירער פונעם געטא, מ'זאל זיי שיקן שפייז־פעקלעך.

ימים נוראים האט מען איינגעארדנט דארט א מנין צווישן די „אויסלענדער”, און היות ס'איז נישט געווען קיין מחזור, האט — ווי מ'שרייבט מיר — ד״ר אברהם וויינגארט אויסגעשריבן פונעם זכרון דאס דאווענען אויף א פאפיר, און פון דעם האט מען געדאוונט.

זיי ווארטן אויף אן אויסטויש קיין אמעריקע.

## ווי מעכטיק ביסטו פאראגוויי!...

**זונטיק, 3. יאנואר.**

געווען ביי מיר היינט א ייד, אהרן בלומענקאפף פון דער מילא־גאס. ער האט א זון אין דער שווייץ, א דאקטאר מעדיצינער, האט ער אים גע־שיקט א פאפיר, געחתמעט פונעם פאראגווייאישן קאנסול אין בערן, אז ער, אהרן בלומענקאפף און זיין משפחה זענען אנערקענט פאר פאראג־ווייאישע בירגער.

ער פרעגט מיך מבינות אויף דעם פאפיר. מיר אלע אין ארכיוו באַ־קוקן עס. מיר לייענען עס איין מאל און נאך אמאל. צו וואס לייקענען?

קנאה איז א מענטשלעכע זאך. קיין שום ספק — דער ייד און זיין משפחה זענען געראטעוועט. זענען דאך די באזיצער פון אזעלכע פאפירן שוין אינטערנירט און זיי וועלן אויסגעטוישט ווערן קיין אמעריקע אויף דאר־טיקע דייטשע בירגער.

אהרן בלומענקאפף און זיין משפחה זענען געראטעוועט!

מ'הייבט אן צו פרעגן דעם יידן, צו ער רעדט פאראגוויאיש? — זוו ליגט פאראגוויי? ווי הייסט איר הויפטשטאט? וויפל מענשן זענען דארט פאראן?

נישט בלויז ר' אהרן ווייסט נישט, — ער ווייסט אפילו נישט וואסער שפראך ס'ווערט דארט גערעדט, — נאר אפילו די היסטאריקער באלא־באן, שיפער, שטיין, ס'זאל זיי צו קיין חרפה נישט זיין, — ווייסן אויך נישט. מיט יידישער געשיכטע האט עס נישט צו טאן. מ'וועט אכטונג געבן, אז מ'וועט דארפן אין דער ענציקלאפעדיע.

בלויז ד"ר ש. שימקעוויטש, דער מיט־מחבר פון דעם פוילישן געא־גראפישן ווערטער־בוך" („סלאווניק געאגראפיטשני"), באלערט ר' אהרן בלומענקאפף, אז די הויפט־שטאט פון פאראגוויי הייסט אסונסיאן...

איך קוק אזוי אויף דער מאגישער „קמעה" מיט דעם נוסח:

„אויפן יסוד פון די באמיאונגען פון אייערע קרובים זענט איר אנער־קענט אלס בירגער פון פאראגוויי". אונטערגעשריבן: ר. היגלי.

איך קוק אויף דעם שטעמפל „גענעראל־קאנסול פון דער רעפובליק פון פאראגוויי", און טראכט ביי מיר:

אט זענען מיר געווען א פאלק פון 16 מיליאן מענטשן, — ווער ווייסט וויפל ס'זענען שוין היינט אויסגעהרגעט! — מיט אומגעהויערע לייסטונגען פאר דער קולטור, פאר דער מענטשהייט, — און אויך היינט געפינען זיך אין די פרייע לענדער יידן רייכע, בעלי השפעה אין די העכ־סטע מלוכה־קרייזן אין אמעריקע און ענגלאנד, — און מיר זענען הפקר.

און אט געפינט זיך ערגעץ אונטער די „הרי חושך" אין דרום־אמע־ריקע א קליין לאנד, מיט סך הכל איבער א מיליאן מענטשן, א לאנד, וואס האט דער וועלט נ י ש ט געגעבן קיין תנ"ך, און נישט באריי־כערט די מענטשהייט, — און אט דאס קליינע ווייטע לאנד האט א כוח

צו פאַרוואַנדלען שוצלאָזע, צום טויט פאַראורטיילטע שקלאַפן — אין בירגער, וואָס ווערן געשיצט און רעספּעקטירט!

וואָסער חריפות און ענערגיע, וואָסער גאונות און אויפטוערישקייט מיר האָבן באַוויזן אין אונדזער געשיכטע; מיר האָבן אָבער נ י ש ט באַוויזן זיך צו שאַפן כאָטש אַ קליינע מלוכה. כאָטש אַזוי אומבאַדייטנד ווי — פּאַראַגוויי, וועמענס מלוכהשער שטעמפּל שיצט און פאַרזיכערט אהרן בלומענקאָפּף פון דער מילא־גאַס זיין לעבן און פאַרמעגן.

פּאַראַגוויי! פּאַראַגוויי! ווי מעכטיק ביסטו, ווי רעספּעקטירט — דיין חתימה, ווי זיכער דיינע בירגער!

דער כוח פון מלוכה!

איך האָב עס היינט דערפילט אַזוי בחוש, אַזוי בלוטיק קאָנקרעט...

## מ׳קומט צוריק פון דער אַרישער זייט אין געטאָ אַריין

### מאָנטיק, 4. יאַנואַר.

באַגעגנט היינט מיינע באַקאַנטע יוסף טענענבוים, דעם זון פון דעם פאַרשטאָרבענעם מזרחי־עסקן אליהו טענענבוים, און זיין פרוי אירענע.

זיי קומען צוריק פון דער „אַרישער זייט". ער גייט דאָרט אָן אַלס טערק, — ער האָט אַ צופיל יידיש אויסזען; זי האָט אַן עכט „אַריש אויס־זען", אַ בלאָנדע. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט פאַר אַ סך געלט ביי פּאָ־ליאַקן, זי האָט אַ פּוילישע „קענקאַרטע" אויפן נאָמען העלענאַ סקאָטשי־לאַס.

— וואָס־זשע טוט איר דאָ? — פרעג איך זיי.

— ס׳איז דאָרט ערגער ווי אין געטאָ, — איז דער ענטפער. — דאָ לעבט מען כאָטש „רואיק" בעת דער „הפסקה". דאָרט לעבן מיר טאָג און נאַכט אין טויט־שרעק.

— פּאָליאַקן, — דערציילן זיי — האָבן זיך געמאַכט אַ פּרנסה פון שאַנטאַזשירן יידן. זיי דערשמעקן שוין ווער ס׳איז אַ ייד, און פרעסן אויס דעם לעצטן גראָשן. און דערנאָך ערשט, ווען זיי האָבן שוין צו־גערויבט דאָס גאַנצע געלט, מסרן זיי ערשט פאַר דער געשטאַפּאָ. אַ סך

מאָל גיבן טאַקע די פּוילישע „גאַסט־געבער" צו וויסן זייערע פריינד, אַז ס'זענען ביי זיי דאָ יידן און מ'קען ביי זיי אויספּרעסן געלט...

— מיר קענען מער נישט אויסהאַלטן דאָרט...

די טענענבוימס זענען נישט די איינציקע, וואָס זענען צוריקגעקומען אין געטאָ.

אַ סך יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן, זענען צוריקגעקומען, נישט קענענדיק אויסהאַלטן דעם שאַנטאַזש און דעם פּחד.

— בעסער טויט — זאָגן זיי — איידער טויט־שרעק...

אַ סך ווידער טראַכטן זיך: אויב אומקומען, זאָל שוין זיין צווישן יידן...

## פאַריתומטע ספרים...

**דינסטיק, 5. יאַנואַר.**

קאַלט און פראָסטיק היינט געווען. אויסגעהונגערט און אויסגעמאַטערט גייען מיר היינט איבער די פאַרלאָזענע הויפן ארויסנעמען די ספרים און איבערפירן אין אַרכיוו אַריין. מיר קומען אַריין אויף מוראַנאָווסקאַ 28. אויפן צווייטן שטאָק פראָנט — זאָגט מען אונדז — געפינען זיך אַ סך ספרים. מיר גייען אַרויף. פאַקטיש, ספרים־שענק פול; איך נעם אין דער האַנט איין גמרא, איך לייען: „שייך להר' יצחק מאיר ע ל ב י נ ג ע ר". אַ צווייט ספר: „שייך להר' יוסף עלבינגער". יאָ, איך דערמאָן זיך: דאָ האָט געוווינט דער וואַרשעווער דאַזאַר י. מ. עלבינגער. ביי אים האָט אין די מלחמה־יאָרן געוווינט דער ס אָ כ אַ־ ט ש ע ו ו ע ר ר ב י, רבי דוד באָרנשטיין ז"ל. אַ זכיה געהאַט דער סאָכאַטשעווער רבי: איבערגעקומען די שווערסטע עטאַפּן פון דעפּאָרטאַציע, זיין איינציקל נתן באַהאַריע, אַ פעאיקער יונגערמאַן, האָט אים באַוויזן אויסצובאַהאַלטן, און נפטר געוואָרן מיט אַ נאַטירלעכן טויט; געקומען צו קבר ישראל. בלויז ער און דער ראַדאָמסקער רבי, פון אַלע רבים אין וואַרשע, האָבן געהאַט די דאָזיקע זכיה. אַ „לוקסוס־טויט", — רופט מען עס אין געטאָ. איך בין געווען אויף דער לויה; אַ גאַנץ קליינע גרופּע האָט אים באַגלייט, צווישן זיי באַמערק איך ה' ישעיה שוויאַטלאָווסקי

פון לאָדזש, מיין פריינד לייבל עלבינגער, גאָדל טשערנאָלעווסקי, מיל־גראָם, ד״ר מאזור, שטיקגאָלד, אַן איידעם פון הרב מאזור ז״ל, דעם מז־רחי־ראַטמאַן יצחק ענגעלמאַן, יחיאל הערציג, נ. באַהאַריע.

דאָ אויפן טיש ליגן חסידישע ספרים, גמרות און זוהרס, אין וועל־כע ס׳האָט געלערנט דער סאָכאַטשעווער רבי. אַ קליינע ספר תורה געפין איך אין ספרים־שאַפע. אַלע טישן אָנגעלייגט מיט „שאלות ותשובות״. אַן אַלט באַלעבאַטישע חסידישע שטוב: תורה וגדולה. אַלץ האָט מען צו־גענומען: הויז־געשיר, מעבל, אַלערליי חפצים; בלויז ספרים האָט מען געלאָזט.

ווייזט אויס, אַז דער בעל הבית, י. מ. עלבינגער, האָט אויך ליב געהאַט אַ קוק צו טאָן אין אַנדערע זאַכן: מיר געפינען קאָמפּלעטן פון דער „הצפירה״, „היום״, „המגיד״, „המליץ״... מיר נעמען דאָס אַלץ מיט אין אַרכיוו אַריין.

דאַן גייען מיר אַוועק אויף די נאַלעווקיס. מיר קומען אַריין אין דער שול פון חברה ש״ס אויף נאַלעווקיס 39. אויף די טישן, בענק, פול ספרים. אויסגעקנייטשטע, אויסגעהאַרעוועטע. וויפל תורה איז דאָ גע־לערנט געוואָרן! איצט גייען מיר אין סערדינערס בית המדרש, נאַלעווקי 15; דאָ געפינען מיר מערסטנטייל סידורים, מחזורים, תהלים און אביסל חומשים. וויפל זיפצן און טרערן איז דאָ געלאָזן געוואָרן, וויפל תפילות האָבן יידן אויסגעגאָסן אין אָט דעם בית־המדרש, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געווימלט פון מתפללים! דאַכט זיך, אַז אָט די סידורים, די ספרים, די ווענט אפילו — „כותלי בית המדרש יוכיחו״ — האָבן איינגעזאַפּט אין זיך ווי אַ שוואָם די אַלע תפילות און טרערן; און דאַכט זיך, אַז איך הער דעם אָפּקלאַנג פון יענע יידן — ווו זענען זיי?

דערנאָך גייען מיר אויף נאַוויניאַרסקע־גאַס אין דער וווינונג פון דעם רב הרב אברהם וו יי נ ב ע ר ג, וועלכן מ׳האָט גערופן רב אברהמלי סטיטשינער. נאָך דעם 2טן אויגוסט איז ער „דעפּאָרטירט״ געוואָרן צוזאַמען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע. איך קום אַריין אין זיין וווינונג און טרעף אויפן טיש — אָפענע גמרות, אויף דף י״ט בכורות. ער איז אַוועקגענומען געוואָרן פון אינמיטן שיעור, וועלכן ער האָט גע־לערנט מיט תלמידים. אַליין אַ באַקאַנטער גאון, אַ תלמיד מובהק פונעם

בעל „אבני נזר״, דעם ערשטן סאָכאַטשעווער רבין, איז ער געווען פון די גרעסטע תלמודישע אויטאָריטעטן אין פוילן. ער האָט אויך געשמט מיט זיין צדקות. זיין אצילותדיק געשטאַלט, דורכגעשיינט מיט גייסט, שטייט מיר פאַר די אויגן: אַ קליין יידל, אין די מיטעלע יאָרן, אַן אויסגעדאַר־טער גוף און פנים, האָבן זיינע אויגן געשיינט מיט אַ ליכט פון אַ טיפ־קייט, נישט פון דער וועלט. געזעסן יומם ולילה על התורה ועל עבודה, מחנך געווען תלמידים, אויסגעטאָן געווען פון וועלטלעכע ענינים, און דערביי ווייט נישט געווען קיין בטלן. איך דערמאָן זיך, אַז ווען דער ראַבינאַט־משמש, דער באַרימטער ר׳ דן, האָט אים אָפּגעטראָגן די פּענ־סיע, איז ער צוריקגעקומען און מיר געזאָגט: „ביי אברהמלען איז די טיר פאַרמאַכט; ער מוז זיין אַ שוסטער ביי שולצן אין שאָפּ...״ ווייזט זיך אויס, אַז דאַסמאָל איז ר׳ דנס אינפאָרמאַציע נישט געווען גענוי, הגם באַגרינדעט אויף וואַרשיינלעכע השערות. הרב וויינבערג האָט געהאַט אַ ברודער, אַ גרויסער פאַבריקאַנט (און דווקא נישט קיין פרומער), וועל־כער איז געווען איינער פון די הויפּט־דירעקטאָרן פון שולצס שאָפּ; אָבער ר׳ אברהמלע וויינבערג איז נישט געווען אין שאָפּ. ער איז געזעסן און געלערנט, ביז, ביז...

אין חלל טראָגט זיך דער אַלטער, באַקאַנטער היימישער גמרא־ניגון: הוי אמר רבא, הוי אמר רבא... אָבער אַזוי טרויעריק, אַזוי אור־מעטיק.

און די ווערטער ביאַליקס:

אך מדי שמעי את קולכם, את קולכם<br>
הבוכה בלילות כאנקת חללים<br>
ישוע לבבי: הכחות הללו על מה המה כלים?

זיי האָבן היינט פאַר מיר אַן אַנדערן קלאַנג; נישט „כאנקת חללים״ נאָר טאַקע ממש — „א נ ק ת  ח ל ל י ם״, און נישט — הכחות הללו על מה המה כלים״, נאָר — „על מה המה כלו?״

און אָט ליגן די אָפּענע, אויסגעקנייטשטע, אינדערמיטן פאַרלאָזענע גמרות, און — וואַרטן... און די פאַרשעמטע בלעטער פרעגן. מאָנען: פאַרוואָס, פאַרוואָס?...

די דאָזיקע גמרות זענען היינט איין קשיא, איין גרויסע קשיא, וואָס „לית נגר ובר נגר דיפרקני".

— לאָזט די אָפענע גמרות ליגן. רירט זיי נישט! — זאָג איך צו מיין „עקיפע".

ס'דאכט זיך מיר, אַז דאָס איז עפּעס קדשי קדשים, צו וואָס מ'טאָר זיך נישט צורירן. זאָלן אזוי די גמרות בלייבן, ביז... ביז?

איך קלער ביי מיר: ס'וועט קומען אַ צייט, דערנאָך, נאָכן נצחון, ווען אַ נייע בעסערע וועלט וועט אויפגעבויט ווערן, — וועלן מיר ברענגען די מעכטיקע פון דער וועלט, די הויכע לייט, די רעגירער פון פעלקער און מלוכות פון דער פ ר יי ע ר וועלט, וואָס היינט שווייגן זיי, — אַט די אַלע וועלן מיר דורכפירן דורך די דאָזיקע אָפענע גמרות, און זאָלן זיי, די פאַריתומטע ספרים, אין סאַמע מיטן סוגיא פאַרלאָזענע — פרעגן:

— וווּ זענט איר געווען, ווען אַט די וועלט איז פאַרשניטן געוואָרן?

און דאָס וועט זיין די הארבסטע קשיא פון דעם אַלטן „מקשין העולם" פון דער וועלט פון געלייטערטן גייסט און — אָפענע אָפגעריגנטע — צו דער וועלט פון מאכט, וואָס רעדט וועגן דעמאָקראַטיע און גערעכטיקייט...

## דער תהום און דער — סוף...

### מיטוואָך, 6. יאַנואַר.

איך בין היינט געפאָרן אויף מאַריאַנסקע־גאַס צוזאַמען מיטן פרייערדיקן קהילה־סעקרעטאַר שמואל האַרנשטיין, צו זוכן דאָרט כתבים פונעם רב מלאַדי און אנדערע, וואָס זענען דאָרט געווען באַהאַלטן, לויט די אינפאָרמאַציעס פון ה' גור־אריה.

מיר האָבן אָבער נישט געטראָפן די פערזאָן, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט. מיר זענען צוריקגעפאָרן ליידיק.

אויפן וועג האָב איך באַטראַכט די גאַסן פונעם אזוי געראָפענעם קליינעם געטאָ. אַ מוראדיקע פוסטקייט. אַ בלוטיקער נישטאָ.

אַט זענען מיר אויף פאַנסקע־גאַס נומער 24 אין באַזאַר. ערשט נישט לאַנג האָט דאָ געבריוזט מיט לעבן. מיט אָרימקייט און דחקות,

וואָס אַן אמת, אָבער מ׳האָט פּאָרט געלעבט, און מ׳וואָלט איבערגעלעבט אויך.

עפּעס קוקט מיר אויס אזוי זינלאָז אונדזער פּאָרען זיך אַרום כתבים, פּאַפּירן, ביכער. צו וואָס? פּאַר וועמען?

איך קוק אַריין אין חלל פון די אויסגעליידיקטע הייזער און ס׳גיט אַ זעץ פון דאָרט מיט אַ שוואַרצן אומעט.

ווי נעמט מען דאָ אַ ירמיהו, ער זאָל אויסשרייען די ווייטיק. „שבר על שבר נקרא, כי שדדה כל ארץ, פתאום שדדו אהלי... ראיתי את הארץ והנה תוהו ובוהו...״ (ירמיהו 4. 20. 23).

אָט דאָ אין די גאַסן גזשיבאָווסקא־טוואַרדאַ־פּאַנסקא — דערזע איך — דעם סוף. דעם סוף פון אַ פאָלק, פון פּוילישן יידנטום, מיט אַלע זיינע ראַנגלענישן, קאַמפן, ירידות און עליות. אַ סוף צו שמעון דובנאָווס טעאָריע וועגן נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע; צו חלומות וועגן אויסקעמפן גלייכבאַרעכטיקונג דורך דעמאָקראַטישע סיים־וואַלן; צו די אילוזיעס וועגן פעלקער־פּאַרברידערונג און סאָציאַליסטישער אַרבעטער־סאָלידאַרי־טעט; אַ סוף צו די אַלע שאַפונגען פון תורה־צענטערן און חסידישע הויפן; אַ סוף צו אַלע פּאַרטייען און פּאַרטיי-קאַמפן.

איך האָב געזען דעם סוף. דעם סוף פון גלות, דעם שוואַרצן סוף, וואָס קיין שום שוואַרץ־זעער האָט נישט געקענט פּאָראויסזען.

אָט דאָ אין די אויסגעהוילטע גאַסן פון גזשיבאָווער ראַיאָן, אין די „חורבות״ מצבות — האָט זיך געענדיקט די תקופה — וואָס היינט זע איך זי אַלס גאָלדענע תקופה פונעם פּוילישן יידנטום, אַלס איינע פון די שעפערישסטע פון אונדזער עבר.

אויך זי געהער שוין צום עבר. פונקט ווי בבל ווי די תקופת ספרד, ווי די פראַנצויזישע תקופה פון די בעלי התוספות און ווי דאָס אַמאָל בליענדיקע רוסישע יידנטום און דייטשע יידנטום.

פּאַרגאַנגענהייט... פּאַרגאַנגענהייט... געשיכטע...

אין אונדזערע אויגן איז אַ בליענדיקע קעגנוואַרט, וואָס האָט גע־טראָגן אין איר שוין אַ גרויסע פּאָטענציעלע צוקונפט — געוואָרן „גע-וועזן״.. און מער נישטאָ. און מער נישט זיין...

יאָ, „נצח ישראל״, אָבער מיליאָנען ר׳ ישראלס וועלן שוין מער אויף

אייביק נישט זיין אין נצח ישראל. נישט זיי, נישט זייערע קינדער, נישט קיין זכר אפילו...

געווים, נאָך דאָ צווייגן פונעם פּוילישן יידנטום, צעשפּרייטע אין גאָר דער וועלט; אָבער זיי האָבן געצויגן זייער יניקה פונעם שטאַם. און דער שטאַם איז אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען.

יאָ. איך האָב אַריינגעקוקט אין די טיפסטע טיפענישן פונעם תהום. איך האָב דערזען — דעם סוף...

## רעוויזיאָניסטן פּאַראָוויניקט אין ווידערשטאַנד

**מיטוואָך, 6. יאַנואַר.**

דער ווידערשטאַנדס־קאָמיטעט, אָדער נאַציאָנאַל־ראַט, ווי ס'האָבן עס גערופן אַ טייל, האָט היינט באַאויפטראָגט נחום ר ע מ ב אַ און מיך זיך צו פאַרשטענדיקן מיט דער רעוויזיאָניסטישער ווידערשטאַנד־גרופּע. רעמבאַ איז צוגעפאַלן די דאָזיקע מיסיע צוליב „מחותנימשאַפט" מיט די רעוויזיאָניסטן. זיין ברודער, אייזיק רעמבאַ, איז זייערס אַ פירער. איך בין סתם באַפריינדעט מיט אייניקע פון זיי: מיטגעאַרבעט אין „מאָמענט", ווען ער איז געוואָרן זייער אָרגאַן. אַ חוץ דעם בינדט מיך מיט זיי „שכנות": אין דעם זעלבן הויז, וווּ איך האָב געוווינט אויף גזשיבאָווסקע 22, האָבן געוווינט די יונגע עסקנים פון בית"ר אשר פרענקעל און פּאַלאַ פריד. היינט זענען זיי דעפּאָרטירט; דער ערשטער פון הרוביעשאָוו, וווּ ער האָט געגרינדעט און אָנגעפירט אַ ציוניסטישן הכשרה־קיבוץ; די צווייטע פון וואַרשע, וווּ זי איז געווען די הויפּט־פאַרשפּרייטערין פון דעם רעוויזיאָניסטישן אומלעגאַלן צייטונג־ביולעטין „אף על פי כן".

שמועסן מיר זיך אָפּ און גייען ביידע זייגער זעקס אָוונט אין שכנותדיקן הויז פון דער קהילה־געביידע אויף זאַמענהאָף־גאַס 21.

מיר גייען אַרויף אויף אַ בוידעם, פון דאָרט דורך אַ לאָך לאָזן מיר זיך אַראָפּ אין אַ שטיבל אָן טירן; די טירן זענען פאַרמויערט, בלויז אַ שמאָל פענצטער געפינט זיך דאָרט. דער רעוויזיאָניסטישער קאָמיטעט איז דאָרט שוין פאַרזאַמלט; נישט אַלע זענען מיר באַקאַנט. כ'טרעף

דאָרט אַלעקסאַנדער ר אָ ז ע נ פ ע ל ד (מיטאַרבעטער פונעם „מאָ־מענט"), דעם יונגן טאַלאַנטירטן שרייבער סעווערין ל י וו א, ר אָ־ד א ל, דער ראַדאָמער קאָרעספּאָנדענט פונעם „מאָמענט" (כ'קען אים פונעם פּשיטיקער פּראָצעס, ווו איך בין געווען עקספּערט קעגן גלתּ טשעציאַק), צבי ז י ל ב ע ר ב ע ר ג, דער רעוויזיאָניסטישער עסקן, וועלכער איז געקומען פון לובלין, ד"ר ס ט ר י ק אָ וו ס ק י, וועלכער האָט אין דער גאַנצער צייט פון דער דעפּאָרטאַציע נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן ווידערשטאַנד, מרדכי א ו נ ג ע ר, נ. פ י נ ק ע ל־ק ר ו י ט פון די יידן שטאַאַטלער, זאַלצוואַסער, אהרן פרענקעל, נ. שטשערבאַטי, „שמחהלע", אַן איידעם פון יוסף קעניגסבערג פון ראַדאָם, און אייניקע אַנדערע, וועלכע כ'קען נישט; צווישן די ווידערשטאַנדלער איז אַ מנהג נישט פאָרצושטעלן זיך. בעסער, אַז מ'ווייסט נישט קיין נעמען. דער גרויסער רוב טראָגט פּסעוודאָנימען. איך אַליין הייס אויך „אייזענצווייג".

די רעוויזיאָניסטן זענען געווען די הויפּט־פּרעדיקער פון ווידער־שטאַנד. הגם זיי האָבן נישט געבילדעט קיין אָפּגעזונדערטע גרופּע, — מ'האָט קיינעם נישט געפרעגט, און קיינער האָט נישט געוווסט געניי, ווער צו וועלכער פּאַרטיי מען געהערט, — האָט זיך אָבער פון זייערע רייען רעקרוטירט אַ גרויסע צאָל פון ווידערשטאַנדלער. פון זיי זענען נישט געווען קיין יידישע פּאָליציאַנטן; טאָמער האָט זיך געטראָפן איינער. האָט ער זיך אויטאָמאַטיש געפונען מחוץ פון זייער מחנה.

בעת דעם אויפרוף מכח זיך פרייוויליק שטעלן צום „אומשלאָג" פאַר דריי קילאָ ברויט און 1 קילאָ מאַרמעלאַדע, האָבן די רעוויזיאָניסטן אַרויסגעגעבן די ערשטע אַ וואָרענונג נישט צו גיין צום „אומשלאַג".

וואָס טוען זיי היינט?

דערוויף אינפאָרמירט אונדז אַלעקסאַנדער ראָזענפעלד:

— מיר האָבן אַ מיליטערישע אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „ארגון צבאי לאומי". מיר האָבן קאָנצענטרירט אונדזערע חברים אויף דער „פּלאַצוווקע" (אַרבעטס־פּלאַץ) ביי דער א. ג. „אָסט־באַן", אויף דער סטאַציע וואַרשע־פּראַגע, פון וואַנען מיר שמוגלען געווער.

איך ווייס שוין פון פריער, אַז דאָס האָבן זיי אויסגעפירט די טויט־

אורטיילן פונעם ווידערשטאנד־געריכט אויף יעקב לעיקין, דעם קאמענ־דאנט פון דער יידישער פאליציי, און אויף ישראל פירסט, פארווונדעט שערינסקין, דעם הויפט־פירער פון דער יידישער פאליציי, און שמער־לינגן דעם קאמענדאנט פונעם „אומשלאג־פלאץ".

מיר מאכן א פארשלאג, זיי זאלן נישט באהאלטן באזונדער דאס געווער, וואס זיי שמוגלען, נאר עס איבערגעבן אין די אלגעמיינע ארסע־נאלן. די פארהאנדלונגען פארציען זיך. די רעוויזיאניסטן רוקן ארויס חששות: די אייניקע „בונד"־פארשטייער האבן אומפארזיכטיק אנגע־בונדן א „קאנטאקט" מיט פוילישע פארטיזאנען. דאס זענען אפילו לינ־קע פארטיזאנען, פון די פ.פ.ס.־קרייזן (פוילישע סאציאליסטן), אבער לויט די אנווייזונגען פון לאנדאן הערשט „אחדות" צווישן די פוילישע פאר־טיזאנען, דאס איז דער פשט, אז די סאציאליסטן ארבעטן מיט מיט די ענדעקעס און א. ג. ר. האבן די רעוויזיאניסטן מורא, אז די פוילישע פארטיזאנען, מיט וועלכע די עטלעכע „בונד"־מענטשן חברן זיך אזוי, זאלן נישט פארראטן.

רעמבא מאכט צונישט די דאזיקע חששות. ערשטנס, זאגט ער, זע־נען די בונדיסטן פארנומען מיט שרייבן באריכטן קיין לאנדאן; שנית, גלויבט ער כלל נישט אין זיין „קאנטאקט" מיט די פוילישע סאציא־ליסטן; ער באצייכנט עס אלס מויל־מלאכה.

איך בין נישט אינגאנצן בארויקט בנוגע די חששות פון די רעווי־זיאניסטן. איך האב זיך אליין איבערצייגט, בעת מיינע „אונטערהאנד־לונגען" מיט די לינקע „פארטיזאנען", געוויער פארטיזאנען "in spe" על שם העתיד, אין זייער מענטאליטעט און באציאונג צו יידן. די מורא פון די רעוויזיאניסטן איז דעריבער כלל נישט אזוי אומבאגרינדעט.

נאר וואס טוט מען נישט צוליב אחדות?

די רעוויזיאניסטן גופא האלטן כלל נישט ביים אפטיילן זיך. זייער גרופע אליין באשטייט נישט בלויז פון זייערע חברים; זי איז נאר „רע־וויזיאניסטיש" צוליב די אנפירער. זיי ווילן זיך נאר באזארגן פאר „סיור־פריזן". און ווארענען אונדז אויך.

איך פארשטיי זיי, און לאז איבער רעמבאן די מיסיע זיי צו איבער־צייגן; איך אליין בין גיכער איבערצייגט פון זייערע ארגומענטן. איך

באַשלים ביי מיר אויפמערקזאַם צו מאַכן הרב זעמעלמאַן, הרב האָרוויץ,
קירשענבוימען און אַנילעוויטש, אַז זיי זאָלן זיין פאָרזיכטיק מיט די
„קאָנטאַקטן” מיט די פוילישע פּאַרטיזאַנען.

נאָך אַ לאַנגן שקלא וטריא ווערט באַשלאָסן זיך צו ווענדן צום ד״ר
ראובן פעלדשו און ד״ר וודאָווינסקי, זיי זאָלן פאַראָרדענען די צוזאַמענ-
אַרבעט פון דער א. ג. רעוויזיאָניסטישער גרופּע מיטן אַלגעמיינעם קאָמי-
טעט. זיי זאָלן אויך זיין די פירער פון דער דאָזיקער גרופּע. וואָרום עס
פעלן פירער. ד״ר פעלדשו און ד״ר וודאָווינסקי געפינען זיך ערגעץ אין
די „שאָפּן” און נישט אויפן שטח פונעם קליינעם געטאָ, וווּ די אַרבעט
איז קאָנצענטרירט, און פונוואַנען דער קאָנטאַקט מיט זיי טרעפט אָן
אויף שוועריקייטן. ס'ווערט באַשלאָסן, אַז אַלעקסאַנדער ראָזענפעלד, וועל-
כער איז אַ „ווערק-שוצמאַן” (און אַרבעט דערצו נאָך אין דער בעקעריי
פון קאַגאַן) און וועלכער האָט באַוועגונגס-פרייהייט, זאָל דערהאַלטן דעם
קאָנטאַקט מיט די דערמאָנטע.

דערווייל ווערט אָפּגעשמועסט, אַז די ברידער ראָדאַל און סעווערין
ליוואַ זאָלן קומען אויף די זיצונגען פונעם אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד-
קאָמיטעט. איך פאַרלאַנג און נעם מיט מיר אונטערן מאַנטל אייניקע
עקזעמפּלאַרן פון די געהיימע אויסגאַבן, וואָס די רעוויזיאָניסטן האָבן
אַרויסגעגעבן, אָפּגעשלאָגן אויף פאַרפילפעלטיקונג-מאַשינען „געשטעט-
נער„ א. נ. “Morituri te salutant Judeo!” און אונטערן מאָטאָ ביאַ-
ליקס: „אין טעם למותכם כמו שאין טעם לחייכם”...

די דאָזיקע אויסגאַבן זענען גוט רעדאַגירט. איך טרעף דאָרט צווישן
אַנדערע אויך אויסצוגן פון י. מ. נייטמאַנס אַרטיקל אין „היינט” א. נ.
„הער ענגלאַנד!” וועלכעס איז געווען פאַרעפנטלעכט מיט אַ 15 יאָר צוריק
און וועלכעס איז אַזוי אַקטועל אויך היינט; אַן אַרטיקל פון אורי צבי גרינ-
בערג פונעם „מאָמענט”; אַן אויסצוג פון „מסדה” פון יצחק למדן; עטלע-
כע זאַצן פון אחי-מאיר און אייניקע פּאַסאַזשן פון ד״ר וואָלפגאַנג פאָן
ווייזעלס אַ רעדע אין טאַרנאָפּאָל, וואָס איך האָב זיי איבערגעגעבן.

צווישן דעם אַלעמען געפינט זיך אויך אַ וואָרט פון רבי מנחם זעמ-
באַ און אַ רוף פון הרב איידעלבערג פון מאַקאָוו.

אַ שטאַרק אַרטיקל פון ד״ר סטריקאָווסקי פאַרענדיקט דעם נומער.

די נעמען פון די לעבנדיקע אין געטאָ זענען נישט פאַרעפנטלעכט, נאָ־טירלעך, נאָר ראָדאָל גיט מיר איבער, ווער ס'זענען די מחברים.

ער דערציילט מיר אויך וועגן דער טעטיקייט פון עטלעכע פון די רעוויזיאָניסטן פאַר דעם ווידערשטאַנד.

פאַגעל, אַ זון פון דעם מנהל פון אַ תלמיד תורה אין וואַרשע, משה מעלניק, שמחה האָלצבערג (וועלכן מ'רופט „דער חסיד"), „וואָלאָדעק" — אַ פסעוודאָנים, בעניעק קייזער, שמעון קאַמינסקי, — זיי אַלע באַזאָרגן טאָג־טעגלעך פיל געווער אין געטאָ אַריין. זיי קויפן דאָס פאַר אַ סך געלט, ביי פוילישע פאַרטיזאַנען, ביי פוילישע פּאָליציאַנטן, און אָפט אויך ביי דייטשע זשאַנדאַרן. די א. ג. „שופּאָ", וועלכע זענען נישט אַזעלכע פאַרביסענע סאַדיסטן ווי די געשטאַפּאָ.

— ווו נעמט איר געלט? — פרעג איך.

מ'גיט מיר איבער עטלעכע קוועלן. קודם כל ביי די רייכע יידישע „שאָפּן"־לייטער, וואָס האָבן זיך איצט באַרייכערט; ביי די ליפעראַנטן און גראָסיסטן פון דער יידישער אַפּראָוויזאַציע, וועלכע האָבן לעצטנס געמאַכט גרויסע געשעפטן. אַזוי דערציילט מיר ראָדאָל, אַז ביי מלאַווסקין, אַ רייכן קאָלאָניאַל־סוחר, וועלכער אַרבעט איצט מיט דער יידישער אַפּ־ראָוויזאַציע אויף פראַנצישקאַנער 31, האָבן זיי גענומען, באונס וברצון, 200 טויזנט זלאָטעס. מ'ווייזט מיר אַ ליסטע פון וויכטערדיקע קאָנטרי־בוציעס, אויף וועלכע איך באַמערק די נעמען פון פישעל פייגענבוים, נ. בורשטין, האָפּענפעלד, פרענקעל א. אנד.

ס'ווערט באַשלאָסן, אַז די רעוויזיאָניסטישע גרופּע ווערט איינגע־גלידערט אַלס „איינהייט" אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. די פירער פון דער דאָזיקער גרופּע וועלן אַריינגיין אין דער הויפּט־קאָמאַנדע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

מיר פאַרלאָזן דעם בונקער מיט אַ באַזונדער געפיל פון דערלייכ־טערונג: דערפילט אַ שליחות!

איך זאָג צו רעמבאַן:

— געדענקסט וויפל קאָנפערענצן, אונטערהאַנדלונגען, קאָנטאַקטן ס'האָט פאַרלאַנגט אַמאָל דאָס צושטאַנדקומען פון עפּעס אַ יידישער פאַר־אייניקטער קערפּערשאַפט, אַ בשותפותדיקע וואַל־ליסטע, אַן אחדות־פראָנט? היינט, אין אַ פערטל שעה איז דער ענין געוואָרן דערליידיקט.

גוט וואָס כאָטש איצט גייען מיר פאַראייניקט. ווי ס'זאָל נישט זיין, וועלן מיר קעמפן צוזאַמען, און אויב פאַלן, פאַלן צוזאַמען.

## שטימען פון יענער וועלט

### דאָנערשטיק, 7. יאַנואַר.

א „ליטעראַרישן אָוונט" היינט איבערגעלעבט. צוזאַמען מיט מיינע פריינד הרב ה ו ב ע ר ב א נ ד פון פּיעטרקאָוו, א תלמיד חכם און אַ ידען אין היסטאָריע (אַן איידעם פון הרב זילבערשטיין פון וואַרשע-פּראַגע, חתונה געהאַט אין דער מלחמה —), ד"ר שמואל ש י מ ק ע-ו י ט ש, דעם געוועזענעם צענזאָר פון דער יידישער פּרעסע און וואַר-שעווער רעגירונגס-קאָמיסאַריאַט, און דעם יונגן באַגאַבטן שרייבער סטאַ-ניסלאַוו צ י ב ו ל ס ק י (טראָץ זיין עכט-פּוילישן נאָמען, א נאַציאָ-נאַלער יונגערמאַן, א תלמיד פונעם יודאַאיסטישן אינסטיטוט), זיך גענו-מען דורכקוקן און אָרדענען די ליטעראַרישע שאַפונגען פון די שרייבער אין געטאָ, וועלכע מיר האָבן געזאַמלט, אָדער וועלכע זענען דעפּאָזירט געוואָרן אין אַרכיוו אין די לעצטע צייטן.

דאָס האָט מיך זיינערצייט, נאָך אין יאָר 1941, מאַגיסטער מנחם ל י נ ד ע ר „מיט געוואַלט" אַריינגעשלעפּט אין דער דאָזיקער אַרבעט. כ'האָב זי געטאָן צוזאַמען מיט אלחנן צ יי ט ל י ן, דעם דיכטער ה ע ר ש ע ל ע (דאַנילאָוויטש) און שלמה ג י ל ב ע ר ט. ווען אלחנן צייטלין איז קראַנק געוואָרן, הערשעלע איז געשטאָרבן און שלמה גיל-בערט איז דעפּאָרטירט געוואָרן, בין איך געבליבן אַליין, און איך האָב צוגעצויגן צו דער זאַמל-אַרבעט די דערמאָנטע פריינד מיינע.

היינט האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרגראָבן די דאָזיקע שריפטן. היות זיי זענען געווען צעשפּרייט אין פאַרשידענע ערטער, ווייל דער אַרכיוו איז איבערגעפירט געוואָרן פון גזשיבאָווסקע-גאַס 28 עטאַפּנווייז און לאָקירט געוואָרן אין פאַרשידענע געביידעס, האָבן מיר געמוזט אָפּגעבן עטלעכע טעג אויף צוזאַמענגעמען די דאָזיקע בלעטער. זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען דורכזען וואָס ס'איז דאָ, און מאַכן אַן אינווענטאַר. געהייסן האָט עס אַזוי אויף אַ שעה. ווען מיר האָבן זיך אָבער גענומען

איבערצוקוקן די שריפטן, איז אוועק נישט איינע נאָר דריי שעה, ס׳איז געוואָרן שפּעט, און היות מ׳טאָר נישט אַרויסגיין אויף דער גאַס שפּעטער ווי זיבן אין אָוונט, זענען מיר שוין געבליבן אַ גאַנצע נאַכט אין אַרכיוו, אַ משמר געהאַט, לייענענדיק און לייענענדיק...

די לידער זענען בעיקר פון וואַרשע, אָבער אויך האָבן מיר באַקומען פון קראָקע, לעמבערג, לאָדזש, פּיעטרקאָוו און קעלץ. אין יידיש, העב־רעאיש און פּויליש.

איך לייען די אָפטמאָל אָפּגעריבענע קוים לייענבאַרע שריפטן און — אָפּגרינטן עפענען זיך פאַר מיר. אָפּגרינטן פון אומגליק און ווייטיק.

באַגריפן, וואָס זענען פריער קיינמאָל נישט מעגלעך געווען — טוי־בן אויף פון דעם דאָזיקן תהום.

צי האָט די וועלט־ליטעראַטור אַזאַ מין זאַץ, ווי:

„...ווי אַזוי וואַרפן אַ גרינעם קראַנץ

אויף אַ קבר אויסגעגראָבן אין דער לופט?...״

בלויז אין דער אומגעהויערלעכקייט פון אונדזער גרויסער קאַטאַס־טראָפע איז מעגלעך געוואָרן, אַז אַזעלכע אויסדרוקן זאָלן זיין אמת, זאָלן אָפּשפּיגלען די —ווירקלעכקייט.

אַ בינטל לידער פון אַן אַנאָנימען אויטאָר „מיטן טויט פּער דו״... דאָ זעט מען באמת אַ מענטש, פּנים אל פּנים מיטן טויט. נישטאָ קיין אילוזיעס, נישטאָ קיין אויסוועג. מ׳לעבט, מ׳וויל לעבן, מ׳האָט גאָר־נישט קיינעם פאַרשולדיקט, און — מ׳שטייט אין אָנבליק פון אַ גרויסער עלעמענטאַרער זאַוויערוכע פון פאַרניכטונג. זי קומט אָקעגן נישט דווקא געאיילט, זי דערנענטערט זיך לאַנגזאַם, אָבער אומפאַרמיידלעך. נישטאָ קיין אַנטרינען.

דער ווינט פון די געשעענישן האָט פאַרווייעט אין אַרכיוו עטלעכע בלעטלעך פון לידער־זכרונות, לידער־כראָניק פון דער 16־יעריקער י אַ נ ק אַ  ה ע ש ע ל ע ס, אַ טאָכטער פונעם שעף־רעדאַקטאָר פון דער ציוניסטישער צייטונג אין פּוילישער שפּראַך „כ ווי ל י אַ״ פון לעמבערג (הענריק העשעלעס אליין איז אַרעסטירט געוואָרן נאָך דורך די סאָוועטן, אוועקגעפירט געוואָרן, באַפרייט געוואָרן, צוריקגעקומען קיין לעמבערג, דאָ ווידער אַרעסטירט געוואָרן דורך די נאַציס, ווידער באַ־

פרייט געוואָרן און צום סוף דעפּאָרטירט געוואָרן קיין בעלזשיץ). אין די דאָזיקע קינדעריש־נאאיווע און פּרימיטיווע אָבער דערפאר ספּאָנטאַניש־אמתע לידער, רעדט זיך וועגן דעם ווי —

„מיטן רויך אוועק טאטע־מאמע,
און ווו איז זייער געביין און ווו זייער קבר,
ווו א טרער לאָזן, ווו א בלום לייגן?"

די קליינע יאנקא העשעלעס דערציילט דאָרט, ווי זי איז אַנטלאָפן פונעם געטאָ און געקומען צו אירע קרובים — נישט־יידן — געבעטן, מ'זאָל זי באהאלטן, און יענע האָבן פאר איר פארמאכט די טיר...*).

פאראַן לידער פון י ר ח מ י א ל ג ר י ן, דעם מחבר פון „די וועבער פון קאָלאָמיי", וואָס איז געווען געדרוקט אין פאַרזעצונגען אין „היינט". ער איז היינט אין לעמבערג. ער דרוקט אויס מיט א ניכטערנעם רעאליזם די גרויסע קאטאסטראָפע. א ליד פון דעם קראקאָווער יידישן דיכטער א ל י ש ע ו ו י י נ ט ר ו י ב א. נ. „מיר טרינקען מיטן טויט לחיים..." שפּיגלט אָפּ די מוטיקע האלטונג אין אָנבליק פון טויט. א הערלעך פאָלקס־ליד פון דעם פאָלקס־דיכטער ג ע ב י ר ט י ג, דער־ציילט די פארניכטונג פון קראקעווער אוראלטן קאזשימיעזש.

צוויי רירנדע לידער פון דעם פארשטאָרבענעם אין געטאָ יידישן פאָלקס־דיכטער ה ע ר ש ע ל ע. זיי דערציילן וועגן דער נויט פון די פאָלקס־מענטשן, וועגן דעם אומקום פונעם ווארשעווער „עמך".

און אָט אן אנדער ליד פון הערשעלען: „געט'ס א זופּ". דאָ זעט מען א מוטיק קוקן דעם טויט אין די אויגן אריין. מ'ווייסט אז ער גייט אקעגן, אז ער מ ו ז קומען, שוין, געשווינד, אין די בעסטע, יונגע יאָרן און — מ'קוקט אים גלייך אין די אויגן.

אנדערע פּרווון זיך נאָך ווערן, פּרווון האָפן, דורכקומען. דאָס קומט צום אויסדרוק אין ליד פון דעם טאַלאַנטירטן יידישן דיכטער אין דער־

---

*) יאנקא העשעלעס איז געראטעוועט, די איינציקע פון דער גרויסער משפּחה העשעלעס אין לעמבערג. זי געפינט זיך איצט אין קראקע צוזאמען מיט ד"ר יהושע טאַנס־טאכטער, פרוי ראסטאווא, און ארבעט אין דער דאָרטיקער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע.

פּוילישער שפּראַך ל ע אָ נ י ד  פּ אָ ק ש אַ נ ס ק י. איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אים אַליין געהערט דאָס דאָזיקע ליד רעציטירן אין דעם קאַפע־הויז „ש ט ו ק אַ" אין וואַרשע, אויף לעשנאָ 2, בעת אַ „לעבעדיקער צייטונג", וועלכע מ'פלעגט דאָרט איינאָרדענען אָפט. געווען איז עס הארט פאַר דער דעפּאָרטאַציע. דאָס ליד הייסט „אַ באָקסער־מעטש". ס'ווערט דאָרט דערציילט, מיט וואָסער מאַכט דער געטאָ־ייד ווערט זיך קעגן — גורל. וואָסערע איבערמענטשלעכע כוחות ס'ברענגט אויף דער שוואַכערער, ער זאָל קענען ביישטיין, ער זאָל נישט פאַלן.

איך דערמאָן זיך דעם אומגעהויערן שווונג, מיט וועלכן אָט דער דאָזיקער יונגער, עטלעכע און צוואַנציק יעריקער דיכטער האָט אויסגעדריקט דעם דאָזיקן נישט־גלייכן קאַמף. און די האָפענונג, אַז דער געטאָ־ייד וועט סוף כל סוף אַרויס דער זיגער. געווען אַן אומגעהויערע קראַפט אין דאָזיקן ליד. און אַ עכט־יידישער בטחון.

היינט?

נישטאָ מער פּאָקשאַנסקי, „דעפּאָרטירט" געוואָרן קיין טרעבלינקע. און זיין ליד איז בלויז אַ היסטאָרישער דאָקומענט (אויך פון אַ גאָר הויכן ליטעראַרישן ווערט) ווי אַזוי יידן האָבן געגלויבט, אַז מ'וועט איבערהאַלטן און מיט איבערמענטשלעכע כוחות געוואָלט איבערהאַלטן.

אַן ענלעכן ווילן שפּיגלען אָפּ די לידער פון דעם פאָלקס־דיכטער פון קראָקע  ג ע ב י ר ט י ג.

אַ לירישע פאַרחלומטקייט שוועבט איבער די צאַרטע לידער פון דעם יידיש־פּוילישן דיכטער  מ ש ה  ש י מ ע ל  פון לעמבערג.

קאָנדענסירט, פעסט, קלאַסיש וואָלט איך געזאָגט, זענען די לידער פון מ.  ב אָ ר ו י ט ש,  אַ דיכטער־קעמפער פונעם לעמבערגער לאַגער אויף יאַנאָווסקע. זיינע לידער זענען רייף, אויסגעעענדיקט, אויף אַ ניוואָ. זיי וועלן בלייבן אין דער ליטעראַטור, ווי אַ דענקמאָל *)

*) מ. באָרוויטש איז אַנטלאָפן פונעם לאַגער אויף יאַנאָווסקאַ, געווען שפּעטער קאָמאַנדאַנט פון אַ פּאַרטיזאַנען־גרופּע ביי לובלין, און איז איצט פרעזעס פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין קראָקע, וווּ ער אַרבעט איבער יידישע היסטאָרישע מאַטעריאַלן צוזאַמען מיט יוסף וואָלף, פרוי ראַסטאָווע (טאָכטער פון ד"ר יהושע טאָן) און ד"ר פיליפּ פרידמאַן פון לאָדזש.

אַט עטלעכע נאָוועלן, לידער, שילדערונגען פון שלמה גילבערט, יאַקיר וואַרשאַווסקי, שמעון האָראָנטשיק, ב. טשעבוצקי, ישראל שטערן. זיי האָבן געליטן הונגער און נויט, און דאָך געשאַפן אין די שווערסטע באַדינגונגען. אלחנן צייטלין האָט מיר געזאָגט, אַז ס'זענען פאַראַן צווישן זיי גאָר שטאַרקע זאַכן פון אַ גרויסן ליטעראַרישן ווערט.

זייער געלונגען זענען די לידער פון וו. ליפּסקי, מוריצי באָרען פון קראָקע, וולאַדיסלאַוו שלענגעל, יוראַנדאָט, אין פּוילישער שפּראַך. אַלע מיט אַ סאַטירישן אונטערשלאַג. „לאָמיר לאַכן מיט יאַשטשערקעס"... זיי לאַכן פונעם ביטערן גורל. זיי גייען אַקעגן דעם טויט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

אויך די צוויי לידער פון זיגמונט שאָר פון לעמבערג זענען סאַטירעס, נאָר פון אַן אַנדערן סוג: זיי לאַכן אָפּ פון די ניי־אויפּגעקומענע יידישע מושלים פונעם יודענראַט, פון דער יידישער פּאָליציי, פון די פאַרשידענע „קאָמיסיעס" און „לייטונגען"... די סאַטירע איז דאָ דאָס געווער פון די שוואַכע...

פון לאָדזש האָב איך באַקומען אַ רירנד לידל פּאַר קינדער פון נטע ירוחם בערלינער. ס'איז אַ וויג־ליד, נאָר ס'וויגט איין צום — אייביקן שלאָף... מיין פריינד נ. י. בערלינער האָט אויסגעדריקט דאָ זיין גאַנצע צאַרטע נשמה. אַ מאָדנע רואיקייט וויעט פון די דאָזיקע אומעטיקע פערזן. בעת איך בין געווען אין טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע, און כ'האָב געזען נעבן מיר די קליינע קינדערלעך, צוגעטוליעט צו די פאַרצווייפלטע מוטערס, האָבן אין מיינע אויערן געקלונגען די פערזן פון נ. י. בערלינערס קלאָג־וויג־ליד, נישט ווי עפּעס באַרואיקנדיקס, נאָר ווי טויזנטער גלאָקן פון געשטאָלטער אָפּגרונט־טיפער פּיין...

און ווידער אַ ליד פון דוד פרענקעל פון לעמבערג וועגן די אויסגעלאָשענע יידישע שבת־ליכט אין לעמבערגער געטאָ. און עטלעכע בלעטער זכרונות פון העלענאַ פרענקעל, דאַכט זיך, זיין פרוי.

אַ גרויסן רושם האָט אויף מיר געמאַכט דאָס ליד אין פּויליש פון יעקב ווערטהיים אַ. נ. „די בריק". וועגן דער בריק איבער דער בלאָדנע־גאַס, וועלכע האָט פאַרבונדן דאָס „גרויסע געטאָ" מיט דעם

„קליינעם", און ווו דער דיכטער דריקט אויס זיין האָפענונג, אַז די דאָזיקע בריק, איבער וועלכער עס פּאַסירן טעגלעך די טיפסטע מענטשלעכע ליידן, וועט פירן צום איבערלעבן, צום דערלעבן דעם נצחון. נישט מקוים געוואָרן אויך די האָפענונג. היינט איז די דאָזיקע בריק פאַרלאָזן, נישטאָ מער קיין „קליין געטאָ" און די בריק פירט אין ערגעץ נישט...

באַזונדער אָרדענען מיר די העברעאישע שירים. צוויי זענען פון אלכסנדר זישע פ ר י ד מ א ן. ער האָט זיך אין זיי דערהויבן צו אַן אומגעהויערער מדרגה. שפּיגלט ער דאָך אָפּ זיין פּערזענלעכע שרעקלעכע טראַגעדיע. איין ליד איז געווענדט צו זיין 13־יאָריקער בת־יחידה, וועלכע מ'האָט אַוועקגעריסן פון אים. ער שרייבט, ער ווייסט נישט, צי זאָל ער מתפלל זיין, אַז ער זאָל זי נאָך אַמאָל זען, אָדער — זי זאָל האָבן אַ לייכטן שנעלן סוף, זי זאָל נישט ליידן...

אַ זייער טיפּע דראַמע פון יצחק ק א צ ע נ ע ל ס אָ ן, אַ. נ. „על נהרות בבל", געשריבן אין תשרי תש"ב, אַלזאָ נאָך פאַר דער דעפּאָרטאַציע.

פאַראַן אויך עטלעכע צייכענונגען פונעם געטאָ. זיי זענען פון גרויסן דאָקומענטארישן אָבער אויך אַרטיסטישן ווערט. זיי זענען פון אַדאַם ה ע ר ש אַ פ ט, פעליקס פ ר י ד מ אַ ן, פריץ ק ל יי נ מ אַ ן פון לעמבערג (אַ רעפּראָדוקציע), פון דער יונגער גראַפיקערין פרוי ר יי ך, פון רעגינאַ מ ו נ ד ל אַ ק און אָטאָ ש ל ע ז י נ ג ע ר פון לעמבערג (אַ רעפּראָדוקציע).

צוויי קליינע נאָוועלן פונעם געטאָ אין ווארשע פון גוסטאַוואַ י אַ ר ע צ ק אַ. איך קען זי. זי אַרבעט אין קהילה־סעקרעטאַריאַט אַלס סטענאָטיפּיסטקע. איר בוך „שטאַנדאַרי" (פאָנען), אין פּויליש, האָט אַרויסגערופן באַגייסטערטע אָפּשאַצונגען און איר געמאַכט אַ נאָמען אין דער פּוילישער ליטעראַטור. איך דערמאָן זיך, ווי אין אויגוסט 1942, בעת אַ „סעלעקציע" צווישן די קהילה־אָנגעשטעלטע, איז זי באַשטימט געוואָרן פאַרן „אומשלאַג". ס'שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס טראַגישע בילד, ווי זי, מיט אירע צוויי קליינע קינדערלעך, איינס געטראָגן אויף די פּלייצעס, דאָס צווייטע געהאַלטן ביי דער האַנט, איז שווייגנדיק געגאַנגען צום „אומשלאַג", ד. ה. צום אומקום, וואַרפנדיק בלויז אַ תחנונימדיקן בליק

צו אונדז געבליבענע, געראַטעוועטע, אָבער מאַכטלאָזע. נחום רעמבאַ האָט זי אָבער אַרויסגעראַטעוועט, און איצט אַרבעט זי ווייטער אין דער קהילה. זי קלאַפּט אויף דער מאַשין, און די צוויי קינדערלעך שטייען אין דער זייט — שטיל, איבערגעשראָקן, הונגעריק.

אַ גרין ביכעלע יידישע לידער פון פרוי חנה י אַ ק ו ב אָ ו י ט ש פון קאַליש.

און אַט קורצע נאָטיצן פון מיינע חברים פונעם „מכון לחכמת ישראל", וועלכע געפינען זיך אין גאַליציע, און וועלכע כ'האָב געבעטן מיר מודיע צו זיין וועגן גורל פון יידישע שרייבער, געלערנטע.

יוסף ש נ יי ד ע ר פון פשעמישל, אַן עלוי און אַ ליבער חבר, איז מיר מודיע, אַז מתתיהו מ י ז ע ס און ד"ר יוסף מ י ז ע ס (דער פריערדיקער מיליטערישער הויפּט־רב) אַרבעטן ביידע וויסנשאַפט־לעך. דער ערשטער פאַרברייטערט זיין ווערק, וועלכעס ער האָט שוין לאַנג אַרויסגעגעבן א. נ. „אין דער פראַגע פון ראַסן־האַס", דער צווייטער זעצט פאָר זיין פוילישע איבערזעצונג פון תנ"ך, ער האַלט ביי ירמיהו.

פון לעמבערג שרייבט מיר מיין ברודער משה, אַז דאָרט געפינען זיך און אַרבעטן ליטעראַריש און וויסנשאַפטלעך, מיין פריינד ד"ר הירש פ ע פ ע ר פון קראָקע, ד"ר מ. ק אַ נ פ ע ר, דער באַוווסטער ליטע־ראַטור־היסטאָריקער און רעדאַקטאָר פונעם קראָקעווער „נאָווי דזיענניק". ד"ר ישראל אָ ס ט ע ר ז ע צ ע ר, דאָצענט פונעם מכון למדעי היה־דות, איז „פאַרנומען" געוואָרן אין לעמבערג נאָך אין יוני 1941, און בישטאָ קיין זכר פון אים. דאָס זעלבע ד"ר גאַליגער.

פון טאַרנאָוו שרייבט מיר מיין פריינד שאול וו אָ ל ף (פון ביי־ליץ), אַז דאָרט איז געשאָסן געוואָרן פראָפ. בן־ציון ר אַ פּ אַ פּ אָ ר ט, וועלכער האָט — אין נויט־באַדינגונגען — אָנגעשריבן אַ גרויס פילאָ־זאָפיש ווערק אין העברעאיש, און עס באַהאַלטן אין אַ פלאַש. די פלאַש האָט מען פאַרגראָבן דאָרט.

אַזוי האָבן יידישע ליטעראַטן, דיכטער, געלערנטע, געשאַפן אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען. יעדער האָט געוואָלט דער וועלט עפּעס זאָגן. דאָס לעצטע וואָרט. יעדער האָט געוואָלט זיך געזעגענען.

איך לייען און לייען... פון די פּאַפּירן שטייען פאַר מיר אויף גע־

שטאַלטן, מענטשן פון גייסט, פון טאַלאַנט. מענטשן מיט הערצער און מענטשן מיט מהות, שטרעבנדיקע, שאַפנדיקע, חלומנדיקע. מענטשן, וואָס האָבן אין די פינצטערסטע מינוטן און אין די פינצטערסטע ווינקעלעך אריינגעברענגט א שטראַל פון זייער נשמה. מענטשן, וואָס האָבן אין זיך פאַרמאָגט מעגלעכקייטן, גייסטיקע פּאָטענצן, געהאַט א סך צו זאָגן... און זייער לעבנס־ליד אינדערמיט איבערגעריסן.

נישט קיין פּאַרמלאָזע מאַסע איז דאָ פאַרניכטעט געוואָרן, נאָר וועלטן, ברויזנדיקע, שטורעמדיקע, בליענדיקע. וועלטן פון א גרויסער פאַרבנרייכקייט און שעפערישקייט.

און געבליבן זענען אָט די פּאַפּירן. יעדער זאַץ — א רוף פון קבר, יעדעס וואָרט — א צוואה, און יעדעס אות — אַן אָפענע וווּנד...

## דאָס קאַפּיטל „גאַנצווייך"

### פרייטיק, 8. יאַנואַר.

א סענסאַציע היינט:

— גאַנצווייך האָט זיך ווידער באַוויזן אין געטאָ.

דער ענין „גאַנצווייך" איז א מערקווירדיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון ווארשעווער געטאָ. כדאַי זיך אָפּצושטעלן דערויף.

אברהם גאַנצווייך, איז געווען פאַר דער מלחמה א העבּרעאישער לערער אין א תרבות־שול אין קאָװנע. געווען א ציוניסט. אַן ענערגישער יונגערמאַן, זיצט ער נישט איין רואיק אין זיין קליין שטעטל. ער קומט קיין לאָדזש — מיט פּלענער. ווענדט זיך צו פאַרשידענע יידישע עסקנים מיט פּראָיעקטן. גיט ארויס א קליין וואָכנבלאַט, און — באַקומט דעם טיטל „רעדאַקטאָר". דער דאָזיקער טיטל האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט, און ער זאָרגט שוין דערפאַר, ער זאָל בלייבן אויף אים הענגען, ווי א שילד. אין ווארשע באַווייזט ער זיך ערגעץ אין יאָר 1941, טאַקע אַלס „רעדאַקטאָר"; אפילו נישט אלס געוועזענער, נאָר רעדאַקטאָר סתם, הגם קיינער קאָן זיך נישט דערמאָנען צו האָבן געלייענט פון אים א צוויי שורות. דאָ אין ווארשע א צוויי צענדליק רעדאַקטאָרן פון גרויסע טאָג־צייטונגען פון פאַר דער מלחמה; ביי קיינעמס נאָמען הענגט נישט אַזוי עקשנותדיק

דער טיטל „רעדאַקטאָר", ווי ביי גאַנצווייכן. וואָרום ער דאַרף נויטיק אַ „שילד", אַ „דעקונג". ער איז, נעמלעך, אַ מענטש מיט „באַציאונגען" (מיט געשטאַפּאָ) און וויל דערביי דערהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט דער יידי־שער געזעלשאַפטלעכקייט, זוכט זיך צו חברן מיט יידישע שרייבער, זשורנאַליסטן, מעשה „קאָלעגע", זוכט צו אונטערשטיצן די נויט־ליידנדיקע צווישן זיי. נישט תמיד געלינגט עס אים. די יידישע זשורנאַליסטן, מיט קליינע אויסנאַמען, מיידן אים אויס.

ער האָט, ווי געזאָגט, „באַציאונגען". אין געטאָ ווייסט מען דאָס, און על כל צרה וועגדט מען זיך צו גאַנצווייכן. ער העלפט, נישט אומזיסט. ער האָט נעמלעך „הוצאות": פּרעזענטן, אויפנאַמען, טרינקגעלטער, און געלט בעין. מענטשן לאָזן זיך קאָסטן, אבי ניצול ווערן פון אַ צרה, ראַטעווען אַ נפש.

ער פאַרנעמט נישט קיין שום אַמט. ער איז אַליין אַן „אַמט". ער האָט אונטער זיך סעקרעטאַרן, אַדיוטאַנטן, משרתים און יוצר משרתים, מקורבים און סתם „מענטשן", וואָס דרייען זיך אַרום אים, טראָגן צו אים פּראָטעקציע, פאַרשאַפן אים קליענטן, פאַרמיטלען... ער האָט אַ גאַנצן שטאַב, צווישן וועלכן פאַראַן מענטשן אינטעליגענטע, ס׳רוב פון לאָדזש, אַדוואָקאַטן, ווי אַדוואָקאַט שאַראָגראָדער, ד״ר שיראָטאַ, געוויסע געוועזענע יידישע קאָמבאַטאַנטן פון דער פּוילישער אַרמיי, א. אנד.

ער איז „פּאָפּולער" אין געטאָ. מ׳דערציילט וועגן זיינע בעלער, וועלכע ער אָרדנט איין אין זיין וווינונג, וועגן די טובות וואָס ער טוט, וועגן די „מעגלעכקייטן", וועלכע ער האָט. דאַרף מען האָבן אַ פּאַסירשיין צו פאָרן אויף דער באַן (וואָס איז פאַר יידן פאַרבאָטן), גייט מען צו גאַנצווייכן, אַרעסטירט מען אַ יידן, „על לא חמס בכפו", ווידער צו גאַנצ־ווייכן; און ער טוט וואָס מ׳דאַרף.

איך האָב אים קיינמאָל נישט באַגעגנט.

אויף איינמאָל, חול המועד פּסח 1940 איז עס געוועזן, באַקום איך אַן איינלאַדונג אונטערגעשריבן פון „רעדאַקטאָר" גאַנצווייך, אין — העב־רעאיש, געשריבן אויף אַ העברעאישער שרייב-מאַשין, אין וועלכער ער פאַרבעט מיך צו קומען צו אים אויף אַ — „חוג עברי"; מיט אַ באַגרינ־

דונג, אז מ׳דאַרף זאָרגן פאַר פאַרשפּרייטן אין געטאָ, בפרט צווישן דער יוגנט, די העבראַיִשע שפּראַך און ליטעראַטור...

כ׳בין נישט געגאַנגען.

כ׳האָב פאַרשטאַנען, אז גאַנצווייך וויל מאַכן אי „קאַריערע", אי געלט, אי זיך „דעקן" פאַר דער צוקונפט...

דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים געזען דעם ערשטן טאָג חנוכה 1940. כ׳האָב אים באַזוכט אין אן עת צרה, צוזאַמען מיט מיין קוזין יעקב פרענקעל פון ביליץ. מ׳האָט נעמלעך דעמאָלט אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט קיין אָשוויענטשים אייניקע רבנים אין קראָקע, צוליב אַ מעמאָריאַל, מיט וועלכן זיי האָבן זיך געווענדט צום ערצבישאָף פירשט סאַפּיעהאַ, בעטנדיק אים אַ השתדלות לטובת יידן. צווישן די דאָזיקע איז אויך געווען מיין קוזין הרב שמעלקע ק אָ ר נ י צ ע ר. מיר האָבן געבעטן גאַנצווייכן אַרויסצוהעלפן פון דער צרה. יעקב פרענקעל האָט אים צוגעזאָגט אַ סך געלט (און אויך געגעבן אַ געוויסע סומע). גאַנצווייך האָט צוגעזאָגט זיך משתדל צו זיין. פּאַקטיש איז די איינציקע הילף באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט פאַר אונדז אַרויסבאַקומען פּאַסירשיינען צו מעגן פאָרן מיט דער באַן קיין קראָקע.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך זיך געווענדט צו אים דעם 2טן יולי 1941, ווען כ׳האָב באַקומען פון לעמבערג אַ ידיעה, אז מ׳האָט דאָרט אַרעסטירט דעם ריישער רב דעפּוטאַט הרב ר׳ אהרן לעווין און דעם באַבאָווער רבין האַלבערשטאַם. אויך דעמאָלט האָט גאַנצווייך מיר צוגעזאָגט זיך משתדל צו זיין. ער האָט געגעבן אַזאַ עצה — (אין אָריגינעלע זיינע המצאה): היות ער האָט באַקאַנטע דייטשן אין דער אָפּטיילונג פאַר דעוויזן־קאָנטראָל, וועט מען לאָזן מסרן דעם הרב לעווין און דעם באָבאָווער רבין, אז זיי האָבן עפּעס חוטא געווען אויפן דעוויזן־געביט; מ׳וועט זיי אַרויספאָדערן קיין ווארשע צו אן אויספאָרשונג, און דאָ וועט ער זיי שוין אַרויסבאַקומען אויף דער פריי.

מיר האָבן, נאָך אַ פאַרשטענדיקונג מיט לעמבערג, דעם דאָזיקן פּלאַן אַקצעפּטירט. ווי איך בין דערנאָך געוואָר געוואָרן, האָט גאַנצווייך טאַקע אים אָנגעהויבן אויסצופירן, וואָרום מ׳האָט געזוכט טאַקע אין לעמבערג דעם באַבאָווער רבין פאַר עובר זיין אויפן דעוויזן־פאַרבאָט (און

מ׳האָט אַרעסטירט אַן אַנדערן יידן מיטן נאָמען האַלבערשטאַם); אָבער לײדער, איז עס געווען צו שפּעט: הרב לעווין און דער באָבאָווער רבי זענען באַלד דעם זעלבן טאָג פון זייער אַרעסט, דעם 2טן יולי 1941, דער־שאָסן געוואָרן אין הויף פון דער תפיסה אויף לאָנצקי־גאַס.

גאַנצווייך האָט אָפּטמאַל אָפּגענאַרט, קיין איש אמת איז ער ווייט נישט געווען. אָבער אָפט האָט ער אויך געהאָלפן. פאַר געלט, אָבער נישט־זעלטן אויך אָן געלט.

אום ווינטער 1941 האָט ער געשאַפן מיט דער דערלויבעניש, פאַר־שטייט זיך, און אונטערשטיצונג פונעם געשטאַפּאָ א נייעם אמט אין געטאָ, א. נ. „אמט צו באַקעמפן פרייז־טרייבעריי״.

דאַכט זיך א גאַנץ נוצלעכער אמט. דאָס יקרות איז דאָך געווען זייער גרויס אין געטאָ. באמת אָבער האָט גאַנצווייך געשאַפן אונטער דעם דאָ־זיקן דעקמאַנטל א מין פּאָליציי, און וועלכער ס׳האָבן זיך רעקרוטירט נישט דווקא בעסערע מענטשן. דער דאָזיקער אמט, וועלכער האָט זיך בכלל נישט פאַרנומען מיט דעם, וואָס האָט פאָרגעזען זיין נאָמען, — איז געוואָרן אַן עיר מקלט פאַר אַלערליי אויסוואורפן, פאַר שאַנטאַזשן, טונקעלע געשעפטן. קאָרופּציעס א.ד. גל. דאָס איז געווען א פּלאָג פאַרן געטאָ.

אין געטאָ האָט דער נאָמען „לעשנע 13״ (דאָס זיץ־אָרט פון דעם דאָזיקן „אמט״) אָדער, ווי מען האָט עס אָנגערופן בקיצור „דאָס דריי־צענטל״ — אָנגעוואָרפן א שרעק. ס׳איז דאָרט געווען א גאַנצע „היעראַר־כיע״, מיט גראַדן און שטערן, מיט אַן אייגענער פּאָליציי. זיי האָבן באַ־קומען פאַרשידענע פּריווילעגיעס. אזוי למשל איז זיי איבערגעגעבן געוואָרן די אַדמיניסטראַציע פון 80 הייזער אין געטאָ, וועלכע זיי האָבן ווידער איבערגעגעבן צו פאַרוואַלטן זייערע מענטשן. דאָס איז אויך געווען א מקור פון הכנסה פאַרן „דרייצנטל״.

טשערניאַקאָוו, דער קהילה־פּרעזעס, האָט געפּרווט באַקעמפן דאָס „דרייצענטל״.

נאָך לאַנגע באַמיאונגען האָט דער „קאָמיסאַר פאַרן יידישן וווינ־באַצירק״, ד. ה. פאַרן געטאָ, א ו י ע ר ס וו א ל ד, פאַראָרדנט צו

שליסן דאָס „אַמט פאַר באַקעמפן פרייז־טרייבעריי", און די אַקטן איז־בערגעבן אין אַרכיוו פון דער קהילה.

דעמאָלט האָב איך צום דריטן מאָל זיך געטראָפן מיט גאַנצווייכן. צוזאַמען מיט די מיטגלידער פונעם יודענראַט ד״ר גליקסבערג און אינזשיניער סטאַניסלאַוו שערשעווסקי קומען מיר צו גאַנצווייכן; מיר ווייזן אים אַ שריפטלעכע פאַראָרדענונג פון קאָמיסאַר אויערסוואַלד. ער הערט אויס רואיק, און — זאָגט אָפּ צו שליסן זיין אַמט, און אויך איבערגעבן זיינע אַקטן אין קהילה־אַרכיוו.

מיר מאַכן נישט קיין לאַנגע טענות, מיר ווייסן, אַז ער האָט אונטער זיך שטאַרקערע „פּלייצעס" איידער אויערסוואַלד, און מיר לאָזן זיך אַוועקגיין. גאַנצווייך פאַרהאַלט מיך און גיט אַ זאָג צו מיר:

— כ'ווייס, אַז איך אינטערעסירן „פּאַפּירן", קומט אַריין, וועל איך אייך עפּעס ווייזן...

מיר גייען אַריין אין אַ חדר מיוחד און גאַנצווייך נעמט אַרויס אַ פּאַק פּאַפּירן און ווייזט מיר. איך הויב אָן צו בלעטערן. דאָס זענען אָפּשריפטן פון באַריכטן פונעם געטאָ אין וואַרשע, וואָס גאַנצווייך לייגט פאַר וועכנטלעך דער געשטאַפּאָ.

וואָס אַנטהאַלטן זיי?

קודם כל אַן איבערבליק איבער דער טעטיקייט פון דער קהילה פון דער „יידישער זעלבסט־הילף" און אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס, אַ סטאַטיסטיק פון טויט־פאַלן, אַ כראָניק פון געשעענישן. דאָס אַלץ אין אַ לאַקאָנישן, זאַכלעכן טאָן. דאַן קומען פאַרשידענע ידיעות, ווי למשל: „וואָס זאָגט מען אין געטאָ וועגן דער לאַגע אויפן פראָנט?", „וואָס דערציילט מען אין געטאָ וועגן די מלחמה־געשעענישן?"

כ'מוז צוגעבן, אַז די דאָזיקע לעצטע צוויי רובריקן זענען זייער גוט דערדאַגירט. פונעם פאַכמענישן זשורנאַליסטישן שטאַנדפּונקט זענען זיי גוט באַאַרבעט. ווער רעדאַגירט דעם באַריכט? — פרעג איך. גאַנצווייך זאָגט מיר אַ נאָמען פון אַ דייטשן ייד, אַ געוועזענער מיטאַרבעטער פונעם „בערלינער טאַגעבלאַט". יאָ, מ'דערקענט באַלד אַ פאַכמענישע פעדער.

די דאָזיקע רובריקן אַנטהאַלטן זייער אינטערעסאַנטע איינצלהייטן און אָפּשאַצונגען. גאַנצווייך דערציילט מיר, אַז יעדן דינסטיק, דער טאָג

ווען ער ליגט פאַר זיינע באריכטן, דערוואַרט מען זיי מיט אומגעדולד אין דער געשטאַפּאָ־צענטראַלע אויף אַלעיע שוכא 25. — „פונדאַנען", זאָגן זיי, „קענען מיר זיך דערוויסן, וואָס ס'געשעט באמת אויפן פראַגט און אין דער ברייטער וועלט... דאָס איז אונדזער איינציקע ריכטיקע קוועלע..."

זענען די דאָזיקע באריכטן (כ'האָב אדורכגעבלעטערט א צענדליק פון זיי) מסירות?

דאָס וואָלט איך נישט געקענט זאָגן. אדרבה, זיי אנטהאַלטן געוויסע סוגעסטיעס, געשיקט פאַרשלייערט אין „אָביעקטיוויטעט", — וועלכע דאַרפן איבערצייגן די דייטשן, אַז אין זייער אינטערעס ליגט צו באַגיין זיך געמעסיקט מיט די יידן. זיי אונטערשטרייכן די ווירטשאַפטלעכע לייסטונגען פונעם געטאָ. פונדערסטוועגן איז זיכער דאָרט פאַראַן געוויסע אומפּאַרזיכטיקייטן, וואָס אויב זיי זענען נישט קיין מסירה, זענען זיי אבק מסירה. צווייטנס, ליגט נישט אין אונדזער אינטערעס, אַז די דייטשן זאָלן זיין אינפאָרמירט וועגן דעם, וואָס ס'טוט זיך ביי אונדז.

דריטנס, — און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע — ווייס איך דען, וואָס ער שרייבט אין יענע באריכטן, וועלכע ער האָט מיר נישט געוויזן?

איך גיי נישט אורטיילן. איך נאָטיר בלויז פאַקטן און השערות.

דעם 14טן אַפּריל 1942 האָבן זיך באַוויזן אויף די מויערן פונעם געטאָ טויט־אורטיילן און שטעק־בריוו אויף אברהם גאַנצווייך (צוזאַמען מיט אַנדערע, ווי זיין שותף שטערנבערג, אַ געוויסער זאַכאַריאַש). די געשטאַפּאָ איז אים געקומען נעמען ביינאַכט; ס'איז אים געלונגען זיך צו באַהאַלטן, — איצט האָט מען אים פאַראורטיילט צום טויט און מ'זוכט אים.

דאָס האָט ארויסגערופן אַ פאַרשטענדלעכע סענסאַציע אין געטאָ. מ'האָט עס אויסגעטייטשט אַלס פועל יוצא פון אַ ריוואַליזאַציע צווישן צוויי קליקעס אין געשטאַפּאָ, איינע איז פאַר גאַנצוויכן, די צווייטע קעגן אים.

זייט דעמאָלט איז גאַנצווייך פאַרשוווּנדן.

ביים אָנהייב פון דער „דעפּאָרטאַציע" האָט מען אָנגעהויבן צו

„מורמלען" אין געטאָ, אַז ער איז דאָ, אַז ער װעט זיך װידער באַװײַזן. מ'האָט נישט געגלויבט.

הײַנט האָט ער זיך װידער באַװיזן. ער װוינט אויף דער „אַרישער" זײַט לעגאַל, האָט אַ דערלויבעניש דערויף; ער קומט פון צײַט צו צײַט אין געטאָ אַרײַן אויף קופּיעצקאַ־גאַס, װוּ ער איז אַ שותּף צום שאָפּ „פּאַן שעהנע" און „שאַניאַװסקי". לעצטנס שמועסט מען אין געטאָ, אַז ער זאָל װערן פּרעזעס פונעם יודענראַט.

אויף דער „אַרישער" זײַט „נעמט ער אויף" צוזאַמען מיט זײַן שותּף צו געשעפטן, שטערנבערג 1) — אין אַ קאַפע־הויז אויף סענאַ־טאָרסקע־גאַס. ער האָט דאָרט אויך זײַן שטאַב, צו װעלכן ס'געהערן צװײ־שן אַנדערן װלאַדיסלאַװ ליפּסקי 2), די טענצערין פראַנציִשקאַ מאַן 3).

זײַן „שטערן" האָט װידער אויפגעלויכטן...4).

אויף װי לאַנג?

# אין אַ בונקער

## מוצאי־שבת, 9. יאַנואַר.

אַ מערקװירדיקן באַזוך הײַנט געמאַכט: אין דער אונטער־ערדישער װעלט. אינדערפרי קומען צו מיר צװײ יונגעלײַט,

---

1) שטערנבערג איז פאַראורטײלט געװאָרן צום טויט דורכן יידישן װידערשטאַנד־געריכט (די פּאַרטײ) און דער אורטײל איז אויסגעפירט געװאָרן. ער איז דערשאָסן געװאָרן דורך דער פּאַרטײ דעם 3טן מאַי 1943.

2) ליפּסקי האָט פאַר דער מלחמה מיטגעאַרבעט אין דעם פּוילישן סאַטירישן זשור־נאַל „שפּילקי". אין דער מלחמה פאַרפאַסט און רעציטירט אַקטועלע לידער אין דער „לעבעדיקער צײַטונג" אין קאַפע־הויז „שטוקאַ" אויף לעשנע גאַס 2.

3) פראַנציִשקאַ מאַן, אַ באַװוּסטע טענצערין, איז שפּעטער דעפּאָרטירט געװאָרן קיין מײַדאַנעק און פון דאָרט דעם 24טן יולי 1943 קיין אָשװיענטשים. בעת מען האָט זי געװאָלט אַרײַנטרײַבן אין דער גאַז־שטוב, האָט זי אַרויסגעכאַפּט דעם רעװאָל־װער בײַ אַ ס.־ס.־מאַן און אים דערשאָסן. זי איז, פאַרשטײט זיך, דערשאָסן געװאָרן אויפן אָרט.

4) גאַנצװײַיד איז דערשאָסן געװאָרן דעם 24סטן נאָװעמבער 1943 דורך דער „פּאַר־טײ" (יידישע װידערשטאַנד־באַװעגונג).

די ישיבה-תלמידים מאַנעס ראָזענשטרויך און הענדעלעס, און זאָגן מיר: „מען קומט זיך צוזאַמען היינט זייגער 5 נאָכמיטאָג אויף נאַלעווקי־גאַס 35. איר דאַרפט אויך דאָרט זיין". מער נישט. „מען קומט זיך צוזאַמען"... ווער קומט, ווער רופט? צוליב וואָס דאָס צוזאַמענקומען? אין געטאָ פרעגט מען נישט אַזעלכע שאלות. און אַז מען זאָגט: איר דאַרפט אויך זיין דאָרט, הייסט עס: איר מוזט זיין. און דאָס צו דער צייט, פּינקטלעך. וואָרום אַזאַ מין „ידיעה" איז אַ באַפעל. מ'האָט זיך צוגעוווינט צו אַ מיליטערישער דיסציפּלין.

אַלזאָ, פינף מינוט פאַר פינף אַזייגער, קום איך צו צום טויער אויף נאַלעווקעס 35. אַ יונגער בחור אין אַ יידיש היטל (זיי זענען היינט די איינציקע, וואָס האַלטן זיך אין דער טראַדיציאָנעל־יידישער טראַכט; אַלע אַנדערע, אָרטאָדאָקסישע יידן טראָגן היינט „קאַשקעטן"), שטייט שוין ביים טויער און וואַרט, ווי ער דערזעט מיך, גיט ער אַ זאָג: „קום": ער גייט פאָראויס און איך נאָך אים. דאָס הויז איז מיר באַקאַנט, געהער עס דאָך צו אונדזער פריינד דעפּוטאַט יעקב טראָקענהיים. אָבער איצט באַמערק איך, אַז ס'געפינען זיך דאָרט עפּעס אָן אַ שיעור דורכגאַנגען. מיר גייען דורך איין הויף, דעם צווייטן, דעם דריטן, דאַן גייען מיר אַריין אין אַ קעלער, אַ צוויי שטאָק טיף; מיר גייען און גייען און דאַן קומען מיר אַרויס אויף קופּיעצקאַ־גאַס 11. מיר גייען אַרויף אויף די טרעפּ, אויפן העכסטן שטאָק געפינט זיך אַ קליין שטיבל, אין וועלכן ס'שטייט אַ לייטער, וואָס פירט צום בוידעם. מיר קומען אַרויף אויפן בוידעם און מיר גייען און גייען, דורך קאָרידאָרן, מיר שטופּן זיך דורך, דורך לעכער, ביז מיר קומען אַרויס אויף זאַמענהאָף 38. דאָרט גייען מיר אַראָפּ. דאָס דאָזיקע הויז איז גענצלעך פאַרמאַכט, אָפּגעשלאָסן. מיר גייען אַריין אין אַ צימערל אויפן פּאַרטער, געווען דאָרט אַ בית־המדרש; פון דאָרט אין אַ צווייט שטיבל, דאָרט געפינט זיך אָן אויוון, מיין מורה־דרך גייט זיך אַריין אין אויוון אַריין און — פאַרשווינדט. איך בלייב שטיין אין דרויסן; באַלד הער איך אַ קול: „קום!"; איך קריך נאָך אים אין אויוון אַריין; דאָרט געפינט זיך אָן עפענונג, וואָס פירט אין אַ קעלער. איך לאָז זיך אַראָפּ אויף אַ לייטער פון שטריק, אַלץ טיפער און טיפער, ס'נעמט נישט קיין סוף; ענדלעך בלייב איך שטיין אויף אַ פעסטן באָדן, כ'קוק זיך

אום: א גערוימיקע שטוב, ריין, ליכטיק, עלעקטרישע באלייכטונג. ביי די ווענט שטייען לאנגע בענק, אינמיטן שטוב א לאנגער טיש, אן אימפראוויזירטער, פון נישט־אפגעהובליעוועטן האלץ.

מ'פירט מיך אריין אין א קליין צימערל, דארט ווייזט מען מיר א וואסער־ליטונג, אן עלעקטרישע קיך און א גאז־קיך, און אין א שאפע היפשע רעזערוון פון לעבנסמיטל. אויף ווי לאנג זענט איר פארזארגט? — פרעג איך. — געווענדט וויפל מענטשן ס'וועלן דא זיין. דער „סטאק" איז אויסגערעכנט אויף 120 מענטשן אויף 8 חדשים; „מער וועט עס דאך נישט דויערן", — זאגט מיר עמיצער מיט א זיכערקייט.

אלזא, איך געפין זיך אין א „בונקער".

פארשידענע ווערטער האבן אין געטא באקומען א נייע באדייטונג און א נייעם זין. א „בונקער", דאס איז געווען ביי די דייטשן — א נעסט, ווו ס'זענען געווען איינגעבויט מאשינען־געווער און פון וואנען מ'האט באשאסן דעם פיינט. א סיסטעם פון בונקערס איז געווען א פאר־טיידיקונג־זאנע. אין געטא האט א „בונקער" געהייסן אן אונטערערדישע וווינונג, עטלעכע שטאק אונטער דער ערד, מיט א שטארק פארמאסקירטן איינגאנג.

אט למשל דער „בונקער", אין וועלכן כ'געפין זיך איצט, איז אויס־געבויט געווארן דורך עטלעכע פעאיקע יידישע אינזשעניערן, ווי אינזשי־ניער קלעפפיש, אינזשיניער אפענהיים, אינזש. זיידענבייטל א. אנד. דער „בונקער" געפינט זיך אונטער א באמבארדירט הויז. פון דרויסן זעט מען בלויז א הויפן מיט ציגל און שוט; דער טויער און די איבערבלייבענישן פון די ווענט זענען פארזען מיט שטאכל־דראט. קיינעם קען זיך נישט חלומען, אז דא, טיף אונטער דער ערד, לעבן מענטשן.

און דאך געפינט זיך דא א וווינונג, אויסגעשטאט מיט אלע — כ'וואלט געוואגט צו זאגן, „קאמפארטן". עלעקטריש ליכט, וואסער־ליי־טונג, גאז, רעזערווארן פון וואסער און אן אייגענער ברונעם, היגיענישע איינריכטונגען און א „סטאק" פון לעבנסמיטל, מעל, ירקות, קינסטלעכער האניק, געטריקנט ברויט, קארטאפל. א חוץ דעם א רעזערוו פון קוילן און א רעזערוו פון ליכט, נאפט־לאמפן און נאפט — אין פאל ווען ס'וועט נישט זיין קיין עלעקטרישער שטראם.

דאָס אַלץ איז אויסגעפּלאַנט געוואָרן, אויסגעאַרבעט געוואָרן אין לאַנגע טעג און נעכט, מיט אומגעהויערער מי, טראָץ אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן, טראָץ פּחד. וואָרום מ׳האָט דאָך בכלל נישט געטאָרט באַמערקן, אַז ס׳געפינט זיך אויף דעם דאָזיקן שטח אַ לעבעדיק נפש, און אַ קל וחומר שוין, אַז מ׳טוט עפּעס, אַז מ׳פּלאַנט עפּעס און מ׳רעאַליזירט אויך.

באמת אַ וווּנדער פון פעאיקייט, אונטערנעמונגס־גייסט און — טעכניק. (כ׳קלער מיר אַזוי: נאָך דער מלחמה וועט מען רעדן וועגן אַלערליי טעכנישע לייסטונג אין קריג; וועל איך ברענגען די קריגס־טעכניקער אַהער און ווייזן: אָט דאָס האָבן יידן און אין אַזעלכע אומשטאַנדן באַוויזן).

נאָכן באַוווּנדערן די „טעכניק" באַקען איך זיך מיט די מענטשן: קודם כל גרשון סיראָטאַ, דער וועלט־באַרימטער חזן. זיין זון, דער פירער פון דער יידישער רעטונגס־געזעלשאַפט, האָט אים דאָ „איינסטאַלירט". דאַן פּיווישיס, דער דירעקטאָר פונעם יידישן פאָלקס־כאָר פון לאָדזש, וועלכער האָט אין געטאָ אויסגעפירט די אָראַטאָריע „חשמנאים". דאַן דער באַרימטער דיריגענט שמעון פּולמאַן, וועלכער האָט דיריגירט אין געטאָ דעם סימפאָנישן אָרקעסטער אין זאַל פון דעם קינאָ „פעמינאַ" אויף לעשנע, וואָס ס׳האָט אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג ביי די מבינים. עפּעס פּונקט אַ צוזאַמענקום פון מוזיקאַלישע גדולים... כאָטש אָרדן איין אַ קאָנצערט...

אָבער באמת אַ קאָנצערט הער איך פון דער ווייטנס; עפּעס אַ גאָר באַקאַנטער היימישער נגון: דער גמרא־ניגון. איך הער זיך איין פאַרוווּנדערט. אָנשטאָט מיך אויפצוקלערן פירט מיך איינער אַריין אין אַ צווייט שטיבל. און וואָס איך זע, דערמאָנט מיך אין די באַשרייבונגען פון די תנאים, וואָס האָבן געלערנט תורה אין די מערות, פון דער תקופה פון די אנוסים אין שפּאַניע, נאָר דאָ איז עס די סאַמע ווירקלעכקייט:

אַרום אַ לאַנגן טיש זיצן ביי אָפענע גמרות אַ צוויי צענדליק ישיבה־בחורים און לערנען געשמאַק, בעיון, מיטן גאַנצן ברען. זיי האַלטן גראָד נדרים דף נ״ב, ביים גרויסן שטיק ר״ן „וקשיא לי לרבבתא"... זיי זענען

פארטאָן איינגאַנצן אין שקלא וטריא פון „אזלינן בתר שמא או אזלינן בתר עצם"...

די פנימער בלאַס, די אויגן פלאַקערן מיט א פייערל נישט פונדאַנען. זיי זענען אין אַן אַנדערער וועלט. די גרעסטע טייל זענען געבליבן אַליין, אָן עלטערן, אָן משפחה, און אפילו אָן א רבין. יאָ, זיי האָבן א רבין, וועלכער זאָגט דאָ א שיעור צוויי מאָל אין דער וואָך, אין הלכות קדשים, דאָס איז דער קאָלאָביעלער רב, הרב יהודה לייב ל א נ ד ו י, דער געוועזענער ראש ישיבה פון ישיבת חכמי לובלין. א שאָד, וואָס ער איז היינט נישטאָ. ער לערנט אויף מילא־גאָס מיט א 30 תלמידים. דאָרט לערנט ער טאָג און נאַכט.

איך דערקען אייניקע היימישע בחורים, יה י נ ד ע ל עס, דער זון פון דעם פריערדיקן פרנס בנימין זאב הינדעלעס, מאַנעס ר אָ ז ע נ־ ש ט ר ו י ך, א זון פון אליעזר ראָזענשטרויך, ע ל ב י נ ג ע ר, אַן אייניקל פונעם לובלינער רבין, רבי שלמה אייגער, נתן ב א ה א ר י ע, אַן אייניקל פונעם סאָכאַטשעווער רבין, אהרן ז ע מ ב א, א זון פונעם הרב ר' מנחם זעמבא, לייבל א ל ט ע ר, אַן אייניקל פונעם גערער רבין, און צווישן זיי דער באַקאַנטער ביליצער פאַבריקאַנט פון מאַנופאַקטור־סחורה סענדער פ ר ע נ ק ע ל. דער לעצטער איז בלויז „האָספּיטאַנט", ער קומט נאָר פון צייט צו צייט. שטענדיק זענען זיי אין שאַפּ „טעבענס" אויף לעשנע. איך טרעף אויך דאָ דוד אלימלך ק אָ־ פּ ע ר און אברהם זקן פ ע ל ד ו ע ב ע ל, צוויי חנוך־עסקנים פון דער אגודת ישראל.

ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס „שטיבל" איז א „סובלאָקאַטאָר" ביי די אינזשיניערן אין „בונקער". ס'קאָסט א סך געלט די דירה. תחלת האָבן די פרייע שכנים זיך זייער געקרומט אויף די פאַנאַטישע חסידישע בחורים, וואָס ווילן אפילו נישט רעזיגנירן פון די יידישע היטלען און פון די לאַנגע פאות. שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן זיך צוקוקן דערצו מיט פאַראינטערעסירטקייט: „עקזאָטיק"... דאַן האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַוווּנדערן דאָס עקשנות פון יענע „ווילדע"; ביז ענדלעך זיי האָבן אָנגעהויבן צו קוקן מיט — דרך ארץ...

און ווען איינער, א באַוווּסטער אסימיליאַטאָר, זיידענבייטל, דער־

ציילט מיר, ווי גאנצע גענצט זיצן זיי און לערנען, ווי זיי דאוונען בצבור, „פונקט ווי אין דער סינאגאגע", ווי אום שבת זינגען זיי אויס אלע זמי־רות און אלע מאדזשיצער נגונים, — ער ברומט מיר אונטער עטלעכע באקאנטע חסידישע מעלאדיעס, וואס ער האט שוין באוויזן זיך אויס־לערנען דא אין בונקער, — ווען ער גיט מיר איבער עטלעכע אינטערע־סאנטע חסידישע געדאנקען, וואס יענע האבן אים אריינגעהאקט אין זיין אסימילאטארישן ראציאנאליסטישן מח, — פיל איך, ווי ער רעדט מיט — דרך ארץ.

און געמישט מיט אביסל קנאה אויך.

— זיי, — זאגט מיר ד״ר פשעדבארסקי, — ווייסן כאטש פאר וואס זיי ליידן...

— אשריך ר׳ עקיבא שנתפסת על דברי תורה, — ענטפער איך אים מיט א מאמר חז״ל.

אבער גערופן האט מען מיך נישט אויף צו „באקוקן" דא, — דער־מאנט מיך סענדער פרענקעל. לאמיר רעדן צו דער זאך.

— אין וואס גייט דא?

א הויכער דארער בחור מיט אן אסקעטיש פנים און טיף־דורכ־דרינגענדיקן בליק „רעפערירט" אין וואס דא גייט:

— יוסף שטשעראנסקי, דער אמאליקער עסקן פון „ישיבת חכמי לובלין", האט אונדז געשיקט זאגן, אז מ׳קען אונדז „לעגאליזירן" ביים „שאפ" פון „הערמאן ברויער" אויף נאלעווקי 28-38; מיר קענען באקומען נומערלעך, אריינציען זיך אין „שאפ", ארבעטן דארט און אויפהערן צו זיין „ווילדע" (אזוי רופט מען די אלע, וואס באזיצן נישט קיין נומער־לעך). מיר וועלן אויך באקומען ברויט־קארטן און ברויט און זופ. מ׳וועט מאכן א כשרע קיך ביי דער קהילה.

— האבן מיר אייך געשיקט רופן, כדי צו פרעגן: זאלן מיר עס טאן?

— און וואס איז אייער דעה? — פרעג איך צוריק.

קיינער ענטפערט נישט. אלע שווייגן פארטראכט. — פלוצים הייבט זיך אויף דער יונגער עלבינגער, אן אייניקל פונעם לובלינער רבין, א בחורל פון א יאר 18 און גיט א זאג:

— פאר מיר האב איך מיר שוין געפסקנט: איך גיי נישט. איך בלייב דא! פארן כלל דארף מען זיך אבער מיישב זיין.

— און וואס איז דיין סברה? — פרעג איך אים.

— מיין סברה איז פשוט: מ'גיט זיך נישט איבער אליין דעם שונא אין די הענט אריין. וויפל זענען געווען „רעגיסטראציעס", „ציילונגען", „פארשרייבונגען" אין משך פון די אלע דריי יאר? 5? 6? 7? 10? איך האב זיך צו קיינע נישט געשטעלט. וואָרום איז עס אזא פשוטע זאך, האב איך מיר געקלערט, זיך צו פארשרייבן צו ארבעט אפילו בלויז? און וואס וועט זיין מיט שמירת שבת? און מיט מאכלות אסורות? האב איך זיך מיישב געווען: איך גיי נישט! וואס? דער דייטש האט געדראָט מיט טויט־שטראף פאר נישט רעגיסטרירן? האב איך געקלערט, וועט מען מיך דען קאנטראָלירן דעם ערשטן? וועל איך הערן, אז מ'האט עמיצן קאנטראָלירט, וועל איך מיך דעמאָלט באהאלטן (און מ'האט דאך טאקע נ י ש ט קאנטראָלירט קיינמאל). אז באהאלטן דארף מען זיך סיי ווי סיי פארן שונא האט טאקע מיין נאמען קיינמאל זיך נישט געפונען אויף די תרפ"ט ליסטעס, אויף די אויפפאָדערונגען צו צוואנגס־ארבעט, צו די מעדערלעכע ארבעט־לאגערן און אנדערע מיתות משונות. איך האב קיינמאל נישט געדארפט אפנוצן „פראָטעקציע" ביי די קהילה־טוער, כ'האב אפילו זיך נישט געפונען אויף אייער „רבנישער" ליסטע, און נישט געקומען צו אייך נאך טובות, נאך באפרייאונג, נאך פריווילעגיעס... א יא, איר האט מיך קיינמאל נישט געזען ביי אייך אין ביורא?... — ענדיקט ער מיט א ביסל איראָניע און סאטיספאקציע...

— „אפיציעל" האט מען מיך די גאנצע צייט נישט געטשעפעט. איך בין דאך נישט געווען פארשריבן, רעגיסטרירט, לעגאליזירט... און ביי נישט־אפיציעלע „כאפענישן" און צרות „המתרגשות לבוא לעולם", — האב איך זיך באהאלטן. בעסער ווי אנדערע. וואָרום איך בין דאך געווען „טרפה"; נישט געהאט קיין טויץ לעגיטימאציעס, (וואס האבן געהאָלפן ווי א טויטן באנקעס...) — און השי"ת האט מיך אפגעהיט.

— איז געקומען די שחיטה, וואס איר רופט אזוי שיין אן „אקציעס", אדער „דעפאָרטאציעס", בין איך נישט געלאפן אין די „שאפן", און נישט נאך ארבעטס-קארטן, נאר ווייטער געווען „אומלעגאל", א „וויל-

דער״, און זיך ווייטער באהאלטן. — ווען די ס.ס.־לייט האבן ארויסגע־געבן א באפעל:

— „אלע יודען הערויס!״

— בין איך נישט ארויסגעלאפן אין הויף. נאר געבליבן אין א „בלינד״ שטיבל. זיך באהאלטן. וואס האב איך מורא? מ׳וועט מיך כאפן, וועט מען מיך שיסן? און, אז כ׳וועל אליין ארויסגיין, וואס וועט זיין? נישט דאס זעלבע?

— האט מען געגעבן א באפעל — זעצט ער פאר — אז אלע יידן זאלן זיך פארזאמלען אין „קעסל״ אויף וואלינסקע־מילע, בין איך נישט געגאנגען; נאר געבליבן באהאלטן אויף נאלעווקי, אט דא אין שכנות; און נישט דורכגעמאכט קיין „סעלעקציע״. ווארום איך בין דאך געווען א „טרפהנער״. איך האב דאך נישט געהאט קיין פאק מיט פאפירלעך... און השי״ת האט מיך אפגעהיט, ווי איר זעט.

— איצט, אבער האנדלט זיך דאך וועגן א כלל, — ענדיקט ער, — ווילן מיר זיך מיט אייך בעראטן; איר זיצט דאך אין דער „גמינע״, און אין אייער ארכיוו האט מען דאך איינגעזאמלט אזוי פיל קלוגע און גע־לערנטע מענטשן... וואס זאגט איר? וואס זאגן זיי?

— אויב דו ביסט געווען די גאנצע צייט ביי אט דער מיינונג, — ענטפער איך אים, — און נישט אפגעשטאנען טעג גאנצע, זיך צו רעגיס־טרירן פארן דייטש, און נישט געלאפן נאך לעגיטימאציעס און נישט זיך סומך געווען אויף זיי, — קומסטו איצט זיך מיט מיר בעראטן? אדרבה, איך וואלט ביי א י י ד פרעגן אן עצה! זע איך דאך, אז איר זענט געווען ביים ריכטיקן דעת. ווארום מ׳זעט דאך, אז דווקא איר, די „וויל־דע״, די „אומלעגאלע״, די אין פלוג אמיינסטן באדראטע, האבן זיך גע־ראטעוועט אין א פארהעלטעניש־מעסיק פיל גרעסערער צאל, איידער די „לעגאלע״, „פארזיכערטע״, מיט ארבעט־אויסווייזן, לעגיטימאציעס און נומערלעך...

— וויל איך גיכער הערן א יי ע ר מיינונג, — ענדיק איך, — איבעריקנס, איז דאך פאראן צווישן אייך אויך דעת ה ת ו ר ה.

ס׳אנטוויקלט זיך א קליינער שמועס. ס׳שווימט אויף א צווייטע פראגע: ואם תאמר מה נאכל? ווו וועט מען נעמען רעזערוון אויף איבער־

צוהאלטן? די באלעבאטים פונעם „בונקער" האבן אויך אויסגענומען, אז די תלמידים מוזן האבן אן אנטשפרעכנדיקן רעזערוו פון לעבנסמיטל, מער ווייניקער ווי זיי האבן. ווארום, ווען ס'זאל זיך ביי זיי אויסשעפן, וועט דער גאנצער „בונקער" זיין באדראט. ס'טאר נישט זיין דא קיין הונגעריקע מענטשן. הונגעריקע מענטשן זענען א קאטאסטראפע פאר א „בונקער"... דער לעבנסמיטל־רעזערוו מוז זיין פאר אלע, מער ווייניקער, גלייך.

איך פראפאניר, אז איך וועל פארלייגן די דאזיקע ביידע פראגן, ד.ה. צי מ'זאל זיך לעגאליזירן, און אין פאל ווען נישט, — ווו נעמען צו עסן, — די רעליגיעזע אויטאריטעטן און עסקנים, — הרב ר' מנחם זעמבא, הרב דוד שפירא, הרב לייב פראמער פון קאזשעגלאוו, א. ז. פרידמאן, ווי אויך די פינאנס־מענטשן, אברהם געפנער, יצחק גיטערמאן און גוזשיק, וועלכע וועלן זיכער נישט אפזאגן זייער פינאנציעלע הילף.

איבעריקנס עקזיסטירט דאך דער קאמיטעט „עזרת תורה" מיט יוסף קעניגסבערג, הרב דוד שפירא, הרב שמשון שטאקהאמער, סענאטאר יעקב טראקענהיים אין דער שפיץ. זיי זארגן פאר די לויפנדיקע הוצאות פון די לומדי תורה, זאלן זיי זארגן פאר רעזערוון פאר די באהאלטענע אויף דער צוקונפט. איך נעם זיך אונטער די דאזיקע פראגע אויך פארצושטעלן דער פינאנץ־קאמיסיע פונעם ווידערשטאנד־קאמיטעט, ווארום אויך דאס, דאס לערנען תורה אין די „בונקערס", און איבערהאלטן דארט, איז א פארם פון ווידערשטאנד. (איבעריקנס פארטרעט איך דאך צוזאמען מיט אייניקע אנדערע דעם שטאנדפונקט, אז מיר דארפן פונקט אזוי זארגן פאר ה צ ל ה ווי פאר ווידערשטאנד, און לויט מיין מיינונג — פיל מער!).

איך זאג צו צו געבן תשובה אין משך פון צוויי טעג.*)

---

*) די רעליגיעזע אויטאריטעטן האבן געהייסן בלייבן אין די „בונקערס". און די פינאנס־מענטשן האבן געשאפן די מאטעריעלע באדינגונג דערצו. בעת דעם אויפשטאנ־ דעם 19־22 אפריל 1943 האבן די ישיבה־בחורים אונטער דער אנפירונג פון הרב זעמעלמאן פון פשייטש (אגודה־עסקן) און הרב ראובן הארוויץ פון אליקע (מזרחי־עסקן) גענומען א זייער אקטיוון אנטייל אין קאמף. זיי האבן געבילדעט איין אפטיילונג צוזאמען מיט אנדערע און זיך אויסגעצייכנט מיט מסירת נפש.

בעת איך וויל פארלאזן דעם „בונקער", שטעלט מיך אפ א שוואר-צער בחור; ער האט מיט מיר צו רעדן ביחידות:

— מ׳דארף קלערן וועגן געווער... איך זאל אויספועלן ביים ווידער-שטאנד־קאמיטעט א געהעריקע צאל רעוואלווערן און אמוניציע. הרב זעמעלמאן פון פשייטש און הרב ראובן האראוויץ האבן דאס געזאגט. אבער דערווייל האבן זיי נאך גארנישט באקומען. ווי א זאך מאכט זיך, דארף מען זיין גרייט, — זאגט ער מיר. לדורן — האט נישט געפועלט; לתפי-לה, דאס טוען מיר; אבער מיר דארפן אויך זיין גרייט — ל מ ל ח מ ה. יעקב אבינו האט אונדז געלערנט, ווי אזוי מ׳דארף זיך באגיין מיט עשון...

איך בין אינגאנצן איבערראשט פון אט דער דאזיקער פאדערונג. כ׳זאג צו זי צו דערפילן *).

מ׳פירט מיך ארויס מיט די זעלבע געדרייטע אונטערערדישע לע-כער און באהאלטענע וועגן פון דעם „בונקער". — ווען איך געפין זיך שוין אין דרויסן און קוק אויף דעם הויפן גרוז און ליים, אונטער וועלכן ס׳לעבן מענטשן, העלדן נאך פ א ר דעם אויפשטאנד, וואס לייסטן ווידערשטאנד, נאך פ א ר דעם „ווידערשטאנד", זע איך פאר זיך א גרויסקייט, וואס פליסט פון די טיפסטע טיפענישן פונעם יידישן גייסט.

מ׳לערנט גמרא בעיון, מ׳פארטיפט זיך אין תורה און מ׳גרייט זיך צום קאמף אין פשוטן ווערטלעכן זין פונעם ווארט.

## איוב-בשורות פון לעמבערג און ליטע

### זונטיק, 10. יאנואר.

געקומען היינט איינער פון ל ע מ ב ע ר ג. בין איך באלד געלאָ-פן געוואר ווערן, וואס הערט מען דארט. און אט וואס איך הער:

זייט אויגוסט 1942 קומען פאר „אקציעס". פון 130 טויזנט יידן זענען פארבליבן בלויז א 25 טויזנט. די דאזיקע געפינען זיך אין לאגער

*) דער דאזיקער „בונקער" האט טאקע באקומען א געוויסע צאל געווער און זיך דערמיט גוט באנוצט ביים אויפשטאנד.

אויף יאַנאָווסקאַ־גאַס און אין פאַרשידענע דייטשע „ווערקשטעלן“ אין שטאָט גופא.

— איך בין אַוועק קוים מיטן לעבן — דערציילט מיר דער „פּליט“ ה׳ קלינגהאָפער — פון דער לעצטער „אַקציע“, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 1טן יאַנואַר 1943. מ׳האָט נישט האָנאָרירט קיין שום לעגיטימאַציעס דעמאָלט. ווער ס׳איז נאָר אונטערגעקומען אונטער דער האַנט, ד. ה. ווער ס׳האָט זיך נישט געקענט באַהאַלטן, איז פאַרנומען געוואָרן.

איך ווער געוואָר, אַז דער לעצטער ראש הקהל פון לעמבערג, ד״ר הענריק לאַנדסבערג איז אויפגעהאַנגען געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך 21 יידן, ווייל מ׳האָט געשאָסן אויף אַ ס.ס.־מאַן אין שכנות פון די טויערן פונעם געטאָ.

לעמבערג האָט געהאַט במשך פון דער דאָזיקער קורצער צייט פיר ראשי הקהל, אָדער פּאַרזיצער פונעם יודענראַט: ד״ר יוסף פּ אַ ר נ אַ ס. דער באַוווסטער אינדוסטריעלער און נדבן, — פאַרפּייניקט געוואָרן דורך די נאַצים — ד״ר אַדאָלף ר אָ ט פ ע ל ד, — דער פריערדיקער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לעמבערג, — געשטאָרבן פאַר צרות. ד״ר הענריק ל אַ נ ד ע ס ב ע ר ג, אויך ער אומגעקומען פון די רוצחישע הענט; איצט איז אַדוו. ד״ר ע ב ע נ־ז אָ ן.

איך ווער געוואָר פּרטים וועגן דעם טראַגישן אומקום פון נאָך אַנדערע יידישע פערזענלעכקייטן. הרב אהרן ל ע וו י ן, דער ריישער רב און פריערדיקער סיים־דעפּוטאַט, איז געווען אין לעמבערג בעת דער סאָוועטישער אָקופּאַציע; ער איז געזעסן און געלערנט תורה, און פאַרענדיקט דעם 5טן טייל פון זיין באַקאַנט חבור „הדרש והעיון“ (אויף דברים). עטלעכע טעג נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען לעמבערג, דעם 21סטן יוני 1941, איז ער אַרעסטירט געוואָרן און באַלד דערשאָסן געוואָרן אין דער תפיסה אויף לאָנצקיעגאָ-גאַס. אין דער זעלבער צייט און אין די זעלבע באַדינגונגען איז אומגעקומען דער ב אָ ב אָ־וו ע ר רבי, הרב ה אַ ל ב ע ר ש ט אַ ם צוזאַמען מיט דער גרעסטער טייל פון זיין משפּחה (בלויז אייניקע פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט קיין אונגאַרן).

דעם הוסיאַטינער רבינס איידעם הרב נחום פ ר י ד מ אַ ן, וועלכער האָט געוווינט לעצטנס אין לעמבערג, און וועמענס הויז ס'איז געווען אַ צענטער פון חסידות, איז פאַרנומען געוואָרן קיין בעלזשיץ סוף נאָוועמבער 1942. דער באַיאַנער רבי הרב מ. פ ר י ד מ אַ ן איז געווען אַ טערקישער בירגער; אויסלענדער האָבן די דייטשן נישט דעפּאָרטירט; אים אָבער האָבן זיי אַרעסטירט, שרעקלעך אים געפּייניקט, אויסגעריסן ביי אים די באָרד, און צום סוף — איז ער פאַרשוווּנדן אָן אַ שפּור. די לעמבערגער רבנים, הרב משה אלחנן אַ ל ט ע ר, הרב וואָ ל פ ס ב ע ר ג, הרב ר אַ פּ אַ פּ אָ ר ט א.אנד. זענען אַלע „דעפּאָרטירט".

אויך אַנדערע יידישע פּערזענלעכקייטן האָט דער ביטערער גורל נישט פאַרשוינט. דער באַרימטער אַדוואָקאַט ד״ר לייב ל אַ נ ד ױ, דער פּאַרטייידיקער אין שטייגער־פּראָצעס, האָט זיך אויסבאַהאַלטן צווישן קריסטן; ער האָט אָבער געוואָלט ראַטעווען זיינע נאָענטע און פריינד, און אַרויסגעגאַנגען פון זיין באַהעלטעניש און — איז געכאַפּט געוואָרן.

צווישן די קרבנות פון דער לעצטער אַקציע זענען געווען דער רעדאַקטאָר פון דער יידיש־פּוילישער צייטונג „כווילאַ" הענריק ה ע ש ע ל ע ס, דער פּרעזעס פון אגודת ישראל משה ה י ר ש פּ ר ו נ ג, ה' הנוך אַ ש כ נ ז י, דער באַוווּסטער פּאַרטייידיקער אַדוואָקאַט ד״ר אַ ק ס ע ר, ה' שלום וואָ ל אַ ך ה' משה מ אַ י ר, און זייערע משפּחות.

באַזונדער טראַגיש איז געווען דער גורל פון דעם באַקאַנטן געלערנטן אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר ד״ר משה אַ ל ע ר ה אַ נ ד, דער פריערדיקער ראש הקהל. ער האָט זיך געווענדט צו פאַרשידענע זיינע פריינד פּאָליאַקן, איז ער דאָך אַזויפיל יאָרן געווען אוניווערזיטעטס־פּראָפעסאָר און דערציער פון דורות אַדוואָקאַטן; האָט ער געבעטן, מ'זאָל אים העלפן. אָבער זעלטן ווער האָט זיך אָפּגערופן. 2 אָדער 3 האָבן אים אויסבאַהאַלטן, אָבער בלויז אויף אייניקע טעג. דאַן האָט ער געמוזט פאַרלאָזן דאָס באַהעלטעניש און איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די נאַצים. ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן קיין בעלזשיץ.

אין לעמבערג איז אויך אָנגעקומען (אין יולי 1941) דער יונגער־

געלערנטער דאָצענט פונעם יודאַאיסטישן אינסטיטוט אין װאַרשע ד״ר ישראל אָ ס ט ע ר ז ע צ ע ר מיט זיין שװער דעם ציוניסטישן עסקן ליפּאַ ג א ל ע ר פון פּשעמישל און לעצטנס מיין פריינד ד״ר הערש פּ פ ע פ ע ר, װעלכער איז לעצטנס אויפגענומען געװאָרן אַלס ד״ר טהאָנס נאָכפאָלגער אין קראָקעװער טעמפּל, און װעלכער איז פון דאָרט אװעק אין זיין היימשטאָט טאַרנאָפּאָל, און פון דאָרט קיין לעמבערג.

איך װער געװאָר, אַז מיין פריינד ד״ר טאַדעאוש ז א ד ע ר ע צ־ ק י, דער באַװוסטער קריסטלעכער תלמוד־געלערנטער, האָט אין א דאָרף ביי לעמבערג אויסבאַהאַלטן אייניקע יידן. ער אַליין האָט אָבער געמוזט זיך שפּעטער באַהאַלטן פאַר די דייטשן. באַקומען אַ גרוס פון אים דורך זיינע חברים שלום ברוינער און יוסף שואל צוקער, װעלכע זענען שוין אויך — װי כ׳װער איצט געװאָר — דעפּאָרטירט.

:: :: ::

דעם זעלבן טאָג אַ בריװ פון מיין משפּחה אין לעמבערג; פון מיין ברודער משה זיידמאַן, מיין שװאָגער משה בלױשטיין, מיין שװעסטער רחמה און מיין ברודער אַנשיל. זיי שרייבן מיר, אַז זיי אַרבעטן אַלע אין אַ „שאָפּ״ אין דער קאָאָפּעראַטיװ „טעקסטיליא״ אין פּאַסאַזש הויסמאַן נומ׳ 6. זיי באַזיצן אַלערליי לעגיטימאַציעס, אָבער קיין — האָפענונג.

פון יעדן װאָרט אין בריװ שרייט ארױס פאַרצװייפלונג. מיין ברו־ דער דערציילט מיר אין די בריװ: דער פעטער אונדזערער הערצל האָר־ װיץ (באַקאַנט אין לעמבערג מיט זיין צדקות און אהבת ישראל, מיט זיין מסירת נפש פאַר יידן) איז געשטאָרבן אין געטאָ אין נויט און אין צרות. געקומען צו קבר ישראל. קיינער פון זייגע קינדער, אונדזערע קוזינען, זענען שוין נישטאָ. בלויז איינער פון זיי, ישראל אײבעשיץ, שרייבט צו: „אַ גרוס פון מיר דעם איינזאַמען״.

און מיין שװאָגער משה בלױשטיין שרייבט:

„נישטאָ קיין האָפענונג. מיר זענען פאַראורטיילט. מיר גריסן דיך. און אַ גרוס אייך פון טאַנטע נ ק מ ה!״

מיין ברודער משה שיקט מיר אַריין זיין פאָטאָגראַפיע מיט פאַלגנדי־ קער צושריפט:

„החייני אלי אך למחר,
אולי אפתור את החלום...״

:: :: ::

און קומענדיק א היים האב איך געטראָפן א קאַרטל פון מיין ברודער משה. ער שרייבט:

„ליבער ברודער! איך קען עס פאר דיר מער נישט באהאלטן. דעם 10טן אויגוסט 1942 האָט מען דעפּאַרטירט אונדזער ליבן פאַטער; מ׳האָט אים פאַרהאַלטן אויף דער גאַס, ווען ער איז געגאַנגען צו דער ארבעט, עס האָט געפעלט א שטעמפּל אויף זיין ארבעטס־קאַרטע, האָט מען אים פאַרנומען. פונעם באַנהויף האָט ער דורך א יידישן פּאָליציאַנט צוגעשיקט פאָלגנדיק בריוול:

„איך געזעגן זיך מיט מיינע זין, טעכטער, איידעמס, און בעט, זיי זאָלן מיר מוחל זיין, אויב כ׳בין עפּעס זיך שלעכט באַגאַנגען לגבי זיי. — זייט געזונט! זייט מודיע הללן״.

מיין ברודער שרייבט מיר ווייטער:

„מ׳דאַרף נישט פאַרלירן די האָפענונג. געקומען בריוו פון מענטשן עלטערע פונעם טאַטן, אז זיי אַרבעטן.

און ווייטער:

„דריי טעג דערנאָך האָט מען פאַרנומען אונדזערע שוועסטער שרה און רעבילן; מ׳זאָגט, אז אויף פעלד־ארבעט״.

:: :: ::

אָבער ביי מיר איז דאָס האַרץ פאַרשטאַרצט. נישטאָ קיין האָפענונג. און דאָך לעבט מען ווייטער. אין ווייטיק, אין יאוש — און דאָך...

עפּעס איז אָפּגעטעמפּט ביי אונדז דאָס געפיל. אין נאָרמאַלע צייטן אזא אומגליק, וואָלט איך עס אפשר נישט איבערגעלעבט. אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט דער ווייטיק אויפגעריסן אלע חושים. און היינט „גייט מען ווייטער״, מ׳זאָרגט ווידער וועגן עסן, וועגן ראַטעווען זיך, וועגן פאַרזיכערן זיך.

יעדן דאַכט זיך, אַז זײַן פֿאָטער, זײַן שװעסטער אָדער ברודער, זע־נען די בעסטע.

איך װײס אָבער, אַז אָביעקטיװ גענומען זענען זײ מיט זײערע מע־לות און מידות געשטאַנען אַ סך העכער פֿונעם דורכשניט. איז דאָך מײַן פֿאָטער אברהם זײדמאַן הי״ד, געװען באַקאַנט װײט און ברײט מיט זײַנע אױסערגעװײנלעכע מעלות און מידות, מיט זײַנע קענטעניש, לומ־דות, חסידות. דעת און מסירת נפש פֿאַר ייִדן. און האָב איך דאָך שטענ־דיק אַרױפֿגעקוקט צו אים מיט טיפֿער ליבע און יראת הכבוד צוגלײַך.

און הײַנט — עס ברענט אין מיר דער װײטיק, אָבער גלײַכצײַטיק פֿיל איך עפּעס אַ פֿאַרשטאַרצקײט.

:: :: ::

דאָס באַמערק איך אױך בײַ יעדן אײנעם פֿון אונדז. יעדער איז אַ געטראָפֿענער, אַ טיף צעבראָכער, — אָבער מ׳גײט װײַטער מיטן לעבן; מ׳זאָרגט װײַטער װעגן ברױט װעגן ראַטעװען זיך, װעגן איבערקומען דעם טאָג.

ס׳װײַזט זיך אַרױס, אַז דאָס מענטשלעכע באַװוסטזײַן פֿון אומ־גליק און די מענטשלעכע עמפֿינדלעכקײט אױף װײטיק — איז נישט אומבאַגרענעצט. מיר זענען פּעאיק אײַנצונעמען אין זיך געשעעניש, עמפֿינדונגען בלױז ביז צו אַ געװיסער גרענעץ. אפֿשר דאָס רופֿן די פּסי־כאָלאָגן „די שװעל פֿון באַװוסטזײַן״. און אונדזער אומגליק איז אַזױ אומגעהױער, אונדזער װײטיק — אַזױ טיף, — גדול כים שברך, — אַז מיר זענען גאָרנישט אימשטאַנד עס צו באַגרײַפֿן. מיר גיבן זיך נישט אָפּ קײן רעכענונג װאָס דאָ איז געשען. דאָס װאָס האָט אונדז און מיט אונדז פּאַסירט, איז שױן אױסער די גרענעצן פֿון מענטשלעכן באַװוסטזײַן.

נישט דער יחיד און נישט דער כלל גיט זיך אָפּ רעכענונג װאָס דאָ האָט פּאַסירט. אַ סך פֿון אונדז „נעמען עס נישט צו קענטעניש״. מ׳לעבט אַזױ, גלײַך װי דאָס װאָס איז געשען, איז נישט געשען. מ׳לעבט אין אַן אַנדערער װירקלעכקײט, אין אַ װירקלעכקײט פֿון פּ אַ ר ן אומגליק. בפֿרט די, װאָס האָבן נישט אַלײן געזען מיט אײגענע אױגן דעם אומ־

קום פון זייערע טייערסטע — און דער גרעסטער טייל פון די איבערלע־בנדיקע האָבן עס נישט געזען! — לעבן מיט זיי אין געדאַנק, און יענע, די אומגעקומענע לעבן אין אונדז. דאָס איז עפּעס א מין „שעפערישע אומגעקומענע, לעבן אין אונדז. דאָס איז עפּעס א מין „שעפערישע ווירקלעכקייט", מער לעבעדיקע און אַנוועזנדיקע ווי די — ר ע א ל ע. מיר לעבן אין דער רעאַלער וועלט, אין דער ווירקלעכער ווירקלעכקייט, ווי אין אַן „עולם הדמיון". בעת דער עולם הדמיון איז אין אונדז אַ ממשות. אזוי לעבן מיר אין א ד ו א ל י ז ם. אין צוויי וועלטן. אין איינער, וואָס איז אומברחמנות פאַרטיליקט געוואָרן, אָבער „עקזיס־טירט" נאָך א י ן אונדז, און אין אַ צווייטער, וואָס איז א ר ו ם אונדז, אָבער מיר האָבן זי נאָך נישט „געקומען צו קענטעניש". דעריבער פאַרשטייט מען אונדז נישט, אונדז — וואָס מיר קומען פון דאָרטן.

און די תפילה פון „אל מלא רחמים" איז מקוים געוואָרן: „ותהית נשמתו צרורה בצרור החיים!"... יאָ, זייערע נשמות ז ע נ ע ן אָנ־געבונדן אין בונד פון לעבן; פון א ו נ ד ז ע ר לעבן.

מיר טראָגן אין זיך זייער פּיין און זייערע ליידן, זייערע חלומות און זייערע אידעאַלן.

:: :: ::

נאָך אַ באַזוך געהאַט היינט: געקומען פון ווילנע און קאָוונע מיינס אַ באַקאַנטער, ה׳ זאַלצוואַסער. איך פרעג אים אויס וועגן גורל פון די דאָרטיקע יידן, וועגן יידישע פערזענלעכקייטן אין ליטע, און — אָט וואָס איך הער:

— געבליבן בלויז אַ גאָר קליין הייפל פונעם ליטווישן יידנטום. דער חורבן איז אומגעהויער. די פאַרטיליקונג האָט ארומגענומען כמעט אַלע. און דאָס צוליב דער מיטהילף פון די ליטווינער. זיי האָבן געהאָלפן די דייטשע רוצחים און דערצו נאָך געמאַכט פּאָגראָמען אויף אייגענער האַנט.

— דער אַלטער ציוניסטישער עסקן פון ווילנע ד״ר וויגאָדזקי איז מוראדיק געפייניקט געוואָרן דורך די נאַצים. דאָן איז ער דערשאָסן גע־וואָרן. דער זעלבער גורל האָט געטראָפן נח פרילוצקי, אין מינסק, ווו ער איז געווען אונטער די סאָוועטן פּראָפעסאָר אין דאָרטיקן אינסטיטוט

פאַר יידישער קולטור און אַנדערע יידישע שרייבער פון וואַרשע.

דעם 15טן יוני 1941, א קורצע צייט נאָכן אריינקומען פון די דייטשן קיין ווילנע, האָבן זיי פאַרנומען דעם גאַנצן יודענראַט, צווישן זיי הרב יוסף שוב, דעם רעדאַקטאָר פון דער אָרטאָדאָקסישער צייטונג דאָס „וואָרט", זיי ארויסגעפירט אין וואַלד אין פאָנארי, און זיי אַלע דערשאָסן. ס'איז אויך דעמאָלט אומגעקומען הרב אייגעס, אינזשיניער קראַקאָווסקי, דער באַקאַנטער עסקן, א זון פונעם לעצטן ווילנער שטאָט־מגיד, און אַנדערע יידישע עסקנים.

— אין קאָוונע — דערציילט מיר ווייטער ה' זאַלצוואַסער — זענען אומגעקומען אַלע באַרימטע גאונים און ראשי ישיבות, צווישן זיי דער קאָוונער רב הרב שפּירא, דער סלאָבאָדקער רב הרב ירושלמי. דעם 3טן טאָג נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען קאָוונע, געווען איז עס מיטוואָך דעם 25סטן יוני 1941, זענען זיי אינדערפרי זייגער 8 באַפאַלן די פאָרשטאָט סלאָבאָדקע. ארויסגעשלעפּט מענטשן און זיי דערשאָסן אויפן אָרט, אָדער אוועקגעפירט.

זיי זענען אריין אין הויז פונעם ראש ישיבה פון סלאָבאָדקע הרב אברהם גראָדזענסקי. זיי טרעפן דאָרט אייניקע רבנים און ראשי ישיבות, צווישן זיי רבי אלחנן וואַסערמאַן, דעם ראש ישיבה פון באַראַנאָוויטש. רבי אלחנן וואַסערמאַן איז איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן נישט נאָר אין ליטווישן יידנטום. ער איז געווען באַטראַכט ווי א נאָכפאָלגער פונעם „חפץ חיים"; ארום אים האָט זיך גרופּירט דאָס גאַנצע רעליגיעזע לעבן אין ליטע, און זיין השפעה האָט דערגרייכט ווייט אין אַנדערע לענדער. ער איז האַרט פאַר דער מלחמה געווען אין אויסלאַנד, אין אַמעריקע; ער איז אָבער צוריקגעקומען, נישט וועלנדיק איבערלאָזן די ישיבות אויף אייגענעם באַראָט. אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דער סאָוועטישער הערשאַפט אין ליטע איז ער געווען דער מיטלפונקט פון אַלע הצלה־אונטערנעמונגען. איצט האָט ער זיך אויך געפונען מיט זיין משפחה אין ליטע. די ס.ס.־לייט זענען אריינגעפאַלן מיט זייער אייגנטימלעכער רציחה אין הויז פון הרב אברהם גראָדזענסקי און באַלד פאַרנומען רבי אלחנן וואַסערמאַן און אַנדערע רבנים. ער האָט געבעטן, מ'זאָל אים דערלויבן מיטנעמען זיינע קינסטלעכע ציין, וועלכע ער האָט דעמאָלט נישט געטראָגן; די

דייטשן האָבן עס נישט דערלויבט. האָט ער גענומען אַ חומש, וואָס איז גראָד געלעגן אויפן טיש, און זיי האָבן אים אָוועקגעפירט. די ס. ס. האָבן אים געוואָלט פירן צווישן 7טן און 9טן פּאָרט אין קאָוונע, ווו ס'זענען פיל יידן אומגעקומען. איינער פון זיי האָט אָבער אין מיטן וועג געגעבן אַ באַפעל, מ'זאָל אים אַריינפירן אויף אַ שכנותדיקן פּלאַץ און דאָרט האָבן זיי אים דערשאָסן.

ר' אברהם גראָדזענסקי גופא איז שפּעטער אַרויסגענומען געוואָרן פונעם בונקער, ווו ער האָט זיך באַהאַלטן און פאַרברענט געוואָרן.

אויך הרב ב ל אָ ך, דער ראש ישיבה פון טעלז, הרב באַקשט, דער רב פון שאַוועל, די ראשי ישיבות פון פּאָנעוועזש, פון קעלם, פון קולי, זענען אַלע אומגעקומען דורך די נאַצישע רוצחים, ס'רוב שוין אין די ערשטע וואָכן פון זייער ממשלה.

פון די טויזנטער ישיבה־תלמידים, ראשי ישיבות, משגיחים, מד־ריכים רוחניים, איז קיינער נישט געבליבן.

בלויז אַ קליינע טייל האָט זיך געראַטעוועט קיין שאַנכיי, קיין אַמע־ריקע, נאָך בעת דער סאָוועטישער ממשלה. דאָס אַרויספאָרן אָבער פון ליטע איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן, און פאַר אַ סך — אוממעגלעך. אַ סך רבנים, ראשי ישיבות און תלמידים, וואָס האָבן שוין געהאַט וויזעס קיין אַמעריקע, סערטיפיקאַטן קיין ארץ ישראל, זענען געבליבן שטעקן אין ליטע, וואָרום די סאָוועטישע מאַכט האָט נישט אַרויסגעלאָזט. זיי זענען שפּעטער אַלע געפאַלן אַ קרבן פון די נאַצים.

אַזוי איז פאַרניכטעט געוואָרן אַ צענטער פון תורה, פון יידישן שאַפן אויף אַ ל ע געביטן, וואָס האָט געשטראַלט אויף דער גאַנצער יידישער וועלט.

פאַרלאָשן געוואָרן אַ גרויס ליכט אין ישראל.

## אַ זיצונג פונעם ווידערשטאַנד - קאָמיטעט

**מאָנטיק, 1. יאַנואַר.**

היינט זיך באַוויזן ווידער שמיעות וועגן אַן „אַקציע", וואָס זאָל פאָרקומען דעם 15טן יאַנואַר. איז זיך צונויפגעקומען דער ווידערשטאַנד־קאָמיטעט. נישט אַלע מיטגלידער זענען אַנוועזנד. ס'זענען געקומען:

מנחם קירשענבוים, ד״ר עמנואל רינגעלבלום, אַנילעוויטש, ראָזענבוים, טאַשיאַ, מוריצי אַזשעד, יוסף טענענבוים, וויקטאָר, צוויי פאָרשטייער פון „החלוץ״, איין פאָרשטייער פון „סקיף״, נחום רעמבאַ, ישראל האַלצקענער (פון צעירי אגודת ישראל) און נאָך דריי יונגעלייט, וואָס דערשיינען אונטער פּסעוודאָנימען און רעפּרעזענטירן השומר הצעיר און הפועל המזרחי. שפּעטער איז אָנגעקומען אַלעקסאַנדער לאַנדוי. מיר זענען געווען 16 פון 25 מיטגלידער. ס׳ווערט אויפגעוואָרפן די פראַגע: זאָל עס שוין איצט פּלאַצן? זאָל מען זיך קעגנשטעלן שוין ביי דער „אַקציע״ דעם 15טן יאַנואַר? אַ פאָרשטייער פון „סקיף״, וועלכער איז געווען באַאויפטראָגט צו שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט די פּוילישע פּאַרטיזאַנען, דערקלערט אַז די דאָזיקע זאָגן, אַז ס׳איז נאָך פריציייטיק. זיי זענען נאָך נישט גרייט. זיי קענען נישט פאַרזיכערן קיין הילף. זיי ראָטן: — וואַרטן. מ. אַזשעד אונטערשטיצט די דאָזיקע עצה. ער קומט פון דער אַרישער זייט, ווו ער באַהאַלט זיך אויס אויף אַרישע פּאַפּירן; ער גלויבט נישט אין גיכער הילף מצד די פּוילישע פּאַרטיזאַנען, וועלכע זענען אַליין שוואַך אָרגאַניזירט. די אַנדערע זאָגן זיך אָבער אַרויס פאַר זאָפאָרטיקן (ביי דער ערשטער געלעגנהייט) ווידערשטאַנד. דער „סקיף״־פאָרשטייער (בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע) דערציילט, ווי דרך אגב, אַז דער שעף פון דער אונטערערדישער באַוועגונג (פון די לינקע פּוילישע) האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט פאַר אונדז 15 מיליאָן זלאָטעס*). פונוואַנען? ווייסט מען נישט גענוי. טייל זאָגן: דאָס האָט מען אונדז געשיקט פון לאָנדאָן דורך געהיימע שליחים, טייל זאָגן — פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט״.

מ׳רעדט וועגן געווער. קירשענבוים זאָגט, אַז ער האָט צו דיספּאָזיציע 143 רעוואָלווערן און 4 מיטראַליעטן. און אויך אַן אַנטשפּרעכנדע צאָל אַמוניציע. דאָס האָט מען געקויפט פון פּוילישע פּאָליציאַנטן, פון פּוילישע פּאַרטיזאַנען און סתם שמוגלערס. פאַר אַ רעוואָלווער איז געצאָלט געוואָרן פון 3000 ביז 4000 זלאָטעס. אין דעטייל צאָלט מען

*) דאָס האָט מען געזאָלט שיקן פון אַמעריקע. זיי זענען אָבער קיינמאָל נישט אָנגעקומען אין יידישע הענט.

5000 זלאָטעס. מ׳רעדט אַרום דעם בודזשעט. ס׳איז נישטאָ קיין געלט. ס׳ווערט באַשלאָסן ארויפצולייגן א קאָנטריבוציע אויף אידישע „שאַפּ״־לייטערס, וועלכע האָבן געמאַכט א סך געלט ביי דער דעפּאָרטאַציע, און אויף דעם יודענראַט. פון דעם לעצטן ווערט פאַרלאַנגט 5 מיליאָן זלאָטעס. ס׳ווערט באַשטימט א קאָמיטעט (אויסער די אָנוועזנדע), וועלכער דאַרף — מיט געוואַלט אין דער האַנט — אויפמאָנען, אָדער עקזעקוטירן די פעסטגעשטעלטע סומעס. דאָס דאַרף געשען אין משך פון 3 טעג.

איך גיב דאָן אָפּ א באַריכט פון מיין „מיסיע״; מ׳האָט מיך נעמלעך באַאויפטראָגט אָנצובינדן א קאָנטאַקט מיט געוויסע פּ.פּ.ס.־טוער, פּאַר־טיזאַנען־פירער און סתם פּוילישע פּאַטריאָטן. מ׳האָט מיר אָנגעוויזן אַד־רעסן. אויסנוצנדיק מיין פּאַסירשיין ארויסצוגיין מחוץ דעם געטאָ, אַלס ארכיוו־דירעקטאָר, האָב איך מיין שליחות דערפילט. דער רעזולטאַט: א פּולשטענדיקער פיאַסקאָ. קיינער האָט נ י ש ט צ ו ג ע ז א ג ט ק יי ן ה י ל ף. מיט פאַרשידענע תירוצים. איינער האָט מיר געזאָגט: נאָך נישט געקומען די צייט. דער צווייטער: מיר וואַרטן אויף א סיגנאַל. דער דריטער איז געווען מער אויפריכטיק: „מ י ר ק ע נ ע ן נ י ש ט „ק אָ מ פּ ר אָ מ י ט י ר ן״ ד י פּ ו י ל י ש ע װ י־ ד ע ר ש ט א נ ד ־ ב אַ װ ע ג ו נ ג א י ן ד י א ו י ג ן פ ו ן ד י פ ו י ל י ש ע מ אַ ס ן, א ז מ י ר ה ע ל פ ן י י ד ן. װ אָ ר ו ם ד י פ ו י ל י ש ע מ אַ ס ן ז ע נ ע ן ק ע ג ן א י י ד . . . ״

אָט דאָס איז דער סך הכל פון מיין מיסיע. מיר זענען אָנגעוויזן אויף זיך אַליין. יאָ, געווען איינער, וואָס האָט מיר געזאָגט: ווייזט נאָר ארויס עפּעס א ווידערשטאַנד און מיר וועלן אַלע קומען אייך צו הילף. — אָבער מ. אָזשעך, וועלכער קען אים, זאָגט מיר אַז דער צוזאָגער האָט נישט די מינדעסטע השפּעה.

אָזשעך, דער בונדישער פירער, גלייבט אמווייניקסטן אין דער הילף פון פּוילישע פּאַרטיזאַנען. פאַרשידענע סיבות זענען דאָ, זאָגט ער געהיימ־ניספּול. די ציוניסטישע מיטגלידער און א טייל פון די אָרטאָדאָקסישע האַלטן, אַז מ׳דאַרף איבערהויפּט נישט דערוואַרטן קיין הילף פון דרויסן. ווייסט מען דאָך, אַז די פּאָליאַקן מסרן יעדן ייד, וואָס באַווייזט זיך

אויף דער אַרישער זייט, גיבן אים איבער אין דייטשע הענט. פיל פּאָ־ליאַקן האָבן זיך געמאַכט אַ פּרנסה פון שאַנטאַזשירן יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אויסער דעם געטאָ.

דער פאָרשטייער פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „סקיף" וויל אָבער נישט אַזוי לייכט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז נישט פאַראַן קיין פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט. מ׳דאַרף נאָר אָנטרעפן, זאָגט ער, דעם ריכטיקן אַדרעס, מ׳דאַרף זיך ווענדן צו די אמתע סאָציאַליסטן. ער אַליין, דער יונגער בונדיסט, קען אַזעלכע, זיינע חברים האָבן אַזעלכע פאַרבינדונגען, מ׳דאַרף נישט אויפגעבן די האָפענונג, מ׳דאַרף פּאָרזעצן די פּרוּוון פון אָנבינדן קאָנטאַקטן מיט דרויסן.

— אויב ס׳איז פאַראַן פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט, אויב ס׳זע־נען בכלל פאַראַן צווישן די פּאָליאַקן איידעלע מענטשן, פריינד פון גע־רודפטע יידן, — זאָלן מיר אויסנוצן די דאָזיקע איידעלע געפילן אויף צו ראַטעווען נפשות, — פּראָפּאָניר איך. — פאַראַן אין געטאָ אַ סך קליינע קינדער, ס׳זענען פאַראַן געוויסע יידישע פּערזענלעכקייטן; לאָמיר זיך ווענדן צו יענע אונדזערע פריינד מיט דער בקשה, זיי זאָלן אויסבאַהאַלטן די קליינע קינדערלעך, די עטלעכע יידישע פּערזענלעכקייטן. איך בין גרייט צו גיין צו זיי; זאָל מען מיר געבן די אַדרעסן. איך בין זיכער, — זאָג איך, — אַז דער „דזשאַינט" וועט נישט זשאַלעווען קיין געלט פאַר אויסהאַלטן די קינדער ביי נישט־יידן; אויך יידישע פאַרמעגלעכע מענטשן וועלן שפּענדן גרעסערע סומען אויף דעם צוועק. לאָמיר זיך נישט באַ־שרענקען אויף ווידערשטאַנד, נאָר אויך עפּעס טאָן פאַר הצלת נפשות. לאָמיר כאָטש אַ טייל ראַטעווען. געפינט איר נישט — ווענד איך זיך צו די בונדישע פאָרשטייער — צווישן אַלע אייערע פריינד און חברים פון פּ.פּ.ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען, קיין מענטשן, וואָס זאָלן אונדז העלפן אין דער דאָזיקער עת צרה?

די בונדישע פאָרשטייער שווייגן. זיי קענען נישט די אַדרעסן, ווייל זיי זענען קאָנספּירירט. זיי וועלן אפשר אַליין עפּעס פּרוּוון, — זאָגן זיי מיט אַ שוואַכער שטים, און מיט ווייניק איבערצייגונג...

איך גיב איבער, אַז מיט די, צו וועלכע מ׳האָט מיך געשיקט וועגן

הילף פאַרן ווידערשטאַנד, האָב איך אויך גערעדט וועגן אַנדערע הילף — וועגן אויסבאַהאַלטן קליינע קינדער און געוויסע יידישע פּערזענלעכקייטן; זיי האָבן זיך אָבער אויסגעדרייט מיט פאַרשידענע תירוצים.

אַ פאַקט איז, אַז נאָך דעם ווי 450 טויזנט יידן זענען שוין פאַרניכטעט געוואָרן אין וואַרשע, איז דורך א י ד ע א י ש ע באַציאונגען, דורך ה ו מ א נ י ט א ר ע ר איינשטעלונג קיין איין ייד נ י ש ט א ו י ס- ב א ה א ל ט ן ג ע װ א ר ן ד ו ר ך א פּ א ל י א ק! אויב ס׳זענען באַהאַלטן איניקע הונדערט יידן, זענען עס אַזעלכע, וואָס האָבן אַ סך געלט, און צאָלן גאָר גרויסע סומעס.

ביי אַזאַ מין מצב צעפליסן זיך די אַלע אילוזיעס, וועלכע טייל האָבן פאַרשפּרייט צוליב רוטינע און דאָקטרינערישע טעמים, וועגן דעם, אַז מ׳וועט אונדז העלפן פון דרויסן. אויך דער „בונד״ גיט עס היינט צו אויפריכטיק.

פונדעסטוועגן שוואַכט עס נישט אָפּ דעם דראַנג צו ווידערשטאַנד. זאָל מען כאָטש פאַלן מיט כבוד. מ׳רעדט אַרום פאַרשידענע פּלענער פון „בונקערס״, פון פאַרזאָרגן מיט אַמוניציע, געווער, מיט עסנוואַרג, פון אויסבויען די נייטיקסטע איינריכטונגען. ס׳ווערט נאָמינירט אַ טעכנישע קאָמיסיע פון יונגע אינזשיניערן און בוי־טעכניקער. ס׳פאַלט אַ באַשלוס: אין פאַל פון אַן „אַקציע״ זאָל מען אונטערצינדן געוויסע הייזער, וואָס געפינען זיך ביי די מויערן פון געטאָ און זיך קעגנשטעלן מיט געווער. די, וואָס וועלן קענען זיך ראַטעווען דורך אַנטלויפן, זאָלן עס טאָן. די, וואָס וועלן זיך קענען באַהאַלטן אין די בונקערס, זאָלן זיך באַהאַלטן. און די וואָס זענען מאָביליזירט צום ווידערשטאַנד, זאָלן קעמפן. אַלנפאַלס — ג ו ט װ י ל י ק װ ע ט מ ע ן ז י ך צ ו ד ע ר פ א ר נ י כ- ט ו נ ג נ י ש ט צ ו ש ט ע ל ן!

## ד״ר אַלפרעד נאָסיג — אַ פאַרעטער?

### דינסטיק, 12. יאַנואַר

איך האָב היינט אַנטיילגענומען אין אַ טראַגישער „זיצונג״; אין אַ געריכט איבער ד״ר אַלפרעד נאָסיג. ס׳איז פאַראַן זייט עטלעכע חדשים אַ געריכט אין געטאָ צו משפטן מוסרים, געשטאַפּאָ־אַגענטן, פאַררעטער.

געוועז שוין פיל משפטים, שוין אַרויסגעגעבן עטלעכע אורטיילן, וועלכע זענען אויך אויסגעפירט געוואָרן. היינט איז באַטראַכט געוואָרן די אָנקלאָגע קעגן ד״ר אַלפרעד נאָסיג: צושטעלן באַריכטן וועגן געטאָ דער געשטאַפּאָ, מסירה, פאַרראַט.

נישט אַלע מיטגלידער פון געריכט וויסן, ווען מ׳גייט דאָ משפּטן. זיי זענען ס׳רוב יונגע מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהערט פריער זיין נאָמען. זיי ווייסן בלויז: נאָסיג — דער געשטאַפּאָ־אַגענט. האָב איך מיר גענומען די מי און אויפן יסוד פון געלעזענע ביכער, דערציילטע זכ־רונות פון ד״ר יהושע ט ה א ן, פּראָפעסאָר ד״ר באַלאַבאַן, ד״ר יצחק שיפּער, ד״ר הענריק לעווענהערץ און אַרכיוו־דאָקומענטן, האָב איך אויפ־געמישט פאַרן געטאָ־געריכט די מגילה פונעם שטרעבן און לעבן פון ד״ר נאָסיג, וואָס איז אַ קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון שטרעמונגען און קאַמפן אין יידישן לעבן אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט.

איך האָב פאַרגעלייענט אַ בריוו־אויסטויש צווישן ד״ר טעאָדאָר הערצל (אין אַ קאָפּיע), אַדאָלף שטאַנד, דעם ציוניסטישן פירער אין גאַלי־ציע און — ד״ר אַלפרעד נאָסיג. די דאָזיקע בריוו (שטאַנדס און נאָסיגס אין אָריגינאַל) האָבן זיך געפונען צווישן די פּאַפּירן פון פּראָפ. באַלאַבאַן, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן בעת דער דעפּאָרטאַציע אין קהילה־אַרכיוו. הערצל ווענדט זיך צו דער ציון־גרופּע אין לעמבערג (ד״ר ראובן בירער) מיט אַ פאָרשלאָג מיטצואַרבעטן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער גייט שאַפן. דערויף פרעגט אָן אַדאָלף שטאַנד ביי ד״ר נאָסיג, וועלכער געפינט זיך דעמאָלט אין ווין, וואָס פאַר אַ שטעלונג מ׳זאָל אָנ־נעמען צו הערצלס פאָרשלאָג. נאָסיג איז נעמלעך דעמאָלט (אין יאָר 1894), באַטראַכט געוועזן פאַר דעם גייסטיקן פירער פון דער פאַר־הערצלישער ציוי־ניסטישער באַוועגונג אין גאַליציע. דערויף קומט דער ענטפער פון נאָסיגן, דאַטירט דעם 4טן יאַנואַר 1894, (היינט 49 יאָר): „פאַרבעט ד״ר הערצל, וועלכער איז מיר אומבאַקאַנט, אויף אַ קאָנפערענץ קיין לעמבערג, הערט אים אויפמערקזאַם אויס, און דאַן לייגט מיר פאָר דעם ענין צו אַ דע־ציזיע...״

פאַרשידענע גלגולים האָט נאָסיג דורכגעמאַכט ביז זיין **היינטיקן** משפט. געוועזן אַן אַסימילאַנט, געטראָגן די פּוילישע נאַציאָנאַלע טראַכט,

אַ „קאַנטשוש״, דאַן געוואָרן אַ סאָציאַליסט. ענדע פונעם פאָריקן יאָרהונ־דערט איז ער געוואָרן אַ ציוניסט; נאָך פאַר הערצלען געווען פון די הויפּט־אָנפירער פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין גאַליציע, דער שעף פון דער ציוניסטישער אַקאַדעמישער יוגנט אין לעמבערג, פון וועלכער ס׳זענען שפּעטער אַנטשטאַנען די קאַדרעס פון די ציון־קעמפער אונטער ד״ר הערצל. שפּעטער האָט נאָסיג פאַרלאָזט די ציוניסטישע באַוועגונג און ווידער געוואָרן אַן אַסימילאַנט. אומעטום האָט ער געשפּילט אַ וויכטיקע, אויב נישט די וויכטיקסטע ראָלע.

וואָרום ער איז געווען אויסערגעוויינלעך טאַלענטירט. אויף פאַרשי־דענע געביטן. מיט זיינע אַלזייטיקע טאַלענטן איז ער געווען אַ טיפּ פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע. שטעלט אייך פאָר: אַ שריפטשטעלער, מחבר פון פיל ראָמאַנען, אַ דיכטער, אַ זשורנאַליסט, אַ דראַמאַטורג, זיינע טעאַטער־שטיק האָבן זיינערצייט געהאַט דערפאָלג; און דערביי אַן ערודיט, דריי דאָקטאָראַטן: פילאָזאָפיע, מעדיצין, יורי; דערצו איז ער נאָך אַ מוזיקער פון גרויס טאַלענט (פאַרפאַסט ליברעטאָס צו פאַדערעווסקיס אָפּערעטעס), אַ קאָמפּאָזיטאָר, און — צום סוף אַ סקולפּטאָר פון גאָר גרויסן פאַרנעם. לעצטנס, פאַר דער מלחמה, האָט ער פּראָיעקטירט אַ גרופּע סקולפּטורן „משה״, פון וועלכע אַ גרויסע טייל איז שוין געווען פאַרטיק, און איז אי־בערגעפירט געוואָרן פון בערלין קיין וואַרשע (געפינט זיך אין קהילה־אַרכיוו). דאָס דאָזיקע ווערק איז שטאַרק גערימט געוואָרן דורך דער פאַך־קריטיק, טייל האָבן עס אָנגערופן געניאַל, און ס׳האָט געזאָלט אויפגע־שטעלט ווערן אַלס מאָנומענטאַלער דענקמאָל אין ארץ ישראל; אַ ספּעציע־לער קאָמיטעט פון מעצענאַטן און קונסט־קענער איז געשאַפן געוואָרן, כדי צו רעאַליזירן דעם דאָזיקן פּלאַן.

ביי דעם אַלעמען האָט ער געשפּילט אַ באַדייטנדיקע פּאָליטישע ראָלע. פון זיינע אַלע פּאָליטישע טעטיקייטן, האָב איך היינט דערמאָנט בלויז 2: (איך דאַרף דאָך נישט פאַרגעסן, אַז איך בין נישט אויף אַ זיצונג פון אַ היסטאָרישער געזעלשאַפט, נאָר פון געריכט, וועלכעס גייט משפּטן צום טויט...): בעת יענער וועלט-מלחמה איז נאָסיג געווען אַ פאָרשטייער פון דער עסטרייכישער רעגירונג אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו ער איז גלייכ־צייטיק געווען קאָרעספּאָנדענט פון דער „נייער פרייער פּרעסע״. ער האָט

געאַרבעט, אַז טערקיי זאָל צושטיין צו דער מלחמה אויף דער זייט פון די צענטראַל־מלוכות: עסטרייך און דייטשלאַנד. (אַהאַ, — רייסט מיר איבער מנחם קירשענבוים — שוין דעמאָלט געווען אַ דייטשער אַגענט!). און ער האָט פיל בייגעטראָגן דערצו, אַז דאָס זאָל געשען. ער האָט אָבער אויך אַריינגעבראַנגט דאָ אַ יידישן מאָמענט. ער וויקלט אויף די אידעע הערצלס וועגן אַ „טשאַרטער״ פאַר יידישער אימיגראַציע און פּאָליטישע רעכט אין ארץ ישראל. ער מאַכט באַמיאונגען און באַקומט געוויסע צוזאָגן מצד דער טערקישער רעגירונג (אַ וואָך פאַר דעם מלחמה־אויסברוך האָב איך באַ־קומען דאָס בוך פון ד״ר מ. נ. געלבער „הצהרת באלפור", ירו־שלים, 1939, ווו ס'געפינען זיך אינטערעסאַנטע און אויטענטישע פּרטים וועגן די דאָזיקע דעמאַרשן נאָסיגס). נישט מער וואָס ער האָט געשפּילט אויף „אַ פאַלש פערד״.. ער האָט געגלויבט אין זיג פון די צענטראַל־מלו־כות, און האָט געהאַט אַ טעות. ווען נישט, האָט מיר אַמאָל געזאָגט ד״ר שיפּער, וואָלט ער געווען — ווייצמאַן...

דער צווייטער עפּיזאָד אין זיין פּאָליטישער טעטיקייט, אויף וועלכן ס'לוינט זיך אָפּצושטעלן, איז געווען זיין איניציאַטיוו פון דער פּויליש־יידישער „אוגאָדאַ״ אין יאָר 1926, וועלכע איז געשלאָסן געוואָרן צווישן ד״ר לעאָן רייך און ד״ר יהושע טהאָן פון דער יידישער זייט (ביי דער שאַרפער אָפּאָזיציע פון יצחק גרינבוים) און פון פּראָפעסאָר סטאַניסלאַוו גראַבסקי און גראַף אַלעקסאַנדער סקשינסקי — פון דער פּוילישער. נאָסיג האָט דאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָל. און וואָלט עס געווען געלונגען, וואָלט ער געהאַט אַ גרויס פאַרדינסט. דאָס איז געווען זיין לעצטע פּאָליטישע אונטערנעמונג.

זיין ל ע צ ט ע ? ניין. אין נאָוועמבער 1939, באַלד נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע, איז ער אויפגעשוומען אין וואַרשע. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך מיט אים צונויפגעטראָפן דעם 11טן פעברואַר 1940. די געשטאַפּאָ האָט דעמאָלט גערופן פאַרשיידענע יידישע פּאָליטישע פאַר־שטייער; צווישן זיי זענען געווען הרב יצחק מאיר לעווין און איך. נאָך דעם, ווי מ'האָט מיך „דערוויילן״ געצווונגען אויף אַלעיע שוכאַ 25 צו טראָגן אַרויף גערויבטע ביי יידן שניט־סחורה, זענען מיר ביידע אויפגע־נומען געוואָרן דורך איינעם פון די באַנדע־פירער מיטן נאָמען ד״ר

שמידט. ער האָט אונדז גאַנץ העפלעך אויפגענומען, אויסגעפרעגט וועגן דער אָרטאָדאָקסיע; מיר האָבן גערעדט בלויז וועגן דער עמיגראַציע־טעטיקייט פון פאַר דער מלחמה, און אים פאָרגעלייגט אַ פּראָיעקט פון עמיגראַציע פון יידן פון פוילן איצט, בעטנדיק זיין אונטערשטיצונג. ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געהייסן דאָס פאָרלייגן שריפטלעך. דאָס איז געשען. און שפּעטער האָב איך אים נאָך באַזוכט עטלעכע מאָל, פרעגנדיק אויף ענטפער. ער האָט געענטפערט, אַז דאָס איז אוועקגעשיקט געוואָרן קיין בערלין. דאַן האָט ער פאַרלאַנגט באַווייזן, אַז ענגלאַנד וועט אונדז אריינלאָזן. ס'האָט זיך געהאַנדלט בעיקר וועגן עמיגראַציע קיין ארץ ישראל, אָבער מיר האָבן דערקלערט: זאָל זיין ווו ס'איז. זאָל זיין מאַדאַגאַסקאַר, האַנאָלולו (אבי ארויס — האָבן מיר געטראַכט ביי זיך).

דעם 10טן פעברואַר 1940 דערציילט מיר דער קהילה־פּרעזעס אינזש' אדאַם טשערניאַקאָוו, אַז ד״ר נאָסיג אַרבעט אויס אַ פּראָיעקט פון עמיגראַציע פון יידן פון פוילן. טשערניאַקאָוו שלאָגט מיר פאָר, איך זאָל זיך מיט אים פאַרשטענדיקן וועגן דעם דאָזיקן ענין. דאָס איז געשען. איך האָב אים דערציילט וועגן אונדזערע שריט אין דעם דאָזיקן ענין, האָב אים פאָרגעלייגט די אָפּשריפטן פון די מעמאָריאַלן, וועלכע מיר האָבן אַריינגעטראָגן, און ער האָט מיר פּראָפּאָנירט, מיר זאָלן ביידע אַריבערגיין אויף אַלעיע שוכאַ 25, כדי די זאַך צו באַשפּרעכן. ווען איך בין מיט אים צוזאַמען דאָרט געוועזן, האָב איך באַמערקט, אַז מ'נעמט אים אויף מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט. בעת דער קאָנפערענץ בין איך געווען אומאַנגענעם פאַרוווּנדערט, הערנדיק, ווי ער רעדט בלויז וועגן אַנדערע לענדער, בעיקר וועגן מ א ד א ג א ס ק א ר (ער האָט געזאָגט, אַז ער קען מיט דער הילף פאַרשטייט זיך פון דייטשלאַנד אויספועלן ביי דער פראַנצויזישער רעגירונג אַ דערלויבעניש דאָרט איינצואוואַנדערן, פאַררופנדיק זיך אויף די פאַרבערייטונגען פון דעם פוילישן מאַיאָר ל ע פּ ע צ ק י). איך האָב געפּרוּווט באַשיידן דערמאָנען ארץ ישראל, אָבער נאָסיג האָט אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. ס'איז געבליבן ווייטער דאָס זעלבע: אויסאַרבעטן מעמאָריאַלן, פּלאַנען; און — שאַפן אין דער קהילה אַן אָפּטיילונג פאַר ע מ י ג ר א צ י ע. אַזאַ אָפּטיילונג איז געשאַפן געוואָרן. ס'איז

אָבער גאָרנישט דערפון אַרויסגעקומען. ווי פון אַלע אַנדערע אונטערגע־מונגען נאָסיגס...

שפּעטער איז נאָסיג געװאָרן אַן אָנגעשטעלטער אין דער קהילה; ער האָט גענומען אַ הויכע פּענסיע, באַקומען אַ באַקוועמע וווינונג; אַ חוץ דער פּענסיע האָט ער צוגעשטעלט רעכענונגען פון פאַרשידענע אויסגאַבן, וועלכע טשערניאַקאָוו האָט שטענדיק געדעקט, נישט פרעגנדיק קיין וואָרט. ער פלעג האָבן אָפטע געהיימע קאָנפערענצן מיטן קהילה־פרעזעס און נאָך אָפטערע באַזוכן ביי דער געשטאַפּאָ. טייל האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ מין „פאַרבינדונגס-מאַן" צווישן דעם יודענראַט און געשטאַפּאָ, ווו ער האָט געהאַט אַ פרייען איינטריט. אַ פאַקט איז, אַז ער האָט געשריבן באַריכטן פאַר דער געשטאַפּאָ וועגן יידן. וואָס ער האָט דאָרט געשריבן, האָט קיינער נישט געוווּסט, און נישט געקענט וויסן. אַלץ אַרום אים איז געווען איינ־געוויקלט אין אַ שלייער פון סודות. ער האָט געמאַכט אויסשניטן פון דער דייטשער פרעסע וועגן — יידן און וועגן — מוזיק־קאָנצערטן... ער האָט געהאַט פּאַפּירן, וואָס האָבן אים געשיצט. ער איז קיינמאָל נישט באַאומ־רואיקט געוואָרן מצד די דייטשן. ער האָט גענאָסן פון פאַרשידענע פּרי־ווילעגיעס. בעת דער דעפּאָרטאַציע האָט מען אים נישט געטשעפּעט. אויך דעמאָלט, און שפּעטער, האָט ער געשריבן באַריכטן.

וואָס האָט ער דאָרט געשריבן? האָט ער געמסרט? האָט ער צוגע־האָלפן די נאַצים אין זייער אַרבעט קעגן יידן? האָט ער זיי געליפערט מאַ־טעריאַל קעגן יידן? — דאָס קען מען נישט פעסטשטעלן. וועגן דעם, אַז ער האָט געליפערט באַריכטן, האָט אויך געוווּסט טשערניאַקאָוו, וועלכער האָט אים (װאַרשיינלעך אויפן באַפעל פון די נאַצים) צוגעשטעלט אַלע טעכנישע מיטלען. טשערניאַקאָוו, באַלאַבאַן א. אנד. האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט חשד. פונקט ווי צו יעדן, וועלכער האָט געהאַט אַ שייכות מיט געשטאַפּאָ. קיין באַווייזן, אַז ער האָט עמיצן געמסרט, אַ יחיד אָדער דעם גאַנצן כלל, איז נישט געווען.

היינט משפט מען אים. מענטשן זענען פאַרביטערט. יעדער איז פאַר־וויטיקט: פאַרלאָרן די נאָענטסטע, טייערסטע; אפשר האָט ער, נאָסיג, אויך געהאַט אַ חלק דערין, — איז צום טויט. אַ חוץ דעם — מיר גרייטן

זיך צו ווידערשטאנד, צו קאמף; מוז מען אויסראטן די פארדעטער צווישן אונדז. איינער פון זיי איז נאסיג.

— זיינע פארדינסטן פון פריער? זיינע טאלענטן? אדרבה. דאס ליגט אויף אים ארויף נאך מער אחריות. אזא מענטש דארף זיך אנדערש האלטן, — זאגט דער יונגער א נ י ל ע װ י ט ש, און פרל. ט א ש י א, די חלוצה, שטימט צו.

— מיר גרייטן זיך צום קאמף. נישט צייט פאר סענטימענטן, — האלט ישראל ה א ל צ ק ע נ ע ר, א יונגער עסקן פון צעירי אגודת ישראל.

איך שלאג פאר: נאסיג איז א היסטאריש געשטאלט. מ'טאר אים נישט משפטן בלויז אויף פארדאכטן. זאל אים משפטן נישט אונדזער געריכט, פון יונגע היציקע מענטשן, נאר א צ י ו נ י ס ט י ש געריכט, אדער א געריכט פון פארשטייער פון אלע ריכטונגען, פון עלטערע באוווסטע אויטאריטעטן; איך שלאג פאר: הרב ר' מנחם זעמבא, ד״ר יצחק שיפער און מוריצי אָזשעך.

ס'אנטוויקלט זיך א דיסקוסיע. די צייט איילט. מיר מוזן דערלייריקן דעם ענין באלד, ווייל אין פאל פון אן אויפשטאנד, ווילן מיר נישט האבן קיין פארדעטער צווישן אונדז. און יענער געריכט קען אפשלעפן. קירשענבוים בעיקר איז פאר א באלדיקן טויט-אורטייל. ער ווערט אונטערשטיצט פון די חלוצים-פארשטייער. צום סוף ווערט דאך באשטימט אפצולייגן דעם אורטייל און אויסהערן פריער עטלעכע עדות פון דער קהילה *).

איך קום צוריק אין דער קהילה, און גיב איבער ד״ר שיפער דעם פארלויף פון דעם משפט. ער הערט מיך אויס אויפמערקזאם און גיט דאן א זאג:

— פ ל א װ י ו ס . . .

---

*) אויף א צווייטער זיצונג פון דעם זעלבן געריכט איז נאסיג פאראורטיילט געווארן צום טויט. און דער אורטייל איז אויסגעפירט געווארן דורך די באוואפנטע יידישע ווידערשטאנד־כוחות אין ווארשעווער געטא דעם 12טן מערץ 1943.

## די „געוועזענע מענטשן" און די „נייע מענטשן"

### דינסטיק, 12טן יאַנואַר.

היינט געווען אויף אַ „קאָנפערענץ" אין דער קהילה. ס'זענען אַנ־יועזנט די יודענראַט־מיטגלידער און די לייטערס פון די קהילה־אָפּטיילונגען. מ'רעדט אַרום „אַקטועלע" פראַגן: ווו נעמט מען געלט אויף צו דעקן די קאָסטן פון די נייע מויערן, וועלכע די קהילה מוז אויפשטעלן אויף דער לענג פון דער גרענעץ, נאָך דעם ווי דאָס „גרויסע" געטאָ איז קליין געוואָרן... אָפּראַוויזאַציע־פראַגן; דאָס דאַזיקע איז, מערקווירדיק, היינט „באַפרידיקנדיק", מ'האָט באַקומען נייע צוטיילונגען, וואָס וועלן דערווייל גענוגן; די יידישע אָרימקייט, דער פּראָלעטאַריאַט, איז „דע־פּאָרטירט" געוואָרן, אַזוי איז „געלייזט" די דערנערונגס־פראַגע. נישטאָ היינט קיין הונגער־טויט אויף די גאַסן. דער הונגער איז באַזייטיקט גע־וואָרן צוזאַמען מיט די הונגעריקע. דאַן רעדט מען וועגן אָפּשיקן טייל קהילה־אָנגעשטעלטע אין די „שאָפּן". וואָרום די קהילה האָט צופיל אָנגע־שטעלטע און אומנוציקע. ס'וועט קומען אַ סעלעקציע, מ'דאַרף זיך ריכטן אויף איר יעדן טאָג, און דאַן איז אַ גרויסער טייל פון אונדז פאַר־לוירן.

ס'רעדן ס'רוב די „וויכטיקע" באַאַמטע און יודענראַט־מיטגלידער; די וואָס פאַרנעמען זיך מיט בויען מויערן, מיט צושטעלן פאַרשידענע פאַכמענער פאַר די דייטשן א. ד. גל. מיר, די „אומוויכטיקע", שווייגן. מיר ווילן נישט, מ'זאָל אונדז אָנזען. איך קוק זיך צו צו די אָנוועזנדע. איך אָבסערוויר זיי און וויל אריינדרינגען אין זייערע געדאַנקען, אין זייער פּסיכיק. וואָס דענקען זיי, יענע וואָס זענען נאָך היינט האָפער־דיק, מאכן זיך „וויכטיק", גוט אָנגעגעסן און — איבערהויבן?

געווען שטענדיק אין געטאָ צוויי קאַטעגאָריעס: „געוועזענע מענטשן" און „נייע מענטשן". איצט, נאָך דער דעפּאָרטאַציע, איז די ליניע צווישן די דאָזיקע צוויי „קלאַסן", וואָלט איך געזאָגט, נאָך מער בולטער.

די ערשטע ווילן זיך בלויז „דורכשלאָגן", איבערלעבן; זיי לעבן בלויז מיטן נעכטן, ווען זיי האָבן עפּעס באַדייט, ווען זיי האָבן ווײ־

ביקסטנס, געלעבט אַ נאָרמאַל, אָנשטענדיק, מענטשלעך לעבן; און מיטן מאָרגן, ווען זיי וועלן צוריקקומען צו זייער נאָרמע. דעם הײַנט ווילן זיי בלויז דורכשמוגלען; דורכשטופּן דעם טאָג. זייער הויפּט־שטריך איז — פּראָוויזאָרישקייט.

די „נײַע מענטשן" זענען הײַנט „פון אויבן" און זעז נישט, ווי נידעריק זיי זענען אין די אויגן פון די דײַטשן, מיט וועלכע זיי האָבן אַ „קאָנטאַקט". דאָס מיינט מען נישט, אַז זיי זענען מוסרים: ניין און ניין! (געווען ווייניק, געציילטע אין געטאָ, מ'האָט זיי אַלע געקענט, און קוים האָט מען זיי געקענט אויפציילן אויף די פינגער פון בײדע הענט, ביי אַ באַפעלקערונג פון אַ האַלב מיליאָן יידן!), נאָר זיי ווילן לעבן, ווילן ראַטעווען זיך און ס'ווייב און קינדער, און זוכן און האָבן געפונען, דאַכט זיך זיי, ד ע ם וועג. דעם וועג פון „קאָנטאַקט". נאָכגעבן דעם שונא, וואָס ער וויל, אַבי צו ראַטעווען דאָס נפש. דאָס איז פאַרשטענדלעך, און וואָלט נישט געווען קיין עוולה.

פאַראַן אָבער צווישן די דאָזיקע „נײַע מענטשן" אַזעלכע, וואָס פאַרגעסן געוויסע גרענעצן, וואָס געוווינען זיך אַזוי צו צו געוויסע נויטווענדיקייטן און געוויסע אומשטאַנדן, אַז ס'ווערט ביי זיי „נאָרמאַל". זיי לעבן און טוען אַזוי, גלייך ווי ס'וואָלט געדאַרפט זיין אויף שטענדיק. זיי טוען, וואָס זיי מוזן טאָן, נישט „כמי שכופאו שד", נאָר מיט אַן ענערגיע און מיט אַ — זעלבסט־צופרידנקייט... זיי טוען זייער אַרבעט בשלמות, און ווייזן אַרום צופיל פּליים...

בכלל איז דער דענקונגס־האָריזאָנט און געפיל־האָריזאָנט געוואָרן אײַנגעשרומפּן, ענג. ביי אַ סך מענטשן איז די פּערספּעקטיוו געוואָרן אַזוי קליין, אַז זיי קענען נישט אָפּשאַצן די געשעענישן אין און אַרום דעם געטאָ, און אוודאי נישט אין דער גרויסער וועלט.

דער הויפּט־פעלער אָבער אין דענקונגס־אַפּאַראַט פון די „נײַע מענטשן" איז דאָס, וואָס זיי באַטראַכטן דעם מצב פאַר אַ ס ט אַ ב י ל ן. זיי לעבן נישט אין אַ פּראָוויזאָריום, נאָר אַזוי, גלייך ווי אַזוי דאַרף עס שוין בלייבן. אויף שטענדיק. דאָס הייסט נישט, אַז זיי גלויבן אין דײַטשן נצחון — נישטאָ אַזעלכער אין געטאָ! — נאָר זיי האַלטן די דײַטשע

מפלה פאר אזוי ווייט, אז זיי זעען זי נישט כמעט, זיי דערגרייכן זי נישט מיט זייער ענגער פערספעקטיוו.

טייל מענטשן זענען בעת דעם פעריאד פון „דעפארטאציע" אנדערש געווארן. מענטשן קליינע זענען געווארן נאך קלענער. שלעכטע — נאך שלעכטער. מענטשן זענען געווארן בייזע, היפער־עמפינדלעך בנוגע דער אייגענער פערזאן. מ'ציטערט נעמלעך שטארק פארן לעבן. יעדער קלענסטער ענין, יעדער ביסן ברויט, למשל, ווערט א לעבנס־פראגע, אן ענין פון פקוח נפש.

ס'דארף דא פעסטגעשטעלט ווערן איין פאקט, וועלכער איז אנער־קענט דורך א ל ע:

די רעליגיעזע יידן זענען בעסער איבערשטאנען געוויסע נסיונות, איידער אנדערע. איך וויל נישט זאגן, אז זיי זענען הייליקע, אז זיי וויזן ארויס עפעס א באזונדער גייסטיק העלדנטום; זיי קעמפן וועגן זייער לעבן, ווילן זיך ראטעווען; אבער דערביי צייכענען זיי זיך אויס מיט צוויי כאראקטער־שטריכן!

ערשטנס, דערהאלטן זיי זייער „איך". זיי זענען „שוסטערס" גע־ווארן און שלעפן טשוועקעס פון דייטשע שטיוול, אבער לייגן יעדן טאג טלית און תפילין, דאוונען, לערנען, היטן שבת; און דאס אלץ מיטן גרעסטן מסירת נפש, און גרעסטער סכנה. מ'גיט מיר איבער: א גרופע חסידישע יונגעלייט אויפן „אומשלאג" שבת פארנאכט; צווישן זיי מיינע פריינד שלמה גפן, יצחק אייזנער, ד"ר אהרן לאנגלעבן, דער סעקרעטאר פון אגודת הרבנים, מרדכי לאנגער פון ביליץ, ישראל אייזענבערג, דוד שאפראן, — זיי געפינען זיך דארט פארן טראנספארט קיין טרעבלינקע; געפינט איינער א שטיקל ברויט און אביסל וואסער, מ'וואשט זיך „שלושה סעודות" און מ'זאגט „אתקינא סעודתא" און „ה' רועי לא אחסר..." און — מ'איז אין אנדערע וועלטן. (דאס האט מיר איבערגעגעבן איינער פון דער גרופע, וועלכער האט זיך געראטעוועט פונעם „אומשלאג"). אין די שווערסטע באדינגונגען האט מען נישט פארגעסן, אז מ'איז יידן און רעליגיעזע יידן; נישט פארלוירן די אמונה.

א צווייטער פאקט:

רעליגיעזע יידן האבן זיך געוואלט ראטעווען פונקט ווי אנדערע,

אָבער דאָך נישט „פּונקט ווי אַנדערע"; ווייל קיינמאָל נישט אויף יענעמס קאָסטן. שטענדיק האָבן זיי געדענקט אין כּלל: „מה חזית דדמך דידך סומק טפי". פון רעליגיעזע יידן זענען נישט געווען קיין פּאָליציאַנטן (קיין איינער נישט!), קיין „באַפּערס", קיין „מאַכערס", קיין „קאַפּאָס" (עלטסטע נוגשים אין לאַגערס), קיין געשטאַפּאָ־אַגענטן; קיין איינער נישט!

דאָס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, וואָס אַלע, אַפילו די קעגנער פון אָרטאָדאָקסישע יידן, באַשטעטיקן דאָס *).

אַ חוץ דעם האָבן זיי, אין די ענגע ראַמען פון זייערע מעגלעכקייטן, געהאָלפן אַנדערע. דער גרויסער חורבן, דער מאַסנהאַפטער מאָרד האָט נאָך ביי זיי נישט אָפּגעטעמפּט דאָס רחמנות־געפיל. בעת אַנדערע האָבן נישט געוווסט ווי ווייט יוצא צו זיין מיט דעם „חייך קודמין", — האָבן רעליגיעזע יידן נישט פאַרגעסן קיינמאָל אין דעם „וחי אחיך עמך".

זייערע געדאַנקען און זייער פּערספּעקטיוו האָט נעמלעך שטענדיק געגרייכט אַביסל ווייטער, און אָפטמאָל — גאָר ווייט און גאָר הויך...

# אַ וועלט איז חרוב געוואָרן...

## מיטוואָך, 13. יאַנואַר.

נעכטן אינדערפרי, ווי נאָר כ'בין געקומען אין מיין ביוראָ אין דער קהילה, קומט צו מיר מיין חבר הרב גאָלדשטיין (דער געוועזענער מילי־טער־ראַבינער אין לאָדזש) און דערציילט מיר ,אַז די קהילה האָט באַ־קומען צוגעשיקט אַ ליסטע פון מענטשן, וועלכע זי דאַרף צושטעלן אויף דער „בעפעל־שטעלע" פון די נאַציס, אויף דער פאַרניכטונגס־קאָמאַנדע, אייזענגאַס 103; און אויף דער ליסטע פיגוריר איך אויך. איך לויף

---

*) אויך זיינען די פאַרשידענע לאַגערן אין אשוויענטשים, בוכענוואַלד, בערגען־בעלזען א.ד.ג״ל, איז די האַלטונג פון רעליגיעזע יידן געווען אַן אַנשטענדיקע. פון זיי זענען נישט געווען די „קאַפּאָס" און די אַלע, וואָס האָבן געפייניקט זייערע חברים. אָפטמאָל האָבן רעליגיעזע יידן אַרויסגעוויזן מסירת נפש פאַר ראַטעווען אַנדערע. ספּעציעל ווערן געלויבט די איידעלע טאַטן פון די בית־יעקב־לערערינס און שילע־רינס. דאָס באַשטעטיקן אַלע ביים לעבן געבליבענע דעפּאָרטירטע.

שנעל אין קהילה־סעקרעטאַריאַט געװאָר װערן, װאָס דאָס באַדײַט, און עס שטעלט זיך אַרױס אַט װאָס:

דאָס איז אַ ליסטע פון די 20 ייִדישע ראַטמענער, געװײלטע דעם 18טן דעצעמבער 1938 צום װאַרשעװער שטאָט־ראַט. די ליסטע איז אונטערגעשריבן דורך דעם פּױלישן קאָמיסאַרישן שטאָט־פּרעזידענט אינזש. ק ו ל ס ק י. איך בעט מ'זאָל טעלעפאָנירן צו קולסקין און אים אױפקלערן, אַז כ'בין נ י ש ט אַרײַן דעמאָלט אין שטאָט־ראַט. ער אַלײן האָט מיר דעמאָלט געפּסלט 16 שטימען, און ער זאָל מיך שטרײַכן פון דער ליסטע, װעלכע איז אַ טױט־אורטייל. (װאָרום פון דער באַפעלשטעלע קומט מען זעלטן צוריק...). נאָך עטלעכע געשפּרעכן, השתדלותן, ענטפערט ער, אַז דעפּוטאַט יעקב טראָקענהײם. האָט אין יאָר 1939 רעזיגנירט פון זײַן מאַנדאַט, און איך, אַלס דער, װאָס האָט געהאַט אַמסמײנסטן שטימען נאָך אים, בין געװאָרן ראַטמאַן אױף זײַן אָרט. פאַקטיש פיגורירט טראָקענהײם נ י ש ט אױף דער דאָזיקער ליסטע. איך בין שױן װײַטער זיך נישט משתדל, װײַל, ערשטנס, איז עס ריכטיק; טראָקענהײם האָט מיר דעמאָלט די „טובה" געטאָן, כ'בין געװען פיר װאָכן ראַטמאַן; צװײטנס, געפינט זיך דאָך טראָקענהײם אין געטאָ מיט זײַן גאַנצער פאַמיליע. פון די אַלע ייִדישע ראַטמענער, װאָס געפינען זיך אױף דער ליסטע, זענען דאָ אין װאַרשע בלױז מאָריצי אָזשעך, ש. גילינסקי און איך. איך פאַרשטענדיק זיך מיט אָזשעכן; ער איז שױן אַריבער אױף דער „אַרישער זײַט". ער האָט דאָרט פרײַנד. גילינסקי איז אױך פאַרשװוּנדן. װאָס זאָל איך טאָן?

זיצן אין קהילה־ביוראָ װײַטער איז נאַטירלעך אױסגעשלאָסן. דאַרף איך זיך באַהאַלטן. איך קלאַפּ אָן פאַרשידענע טירן; יעדער װאָלט געװאָלט העלפן, אָבער מ'האָט מורא. ענדלעך געפין איך אַ קעלערשטיבל אױף פראַנציסקאַנער 22. איך שאַף זיך אײן אַביסל עסן־רעזערװ, אײניקע ספרים, קאַיעטן, נאָטיץ־ביכער, און — אַ קאָנטאַקט מיט דרױסן. דער דאָזיקער קאָנטאַקט װערט פאַרזאָרגט דורך עטלעכע פון מײַנע פרײַנד: ד"ר שימקעװיטש, א. ג. פרידענזאָן, ד"ר טולאָ נוסענבלאַט, שמחה גפן, פנחס ליטמאַן, מאַניע ראָזענשטרױך.

פון צײַט צו צײַט קום איך אַרױס אין די פאַרנאַכט־שעהן אין דער

קהילה, געוואָר ווערן „נייעס”. און איבערוואָרטן ביז־ביז — די זאַך וועט נשתקע ווערן. וואָרום די באַפּעלשטעלע קימערט זיך נישט אָפּט וועגן אויספירן פון אירע באַפעלן; זענען דאָך אַלע יידן פאַראורטיילט צום טויט, וואָס־זשע איז די נפקא־מינא?

איך קום אין ארכיוו נעמען נאָטיצן און אַקטן צו מיין מאָנאָגראַפיע איבער דער וואַרשעווער קהילה בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. כ׳פּיל, אַז ס׳איז מיין פליכט, אַ הייליקע פליכט זי איצט צו שרייבן. האָב איך דאָך יאָרן געווידמעט אויף מיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע „די געשיכטע פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע”*); צוגעפירט זי ביז 1939; איצט, ווייזט אויס, איז מיין טרויעריקע מיסיע, צופירן זי ביזן סוף.

איך וואַרף זיך אַריין אין דער אַרבעט און — גפין פאַרגעסן פון די אַלע דורכגעמאַכטע צרות, און — די וואָס גייען אויף מיר...

איך באַדויער נאָר וואָס איך קען נישט, ווי אַמאָל, זיך אַנידערזעצן אין גרויסן נייעם לייען־זאַל פון דער וואַרשעווער יודאַאיסטישער ביב־ליאָטעק אויף טלאָמאַצקע און בלעטערן אין די אַלטע ספרים, קאָמפּלעטן פון יאָרגענגג פון אַמאָליקע צייטשריפטן; וואָס איך קען נישט שווימען צווישן די פאַרשידענע כתבי־יד, וואָס וואַרשע איז געווען רייך מיט זיי.

וויפל אַזעלכע גייסטיקע אוצרות, ביבליאָטעקן, אַלטע ספרים, אוני־קאַטן, ווערטפולע מאַנוסקריפּטן זענען צוגערויבט אָדער פאַרניכטעט גע־וואָרן דורך די וואַנדאַלן!

די סינאַגאָגע־ביבליאָטעק האָבן זיי צוגענומען נאָך אין דעצעמבער 1939; וווהין? קיין מינכען**) האָט איינער געזאָגט; „צערשטאַמפּט” — האָט אַן אַנדערער דערקלערט. איצט, די ספרים פונעם ראַבינאַט, פון פון די אַלע רבנים, שולן, חסידים־„שטיבלעך” און פּריוואַטע יידן תלמי־די חכמים, חובבים פון ספרים; ווו זענען אַהינגעקומען?

אָבער — וואָס טראַכט איך וועגן ספרים, ווען לעבעדיקע ספרים

---

*) די דאָזיקע אַרבעט, אין כתב יד, איז מיר געלונגען אַפּצוראַטעווען און זי געפינט זיך אין מיין באַזיץ.

**) זייענדיק אין מינכען אין נאָוועמבער 1945, האָב איך נאָכגעזוכט נאָך די דאָזיקע ביבליאָטעקן, אָבער — אָן רעזולטאַט, דערווייל.

זענען אומגעבראַכט געוואָרן, און אפילו נישט געקומען לקבר ישראל.
„כמא טפשאי הני בבלאי דקיימא קמא ספרא תורה ולא קיימא קמא גברא רבא" — זאָגט דער תלמוד.

איז דאָך אַ גאַנצע וועלט פאַרניכטעט געוואָרן. אַ וועלט פון אַ רייַכער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און — צוקונפט.

פאַר מיינע אויגן שטייען אויף די פרנסים פון ווארשע בערעק יאָסעלעוויטש, די עפּשטיינס און נאַטאַנזאָנס, די בערסאָנס און ראַטוואַנדס, די פּאָזנערס און אייגערס, די רבנים פון אמאָל — ר' שלמה ליפשיץ, דער „חמדת שלמה", ר' חיים דאַווידזאָן און ר' בעריש מייזעלס, דער רעוואָלוציאָנער און קעמפער אין אויפשטאַנד; דער אייזערנער ווילן ר' יעקב געזונדהייט, — ביז צו די לעצטע רבנים, — ס'גייען דורך אין מיין מוח תקופות פון קאַמף און ליידן, פון שטרעבן און האָפענונג, — ביז איך קום צו צו דער היינטיקער תקופה, ווער ווייסט, צי נישט די לעצטע...

און ווידער דערמאָן איך זיך אין די אַלע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט און געווירקט אין דער ווארשעווער קהילה, יעדער מיט זיינע מעלות און חסרונות, יעדער מיט זיינע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן, — וואָס אין נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלטן זיי אַ ל ע געווען ווירקנדיקע און שעפערישע מענטשן, אָבער אין די באַדינגונגען זענען טייל אויסגעקרימט געוואָרן, טייל צו שוואַך געווען, און אַלע זענען געווען געצוווּנגען צו פאַרטכלעווען זייערע כוחות פאַר סיזיפישע אַרבעט אָדער פאַר אויספירן די גזירות פון די אכזריותדיקע מושלים. פונקט ווי די אָרדנער אין אַרבעט־לאַגערן, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין די „שאָפּן". וואָרום זענען זיי דען געווען ריכטיקע פרנסים, מנהיגים? זענען זיי דאָך איינגעשפּאַנט געווען אין אַ שווערן יאָך.

און דאָך האָט, וויניקסטנס, דער גרויסער רוב פון זיי, זיך באַמיט צו דינען דעם כלל, העלפן די נויטלייַדנדיקע ברידער. און אויב אַ טייל פון זיי האָבן צופיל יוצא געווען לגבי דעם כלל „חייך קודמין", — ווער קען זיי משפטן?

אָבער נישט מיין אויפגאַבע צו פאַרטיידיקן אָדער פאַראורטיילן. איך וויל בלויז פעסטשטעלן פאַקטן. און זאָל די געשיכטע — פון אַ גֿעהעריקער פערספּעקטיוו און דיסטאַנץ — פאַרשטיין און אורטיילן (אויב

ס'איז בכל מעגלעך פאר עמיצן, וואס לעבט אין נארמאלע באדינגונגען, צו באגרייפן דאס לעבן אין די שרעקלעכסטע באדינגונגען, וואס קיין שום פאנטאזיע איז נישט אומשטאנד אויסצוקלערן!). איך וויל בלויז פעסטשטעלן, אז זעלטן ווען אין דער יידישער געשיכטע האט זיך אנגע-זאמלט אין איין צייט און אויף איין ארט אזויפיל תורה און חכמה, אזוי פיל וויסן און קולטור, אזוי פיל טאלאנט און קונסט, אזוי פיל ענערגיע און אונטערנעמונגס-גייסט, ווי אין ווארשעווער געטא!

און טראץ די שרעקלעכע באדינגונגען און טויט-פחד האבן יידן גע-שאפן אויף א ל ע געביטן פון גייסטיקער און מאטעריעלער קולטור. אראפגעשליידערט אויף די נידעריקסטע שטופן פון נויט און אומגליק, — דארט ווי אנדערע וואלטן שוין אראפגעזונקען צו דער שטופע פון חיות, — האבן יידן זיך דערהויבן אויף די העכסטע מדרגות פון גייסט. ס'האבן זיך באוויזן העלדן פון עטיק און מאראל. ס'האבן זיך אנטפלעקט גרויסע כוחות אויף יעדער געביט פון מענטשלעכן שאפן.

די דאזיקע כוחות האבן געקענט וועלטן אויפבויען. באפרוכפערן און אויפהויבן יידישע קיבוצים אין גאר דער וועלט. זיין א ברכה פארן פאלק ישראל און פאר דער וועלט.

אומענדלעך גרויס איז דער חורבן. אומענדלעך גרויס איז דאס פאר-ברעכן.

## געלט פאר ווידערשטאנד

**מיטוואך, 13. יאנואר.**

אויב זיך קעגנשטעלן, מוז מען האבן געווער, אמוניציע. דאס קען מען באקומען בלויז פאר געלט. אלע הבטחות צו ג ע ב ן געווער אן געלט האבן זיך אויסגעלאזט מיט גארנישט. מוז מען האבן געלט. א סך געלט. א געוועגלעכער רעוואלווער קאסט פון 3000 ביז 5000 זלאטעס. וווּ-זשע נעמט מען געלט?

פאראן אין געטא נאך א סך יידישע גבירים. אזעלכע, וואס באזיצן נאך ווערט-זאכן, פון פריערדיקע צייטן. און אזעלכע, וואס האבן פאר-

דינט געלט בעת דער אָקופּאַציע. פאַראַן אייניקע, וואָס האָבן געמאַכט געלט אין די „שאָפּן". האָט מען אויף זיי אַ בייז האַרץ. און מיט רעכט. דערמאָנט מען זיך נאָך אין דער חרפּה פ אַ ר דער דעפּאָרטאַציע: מענטשן זענען אויסגעגאַנגען ממש אויף די גאַסן פון הונגער; און מענטשן האָבן געלעבט אין לוקסוס און ווילטאַג!

האָט די „פּאַרטיי" באַשלאָסן צוזאַמענגעמען געלט מיט גוואַלד. צו געוויסע מענטשן קען מען נישט רעדן מיט עטיק וועגן נאַציאָנאַלער פליכט; פאַר זיי איז די איינציקע פאַרשטענדלעכע שפּראַך: דער רעוואָל־ווער. מ'מוז באַנוצן ט ע ר אָ ר. בלויז אויף ד ע ם אופן קען מען אַרויסבאַקומען ביי געוויסע גבירים געלט.

ווערן אָרגאַניזירט פאַרלעך צונויפצונעמען דאָס דאָזיקע געלט. צו צוויי פאַרלעך, באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערן. זיי נעמען משכנות — מענטשן, אַ זון, אַ טאָכטער. זיי קומען אַריין ביינאַכט אין אַ וווינונג, פאַרלאַנגען געלט — און באַקומען.

נישט בלויז ביי יחידים נעמט מען צונויף אויף אַזאַ אופן געלט. אויך ביי אינסטיטוציעס. אַזוי איז מען באַפאַלן דעם קהילה־פּרעזעס אינ־זשיניער מ. ליכטענבוים און מ'האָט פון אים פאַרלאַנגט פון דער קאַסע פונעם „יודענטראַט" 5 מיליאָן זלאָטעס. ער האָט אָפּגעדונגען אויף 3 מיליאָן זלאָטעס. און — ווי מ'זאָגט, — איז ער בכלל נישט געווען אומצופרידן פון דעם דאָזיקן „רויב", פון דעם „כופין אותו, עד שיאמר רוצה אני". ער האָט געוווסט, אַז דאָס געלט איז געגאַנגען אויף אַ וויכטיקן יי ד י ש ן צוועק.

געווען דערביי אַ סך מענטשן, וואָס האָבן גערן און גוטוויליק גע־געבן געלט פאַרן ווידערשטאַנד־קאָמיטעט. אויך די רבנים האָבן גוטוויליק זיך באַשטייערט פאַרן ווידערשטאַנד־קאָמיטעט. איך האָב געזען ביי רבי מנחם זעמבאַ אַ באַשטעטיקונג אויף 17 טויזנט זלאָטעס, וועלכע ער האָט איבערגעשיקט דעם ווידערשטאַנד־קאָמיטעט. אויך ר' שמעון לאַנדוי האָט צוגעשיקט אַ גרעסערע סומע פאַר דער „פּאַרטיי". געווען אַ סך אַזעלכע גוטוויליקע באַשטייערונגען.

פון דער צווייטער זייט זענען פאָרגעקומען אַ סך מיסברויכן און רויבערייען אויף דעם דאָזיקן באָדן. געווען אין געטאָ פאַרברעכערישע

טיפן, וואס זענען באפאלן פארשידענע מענטשן, ביינאכט, צוגערויבט געלט, פארשטעלנדיק זיך, אז זיי זענען פון דער „פארטיי״, בעת באמת האבן זיי „געארבעט״ אויף „אייגענער האנט״...

זיי פלעגן ביינאכט זיך אריינרייסן אין שטובן, באוואפנטע מיט רעוואלווערן, און קודם כל צונעמען דאס אנטועכץ; זיי האבן, נעמלעך, געוווסט, אז יידן האבן איינגענייט אין דער קליידונג געלט און ווערט־זאכן, מורא־האבנדיק עס צו טראגן אפן.

אזוי ארום האט אין געטא געהערשט א געוויסער אינערלעכער טע־ראר; א נאטירלעכע באגלייט־דערשיינונג פון אזעלכע באדינגונגען. נעבן דעם אידעאישן טעראר, האט אזוי ארום געהערשט, אלנפאלס, אין א קליינער מאס, א געווענלעכער באנדיטישער טעראר.

די „פארטיי״ באקעמפט אבער שטרענג די דאזיקע אומגעוואונטשענע „קאנקורענץ״. אין א קורצע צייט פארשווינדט זי פונעם געטא.

אויך דער „דזשאינט״ גיט געוויסע סומען פאר דער „פארטיי״.

אויף איינע פון די זיצונגען ווערט ארומגערעדט דער ענין פון דעם געלט, וואס האט געזאלט קומען פון אויסלאנד פאר הילף די יידן אין די לאגערן, פאר רעטונג און ווידערשטאנד.

דער פארשטייער פון „סקיף״ און „צביה״ גיבן איבער, אז געוויסע פארטיזאנען־פארשטייער האבן זיך „ארויסגעכאפט״, אז ס׳איז געשיקט געווארן פון לאנדאן געלט „פארן געטא״. זיי, די פארטיזאנען־פארשטייער, ווייסן נישט וו ע ר אין געטא איז בארעכטיקט דאס געלט צו בא־קומען. דאס געטא, זאגן זיי, עקזיסטירט נישט מער. ס׳זענען דא בלויז שאפן. זיי ווייסן אויך נישט גענוי פאר וואסער צוועק דאס געלט איז גע־שיקט געווארן.

יחיאל רייזמאן און אברהם וואלפאוויטש לייגן פאר, אז מ׳זאל „האנדלען״ מיט די פוילישע פארטיזאנען, ד. ה. מ׳זאל פאר דעם געלט ביי זיי קויפן געווער; אפשר וועט מען עס אויף א ז א אופן ארויס־באקומען. אויף קיין אנדערן אופן וועט עס נישט גיין. ס׳איז זיי גע־מאכט געווארן אזעלכע פארשלאגן. די בונדיסטן האפמאן און אינזשיניער קלעפפיש האבן שוין אונטערהאנדלט וועגן דעם, אבער אן רעזולטאט.

מ'קען זיך אַפילו נישט דערוויסן וו י פ ל געלט ס'איז אָנגעקומען, ווען און פון וועמען.

אומגעקערט, די פּאַרטיזאַנען־פּאַרשטייער, ווען מ'האָט זיך גע־ווענדט צו זיי וועגן דעם דאָזיקן ענין מצד דעם יידישן קאָמיטעט, — האָבן זיי קודם כל געמאַכט אַן א ו י ס פּ אַ ר ש ו נ ג, — ווי אַזוי מיר זענען געוואָר געוואָרן פון דעם געלט. זיי זאָגן, אַז דאָס מוז זיין שטרענג „קאָנספּירירט", אַפילו פאַר אונדז אויך, — די אַדרעסאַטן...

פון עפּעס אַרויסבאַקומען פון זיי איז קיין רייד נישט. זיי זענען מדחה מיט פאַרשידענע תירוצים. אויך מוריצי אָזשעך, וועלכער געפינט זיך אויף דער „אַרישער" זייט, האָט זיך באַמיט ביי זיינע פּוילישע חברים־סאָציאַליסטן אַרויסבאַקומען עפּעס, פאַר הילף, פאַר אויסבאַ־האַלטן יידישע קינדער, פאַר — באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, — אָבער אָן רעזולטאַט.

יוסף שטשעראַנסקי — וועלכער פאַרנעמט זיך מיט די פינאַנצן פון דער „פּאַרטיי", זאָגט:

— מיר האָבן זיך אויף „זיי" פאַרלאָזט וועגן הילף קעגן דעפּאָר־טאַציע, זיי האָבן געזאָלט אויפרייסן שינעס אויפן וועג קיין טרעבלינקע, מיר האָבן זיך אויף זיי פאַרלאָזט בנוגע הצלה, אויסבאַהאַלטן, מיר האָבן פון זיי דערוואַרט געוועהר, — שטענדיק און אומעטום זענען מיר אָפּגע־נאַרט געוואָרן; זאָלן מיר זיך שוין איצט מיאש זיין פון באַקומען געלט פון זיי; כאָטש ס'איז אונדזערס. דאָס וועט אונדז בלויז פאַרפירן. מיר מוזן אויך דאָ, זיך אַליין העלפן.

און אַזוי בלייבט עס.

## יאָ ווידערשטעלן זיך — נישט ווידערשטעלן זיך?

### דאָנערשטיק, 14. יאַנואַר.

זיצט מען אַזוי אין קהילה-אַרכיוו, אין פּחד. מאָרגן דאַרף „עפּעס" געשען... וואָס ס'באַדייט דער „עפּעס" שטויסט מען זיך אָן. וועט עס געשען, אָדער וועט עס נישט געשען? — די אייביקע טעמע פון אַ לעבן

אין שאָטן פון טויט. היינט אָבער איז אויפגעשווומען נאָך א פראַגע, א „טיפערע":

— פאַרוואָס?

זיצן רבנים, געלערנטע, פּאָליטיקער, פילאָזאָפן; יעדער פּרוּווט עפּעס זאָגן; ס'איבערצייגט אָבער קיינעם נישט, — אויך נישט דעם „זאָגער" גופא... א הארבע קשיא. לית נגר ובר נגר דיפרקנא... קיינער קען נישט פאַרענטפערן.

שווימט אויף א צווייט פּראָבלעם: דער זין פון די „געשעענישן". אויך דאָס קען קיינער נישט דערגרונטעווען. נישט מיט אמונה, נישט מיט לאָגיק, און נישט מיט מעטאַפיזיק.

ד"ר עדמונד שטיין, דער געלערנטער און ראָמאַנטיקער באַדויערט:

— נישט געווען אין אונדזער אומגליק קיין סימן פון הערָאַיזם. קיין פונק פון קידוש השם. מ'איז געגאַנגען כצאן לטבח יובל.

— נישט מעגלעך געווען זיך קעגנצושטעלן, — ענטפערט ד"ר שיפּער. — יעדער איינער האָט געמיינט, אז נישט אַלע וועט מען אומ־ברענגען, אז א טייל וועלן געראַטעוועט ווערן, ווי אזוי־זשע האָט מען גע־קענט נעמען אויף זיך דאָס אחריות איינשטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון די אַנדערע, פון די נאָענטסטע, פונעם כלל? ווייסט מען דאָך, אז די דייטשן ווענדן אָן א קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

— נישט געווען וואָס צו פאַרלירן, — זאָגט ד"ר שימקעוויטש — געווען באַדאַרפט זיך באַלד אַקעגנשטעלן. דעמאָלט ווען מיר זענען גע־ווען א האַלב מיליאָן.

— יעדער איינער האָט געמיינט, אז אים מיינט מען נישט, — זאָגט י. ל. אַרלעאַן. — די נאַצי־רוצחים האָבן עס אזוי טייוולאָניש אָרגאַני־זירט, אז זיי האָבן ביי יעדן איינגעפּלאַנצט די אילוזיע, איצט זעט מען, אז ס'איז געווען נישט מער ווי אַן אילוזיע, — אז ער בלייבט. האָבן זיי דאָך אפּישירט, אז די קהילה־אָנגעשטעלטע, די דזשאָינט־אָנגעשטעלטע, איע אַרבעטער פון די שאָפּן, אַלע, וואָס קענען אַרבעטן, בלייבן. אזוי, אז טעאָרעטיש, איז בלויז א קליינער טייל פון יידן געווען באַדראָט פון דעפּאָרטאַציע. האָט מען נישט געקענט מאַכן א ווידערשטאַנד, וואָס וואָלט גורם געווען די תיכּפדיקע פאַרניכטונג פון אַלע.

— ס'איז געוואָרפן געוואָרן אַ געדאַנק באַלד אין די ערשטע וואָכן פון דער „אַקציע", אונטערצינדן דאָס געטאָ און אין אַלגעמיינער אומ־אָרדענונג אַנטלויפן פון געטאָ. אַ האַלב מיליאָן מענטשן איז נישט לייכט צו כאַפּן, — דערמאָן איך. — פאַרוואָס איז דער דאָזיקער פּלאַן נישט צושטאַנד געקומען, ווייס איך נישט.

— איך ווייס יאָ, — ענטפערט הרב ד"ר אפרים זאַנענשיין פון בראַמבערג. (אויך אַן „אָנגעשטעלטער" פונעם אַרכיוו) — דער פּלאַן וואָלט געקענט אויסגעפירט ווערן בלויז, ווען מיר זאָלן געוווּסט האָבן די פּוילישע באַפעלקערונג מ י ט זיך, און נישט, ווי ס'איז דער פאַל, ק ע ג ן זיך.

— און וואָס ווייטער? — פרעגט א. ג. פרידענזאָן. — וואָס וועט איצט זיין?

— יעדנפאַלס האָט מען נישט געדאַרפט גיין אַליין צום „אומשלאַג", — זאָגט הרב ר' מנחם זעמבא. — מ'האָט געדאַרפט זיך קעגנשטעלן. נאָר מ'איז געווען פאַרנאַרט. מ'האָט צוגענומען דעם שכל ביי דעם חכם ונבון. מ'האָט אַלץ געגלויבט טאָמער דאָך... איבעריקנס, האָט מען געהאַט אַ יסוד צו גלויבן, אַז די וועלט וועט אונדז ראַטעווען. אַז אונד־זערע ברידער, בפרט די גרויסע בעלי השפּעה אין אַמעריקע און ענגלאַנד וועלן עפּעס טאָן פאַר אונדז. הערן מיר דאָך שטענדיק פון אונדזערע שונאים וועגן דעם „יודע" בערנאַרד באַרוך, וועגן דעם „יודע" מאָרגענ־טוי, וועגן דעם „יודע" האָר בעלישאַ; פאַרוואָס זאָלן זיי טאָקע זיך אַליין אויך נישט דערמאָנען, אַז זיי זענען אונדזערע ברידער. האָט מען גע־גלויבט און געהאָפט, אַז די רעטונג וועט סוף כל סוף קומען. האָט מען געוואָלט איבערהאַלטן. וואָלט מען נישט געהאַט די אילוזיע, — וועלכע איז געווען פאַר זיך גאַנץ לאָגיש — וואָלט מען אפשר געווען אַנדערש גע־האַנדלט. אַ חוץ דעם איז אונדזער פעלער געווען, וואָס מיר האָבן באַ־טראַכט דעם שונא פאַר אַ נאַר און זיך פאַר קלוגע. „אם יאמרו אין חכמה ביון, אל תאמין", — זאָגט די גמרא. פון דער צווייטער זייט איז ביי אונדז געווען מער פּקחות ווי חכמה. און נישט שטענדיק איז גוט צו זיין קלוג. אַט זאָגט די גמרא: הניא ליה שטותא, דאָס נאַרישקייט האָט אים גאָר געהאָלפן... נישט תמיד העלפט פּקחות. קרח שפּקח היה — מה

ראה לשטות זו — צו זיין אַ פּקח; אַמאָל איז אַ שטות צו זיין אַ פּקח. געדאַרפט באַלד פאַרשטיין, אַז דאָ גייט לעקור את הכל. און מיר האָבן געדאַרפט אָנווענדן אַלע מיטלען, שוין פון סאַמע אָנהייב צו אַלאַרמירן די וועלט. מויערן דורכרייסן. איצט דאַרף מען זיך קע־גנשטעלן! מ׳טאָר זיך נישט איבערגעבן דעם שונא אין די הענט.

איך דערמאָן, ווי אַ קורצע צייט פאַר דער מלחמה האָב איך זיך באַגעגנט אין וואַרשע און שפּעטער אין טאַרנאָפּאָל מיט ד״ר וואָלפגאַנג פאָן וויזעל. האָט ער מיר געזאָגט: „איך האָב איין מיסיע; איך פאָר פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט, און זאָג: יידן לערנט אייך שיסן!" אָט דאָס איז די וויכטיקסטע דערציאונג, וועלכע איך וויל פּראָ־פּאַגירן; פאַר אַלט און יונג, — האָט מיר געזאָגט דעמאָלט ד״ר וויזעל, מיט זיין אייגנטימלעכן ענטוזיאַזם.

ס׳גייט אַוועק אַ וכוח וועגן כח און גייסט, וועגן סיפא און ספרא. ווען איך זע, אַז מיינע אַרגומענטן זענען צו שוואַך צו איבערצייגן די אָנוועזנדיקע, נעם איך מיר צו הילף נישט קיין אַנדערן, ווי דעם „נשר הגדול" דעם רמב״ם. אָט אַזוי האָט געשריבן דער רמב״ם אין אַ בריוו צו די חכמי מרשיליא, צו די קלוגע פון מאַרסיליע:

„... וזאת שאבדה מלכותנו והחריבה בית מקדשנו והאריכה גלו־תנו והגיעתנו עד הלום, מפני שאבותינו חטאו ואינם, לפי שמצאו בספ־רים רבים כאילו הדברים על דברי החוזים בכוכבים, שדברים אלו הם עיקר ודמו שהם חכמת מפוארות ויש בהם תועלת גדולה, ולא נתעסקו בלמידת מלחמה ולא בכבוש ארצות, אלא דמו שאותן החכמות יועילו להם, לפיכך קראו אותם הנביאים סכלים ואווילים".

אַלזאָ, דער רמב״ם האָט קריטיקירט דאָס פאַרנעמען זיך מיט אַס־טראָלאָגיע, וועלכע איז געווען דעמאָלט זייער אָנגענומען ביי די אַראַ־בער און יידיש־אַראַבישע געלערנטע און געפאָדערט מיליטערי־שע אויסבילדונג! אין קעגנזאַץ צו ריין טעאָרעטישע אינטעלעקטועלע פאַרשונגען. דאָס טאַקע, מיט וועלכן מיר האָבן זיך אייביק פאַרנומען, פאַרנאַכלעסיקנדיק אַנדערע מער פּראַקטישע פאַכן,

צווישן אנדערע — מיליטערישע אויסבילדונג. מ'האט געדאַרפט זיך פאַרנעמען „בלמידת מלחמה וכבוש ארצות".

רבי מנחם זעמבא גיט דאַן אַ זאָג מיט ערנסטקייט:

— פאַראַן פאַרשידענע דרכים פון קידוש השם. וואָלט מען היינט געצוווּנגען יידן צו שמד, וואָלט מען געקענט זיך ראַטעווען מיט שמד, ווי בעת גירוש ספרד, אָדער גזרת תתנ"ו, — וואָלט דאָס אומקומען אליין געווען אַ קידוש השם. דער רמב"ם זאָגט אפילו, אַז ווען אַ ייד ווערט גע־הרגעט, און ווען ער זאָל נישט זיין קיין ייד, וואָלט ער נישט געהרגעט געוואָרן, איז ער אַ קדוש. און אזוי איז די הלכה. היינט אָבער איז דער איינציקער וועג מקדש השם זיין בפועל — באַוואָפנטער ווידערשטאַנד.

אַלע הערן אויס אין יראת הכבוד די ווערטער פון גאון. אַ שווער שווייגעניש הילט איין די אַנוועזנדיקע. נישטאָ מער קיין דיסקוסיעס. נישטאָ מער קיין חלוקי דעות. געפאַלן דער פּ ס ק.

# אויף די נאַלעווקעס...

**פרייטיק, 15. יאַנואַר.**

מיר האָבן זיך ענערגיש גענומען צונויפזאַמלען די ספרים און וועלט־לעכע ביכער פון די פאַרלאָזענע יידישע וווינונגען אויף די נאַלעווקעס 33 — 41 און איבערפירן זיי אין דעם קהילה־אַרכיוו. האָב איך גאַנץ פרי, זייגער 6.30 אָרגאַניזירט אַ גרופּע אויסצופירן די דאָזיקע אַרבעט. די גרופּע פון די ספרים־זאַמלער האָט זיך פאַרגרעסערט; זי באַשטייט היינט פון: יהודה לייב אָרלעאַן, אליעזר גרשון פרידענזאָן, גוסטאַווא יאַ־רעצקאַ, יחיאל רייזמאַן, ד"ר עדמונד שטיין, ד"ר וואָהל, הרב שמואל בעער, ד"ר שמואל שימקעוויטש, יונה שפער, מאַרצעלי רייך, אהרן זעמ־באַ, שלום זאַלבע, ח. פינקעלשטיין, אַלעקסאַנדער ראָזענפעלד, יצחק ראָזענשטראָך, אַדוואָקאַט ד"ר ראָטפעלד און אַנדערע.

נייען מיר אזוי אַ גאַנצן טאָג מיט 2 טראַגערישע האַנט־וועגעלעך איבער די פאַריתומטע יידישע גאַסן, מוראַנאָווסקע, זאַמענהאָף, נאַלעוו־

קעמפּ, פראַנציסקאַנסקע, קופּיעצקע, נאָוויניאַרסקע, שוויענטאָ־יערסקאַ, באָניפראַטערסקאַ.

אַ מוראַדיקע שטילקייט. די אויסגעלייזדיקטע הייזער קוקן אויף אונדז מרה־שחורהדיק מיט זייערע אָפענע אָן־שויבנדיקע פענצטער, ווי אויגן־לעבער פון אַ מת. איבער די אַמאָל רוישנדיקע יידישע הויפן האָט אויס־געשפּרייט זיינע פליגל דער שאָטן פון טויט. די גאַסן פון יידישן פערטל — אַ בית־עולם. נאָר אונטער זיי זענען נישטאָ קיין קברים. ס'וואָלט זיך וועלן אַ זיפץ טאָן — קלער איך — אויף די קברים, אַ טרער לאָזן, ס'ווילט זיך וויינען און קלאָגן אויף דעם אויסגעלאָשענעם לעבן; אָבער ווי קען מען אַ טרער לאָזן אויף אַ קבר, וואָס איז אויסגעגראָבן אין — חלל?...

יעדער שטיין אויף אָט די גאַלעווקעס דערציילט בענדער פון ליידן און פריידן, פון לעבן און שטרעבן, פון שאַפן און קעמפן. אבן מקיר תזעק...

יעדע וואַנט איז — אַ כותל מערבי. אָבער די וואָס זענען אונטער איר געשטאַנען, וועלן זי שוין מער קיינמאָל נישט זען.

אומעטום אַ פּוסטקייט, אַ ליידיקייט, אַ שטומקייט. פון דאַנען האָט מען זיי אַרויסגעשלעפּט. געבליבן אין חלל זייער פּחד. געבליבן די פאַר־לאָזענע היימען — די שוים פון טויט.

ס'דאַכט זיך מיר: דאָס גאַנצע גרויסע געטאָ — איין גרויסע לויה. גאַנצע שורות הייזער גייען מלווה זיין טויזנטער מענטשן. און אָט זענען זיי שטיין געבליבן אין פאַרשטיינערטן אבלות.

איך דערמאָן זיך:

אַ פריינד מיינער „פאַרוואָרפן" קיין אַמעריקע (בנימין וואָלף הענ־דעלעס), האָט מיר ערשט פאַר דער מלחמה געשריבן: „פאַראַן מינוטן, בפרט אין די שבתים און ימים טובים, ווען איך וואָלט געוואָלט קושן ־י שטיינער פון די גאַלעווקעס...". און ס'קומט מיר אין זכרון וואָס אלבער לאַנדר, דער מחבר פונעם בוך „דער בלאָנדזשענדיקער ייד", האָט מיר אַמאָל געזאָגט:

— ווען אליהו הנביא וועט דאַרפן אָנזאָגן די בשורה פון גאולה, — ווו וועט ער זיך אַנידערשטעלן, כדי אַ בלאָז טאָן מיט זיין שופר? — און ער ענטפערט:

— אָט דאָ, אויף דעם עק גענשע־נאַלעווקעס... וואָרום אָט דאָ איז אָממיינסטן אין דער וועלט קאָנצענטרירט די יידישע מאַסע, דער יידישער כוח, און — יידישקייט. וועט קומען דער טאָג, און אליהו הנביא, דער מבשר פון גאולה, וועט זיך אנידערשטעלן אָט דאָ, און וועט געבן אַ בלאָז מיט דעם שופר של משיח, און ס'וועלן זיך געבן אַ שיט פון דער פראַנ־ציסקאַנער און פון דער וואָלאָווע, פון דער סמאָטשאַ און פון דער זאַ־מענהאָף-גאַס, פון דער שוויענטאָ־יערסקאַ און פון דער נאָוואָליפּיע, יידן, יידן, יידן מיט באָרד און פּיאות, און אָן באָרד און פּיאות, מיט לאַנגע כאַלאַטן און קורצע „מאַרינאַרקעס", אַלטע און יונגע, מענער און ווייַ־בער, חסידישע יידן און וועלטלעכע, און קינדער, און קינדער, יידישע קינדער מיט פאַרחלומטע אייגעלעך און בלאַסע פּנימלעך; אָט זייער אויסגעחלומטער אליהו הנביא, אויף וועלכן זיי האָבן געוואַרט אַזוי פיל פּסח-סדרים, נישט וועלנדיק גיין שלאָפן, ביז „ ע ר " וועט קומען אויסטרינקען זיין כוס, און אומזיסט געוואַרט, — אָט זיי וועלן זיך ענד־לעך — דערוואַרטן, די ליכטיקע יידישע קינדערלעך...

אַזוי האָט פאַנטאַזירט דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער. און כדי איך זאָל אים נישט האַלטן חלילה פאַר קיין פאַנטאַזיאָר, האָט ער עס מיר באַגרינדעט „לאָגיש", על פּי שכל; „באַוויזן" כמעט „מאַטעמאַ־טיש":

— פון אַלע יידישע קיבוצים איז דער גרעסטער און יידישסטער — פּוילן, (אַמעריקע האָט ער נישט גענומען אין באַטראַכט צוליב זיין צעשפּרייטקייט און ווייניקער יידישקייט); פון פּוילן — וואַרשע, און פון וואַרשע — אָט דער עק נאַלעווקי־גענשע. קומט אויס, אַז דאָ און נישט ערגעץ אַנדערש איז דער סאַמע מ י ט ל פּ ו נ ק ט פון דער יידישער וועלט...

היינט בין איך טאַקע דורכגעגאַנגען אָט דעם דאָזיקן „מיטלפּונקט". ליידיק, פאַרלאָזן גלייך ווי אַנדערע געטאָ-גאַסן. ג ע ו ע ן דאָ אַמאָל אַ לעבן, היינט זענען די נאַלעווקי־הייזער מצבות אויף דעם פאַרשניטע־נעם לעבן מצבות אָן אויפשריפטן, אָבער זיי דערציילן מער, ווי אַלע באַשרייבונגען...

און אין מיין זכרון טויכט אויף אַ מאמר פון אַ גרויסן חסידישן

דבין: פאַרוואָס איז דאָס בית המקדש געבויט געוואָרן נישט אויפן באַרג סיני, נאָר אויפן הר המוריה? — ווייל דאָרט, ווו אַ ייד האָט זיך מקריב געווען אויף קידוש השם, איז גרעסער ווי דאָס אָרט, ווו ס'איז געגעבן געוואָרן די תורה.

און ווו און ווען זענען אַזוי פיל יידן געפאַלן אויף קידוש השם, ווי אָט־דאָ אין די דאָזיקע גאַסן פון וואַרשעווער געטאָ?! יעדע גאַס אַ הר המוריה! און יעדער שטיין אַן עקדה!

און אַ משונהדיקער געדאַנק פיניקט מיין מוח:

אַז גאָט וועט מיר טאָן אַ נס און איך וועל איבערלעבן, וועל איך — ווען כ'וועל זוכה זיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל, — מיטנעמען פון דאַנען אַ ציגל, אַ שטיין פון אָט די נאַלעווקעס, און אים אַנידערשטעלן נעבן דעם כותל מערבי. און יידן פון גאָר דער וועלט וועלן אַהין עולה רגל זיין און באַגיסן מיט זייערע טרערן אויך אָט דעם שטיין, און באַוויינען דעם חורבן פון זייערע טייערע, נאָענטע, פון אַ גרויסן פאָלקס־שטאַם אַ מוטער אין ישראל, און וועלן באַקלאָגן דעם חורבן פון קיבוץ פוילן „היעודה לתורה ולתעודה מיום סור אפרים מעל יהודה", — פונקט ווי דעם חורבן בית המקדש.

# בריוו...

## פרייטיק, 15. יאַנואַר.

אַ „סענסאַציע" היינט אין איינגעשרומפּענעם געטאָ: בריוו אָנגע־קומען. בריוו פון אויסלאַנד. בריוו פון דער „ברייטער" אָפענער וועלט...

אַ פונק פון פֿרייד גלאַנצט אויף אין אונדזער פאַרחושכטן לעבן: די וועלט האָט זיך דערמאָנט אין אונדז... אַ סימן: מ'שרייבט. דאָך נישט פאַרלאָזן.

די עטלעכע אָנגעשטעלטע פון דער געטאָ־פּאָסט נעמען זיך ענער־גיש צו דער אַרבעט, צום סעגרעגירן און פאַרטיילן. קודם כל, ווען מ'אַר־בעט, איז מען דאָך נויטיק, נוצלעך, וועט מען אפשר אויסגעמיטן ווערן ביי דער נעכסטער „דעפּאָרטאַציע"; צווייטנס: עפּעס אַזוי אָנגענעם זיך

צו פאַרען ביי אַט די בריוו. מ׳קומט אין באַרירונג מיט דער וועלט, זייענדיק אַליין פאַרמאַכט אין תּפיסה. איך קום אַריין אין דער יידישער פּאָסט און באַמערק פּרל. רבקה ל ע וו י ן (אַ קוזינע פון הרב יצחק מאיר לעווין) סאָרטירן די בריוו. איך גיי צו: אַדרעסן „נישט־אַקטועלע", ווייטע, פאַרעלטערטע. אויף יענע גאַסן נישטאָ מער קיין יידן. די טוואַרדעגאַס, די גזשיבאָווסקע, די פאַנסקע — זענען דאָך אַזוי ווייט! זיי זענען שוין זייט דעם 10טן אויגוסט „יודען־ריין". וואָלט זיך דאָרט אַ ייד באַוויזן איז — טויט־שטראָף. ווער־זשע קען אַהין דערגרייכן? פון זאַמענהאָף־גאַס קיין ארץ־ישראל — שווער צוצוקומען, אָבער פון זאַמענהאָף אויף גזשיבאָווסקע — אויך נישט פון די לייכטע זאַכן.

מ׳באַשליסט צו זוכן די אַדרעסאַטן אין די „שאָפּן". מ׳קלאַפּט אָפּ אויף דער מאַשין די נעמען און מ׳פאַרטיילט אין די שאָפּן די ליסטעס פון די אַדרעסאַטן. מען אַפּישירט זיי אויך אויף די ווענט פון דער קהילה־געביידע. אָבער פאַרנאַכט ווייסט מען שוין די רעזולטאַטן: זייער ווייניק, איינצלנע מענטשן, האָבן זיך אָפּגערופן. די איבעריקע — נישטאָ, „דעפּאָרטירט"...

וואָס־זשע טאָן מיט די בריוו, וואָס זייערע אַדרעסאַטן זענען נישטאָ?

האָט דער דירעקטאָר פון דער יידישער פּאָסט, ה׳ יאַשונסקי, אויסגעפונען אַן אַדרעסאַט, איין אַדרעסאַט פאַר אַלע: הלל זיידמאַן, דעם דירעקטאָר פון דעם קהילה־אַרכיוו... זאָל ער די דאָזיקע בריוו באַהאַלטן.

ס׳איז שוין שפּעט אין אָוונט, און אַט מאַכט זיך אויף די טיר פון מיין ביוראָ אין אַרכיוו און צוויי יידישע בריוו־טרעגער, איינער אַ קאָלעגע, ה׳ מיכעלזאָן (דער זון פון הרב מיכעלזאָן), ברענגען אַריין אַ זאַק מיט בריוו „צו באַהאַלטן" — „לגניזה", ווי ס׳הייסט אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור....

אָבער מיין האַרץ לאָזט מיך נישט זיי אַזוי אַוועקלייגן, נישט־געעפנט, נישט־געלייענט, אַט די פּריוואַטע, נישט־דערגאַנגענע, צו שפּעט־אָנגעקומענע בריוו. איך עפן דעם זאַק: ס׳גיבן זיך אַ שיט בריוו, ס׳רוב אויף פאָרמולאַרן פונעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ, אָבער אויך געוויינלעכע בריוו און קאַרטלעך. קורצע, לאַקאָנישע ווערטער (ס׳איז דערלויבט צו שרייבן אויף רויטן־קרייץ־בלאַנקעטן בלויז 25 ווערטער מיט

דעם אדרעס), אָבער אין די פּאָר ווערטער — וויפל האַרץ! וויפל בענק־שאַפט! וויפל טריישאַפט און אומרו. און וויפל פּיין!

פון אַלע עקן וועלט קומען די בריוו. ס׳רוב פון ארץ ישראל און פון אַמעריקע, אָבער אויך פון ענגלאַנד, פון שאַנכאַי און כאַרבין, פון קאָבע, אין יאַפּאַן, פון ווייטן יאָהאַניסבורג, פון פראַנקרייך און פון אַנטווערפּן, פון ניי־זעעלאַנד און פון טריעסט, פון אַלע לענדער און וועלט־טיילן. פון אומעטום שרייבן, רופן די טריי־געבליבענע, בענקענדיקע יידישע קינדער צו טאַטע־מאַמע, שוועסטער־ברודער, צו פריינד, צו קרובים:

— לאָזט פון אייך הערן. פאַרוואָס קיין שרייבן? פאַרוואָס פאַרוואָס שווייגט איר?

— „איך האָב חתונה־געהאַט״, — שרייבט אַ חלוצה פון הרצליה אין ארץ ישראל — „מיין מאַן אויך אַ וואַרשעווער פון אַ באַקאַנטער משפחה פון פּראַגע. איך וואָלט געווען גליקלעך; אָבער וואָס איז מיט אייך?״.

— „איך פאַרדין גוט, האָב אַ פּראַכטפולן באַי, ער גייט שוין; אָבער וואָס מאַכט איר?״ — שרייבט פון ניו־יאָרק אַ זון צו די עלטערן.

— „פאַרוואָס שרייבט נישט משה? שרייבט מיר דעם אמת, ס׳האָט געמוזט עפּעס געשען״, — יאָמערט אַ קאַרטל פון באַלטימאָר.

— פאַרוואָס האָט איר זייט יולי אויפגעהערט צו שרייבן?״ — פרעגט מען פון בריסעל. — „וואָס איז געשען?״

— „ביי אונדז גאָט צו דאַנק, אַלץ אין אָרדענונג, מיר אַרבעטן און פאַרדינען. מיר זענען אָבער אומרואיק וועגן אייך...״ — שרייבט מען פון תל־אביב.

— „ווען דער טאַטע זאָל זען ווי מיין קליינער באַי לערנט חומש, וואָלט ער אָנגעקוואָלן פאַר נחת, זאָגט אַ בריוו פון ברוקלין צו די עלטערן.

— „מיר האָבן אייך דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַרויסגעשיקט סערטיפיקאַטן; האָט איר באַקומען?״ — פרעגט מען פון חיפה.

— „אויפן וועג קיין אַמעריקע זענען מיר געבליבן שטעקן דאָ. ס׳איז דאָ אויך נישט שלעכט. מ׳פאַרדינט אויף חיונה. פאַראַן דאָ יידן. מ׳דאַ־

וונט אפילו מיט מנין, — דערציילט אַ בריוו אין פיינעם יידיש פון שאַנכאַי.

— „באַמיט זיך אומבאַדינגט צו געבן אַ ידיעה וועגן אייך. איך בין קראַנק פאַר אומרואיקייט. זייט יולי קיין שום שרייבן פון אייך. פאַר־וואָס? איז די מאַמע געזונט?" — שרייבט מען פון טאָראָנטאָ. איך גיב אַ בליק אויף דעם אדרעס: זשעלאַזנע־גאַס. נישטאָ מער קיין זשעלאַז־נע־גאַס, „יודען־ריין". און נישטאָ מער די מאַמע...

— „איך שיק אייך גלייכצייטיק אַרוים פעקלעך דורך ליסאַבאָן. פאַרוואָס שרייבט איר נישט דורכן רויטן קרייץ? פאַרוואָס?" אַזוי פרעגן אין אַנגסטן הונדערטער בריוו.

„פאַרוואָס? פאַרוואָס" — שרייט אַרויס פון די דאָזיקע בריוו. יע־דעם וואָרט צאַפּלט מיט בענקעניש, אומרואיקייט. יעדעם אות איז אָנגע־זאַפּט מיט טרערן, מיט זיפצן פון שלאָפלאָזע נעכט, מיט יסורים פון מאַכטלאָזן צוקוקן זיך פונדערווייטנס צו פיין פון טאַטע־מאַמע, פון ברי־דער, שוועסטער, קינדער... יעדער בריוו — אַ פאַרשטיקט וויינען, און יעדעס וואָרט — אַ גוואַלד־געשריי!

ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט, און איך זיץ אַזוי אין אַרכיוו און לייען און לייען. דער זייגער קלאַפּט 3, אין דרויסן הערט זיך די שווערע ספּעציפישע דייטש־רוצחישע טריט פון דער געטאָ־וואַך. איך קען זיך נישט אָפּרייסן פון לייענען. איך טראָג זיך איבער מיט די גע־דאַנקען אין יענע ווייטע לענדער, וווּ יידן, קינדער פון וואַרשעווער געטאָ, לעבן פריי, נאָרמאַל, און ציען אויס אַ האַנט צו אונדז, צו זייערע נאָענט־סטע — צום טויט פאַראורטיילטע. ווייסן זיי שוין דאָרט? שפּירן זיי?

— יאָ, זיי מוזן שפּירן. אַ יידיש האַרץ איז ווי אַ סייסמאָגראַף: טוט ערגעץ אַ יידן וויי, רופט זיך אַ צווייט האַרץ אָפּ. אויב אַזוי וועלן זיי דאָך נישט שווייגן. וועט־זשע זייער אָפּרוף זיין אַזוי שטאַרק, ווי שטאַרק ס'איז דער ווייטיק און דאָס אומגליק? וועלן זיי קענען אונדז ראַטעווען? געוויס יאָ. זיי וועלן, אונדזערע ברידער, מויערן דורכברעכן, די וועלט איינרייסן, און — אונדז ראַטעווען. יאָ, איך בין עס זיכער.

איך בלעטער ווייטער אין די בריוו, ווי איך וואָלט געפונען אין זיי האָפענונג, שטאַרקונג. נעמען באַקאַנטע, „געוועזענע", און אומבאַקאַנטע,

און דאך — אזוי נאענטע, ווייל אזוי היימישע, הארציקע, גלייך ווי פון מיין ברודער... ס׳איז שוין פארטאג. 6 אזייגער. איך לייג צונויף די בריוו און קארטלעך מיט יראת הכבוד. כ׳גלעט זיי ליבלעך, מיט דרך ארץ, ווי אלטע הייליקע שמות. איך לייג זיי אוועק צווישן די וויכטיקסטע, בכבודיקסטע אלטע היסטארישע אקטן פון דער ווארשעווער יידישער קהילה. זענען זיי דאך זיכער געשריבן מיט די ריינסטע כוונות, מיט די ערלעכסטע געפילן פון קינדישער טריישאפט.

הייליקע כתבים פון יידישער הארציקייט!

נ א כ ב א מ ע ר ק ו נ ג : און שפעטער, דעם 28סטן אפריל 1943, ווען די נאציס האבן אונטערגעצונדן דעם קהילה־ארכיוו אויף זאמענהאף 19, זענען אויך יענע בריוו פארברענט געווארן. צוזאמען מיט די טויזנטער ספרים, וואס זענען דארט געווען און וויכטיקע היסטארישע אקטן. אבער די געפילן, וואס האבן איז יענע בריוו געלייכט, שוועבן ווייטער אויף די חורבות פון ווארשעווער יידנטום: „גווילין נשרפין ואותיות פורחות״.

## „ידיעות״ און „נביאות״

### זונטיק, 17. יאנואר.

היינט זיך פארשפרייט ווידער א בשורה טובה אין געטא. אייגנטלעך איז עס נישט קיין „נייעס״; שוין עטלעכע מאל איבערגעחזרט, נאר היינט איז עס שוין „אפיציעל״: א רעגירונגס־דעקרעט אין ענגלישן פארלאמענט:

— טשווירטשיל האט דערקלערט, אז אויפן יסוד פון דער באלפור־דעקלאראציע ווערן אלע פוילישע יידן דערקלערט פאר בירגער פון דער בריטישער אימפעריע, און פאלן ארונטער אונטערן שוץ פון ענגלאנד.

טייל גיבן צו:

— רוזוועלט און טשווירטשיל האבן דורך דער פארמיטלונג פון דער שווייצארישער אמבאסאדע, אלס שוצמאכט פון ענגלישע און אמעריקאנישע אינטערעסן, זיך געווענדט מיט אן אויפפאדערונג צו דייטשלאנד, אז יידן זאלן געניסן פונעם רעכט, וואס ס׳זעט פאר פאר פיינטלעכע אויסלענדער די זשענעווער קאנווענץ...

די דאזיקע ידיעות פארשפרייטן זיך אין געטא ווי א בליץ. פאר־

חושכטע פנימער שײַנען אויף. און אַ פונק פון האָפענונג גליט אויף אין פאַראומערטע הערצער. וואָרום מענטשן גלויבן אין די דאָזיקע ידיעות פעסט. די ווירקלעכקייט איז פאַר אונדז אַ קאָשמאַר. האָפענונגסלאָז. איז דאָס איינציקע אַנטרינען אין דער וועלט פון אומרעאַלקייטן, וועלכע ווערט בײַ אונדז אַ ווירקלעכקייט.

פאַראַן אָבער אויך סקעפּטיקער. נאָר זיי זענען אַ מינדערהייט. מײַן קוזינע, יעטי טירקל־פרענקעל, געהער צו דער דאָזיקער מינדערהייט און זאָגט מיר: איך פרעג נישט אויף קיין שום נײַעס פונעם פראָנט, פון דער פּאָליטיק, בלויז אויף איינעם:

— זענען „זיי" נאָך דאָ?.. זענען „זיי" שוין אַוועק?...

און ווען ייִדן הערן וועגן על־אַלאַמיין, און סטאַלינגראַד, פרעגן זיי: ווי ווײַט איז עס נאָך קיין — סאָכאַטשעוו?

איך געהער אויך צו דער דאָזיקער מינדערהייט פון סקעפּטיקער. נאָר איך באַהאַלט מײַן סקעפּטיציזם פאַר זיך.

ווײַל ראשית, בין איך דאָך נישט פולשטענדיק זיכער, אַז די אַלע ידיעות זענען נישט אמת. איך האָב, נאַטירלעך, דערויף נישט קיין באַווײַזן, פונקט ווי ס'זענען נישטאָ קיין באַווײַזן, אַז זיי זענען יאָ אמת. שנית, זאָג איך, זענען זיי כּלל נישט אַזוי פאַלש. נ י ש ט אָ ק י י ן פ אַ ל ש ע י ד י ע ו ת, ב ל ו י ז — פ ר י צ ײַ ט י ק ע... אויב זיי זענען נאָך הײַנט נישט אמת, וועלן זיי עס זײַן — מאָרגן. אויב זיי זענען נישט קיין ידיעות, זענען זיי נביאות. דריטנס, זענען די דאָזיקע „בשו־רות טובות" אַ וויכטיקער און פּ אָ ז י ט י ו ו ע ר פאַקטאָר אין געטאָ־לעבן.

זיי זענען אַזעלכע מינים „איינשטיכן", וואָס שטאַרקן די שוואַכע הערצער... זיי שטאַרקן די לעבנס־קראַפט. זיי באַפעסטיקן דעם ווילן צום אויסדויער. און דאָס איז נישט קיין קלייניקייט. וויפל מענטשן זענען פאַרלוירן געגאַנגען בלויז צוליב דעם, וואָס זיי האָבן פּסיכיש זיך אונ־טערגעגעבן! זיי האָבן רעזיגנירט, פאַרלאָרן די האָפענונג און שלום גע־מאַכט מיטן גורל. זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז ס'איז מעגלעך אַ רעטונג. זיי האָבן נישט געגלויבט אין די בשורות טובות.

איז גוט וואָס ס'זענען דאָ אַזעלכע בשורות, און ס'איז גוט, אַז מענטשן גלויבן יאָ אין זיי.

ווי אַזוי אַנטשטייען זיי?

אויף פאַרשידענע אופנים. איינער דערציילט עפּעס, וואָס ער האָט באמת געליינט אָדער געהערט. אַ צווייטער דערהערט נישט אינגאַנצן ביזן סוף, אָדער פאַרשטייט נישט, אָדער פאַרשטייט שלעכט, אָדער פאַרהערט עפּעס, גיט עס איבער אַלס אויטענטיש אַ דריטן. דער דריטער לייגט עפּעס צו און גיט עס איבער אַ פערטן, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער; די ידיעה ווערט אויפגעבלאָזן פאַרשענערט אויסגעפּוצט און אַזוי גייט זי ווייטער איר טריומף־מאַרש דורך גאַרענדיקע נאָך הילף הערצער. פונקט ווי ערגעץ אויף אַ שפּיץ פון אַלפּן־בערג גיט אַ בלאָז אַ ווינטל און רירט אָן אַ קליין שפּרענקעלע פאַרפרוירענעם שניי פון די „אייביקע שנייי״; דאָס שפּרענקעלע קייקלט זיך און קייקלט זיך איבער אַ דריטהאַלבן טויזנט מעטער, דורך פאַרשידענע טיפענישן און הויכקייטן, נעמט אומעטום אָן אויף זיך נאָך אַ שיכט און נאָך אַ שיכט שניי, ווערט גרעסער און גרעסער, און ווען ס׳קומט צו צום טאָל, איז עס שוין אַ גאַנצע־לאַווינע.

אַזוי איז עס מיט די געטאָ־ידיעות.

אָט טאָקע מיט אונדזערע היינטיקע. הערנדיק די דאָזיקע ידיעה, האָב איך, הגם כ׳האָב געצווייפלט דערין, געגעבן אַ זאָג:

— גלעדסטאָן, דער גרויסער ענגלישער מלוכה־מאַן, האָט געזאָגט: „אונטער יעדן ענגלישן בירגער שטייט די גאַנצע באַוואָפנטע מאַכט פון דער בריטישער אימפּעריע, אויף דער יבשה און אויפן ים״.

פאַרנאַכט האָט מען מיר שוין איבערגעגעבן טשווירטשילס „דערקלערונג״ בנוגע ייִדן מיט דעם דאָזיקן צוגאָב:

— „טשווירטשיל האָט דערקלערט, אַז אונטער יעדן ייִדן שטייט די גאַנצע באַוואָפנטע בריטישע מאַכט אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט״... („אין דער לופט״ — דאָס האָט ווירקלעך גלעדסטאָן נישט געקענט דערקלערן, ווייל נאָך נישט געווען דעמאָלט קיין בריטישע באַוואָפנטע מאַכט אין דער לופט; דאָס האָט נאָר טשווירטשיל געקענט דערקלערן...).

אַזוי שאַפן זיך „ידיעות״. מענטשן גאַרן נאָך זיי, בענקען נאָך זיי. יעדע באַגעגעניש מיט דער פראַגע: „וואָס הערט זיך?״ איז נישט סתם

זוי אמאָל אזא „שיגרא דלשנא", נאָר אַ פראגע, אויף װעלכער מ'דער־װאַרט, מ'לעכצט אַ תשובה מיט „גוטע" ידיעות.

— „זאָל זיין אַ ליגן, — בעט זיך איינער, — אבי אַ „גוטער"...

און אזוי װי יעדער באַדאַרף שאַפט אַן אָנבאָט, לויט דער עקאָנאָ־מיק, — זענען פאַראַן ליפעראַנטן פון ידיעות. קודם כל אזעלכע װאָס הערן ידיעות פונעם ענגלישן ראַדיאָ, אָדער באַקומען אזעלכע דורך קריסטלעכע באַקאַנטע. דאַן זענען פאַראַן אזעלכע װאָס לייענען צװישן די „שורות", און אזעלכע װאָס האָבן שטענדיק ידיעות „פאַרלעסלעכע". (נישט מער, װאָס איינמאָל װען דער שטענדיקער ידיעות־ליפעראַנט איז נישט געװען ביים גוטן הומאָר, האָט ער בייז אָפּגעענטפערט אויף אַ פראַ־גע: װאָס איז נייעס? ביסט קראַנק אַליין אויסצוטראַכטן...).

קודם כל — ידיעות פונעם פראָנט. שטענדיק זענען זיי גוטע. װען די דייטשן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון געװיסע ערטער, זענען די ידיעות דערװעגן געקומען אין געטאָ אריין אין פאַרצענפאַכטער פאָרעם. אז ס'איז געװען גוט אויפן פראָנט, איז אין דער באַלייכטונג פונעם געטאָ געװען נאָך פיל בעסער װי גוט. האָבן אָבער די דייטשן אָפּגעהאַלטן נצחונות, איז — װידער געװען נאָך בעסער: װאָרום, װאָס מער דער דייטש גייט װייטער, האָט מען געהאַלטן, דערנענטערט ער זיך צו זיין מפּלה. איבעריקנס — ביז די ידיעות זענען אָנגעקומען צום פּשוטן מענטש אין געטאָ, זענען די מפּלות פון די אַליאירטע פאַרביטן געװאָרן אין מפּלות פון די דייטשן און די דייטשע מפּלות זענען „אויפן װעג" פאַר־פילפאַכט געװאָרן, צו זייערע פאַרלוסטן זענען צוגעקומען עטלעכע זע־ראָס, היטלער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אָדער האָט געשאָסן זיינע מאַרשאַלן, גערינג איז געװאָרן אַרעסטירט און די נאַצים — בעטן שלום...

אזעלכע ידיעות זענען דאָס בעסטע מיטל אויף אָפּגעשװאַכטע װילנס, אויף יאושדיקע הערצער. כמעט יעדן טאָג קומט צו מיר מיינס אַ חבר, ה' פּאַפּאָװער, און װיקלט אויף אַ פּאַפּיר און — מ'פאַרמאַכט די טיר — און מ'לייענט: די ענגלישע קאָמוניקאַטן פונעם פראָנט. די דאָזיקע זענען שטענדיק אויטענטיש. אָבער נישט שטענדיק — „גוט"...

פאַראַן מענטשן, װאָס גיבן זיך ספּעציעל אָפּ מיט הערן און איבער־

געבן ידיעות. זיי גייען אַרום אַ גאַנצן טאָג, באַגעגענען יעדן איינעם מיט דער פראַגע:

— וואָס הערט זיך? וואָס איז נייעס?

און ווען זיי האָבן עפּעס אויפגעכאַפּט, זענען זיי געלאָפן באַלד צו אַ צווייטן, צו אַ דריטן און ווידער געהערט און געהערט. זיי זאַפּן איין די ידיעות אין זיך ווי אַן היילנדיקן באַלזאַם. זיי זענען קיינמאָל נישט זאַט, קיינמאָל האָבן זיי נישט גענוג. און ווי אַזוי זיי הערן בלויז אַ ידיעה, לויפן זיי ווייטער איבערגעבן אַנדערע, פאַרשפּרייטן צווישן פריינד, באַקאַנטע און אפילו גאַנץ פרעמדע מענטשן. זיי פּוצן די ידיעות אַביסל צו, צירן זיי אויס אין פּראָדוקטן פון זייער פאַנטאַזיע, — אַבי דער קערן איז אמת — און ווען זיי חזרן זיי איבער צום ווייפלטן מאָל, גלויבן זיי שוין אַליין אויך אין זיי... פאַר זיי איז גענוג עפּעס אַ „וואָרט", אַ „פראַגמענט", אין זייער מוח אַנטוויקלט זיך עס שוין ווייטער און ווייטער...

למשל ווען ס'איז געווען די מלחמה ביי על־אַלאַמיין, ביים נילוס; האָט מען געוווסט צו דערציילן אין געטאָ, אַז איצט איז דער אָנהייב פונעם סוף, וואָרום? — וואָרום, ער דערנענטערט זיך צו ארץ־ישראל און דאָ מוז קומען זיין סוף, דער סוף פון מלחמת גוג ומגוג.

וואָרום די קראָקאָדילן זענען אין דער צייט, ווען דער נילוס צעשפּרייט זיך, אַראָפּ צו דער דעלטאַ און אוממעגלעך געמאַכט די דייטשן דאָס גיין ווייטער; די ענגלענדער באַשיסן זיי פון די פּיראַמידן; די שוואַרצע פון די מדבריות זענען אַראָפּ אויף די דייטשן מיט פאַרסמטע פּיילן; מ'האָט דערביי דערציילט נעבנזאַכלעכע פּרטים, אַז סוועז העדין, דער שוועדישער פאָרשער, ווען ער האָט געפאָרשט די מדבר גאָבי אין אַזיע, איז ער שוין דעמאָלט געווען אין דינסט פונעם דייטשן שפּיאָנאַזשאַפּאַראַט, אַז ער האָט געזוכט וואַסער פאַר זיי, און איצט נוצן די דייטשן זיינע פאָרשונגען (די דאָזיקע „ידיעה" איז געבוירן געוואָרן פון אַ השערה פון מיין פריינד ד"ר ש. שימקעוויטש, וועלכער איז געווען רעדאַקטאָר פונעם פּוילישן „געאָגראַפישן ווערטערביך"...). דער עיקר אָבער האָט מען דעמאָלט גענומען שטאַרק רעדן — און האָפן אויף דעם אָנהייב פון „זיין" סוף, ווייל ער האָט אָנגעהויבן מיט ארץ־ישראל (באָמבאַרדירט דעמאָלט חיפה). איצט, האָבן יידן געגלויבט, מוז ער האָבן די מפּלה.

וואָרום געווען נאָך אַנדערע קוואַלן פון גוטע „ידיעות", ספּעציפֿיש־יידישע; געבוירן אויף אַ האַלב־מיסטישן באָדן, אָבער אין דער געטאָ־ווירקלעכקייט נישט ווייניקער „רעאַלע".

„נביאות", פּאַראויסזאָגונגען, רמזים פון הייליקע ספרים „ווערטער" פון צדיקים, גמטריאות, נוטריקון, אויסטייטשונגען פון פּסוקים, דרושים, מאמרים, אויסרעכענונגען פון מחשבי קוצין (ווען ס'איז אָפּגעלאָפן איין „טערמין", האָט מען זיך חלילה נישט מיאש געווען, וואָרום ס'איז שוין אינצווישן אָנגעגעבן געוואָרן אַ צווייטער...), זוהר־אָנדייטונגען, חלומות...

די ראַדיאָ־ידיעות, די בשורות אויפן פּראָנט זענען געווען אויף יעדן טאָג, אויף דערווייל, אָבער אויף אַ לענגערן דיסטאַנץ זענען געווען אָט יענע — טיפערע ווערטער, פּאַראַנקערט אין אייביקייטן. וואָרום די יאָרן לויפן, די כוחות ווערן שוואַכער, ס'באַווייזט זיך די סכנה פון צוזאַמענברעכן זיך. איז יעדעס אַזאַ וואָרט אַ התחזקות. וואָרום די ווירקלעכקייט איז געווען האַרט. האָט מען זיך צוריקגעצויגן אין דער וועלט פון — נעבטן — און מאָרגן. אין דער אייגענער וועלט, וועלכע מ'האָט זיך געבויט אויפן יסוד פון גייסטיקע אוצרות. פון דאַנען האָט מען געצויגן די מסקנה אַז „אית דין ואית דיין", ממילא מוז דאָך ווערן בעסער. מוז זיך דאָך ענדיקן גוט.

יעדער מענטש האָט זיך געראַנגלט מיט גאָט. האָט געוואָלט אַריינדרינגען אין סוד פון קיום. האָט געוואָלט דערגיין דעם זין פון די געשעענישן. מ'איז געשטאַנען פאַר אַ רעטעניש. די אוראַלטע קשיא „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו" — האָט ביי אונדז אָנגענומען קאָסמישע דימענסיעס.

ווער איז אימשטאַנד אויסצודריקן דאָס געשריי פונעם מענטשלעכן האַרץ וועגן גאָט, דאָס געשריי ממעמקים, פון די טיפסטע טיפענישן פונעם גיהנום, דאָס געשריי אין מאַכטלאָזיקייט, אין אייגענעם בלוט; דאָס גסיסה־געשריי, דערשטיקט אין די לעצטע זיפצן, אין לעצטן אָטעמצוג, פאַרשטאַרצט אין אַ גוף, אַוועקגעוואָרפן אין מיטן נאַלעווקי־גאַס!

און קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן די נאַכט אין „קעסל" אויף דער מילאַ־גאַס, פון יענער שוידערלעכער „סעלעקציע", ווען הונדערט

טויזנט ווארשעווער יידן זענען געפירט געווארן צו פארניכטונג. מיינס א באקאנטער, א רעליגיעזער מענטש, איז געווען מיט א ווייב און דריי קינדער, האט מען ביי אים דאס ווייב מיט די קינדער אוועקגענומען; האט ער געוואלט גיין מיט זיי צוזאמען און א ס.ס.־מאן האט אים נישט געלאזט און דערביי שרעקלעך צעשלאגן. א צעבלוטיקטער, א צעווייטיק־טער האט ער זיך דערשלעפט ביינאכט אין פינצטערן קעלער, ווו איך בין געווען באהאלטן, אנידערגעפאלן נעבן מיר און מיך נישט געלאזט רוען, איבערחזרנדיק א גאנצע נאכט:

— זאג, הלל, פארוואס? פארוואס?

און אריינגעפאלן אין א יאמערלעך געוויין.

א „מאדערנער” איוב. נישט מער, וואס דא, אין דעם פינצטערן קעלער, אין דער פינצטערער שחיטה־נאכט איז נישטא נישט אליפז התימני און נישט בלדד השיחי און נישט צופר הנעמתי. נישטא קיין מנחם אין דער דאזיקער שרעקלעכער נאכט.

איך האב בלויז געקענט פון מיר ארויסברענגען די אייביקע איוב־ווערטער פון ליידן און פון כעס אויף אומרעכט:

— היום ההוא יהי חושך אל ידרשהו אלהים ממעל ואל תופע עליו נהרה. יגאלהו חושך וצלמות, תשכן עליו עננה, **יבעתוהו כמרירי יום.**

— הלילה ההוא יקחהו אפל אל יחד בימי שנה... הנה הלילה ההוא יהי גלמוד אל תבוא רננה בו...

און אזוי זענען געפאלן די איוב־ווערטער אין דער פינצטערער שחיטה־נאכט אין ווארשעווער געטא, און געדאכט האט זיך מיר, אז זיי זענען ערשט היינט צום ערשטן מאל געזאגט געווארן, זענען היינט אק־טועל, נאך מער ווי דעמאלט. ווארום וואס זענען די ליידן פון אן איוב אקעגן די ליידן פון יעדן ייד אין ווארשעווער געטא?!

פון דער צווייטער זייט האט יעדער, וואס איז געבליבן לעבן, גע־האט עס צו פארדאנקען אזוי פיל וואונדערלעכע אומשטענדן, אזוי פיל סיבות און קאמפלעקסן פון צופאלן, פון א ו מ ג ל ו י ב ל ע כ ע ממש צופאלן, אז מ׳גלויבט, אז עס איז דאך נישט געווען קיין צופאל; מען גלויבט, אז דאס איז השגחה! יעדער ראטעווען זיך איז געווען קעגן דעם „לאגישן” גאנג פון די געשעענישן, קעגן פשוט עלעמענטארע מאכטן;

חוץ לדרך הטבע, אז נאר מיט א נס קען מען עס אויס־טייטשן. גלויבט מען אין א נס!

און דערפון אנטשטייט דער גלויבן אין אלע אומרעאלע „ווירקלעכ־קייטן", אין אלע „ידיעות" און בשורות טובות. ווארום מ׳גלויבט, אז ס׳מוז עפעס געשען, וואס וועט אונדז ראטווען. ס׳מוז! מ׳גלויבט קעגן אלע ווארשיינלעכקייטן, קעגן אלע כללים פון שכל און לאגיק. ווא־רום מ׳איז איבערצייגט, אז דער סוף מוז דאך זיין א גוטער.

איך אליין, ווען כ׳האב געלערנט קהלת, האט פאר מיר דער ענדע־פסוק „סוף דבר הכל נשמע", אויפגעלייכט אין אן אנדערן פשט, ווי פריער; איך האב מיר געטייטשט:

„סוף דבר", די ענדע פון דער זאך, פון דער קייט פון די געשעענישן, „הכל נשמע", וועט אלעם מאכן פארשטענדלעך. (פונעם לשון פון חז"ל: „לא שמוע לי, לא סבירא לי"; — ער האט נישט געהערט, מיינט מען, ער דענקט נישט אזוי, ער פארשטייט נישט אזוי...) און אזוי ווי ס׳איז געוועזן זיכער, אז דער סוף וועט זיין א גוטער, וועט ממילא דאס אלץ אומפארשטענדלעכע ווערן פארשטענדלעך, אלע קשיות וועלן ווערן פארענטפערט...

אזוי האב איך געטייטשט און געמיינט דעמאלט, ווען מיר האבן געלעבט אין א ים פון נויט, אבער מיר האבן געלעבט, מיר זענען געווען; אמת דער פאלקס־קערפער האט געבלוטיקט אין טויזנט וווּנדן, אבער די פאלקס סובסטאנץ האט עקזיסטירט („רק את נפשו שמור". האבן מיר געמיינט איז אנגעזאגט געווארן דעם שטן). היינט דערגייען שוין נישט צו מיר די אלע גוטע „ידיעות" און בשורות טובות און פירו־שים און רמזים. איך שטיי, פונקט ווי כמעט מיר אלע פאר א גרויסן פראגע-צייכן:

— פארוואס?

## דער 18טער יאַנואַר 1943

### מאָנטיק, 18. יאנואר.

היינט זייגער פינף פארטאג האבן די לאטישן און אוקראינער אונ־טער דער אנפירונג פון ס.ס.־לייט ארומגערינגלט דאס געטא. אן „אקציע".

די ס.ס.-לייט קומען ס'ערשטע אין דער קהילה־געביידע אויף זאמענהאף 19 און פארנעמען יעדן, וועמען זיי טרעפן דארט. דאס ערשטע מאל פאר־נעמען זיי אויך מיטגלידער פונעם יודענראט. צווישן זיי אייזיק בער עקערמאן, הארוויץ, יוסף יאשונסקי, און אנדערע. זיי לאזן זיך דאן אויף דער מילא־גאס, „בלאקירן" די הייזער, וווּ ס'וווינען די ארבעטער פון דער „אסטבאן", און „ווילדע" (אן נומערן), נעמען אוועק אויפן „אומשלאג" אלע וואס זיי טרעפן. גלייכצייטיק קומט פאר א „בלאקאדע" אויף דער ביסקע-גאס, וווּ ס'געפינען זיך די יידן, וואס ארבעטן אין דער א. ג. „ווערט-ערפאסונג". די ווערט־ערפאסונג, איז נישט מער ווי אן ארגאני־זירטער רויב פון דעם יידישן פארמעגן, וואס איז פארבליבן נאך דער „דעפארטאציע". דאס דאזיקע פארמעגן ווערט „געארדנט" און ארגא־ניזירט. ס'רוב ווערט אוועקגעשיקט קיין דייטשלאנד. ס'ארבעטן דערביי איבער 3000 יידן, צווישן זיי א סך פון די ארומיקע שטעט, וועלכע זענען ערשט נישט לאנג געקומען קיין ווארשע, שטיצנדיק זיך אויף דער פאר־ארדענונג, אז ווארשע איז איינס פון די ווייניקע געטאס, וועלכע דארפן בלייבן אין א. ג. „גענעראל-גווערנעמענט".

איצט האט מען אויך די דאזיקע יידן פארנומען.

די ס.ס.-לייט מיט זייערע מלאכי חבלה, די לאטישן און אוקראינער באפאלן אויך די „שאפן", וווּ זיי פירן דורך א „סעלעקציע", ד. ה. פאר־נעמען די, וואס זייער אויסזען געפעלט זיי נישט. אזעלכע „סעלעקציעס" קומען פאר אין שאפ שולץ אויף נאוואליפיע־גאס; ס'ווערן דעמאלט פארנומען צווישן אנדערע הרב אברהם אלטער פון פאביאניץ, הרב ז. גור-אריה. א באזונדערס ברוטאלע „סעלעקציע" קומט פאר אין די שאפן אויף שווינטא־יערסקא, ביי די בערשטן־מאכער, פאן שעהנע און שא־ניאווסקי, אויף דער קופיעצקא-גאס, ביי „הערמאן ברויער" אויף נא־לעווקי 28־38.

אין געטא אנשטייט א שרעקלעכע פאניק. מענטשן טרויען שוין נישט די לעגיטימאציעס און אויסווייזן. מען באהאלט זיך. אין די קע־לערס, אין ספעציעל־איינגעריכטעטע באהעלטענישן, אין א. ג. „בונ־קערס". א קלאסיש באהעלטעניש ווערט געמאכט אויף אזא אופן: מ'פאר־מויערט און פארקלעבט מיט טאפעטן די טיר פון א שטוב אויף דער דרוי־

סנדיקער זייט; דאַן האָט מען אויס אַן עפּענונג אין סופית, וועלכע פירט צו אַ צימער אויף אַ העכערן שטאָק. די דאָזיקע עפענונג ווערט אַזוי פאַרמאַסקירט, אַז מ׳קען זי נישט באַמערקן; זי ווערט צוגעדעקט פון אויבן מיט אַן אַלטן דיוואַן, אויף וועלכן מ׳שטעלט אַנידער אַ טיש. פון אינעווייניק ווערט צוגעשטעלט אַ לייטער, אויף וועלכער מ׳גייט אַרויף צום אויסגאַנג.

בייטאָג זיצט מען מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם אין דעם „סכראָן", יעדער מינדעסטער שאָרך קען פאַרראַטן; און ביינאַכט גייט מען אַרויס דורך דער עפענונג און מ׳קאָכט זיך אָפּ אַ ביסל געקעכץ, מען באַזאָרגט זיך שפּייז און מ׳הערט — „נייעס".

אַממיינסטן זענען טאַקע די קרבנות פון די שאָפּן, פון די „לעגאַלע" וואָס זענען פאַרזען מיט אַלערליי אַרבעטס-אויסווייזן. די „ווילדע", ד. ה. די וואָס זענען נישט רעגיסטרירט אין די שאָפּן, האָבן נישט קיין נומערלעך און „פּאַפּירן", באַהאַלטן זיך און ווערן ניצול.

די ס.ס.־לייט באַפאַלן אויך אַ יידיש קינדערהיים אויף סטאַווקי־גאַס. דאָס דאָזיקע קינדער־היים איז איינגעריכטעט געוואָרן דורך דער יידישער קהילה מיט דער דערלויבעניש פון דער „בעפעל-שטעלע", און בראַנד, דער הויפּט־רוצח פון דער געשטאַפּאָ, האָט אפילו ביי דער געלעגנהייט געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אָנגעזאָגט דער קהילה זיך גוט צו פאַרנעמען מיט די קינדער, „וועלכע זענען די צוקונפט פון אייער פאָלק..." אַזוי ווייט האָט דערגרייכט די פּערפידיע פון די דאָזיקע אַכזריותדיקע רוצחים!

היינט האָט מען די דאָזיקע קינדער אַוועקגענומען צום פּאַרטיליקן אין די גאַז־קאַמערן אין טרעבלינקע.

די ס.ס.־באַנדיטן לויפן אַרום איבער די יידישע גאַסן אין ווילדער רציחה. נישטערן אין די הייזער, צווישן די שאָפּן, אין די ביוראָען פון דער קהילה. די קהילה־אָנגעשטעלטע זענען אָבער ווייניק פאַראַן היינט. זיי טרויען נישט מער זייערע שוץ־קאַרטן. די וואָס זענען דאָ אין ביוראָ, און טוען זייער אַרבעט — ווערן פאַרנומען אויפן „אומשלאַג".

אויף דער וואָלינסקע-גאַס קומט צום ערשטן באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד. דאָרט, אין הויז נומער 7 געפינט זיך אַן אָפּטיילונג פון דער

„פארטיי" — ד. ה. פון דער יידישער ווידערשטאנד־באוועגונג. — בעת די לאטישן און אוקראינער קומען צו צו דעם הויז, ווערט אויף זיי גע־ווארפן פון די פענצטער אייניקע האנט־גראנאטן. ס'פאלן פון זיי אייניקע, ווי אויך א ס.ס.־אפיציר, וועלכער פירט מיט זיי אן. ס'אנטשטייט ביי זיי א פאניק. זיי צעלויפן זיך. ס'ווערט רואיק. א שטילקייט צעלייגט זיך אויף דער גאס.

מ'ווייסט אבער, אז דאס וועט אזוי נישט בלייבן. די דייטשן וועלן נישט בלייבן פאסיוו. די „פארטיי" גיט ארויס א באפעל, אז אלע יידן זאלן אוועק פון דער דאזיקער גאס. מ'אנטלויפט שנעל. דערווייל פאלט צו די נאכט. ס'קומען אייניקע ס.ס.־לייט און גייען דורך דורך דער גאס, ארײנלייכטנדיק מיט זייערע עלעקטרישע לעמפלעך אין די טויערן. אין טויער אויף וואלינסקע-גאס 21 טרעפן זיי יצחק ג י ט ע ר מ א ן, (דעם דירעקטאר פונעם „דזשאינט" אין פוילן און פרעזעס פון ייווא), וועלכער גייט צוזאמען מיט ד"ר נחמן קאוואלסקי (א יונגער געלערנטער, מאטעמאטיקער, א זון פונעם וולאצלאוועקער רב, סענאטאר י. ל. קאוואלס־קי). די ס.ס.לייט הייסן זיי בלייבן שטיין, און דערשיסן זיי ביידע אויפן ארט.

אזעלכע פאלן חזרן זיך איבער אויך אויף אנדערע גאסן. די ס.ס.־לייט, צעיושעטע, שיסן ווען זיי טרעפן.

אין „קליינעם געטא", גייט צו די „אקציע" „נארמאל": מ'נעמט ארויס מענטשן פון די שאפן „טעבענס", „ווילהעלם דעהרינג", „זיגמונט", אויף צעגלאנע, פראסטע און גזשיבאווסקע־גאס, און מ'פירט זיי אויפן „אומשלאג"־פלאץ.

דאס „קריטעריום" פון דער סעלעקציע איז — דער צופאל. ווער ס'איז נישט נושא חן אין די אויגן פון די ס.ס.־לייט — ווערט ארויס־גענומען פונעם שאפ. טיילמאל גיט זיך איין די שאפ־אייגנטימער, אדער לייטער אויסצובעטן ווען ס'איז. אבער דאס איז זעלטן. נאכן „אור־טייל" פון דעם ס.ס.־מאן איז נישטא קיין אפעלאציע.

6000 יידן פון דעם קליינעם איינגעשרומפענעם קיבוץ אין ווארשע־ווער געטא, זענען געפאלן א קרבן פון אט דער „אקציע".

ביי די איבערגעבליבענע איז צוגענומען געווארן יעדע האפענונג.

פון אָקטאָבער 1942 ביז דעם 18טן יאַנואַר 1943 איז געווען פאַרהעלט־נישמעסיק „רואיק". דאָס הייסט, קיין מאַסן שחיטות זענען נישט געווען. „בלויז" יעדע עטלעכע טעג האָט זיך באַוויזן אין געטאָ אַ געשטאַפּאָ־אָפיציר און נעשאָסן אויף די דורכגייער. דאָס איז נישט אַריינגערעכנט געוואָרן. מ'האָט באַטראַכט די לאַגע פאַר „נאָרמאַליזירט". מ'האָט גערעדט וועגן „סטאַביליזאַציע", ד. ה. אַז די וואָס זענען געבליבן, וועלן שוין בלייבן.

מ'האָט זיך גענומען איינריכטן, ווי נישט איז, דאָס לעבן. פון ס'ניי. די אַפּראָוויזאַציע-לאַגע האָט זיך אפילו אַביסל פאַרבעסערט. די לעבנס־מיטל-ליפערונגען פאַרן געטאָ זענען פאַרגרעסערט געוואָרן. די מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ, אויף די א. ג. „פּלאַצוווקעס", האָבן אויך אָפּט אַריינגעבערענגט לעבנסמיטל.

האָט מען געמיינט, האָט מען געהאָפט, אַז דערביי וועט עס בלייבן. איצט איז געקומען דער מוראַדיקער קלאַפּ: ווידער אַן „אַקציע". ד. ה. מ'איז נישט זיכער מיטן מאָרגן. „והיה חייך תלויים לך מנגד"...

נישטאָ קיין האָפענונג, נישטאָ קיין אויסוועג. נישטאָ קיין אַנטרינען. דער שונא האַלט ביי — לעקור את הכל...

## די רבנים פאַרלאָזן נישט זייער קהילה

### דעם 15טן מערץ 1943.

איך בין געוואָר געוואָרן פאָלגנדיקע געשיכטע, וואָס ווערט נאָך געהאַלטן בסוד:

געוויסע קאַטוילישע גלחים אין ווארשע האָבן זיך דערוווסט, אַז דער אוקראַינער מעטראָפּאָליט גראַף שעפּטיצקי אין לעמבערג באַהאַלט אויס עטלעכע לעמבערגער רבנים מיט זייערע משפּחות, ווי הרב ד"ר דוד כהנה, די משפחות פון די רבנים ד"ר לוי פריינד (ער אליין איז געשטאָרבן אין יאָר 1941), הרב לייטער און אַנדערע. האָבן היגע גלחים זיך געווענדט צום יודענראַט מיט דער פּראָפּאָזיציע, אַז זיי זענען גרייט אויסבאַהאַלטן די עטלעכע איבערגעבליבענע ווארשעווער רבנים מיט זייערע פאַמיליעס.

דעם דאָזיקן פאָרשלאָג האָט איבערמיטלט צו די רבנים דער וויצע־פּרעזעס פונעם יודענראַט אברהם שטאָלצמאַן, וועלכער גייט אַרויס אויף דער אַרישער זייט.

די לעבנגעבליבענע רבנים פון וואַרשעווער ראַבינאַט זענען היינט בלויז דריי: הרב מנחם זעמבא, הרב ר׳ שמשון שטאָקהאַמער און הרב ר׳ דוד שפּירא.

זענען די רבנים זיך צונויפגעקומען אויף אַ באַראַטונג וועגן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג.

אָבער, ווי נאָר אינזשיניער שטאָלצמאַן האָט איבערגעגעבן דעם תוכן פון זיין שליחות, איז דער יינגסטער פון די דריי רבנים, הרב דוד שפּירא, אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין, אויסרופנדיק:

— ניין! מיר וועלן אונדזער קהילה נישט פאַרלאָזן; מיר האָבן גע־לעבט צוזאַמען, איז אויב ס׳איז באַשערט אומצוקומען, וועלן מיר אומ־קומען צוזאַמען מיט אונדזער עדה!

אויך די אַנדערע צוויי רבנים האָבן געזאָגט, אַז דאָס פאַרלאָזן דורך די רבנים דאָס געטאָ וועט מאַכן אַ שרעקלעכן רושם אויף די איבערגע־בליבענע יידן; עס וואָלט צעבראָכן יעדן ווידערשטאַנד-כוח און בטחון.

די רבנים האָבן אפילו נישט געוואָלט באַטראַכטן דעם רעטונגס־פאָרשלאָג; זיי האָבן אַלע דריי געענטפערט:

— מיר פאַרלאָזן נישט אונדזער עדה; מיר האָבן געלעבט מיט דער וואַרשעווער קהילה צוזאַמען, — אויב ס׳איז אַזוי דער ווילן פון דער השגחה, — וועלן מיר שטאַרבן צוזאַמען!

געווען איז עס אין מערץ 1943.

און דערמיט איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן אַ רעטונגס־שאַנס. דער לעצטער שאַנס.

::—::

הגם דאָס אַלץ איז געווען שטרענג בסוד, זענען אָבער די משפחות פון די רבנים דערפון געוויר געוואָרן.

ווען די רבנים זענען אהיים געקומען פון דער קהילה, האָבן זיך דאָרט אָפּגעשפּילט טראַגישע סצענעס. די רבנים שפּירא און שטאָקהאַ־מער זענען געווען יונגע מענטשן; יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ פרוי און

פיר קליינע קינדער; אויך הרב זעמבאַ האָט געהאַט ביי זיך נאָך פיר קינדער און אייניקלעך. די פרויען זענען אַוועקגעפאַלן אין חלשות, די קינדער האָבן געיאָמערט.

אָבער — פאַרפאַלן, — די רבנים האָבן זייער באַשלוס געלאָזט פאַלן און זיך געהאַלטן אין אים.

ניט געוואָלט זיך שיידן מיט זייער עדה.

„הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו".

## באַמערקונג:

הרב ר' מנחם זעמבאַ הי"ד איז געפאַלן אין אויפשטאַנד דעם דריטן טאָג חול המועד פסח, 1943.

הרב ר' שמשון שטאָקהאַמער איז פאַרנומען געוואָרן אין אַרבעטס־לאַגער אין בודזין, ביי לובלין, מאַי 1943. בעת דער עוואַקואַציע אין 1944 איז דער טראַנספּאָרט באָמבאַרדירט געוואָרן און הרב שטאָקהאַמער איז פאַרוואונדעט געוואָרן. ער איז נפטר געוואָרן און געקומען צו קבורה 2 טעג פאַר דער באַפרייאונג דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

הרב דוד שפּירא איז אויך געווען אין בודזין. ער איז דער איינציקער מיטגליד פונעם וואַרשעווער ראַבינאַט, וועלכער איז געראַטעוועט געוואָרן. ער וווינט איצט אין פירט (בייערן), איז מרביץ תורה און יידישקייט צווישן די פּליטים, און וואַרט — עולה צו זיין קיין ארץ ישראל.

# אויפשטאַנד

## אַ באַמערקונג

### צו דער תקופה — אויפשטאַנד

ווען איך קום־צו צו דער תקופה „אויפשטאַנד", מוז איך מאַכן אַ קליינע באַמערקונג:

מיט מיין „טאָג־בוך פונעם וואַרשעווער געטאָ" בין איך נישט אויסן געווען צו „באַרייכערן די ליטעראַטור". ערשטנס, בין איך נישט קיין ליטעראַט; צווייטנס, ווען איך האָב דעמאָלט, אין די ימי הזעם, געמאַכט מיינע פאַרצייכענונגען אין די שווערסטע באַדינגונגען, ווען דאָס לעבן האָט געהאָנגען אויף אַ האָר, האָב איך אוודאי נישט געקלערט וועגן קיין ליטעראַטור. איך האָב בלויז פאַרצייכנט פאַר דער היסטאָריע. דברים כהויתם. כ'האָב זיך דערביי געהאַלטן אין צוויי כללים: דער ערשטער שטאַמט פון דעם גרויסן גריכישן היסטאָריקער טוקידידעס, וועלכער האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו באַמערקן אין זיינע ווערק: „אַט דאָס האָב איך געזען, אָט דאָס האָב איך געהערט". דער צווייטער שטאַמט פון דעם פראַנצויזישן דיפּלאָמאַט טאַלעיראַן: „ס'איז נישט מיין זאַך צו לויבן אָדער טאַדלען; איך דערצייל..."

דעריבער, ווען כ'האָב איבערגעגעבן וועגן טרעבלינקע, אָטוואָצק און אַנדערע ערטער, ווו כ'בין נישט געווען, האָב איך באַמערקט: „דאָס האָב איך געהערט" און איבערגעגעבן פון וועמען. נישט אַלץ, נאַטירלעך,

וואָס כ׳האָב געהערט, האָב איך נאָטירט; בלויז דאָס וואָס כ׳בין געווען זיכער, אַז ס׳איז אמת.

דאָס זעלבע בנוגע די איינצלהייטן פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. אין אָנהייב פון דער דאָזיקער תקופה בין איך, אמת, געווען אין וואַרשע, אָבער איך האָב מיט מיינע אויגן די געשעענישן נישט געזען; איך בין, נעמלעך, געווען דעמאָלט אַרעסטירט אין דעם „פּאַוויאַק", שפּעטער איבערגעפירט געוואָרן דורך דער „געשטאַפּאָ" קיין וויטעל און קאָמפּיען אין פראַנקרייך. איך בין אָבער געווען אין זייער ענגן קאָנטאַקט מיט אַ סך מענטשן, וואָס האָבן צוגעגרייט (דערביי האָב איך נאָך אַליין זיך באַטייליקט), אַנטיילגענומען אָדער געווען אין געטאָ בעת דעם אויפשטאַנד.

איך האָב די איינצלהייטן גענוי אויפגענומען, פאַרנאָטירט, און נאָר ביי מענטשן, וועלכע כ׳ווייס, אַז זיי זאָגן דעם אמת און בלויז דעם אמת. כ׳האָב נאָטירט בלויז די עדותן פון מענטשן ערנסטע, אויפריכטיקע, גלויבנסווירדיקע. כ׳האָב נישט גענומען אין באַטראַכט די בילדער־רייכע דערציילונגען און פאַנטאַסטישע שילדערונגען פון פאַרשידענע נייגעבוירענע (ערשט איצט!) „העלדן", וואָס יעדער איינער איז געווען אומעטום, „בדידי הווא עובדא"... וואָס יעדער פון זיי האָט כלומרשט געשפּילט אַ הויפּטראָל. קענענדיק גוט די מענטשן אין געטאָ, די עסקנים און אָרגאַניזאַטאָרן פונעם אויפשטאַנד, קענענדיק די פאַרהעלטענישן אין געטאָ, דעם פּסיכישן און מאַטעריעלן צושטאַנד פון די פאַרשידענע שיכטן און — שאָפּן (די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך, נעמלעך, געטיילט אויף „שאָפּן" דעמאָלט...), געדענקענדיק די אַלע איינצלהייטן און די טאָפּאָגראַפיע פונעם געטאָ, — האָב איך געהאַט די מעגלעכקייטן דורכצוזופן די אַלע שילדערונגען, קאָנפראָנטירן זיי מיט דער ווירקלעכקייט און אַרויסצושיילן פון דער פלעווע פון פאַנטאַזיע און טענדענציעזע פּראָפּאַגאַנדע — דעם קערן פון אמת.

דעריבער זאָלן מיר די לעזער מוחל זיין; ס׳קען זיין, אַז מיינע נאָטיצן — זיי פּרעטענדירן נישט אויף מער, — זענען „טרוקן", זענען „בלאָס", אָבער דערפאַר זענען זיי — אמת.

דער קעמפער אין געטאָ האָט נישט געטראַכט אין גסיסה־ווייען וועגן „העלדן־ליטעראַטור", און אוודאי נישט וועגן „געפעלן", און דאָך געווען — אַ העלד.

:: :: ::

און אָט דאָס האָבן מיר איבערגעגעבן מענטשן, וואָס זענען געווען און אַנטיילגענומען אין אויפשטאַנד אין וואַרשע־געטאָ; מענטשן פון פאַרשידענע שיכטן, פון פאַרשידענע שאַטירונגען. זיי אַלע, וועלכע איך רעכן ווייטער אויס (וואָס אַ טייל פון זיי לעבן היינט און אַ טייל זענען דעפּאָרטירט געוואָרן און אומגעקומען), זענען אַקטיווע אָדער פּאַסיווע עדות פון די געשעענישן, און איך האָב בלויז אויפגעצייכנט, וואָס זיי האָבן מיר דערציילט, און זיך באַמיט צו ציען אַ „דורכשניט" פון זייערע אָבסערוואַציעס. כ'האָב אויך קאָנפראָנטירט די באַטרעפנדיקע שילדערונגען, און זיי אויפגענומען ערשט, ווען כ'האָב זיך איבערצייגט אין זייער זיכערער אויטענטישקייט. וואָרום אַזוי פיל איז שוין געשריבן און „פאַנטאַזירט" געוואָרן אַרום די דאָזיקע געשעענישן, אַז איך וויל זיך באַנוגענען בלויז מיט פעסטשטעלן פאַקטן פאַר דער געשיכטע. איך וויל עס טאָן אַלס אַרכיוויסט; זאַמלען מאַטעריאַל פאַרן קינפטיקן היסטאָריקער.

אָט דאָס זענען די נעמען פון מענטשן, וואָס האָבן מיר איבערגעגעבן די פאַקטן:

יצחק קאַצענעלסאָן, דער באַרימטער העברעאיש־יידישער דיכטער, זיין זון צבי; שמחה, יעקב און אהרן ראַפּאַפּאָרט, פון ביליץ (לעצטנס אין וואַרשע); אַלעקסאַנדער לאַנדוי, נחמן גאָלדשטיין, מענדל פרענקעל; יצחק מינץ און אַראָנזאָן פון זגעזש; (אַלע דעפּאָרטירט פון וויטעל דעם 18טן אַפּריל 1944 קיין דראַנסי און דאַן קיין אָשוויענטשים); סאַשאַ קראַוויעץ־הײמאַן, איצט אַן איבערזעצער ביי דער אַמעריקאַנישער אַרמיי אין דייטשלאַנד; הרב יצחק זעמבאַ פון וואַרשע, אַ ברודערן־זון פון הרב מנחם זעמבאַ, זיין ברודער אברהם זעמבאַ, איצט אין פעלדאַפינג ביי מינכען; סטעפאַן רייזנער, איצט

אין פאריז, רבקה ל ע וו י ן, איצט אין פאריז, משה ז י ל ב ע ר-ב ע ר ג, א רעוויזיאָניסטישער עסקן, איצט אין מינכען; בעריש ע ר-ל י ך, דער זון פון דעם באַקאַנטן למדן נתן ערליך, נשיא פונעם „כולל רבי מאיר בעל הנס" אין וואַרשע, איצט אין לאַנדסבערג ביי מינכען; רחמה ר אָ ט ש ט יי ן און רחמה פ ר א נ ק פון בערגען בעלזען; נ. ג ע ל ב ל ו ם, מ. ק אָ ס אָ וו ע ר און פּראָפ. ס אַ ק ס, מיטגלידער פונעם יידישן צענטראַל-קאָמיטעט אין פּוילן, איצט אין וואַרשע. צבי א ל ט ו ס ק י פון וואַרשע, איצט סעקרעטאַר פונעם יידישן קאָמיטעט אין לאַנדסבערג ביי מינכען; לייבל פ י נ ק ו ס ע וו י ט ש פון וואַרשע, איצט פּרעזעס פון אגודת ישראל אין פראַנקפורט אַם מיין.

:: :: ::

# ערב דעם אויפשטאַנד

**דינסטיק, 13. אַפּריל.**

די שאָפּ-אייגנטימער טעבענס און שולץ, די יידישע לייטער פון די דאָזיקע שאָפּן, דער פּרעזעס פונעם יודענראַט אינזשעניער מאַרעק ליכ-טענבוים, האָבן אַרויסגעגעבן אויפרופן צו דער באַפעלקערונג, מ'זאָל זיך מעלדן פרייוויליק צו פאָרן קיין פּאָניאַטאָוו און טראַווניק, ביי לובלין. אַהין ווערן איבערגעטראָגן די גרויסע שאָפּן טעבענס און שולץ. דאָרט, פאַרזיכערן זיי, וועט מען אַרבעטן און די לעבנס-באַדינגונגען וועלן זיין גוטע.

וואַרשע אָבער ווערט „יודען-ריין". אַלע יידן וועלן מ ו ז ן פאַרלאָזן וואַרשע. ווער ס'וועט נישט פאָרן פרייוויליק, וועט מיט געוואַלד אַרויסגעשיקט ווערן, — שרייבן די דערמאָנטע; — און דעמאָלט וועט זיין פיל ערגער; מ'ווייסט נישט ווו מ'וועט „עוואַקואירט" ווערן... ענדיקן זיך די אויפרופן מיט אַ קאַפּולער אָנצוהערעניש.

דער יידישער נאַציאָנאַלער ראַט איז זיך צוזאַמענגעקומען און באַ-שלאָסן:

— נ י ש ט פ אָ ר ן !



פראָפ. ד"ר מאיר באלאבאן



ד"ר יצחק שיפער



ד"ר עמנואל רינגעלבלום

ס'זענען פאַרטײלט געװאָרן געדרוקטע אױפרופן צו דער באַפעל־קערונג; זײ זענען אױפגעקלעפּט געװאָרן אױף די גאַסן, אין די ביוראָען פון דער קהילה, אין די שאָפּן. אין די דאָזיקע אױפרופן זאָגט דער יידישער נאַציאָנאַלער ראַט (דאָס זעלבע, װאָס דער װידערשטאַנד־קאָמיטעט, נאָר אונטער דעם נאָמען „נאַציאָנאַל־ראַט"):

„יידן! לאָזט אײך נישט פאַרפירן פון די פאַלשע הבטחות! שױן גענוג אונדז גענאַרט! שױן גענוג האָבן אונדז פאַרראַטן די משרתים פון געשטאַפּאָ, די אַלע שאָפּן־לײטערס, די שולצס און טעבענס. איז נאָך נישט גענוג 450 טױזנט קרבנות? מיר רירן זיך נישט מער פונעם אָרט. מיר װײסן שױן, װאָס ס'באַדײט דער דײטשער „נאָך אָסטען": טױט אין די גאַז־קאַמערן. און פּאָניאַטאָװ און טראַװניק איז נישט עפּעס אַנדערש װי — ט ר ע ב ל י נ ק ע !

יידן! זאָל קײנער נישט פאַרלאָזן װאַרשע. מיר בלײבן דאָ. דאָס שארית הפליטה צעטײלט זיך נישט. מיר בלײבן צוזאַמען, פאַראײניקט אין אומגליק, אין פּײן און אין קאַמף.

אין אונדזער צאָל איז אונדזער כח!

יעדער צעטײלן זיך, צעשפּליטערן זיך, שװאַכט אָפּ אונדזער װידערשטאַנד. איז אַ פאַרראַט לגבי אונדזערע מאַרטירער, און לגבי זיך אַלײן.

מיר רירן זיך נישט פונעם אָרט! מיר בלײבן דאָ, און װאָס ס'מוז געשען, זאָל געשען דאָ אױפן אָרט. מיר בלײבן צוזאַמען, פאַראײניקט. אין טױט און אין קאַמף!"

דער דאָזיקער אױפרוף האָט געמאַכט אַ גרױסן רושם אין געטאָ. דעם טאָג, װען ס'האָט זיך באַװיזן דער אױפרוף, האָט זיך קײנער נישט געמאָלדן פרײַװיליק צו פאָרן. אױך אין די עטלעכע טעג שפּעטער איז קײנער נישט געגאַנגען פרײַװיליק.

די רבנים, װעלכע אַ סך האָבן געפרעגט אַן עצה, האָבן אױך גע־הײסן בלײבן אױפן אָרט. קײנער פון די רבנים איז נישט געפאָרן פרײַ־װיליק. װען ס'האָט זיך פאַרשטאַרקט די אַגיטאַציע אין געטאָ אױף צו פאָרן, בעיקר צװישן מענטשן, װעלכע האָבן געהונגערט, נישט געהאַט קײן מיטלען אױף אײנאָרדענען זיך אין אַ „בונקער", — זענען זיך צו־

נויפגעקומען די רבנים אויף א בעראטונג, כדי צו באטראכטן דאָס פּראָ־בלעם.

ס׳זענען אָנוועזנט אויף קופּיעצקא 6, ווו ס׳האָט זיך געפונען רבי מנחם זעמבא, אין דער וווינונג פון זיין ברודערן־זון ר׳ יצחק זעמבא, די רבנים גאָלדשלאג פון שערפּץ, הרב דוד שפּירא און הרב שמשון שטאָק־האמער פון ווארשעווער ראבינאט, הרב אריה לאנדוי פון קאלאביעל, הרב אריה פראָמער פון קאָזעגלאָוו, הרב בעער פון זדונסקא־וואָלא, הרב שמחה טרייסטמאַן פון לאָדזש, הרב אליעזר יצחק מייזעלש פון לאָדזש, הרב דוד האלבערשטאם פון סאָסנאָוויץ, הרב סענדער פון פּויזען, הרב ראובן האָראוויץ, הרב זעמעלמאַן פון פּשייטש, הרב ד״ר אפרים זאָנענ־שיין פון בידגאָשטש, הרב ד״ר גליצענשטיין פון טהאָרן, א.אנד. א חוץ דעם דעפּוטאט ר׳ יעקב טראָקענהיים, ר׳ יוסף קעניגסבערג און מנחם קירשענבוים.

די רבנים באשליסן צו ראטן דער יידישער באפעלקערונג נ י ש ט צו פאָרן קיין פּאָניאטאָוו און טראַווניק.

דאָס גיט צו נאָך מער קוראזש די טוער פונעם ווידערשטאנד־קאָמיטעט. נישט בלויז וואָס מ׳האָט שוין אָפן איצט אגיטירט נישט צו פאָרן; נאָר מען שטערט אקטיוו דאָס אָפּפאָרן אָדער איבערטראנספּאָרטירן די יידן אין די לאגערן ביי לובלין. די „פּארטיי״ האָט צעשניטן די גומי־רייפן פון די אויטאָס, וועלכע האָבן געדארפט טראנספּאָרטירן די יידן, קאַליע גע־מאַכט די מאָטאָרן.

די טראנספּאָרטן, וואָס זענען באוואכט דורך די דייטשן, ווערן „אויפגעריסן״, צ״ב מ׳באפאלט אזא טראנספּאָרט און מען באפרייט די יידן, וואָס געפינען זיך אין אים.

אָפטמאָל אנטשטייען שיסערייען און ס׳פאלן קרבנות.

דאָס אַלץ שטאַרקט נאָך מער די שטימונג ביי יידן נישט צו פאָרן.

די יידישע קהילה רופט, אמת, ווייטער, צו פאָרן אין די לאגערן, אָבער זי טוט עס „כמי שכופאו שד״, אָן איבערצייגונג. און זעט גערן ווי איר פּראָפּאגאנדע ווערט סאַבאָטירט... די קהילה־טוער זענען אַליין נישט איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון די דייטשע הבטחות, נאָך דעם ווי זיי זענען אזויפיל מאָל אָפּגענאַרט געוואָרן.

א דעלעגאציע פונעם קליינעם געטא, אין וועלכער ס׳באטייליקן זיך ד״ר טולא נוסענבלאט, יחיאל רייזמאן, נחום רעמבא, גור־אריה הארענשטיין און שמואל הארענשטיין, גייט אריבער אין די שאפן אויף נאוואליפיע־גאס (שולץ און שילינג) און גענשע (טעבענס) און קלערן אויף די דארט ארבעטנדיקע יידן, זיי זאלן זיך נישט לאזן איבעררעדן און נישט פארן פרייוויליק אין די לאגערן.

די דאזיקע אגיטאציע האט נושא פירות געווען. יידן פארן נישט.

בלויז געציילטע מענטשן, וואס הונגערן, זענען גרייט אויף צו פארן. דער ווידערשטאנד־קאמיטעט צוזאמען מיט די רבנים ווענדט זיך צו דער קהילה, צו דער יידישער אפראוויזאציע אין געטא, צו יידישע גבירים, זיי זאלן געבן די ארימע יידן א מעגלעכקייט איבערצוהאלטן. עס ווערט געשאפן א ספעציעלער פאנד דערויף. די „פארטיי" גיט דערויף א טייל פון די געלטער, וואס זענען געזאמלט געווארן אלס „קאנטריבוציע", ד. ה. גענומען געווארן מיט געוואלד ביי רייכע יידן אין געטא, ספעציעל ביי די, וואס האבן פארדינט א סך בעת דער אקופאציע. מען באטראכט אויך דאס אויסהאלטן פון די ארימע אלס טייל פון ווידערשטאנד.

מיט א באזונדערער ענערגיע נעמט מען זיך איינארדענען די „בונקערס". ווארום מ׳גיט זיך אפ רעכענונג: דאס נישט־פארן אין די לאגערן וועט ארויסרופן רעפרעסיעס. ווייטערדיקע „אקציעס". מ׳האט שוין נישט קיין פארטרויען אין קיין שום „פאפירלעך". דאס איינציקע, וואס קען נאך העלפן, איז — באהאלטן זיך. לייגט מען דערויף די גאנצע ענערגיע. און דאס גאנצע געלט, וואס ס׳איז נאך געבליבן.

דאס בויען און איינארדענען פון די „בונקערס" פארלאנגט א קאלעקטיווע אנשטרענגונג. קיין יחיד איז נישט אימשטאנד דאס צו טאן. ס׳פארלאנגט קודם כל א סך געלט, אויף צו בויען, איינריכטן און אנצוגרייטן לעבנס־מיטל. ס׳זענען נויטיק פאכמענער, אינזשיניערן, בוי־מייסטערס, טעכניקער, עלעקטרא־טעכניקער, הידראאוליקער און ד. גל. ביים ווידערשטאנד־קאמיטעט ווערט געשאפן א ספעציעלע „טעכנישע קאמיסיע", אין וועלכער ס׳ארבעטן מיט א סך פון דעם א. ג. „בוי־טעכנישן רעפעראט ביים יודענראט", וועמענס אויפגאבע ס׳איז צו בויען פאר די דייטשן, אויפשטעלן און פארריכטן די מויערן ארום געטא.

אַט די אַלע פאַכמענער באַזיצן פאַרשידענע מכשירים, באַשטאַנד-טיילן, עלעקטרישע, הידראַאוּלישע, וואָס די דייטשן שטעלן צו; זיי באַנוצן עס פאַר די „בונקערס".

ס'ווערן צו דעם צוועק געשאַפן ספּעציעלע קאָמיטעטן אין יעדער שאָפּ און אין יעדן הויז אין קליינעם געטאָ.

די בונקערס ווערן געבויט ביינאַכט. ס'מוז אַלץ פאַרקומען שטיל, בסודי סודות. בלויז אַ באַגרענעצטע צאָל מענטשן ווייסן דערפון. יעדער ריר, יעדער ברעקל פון אַ ציגל, פון אַ ביסל צעמענט — וואָרום מען האַלט דאָך אין איין מויערן און פאַרמויערן — איז פאַרבונדן מיטן גרעס-טן ריזיקאָ. ס'מוז דעריבער אַלץ געטאָן ווערן שפּעט אין דער נאַכט, נאָך חצות.

איך האָב באַזוכט אייניקע אַזעלכע „בונקערס". אוממעגלעך פאַר אַן אויסנווייניקסטן צוצוקומען צו זיי, אָדער צו דערקענען. זיי זענען פאַרבאַהאַלטן און פאַרשטעקט אונטער צענדליקער קאָמפּליצירטע קאָרי-דאָרן, גענג, מיט עלעקטריע, וואַסער-לייטונג, היגיענישע איינריכטונגען, קיכן, וואַסער-רעזערוואַרן, טישן א.ד.גל.

די לעצטע און מאָדערנסטע פּראָדוקציע פונעם געטאָ. פאַכלייט פאַר-זיכערן מיך, אַז אין די דאָזיקע „בונקערס" קען מען אויסהאַלטן אַ יאָר, און אָנדערטהאַלבן אויך. געווענדט וויפל לעבנסמיטל-רעזערוו איינער האָט.

דאָס איז דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם, וואָרום אויב ס'וועט זיך געפינען אַ געוויסע צאָל מענטשן אין אַ בונקער, און אַ טייל וועט נאָך האָבן צו עסן און אַ טייל נישט — וועט זיין „חרב איש ברעהו". דער לעבנסמיטל-רעזערוו מ ו ז דעריבער פאַרזאָרגט ווערן איינהייטלעך פאַר אַלע. די נויט מוז אַלע אויסגלייכן. די סאָציאַלע גערעכטיקייט איז דאָ נישט קיין פּאָליטיק, נישט קיין פּראָלעטאַרישע פאָדערונג, נאָר אַ לעבנס-נויטווענדיקייט. אַלע זענען גלייך אין אָנבליק פון דער פאַרניכ-טונגס-געפאַר; אַלע מוזן זיין גלייך אין רעטונג-מעגלעכקייטן.

# מ׳גרייט זיך צו מלחמה

**פרייטיק, 16. אפריל.**

די לייטערס פון די שאפן „שולץ" און „טעבענס" האבן ארויסגעגעבן אן אויפרוף צו די ארבעטער אין זייערע שאפן, אין וועלכע זיי זענען מודיע, אז זייערע אונטערנעמונגען ווערן איבערגעטראגן אין שכנות פון לובלין, די ערשטע קיין ט ר א וו נ י ק, די צווייטע קיין פ א נ י א ט א וו. אלע ארבעטער ווערן אויפגעפאדערט זיך צוצושטעלן צום טראנספארט אין די דאזיקע ערטער. ס׳ווערט פארזיכערט, אז די לעבנס־באדינגונגען אין די דאזיקע נייע וווינונגס־ערטער זענען גוטע; באקוועמע וווינונגען; די דערנערונג וועט זיין אן אנטשפרעכנדיקע. מ׳וועט ארבעטן און זיין זיכער.

איז אויפגעשווומען אין געטא א פראבלעם:

— יא פארן, נישט פארן?

ווארום דאס צושטעלן זיך צום טראנספארט איז געווען א פרייוויליקס.האט מען געמוזט אליין באשליסן. איז מען געשטאנען פאר א שווערע דעציזיע.

מ׳זאגט צו, אז מ׳וועט דארט לעבן; אבער דייטשע הבטחות... ווער גלויבט נאך היינט אין זיי? מ׳האט שוין גענוג „אומגעזידעלט". אויך בעת דער „אומזידלונג" קיין טרעבלינקע, האט מען געזאגט, אז מ׳וועט בלויז איבערגעפירט ווערן „נאך אסטן"...

בלייבן ווידער אין ווארשע? איז מען דאך כמעט רעזיגנירט פון א האפענונג דא צו בלייבן. קומען דאך פאר „אקציעס" שטענדיק. און ווי מ׳זאגט, וועט ווארשע זיין „יודען־ריין". איז דאך נישט פאראן קיין שום האפענונג דא.

דער ווידערשטאנד-קאמיטעט האט זיך אויך נישט געקענט אנטשליסן. די מערהייט האלט אבער, אז ווידערשטאנד הייסט: נישט אויספירן קיין שום באפעלן פון די דייטשן; נישט הערן זייערע הבטחות. נישט רירן זיך פונעם ארט!

ווערן אין דעם זין ארויסגעגעבן אויפרופן צו דער יידישער בא־

פעלקערונג: נישט פאָלגן! נישט מעלדן זיך פרייוויליק צום טראַנספּאָרט קיין טראַווניק אָדער קיין פּאָניאַטאָוו! נישט רירן זיך!

טעבענס און שולץ און זייערע ליטערס מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר אָוועקפאָרן קיין טראַווניק און פּאָניאַטאָוו. זיי פאַרזיכערן, אַז דאָרט איז גוט. זיי זאָגן, אַז די וואָס אַרבעטן שוין דאָרט, זענען צופרידן.

דער ווידערשטאַנד־קאָמיטעט רופט נישט צו פאָרן.

זענען יידן אין אַ מבוכה. מ׳ווייסט נישט וואָס צו טאָן. פרעגט מען רבנים. די וויניקע וואָס זענען נאָך געבליבן, ווי רבי מנחם זעמבא, הרב אליעזר יצחק מייזעל, הרב דוד שפּירא, הרב שמשון שטאָקהאַמער, הרב אריה ליב פראַמער פון קאָזיעגלאָוו, הרב ליב לאַנדוי פון קאַלאַביעל, (די ראשי ישיבה פון לובלין), הרב בער פון זדונסקא-וואָלא, הרב איי-דעלבערג פון מאַקאָוו, הרב שמחה טרייסטמאַן פון לאָדזש, הרב דוד האַל-בערשטאַם פון סאָסנאָוויץ.

ביי רבי מנחם זעמבא קומט פאָר אַ באַראַטונג. ס׳זענען דאָ מצד דעם ווידערשטאַנד־קאָמיטעט מנחם קירשענבוים, ד״ר עמנואל רינגעל-בלום און יוסף קעניגסבערג. די רבנים זאָגן זיך אַרויס פאַר נישט פאָרן קיין טראַווניק און לובלין.

גראָד איז דעמאָלט דורכגעפאָרן אויף אַ וואָגן קיין טראַווניק ה׳ בונם ראָזענשטראָך, רבי מנחם זעמבא רופט זיך אָן:

— אַ מענטש גייט אַליין זיין אַ מאבד עצמו לדעת.

דער רוב פון די יידן אין די שאָפּן זענען נוטה נישט צו פאָרן.

דעמאָלט הייבן אָן די שאָפּ־ליטערס און אייגנטימערס צו דראָען; מ׳רעגיסטרירט מיט גוואַלד צו פאָרן אין די לובלינער לאַגערן. ווער ס׳וויל נישט פאָרן — דראָט מען מיט אויסשליסן פונעם „שאָפּ״. וואָס דאָס באַדייט, ווייסט מען. דאָס אַלץ העלפט נישט. בלויז אַ קליינער טייל, ס׳הויב אַזעלכע, וואָס הונגערן און האָבן נישט קיין מעגלעכקייטן זיך אויסצובאַהאַלטן און נישט בלייבן אין שאָפּ, מעלדן זיך פרייוויליק צום אָוועקפאָרן.

דער איבעריקער עולם האַלט זיך אָפּ. מען בויט „בונקערס״, באַהעל-טענישן. מ׳גרייט צו שפּייז, מ׳מאַכט איבער קעלערס אויף וווינונגען. און ווער ס׳האָט געלט, אַ סך געלט, זוכט זיך באַקאַנטשאַפטן אויף דער „אַרי-

שער" זײַט, כדי דאָרט זיך צו באַהאַלטן. מ'מאַכט זיך „אַרישע" פּאַ־פּירן; מ'אַנטלױפט אױף דער פּראָװינץ. פאַראַן אױך אַזעלכע, װאָס האָבן אַן „אַריש" אױסזען, פאַרשאַפן זיך אַרישע דאָקומענטן, און מעלדן זיך פרײַװיליק אױף אַרבעט קײן דײַטשלאַנד... אַלץ מער שאַנסן אײדער אין װאַרשעװער געטאָ.

דאָ צערינען פון טאָג צו טאָג די אילוזיעס. קײנער נאַרט זיך נישט מער. מ'זעט דעם סוף, דעם טױט פאַר די אױגן.

די װאָס האָבן פאַרבינדונגען מיט אױסלאַנד, בפרט מיט דער שװײץ, באַמיען זיך צו באַקומען פון דאָרט דרום־אַמעריקאַנישע פּעסער. באַזיצער פון אַזעלכע פּעסער װערן אינטערנירט, און דאַן געשיקט אין אַן אינטער־נירונגס־לאַגער פון אַמעריקאַנער אין װיטעל, אין פראַנקרײַך. פונװאַנען ס'קומען אָן ידיעות, אַז ס'איז גוט דאָרט, אַז מ'לעבט רואיק און זיכער.

מ'שיקט בריװ — דורך דער אַרישער זײַט — אין דער שװײץ, בריװ — פאַרצװײפלטע הילפס־רופן, בריװ — װאָס פון יעדער װאָרט שרײַט אַרױס דער טױט־פּחד. „די טאַנטע סכנה לאָזט אײַך גריסן"... „חי שװעסטער הצלה בעט אַ ליבעס־גאַבען־פּאַקעט"... „דער ברודער עזרה בעט אַ שרײַבען"...

די רבנים און אָרטאָדאָקסישע עסקנים שרײַבן צו דעם אגודה־עסקן חיים ישראל אײַז אין ציריך. „מילערשטראַסע 69, ציריך" — איז גע־װאָרן אַ באַקאַנטע אַדרעס אין געטאָ. די ציוניסטישע עסקנים אַפּעלירן צו ד"ר אברהם זילבערשטײן אין גענף. „רו גאָטיע 7" איז אױך אַ באַ־קאַנטע אַדרעס.

דערװײַל קומען אָן אײנצלנע פּעסער בלױז פונעם ערשטן. ס'באַ־קומען אַמעריקאַנישע פּעסער הרב מנחם זעמבאַ, ר' זישע פרידמאַן, ר' יהודה לײב אָרלעאַן, ה' יוסף פרענקעל, ה"ה שמחה, יעקב און אהרן ראַ־פּאַפּאָרט, דעפּוטאַט יעקב טראָקענהײם, אליעזר גרשון פרידענזאָן, די רבנים שמאָקהאַמער, לײב לאַנדױ, לײב פּראַמער א. אנד.

מיט דעם אינטערנירן גײט עס צו שװערער. מען „מאַכט" פאַר־שידענע שװעריקײטן מצד געװיסע יידישע פאַרמיטלער. די דאָזיקע פאַר־מיטלער פאַרדריסט „פאַרװאָס די װעלט שיקט נישט אױך זײ" אַזעלכע פּעסער...

אזוי זוכט מען פארשידענע עצות, אויסוועגן, תחבולות. מ׳זעט דעם טויט פאר די אויגן און — מ׳וויל לעבן. זוכט איינער א „בונקער", א צווייטער א „מלינה" אויף דער ארישער זייט, א דריטער „ארישע פא־פירן", א פערטער — אן אמעריקאנער פאס, — אבי זיך צו ראטעווען פון א זיכערן אומקום.

און א טייל גרייטן זיך צו מלחמה.

מען באוואפנט זיך אלץ מער. וואפן איז געווארן אן ארטיקל פונעם ערשטן געברויך. אויף דער מילא־גאס, ווו ס׳געפינט זיך דער „שווארצער מארק" פונעם געטא, קויפט מען א ברויט, א קילא עפל, א העמד און — א רעוואלווער...

## ס׳האט זיך אנגעהויבן...

### מאנטיק, ערב פסח, 19. אפריל.

היינט זייגער 5 אינדערפרי האט זיך מיט א בליץ-שנעלקייט פאר־שפרייט די ידיעה: אן „אקציע". ניין! ד י „אקציע". די לעצטע, זי־כער. איצט גייט עס ביזן סוף. קיין שום „סעלעקציעס", קיין אנטרינען. ווארשע — האבן די רוצחים באשלאסן — דארף געמאכט ווערן „יודען־ריין"...

די דאזיקע ידיעה ווערט איבערגעגעבן פון שאפ צו שאפ, פון הויז צו הויז, פון בונקער צו בונקער. דער „אינפארמאציע־דינסט" אין געטא פונקציאנירט גוט.

פאלט דער סיגנאל:

— ו י ד ע ר ש ט א נ ד !

דאס הייסט: באוואפנטער אויפשטאנד.

די קאמאנדע פון די באוואפנטע גרופן ווארפט די פון לאנג אפגע־שמועסטע לאזונג:

פייער־גרייטשאפט!

א פיבערהאפטע באוועגונג. אלע ווערן מאביליזירט. די פון לאנג־גרייטע ווידערשטאנד־גרופן „בר־כוכבא", „ביריונים", „עקיבא", „ביתר", „באטווין" א. אנד. זענען אין אלארם.

די „פארטיי" (אזוי רופט מען סתם די אויפשטאנד־באוועגונג) גיט ארויס סוקצעסיווע באפעלן:

— נישט ארויסקוקן דורך די פענצטער!

— אין די „בונקערס" אריין!

— גרייט זיין!

— פייער!

האלב 6 אין דער פרי, אין דער טונקעלקייט ווערט דאס קליינע געטא ארומגערינגלט דורך ס.ס.־לייט און לאטישן. דאן באווייזן זיך אויף דער מילא־גאס, וואלינסקע־גאס אפטיילונגען פון דייטשער „ווערמאכט". זיי קומען אן פון צוויי זייטן: פון די נאלעווקים און פון דער סטאווסקי. זיי שטעלן זיך אוים אין רייען און שליסן אפ די מוראנאווסקע־גאס אויפן עק פון זאמענהאף.

פון די פענצטער פון זאמענהאף 31, ווו ס'איז סטאציאנירט די „פארטיי", פאלן די ערשטע שאסן. עטלעכע דייטשע זעלנער און ס.ס.־לייט פאלן טויט.

דאס רופט ארוים א קאנסטערנאציע ביי זיי. אויף דערויף האבן זיי זיך נישט גערעכנט. דערווייל מערן זיך אלץ מער די שאסן פון די פענצטער און פון די דעכער. די דייטשן געפינען זיך אין א „קעסל"; מ'שיסט אויף זיי גלייכצייטיק פון זאמענהאף־גאס און פון מוראנאווסקע; ס'ברעכט אוים ביי זיי א שטיקל פאניק. צוערשט צעלויפן זיך די לאטישן און אוקראינער. זיי באהאלטן זיך אין די טויערן. דאן פאלט א דייטשער באפעל: שיסן! זיי שיסן אין די פענצטער, אין די טויערן, אבער וואגן זיך נישט אריינצוגיין אין די הייזער, אויפצורייסן די פארהאקטע טויערן. ווארום אונטער יעדער טויער לויערט אויף זיי א קויל. דערווייל מערן זיך אלץ מער די שאסן פון די פענצטער; מ'שיסט מיט רעוואלווערן, ביקסן, און אויך פון מאשינען־געווער. צווישן די דייטשן ווערן ארויסגעגעבן באפעלן און קאנטער־באפעלן; ס'הערשט א גרויסע צערודערונג. ביז ס'פאלט דער באפעל:

— צוריקציען זיך!

דאס צוריקציען אבער קומט נישט אן לייכט. פון אלע פענצטער, לעכער, חורבות, בונקערס פאלן שאסן. די דייטשן לאזן זיך לויפן אין

דער ריכטונג פון דלוגא־גאס. אָבער אויף דעם עק שוויענטאָ־יערסקאָ און נאלעווקים ברעכט אויס אַן אינטענסיוו געשיסעריי. דאָרט געפינט זיך אַ שטאַרקע „פּארטיי״־אָפּטיילונג פון דעם „שאָפּ״ בערשטן־מאכערס „שטשאָטקאַזשע״. זיי זענען גוט באוואָפנט. זיי האָבן אַ סך מאַשינען־געווער, האנט־באָמבעס. די דייטשן קענען נישט ווייטער. זיי זענען איינ־געשלאָסן. לויפן זיי צוריק אין דער ריכטונג פון מוראַנאָווסקע. דאָרט אָבער זענען ווידער צוגעקומען פרישע אָפּטיילונגען פון דער „פּארטיי״. דער קאַמף פארשטאַרקט זיך. טייל דייטשן שיסן אָן אַ ציל, טייל אַנט־לויפן. אנדערע ווידער באַמיען זיך צו געפינען אַ באהעלטעניש אין די טויערן אָדער אין די חורבות. דערווייל פאַלט אַלץ מער פון זיי. זיי ווערן דעמאָראַליזירט.

אויף מוראַנאָווסקע באַווייזט זיך — דאָס ערשטע מאָל אויף דער גאס — אַן אָפּטיילונג פון דער „פּארטיי״; אין דייטשע מונדירן. זיי שיסן ווילד אויף די אַנטלויפנדיקע דייטשן און לאָטישן.

דער קאַמף דויערט ביז האלב 12 בייטאָג.

דאַן ווערט שטיל. ווי אויף אַ בית עלמין. מ׳זעט נישט מער אין געטאָ קיין דייטש. אויך די יידן ווייזן זיך נישט אַרויס. מ׳זיצט אין די „בונ־קערס״. די קעמפנדיקע ווידערשטאַנד־גרופּן גרייטן זיך. זיי ווייסן, אַז דאָס איז אַ שטילקייט פאַר אַ שטורעם. אָבער ס׳גייען אַ וועק שעהן און ס׳איז אַלץ שטיל. קיין שאָרך, קיין טריט. דאָס געטאָ איז איינגעהילט אין אַ טיפע שטילקייט. שלאָפט מען? ניין! יעדער איז וואך אין דערוואַר־טונג. די חושים געשפּאַנט, די נערוון אָנגעצויגן, די הערצער קלאַפּן.

— וואָס ווייטער?

דערווייל ווערט טונקל. די נאַכט פאַלט צו.

— ערב פּסח היינט!

אין אַ שעה, צוויי — פּסח. עצומו של יום, — די שטאַרקייט פונעם טאָג איבערוועלטיקט די אָנגעשטרענגטקייט. מ׳זוכט אויס אין די בונ־קערס, אין די לעבנס־מיטל־רעזערוון עטלעכע מצות, וואָס די קהילה האָט געבאַקן פאַר פּסח, — דאָס איז געווען איר ל ע צ ט ע ר אַקט — און צום סדר...

ס׳פליסן שעהן און שעהן; ס׳איז שטיל, „רואיק״. זעצט מען זיך

צום סדר. פארזאמלען זיך יידן אין די „בונקערס", אין די קעלערס, „ווי די אנוסים אין שפאניע", — וואלט מען געזאגט, ווען נישט דאס, וואס די לאגע דא איז פיל טראגישער און דראמאטישער. מ'זיצט ביים סדר, מ'פרעגט „מה נשתנה", און מ'ענטפערט „עבדים היינו", און מ'זאגט „שפוך חמתך"... „כי אכל את יעקב ואת נוהו השמו"... און מ'פילט: דער לעצטער פסח...

שפעט אין דער נאכט. שלייכט מען זיך דורך פון בונקער צו בונקער — צו הערן „נייעס", געוואר ווערן ווי ס'איז דער מצב, וואס וועט ער, און — צוזאמען אפריכטן דעם סדר.

אויף זאמענהאף 21, פונקט אקעגן דער קופיעצקא־גאס, אין הויפטקווארטיר פון דער „פארטיי", ריכט מען אויך אפ דעם סדר.

ס'געפינען זיך דארט אויך הרב ראובן הארוויץ (דער מזרחי עסקן, רב פון אליק), הרב זעמעלמאן פון פשייטש (פון צעירי אגודת ישראל), די ברידער ראדאל, יוסף קעניגסבערג מיט זיין איידעם שמחה, מנחם קירשענבוים מיט זיין טאכטער —וועלכע איז געווען דער „פארבינדונגאפיציר" מיט די שאפן „שולץ" און „שילינג" — און איידעם בירנבוים, (פסעוודאנים: „סטאשעק", געווען איינער פון די ארגאניזאטארן פונעם אויפשטאנד אויף שווענטא־יערסקא), „אדעק" זעמבא, א זון פון ה' יצחק מאיר זעמבא; צבי זילבערבערג פון לובלין, יוסף טענענבוים, פאגעל, פינקעלקרויט, אנילעוויטש, „טאשיא".

די רבנים זאגן נישט קיין דרשות. נאר גיבן ארויס לאזונגען. רופן צו אויסדויער, און צום קאמף.

ביי רבי מנחם זעמבא, אויף קופיעצקא־גאס 7, זענען פארזאמלט אייניקע רבנים, ווי הרב בעער פון זדונסקע־וואלע, הרב גאלדשלאג פון שערפיץ, הרב אליעזר יצחק מייזעלש פון לאדזש, א. ג. פרידענזאן, דעפוטאט יעקב טראקענהיים, יוסף שטשעראנסקי, א. אנד.

מ'ריכט אפ דעם סדר. ס'פליסן שעהן אין דער שפעטער נאכט. זוונדערלעכע שעהן. די טויטשויעק האט אפגעטרעטן אן אנדערער שטימונג:

פסח און אויפשטאנד. יום טוב און קאמף.

פלוצים, זייגער האלב איינס נאך חצות, הערט מען שיסן: די דייטשן זענען ווידער באפאלן דאס געטא.

שטאַרקע אָפּטיילונגען פון דער „ווערמאַכט״ גייען פון דער דלוגע־גאַס, און גלייכצייטיק פון סטאַווקי. מ׳הערט אויפרייסן באָמבעס. אין אַלע הייזער לויפט מען שנעל אַראָפּ אין די בונקערס.

די „פּאַרטיי״ גיט ווידער אַרויס אַ באַפעל:

— פייער!

פון אַלע פענצטער, לעכער, בוידעמס, חורבות, בונקערס — שיסט מען אויף די דייטשן. זיי שיסן צוריק. איצט וואַרפן זיי אויך גראַנאַטן אויף די הייזער.

ס׳ברענט אַ פאַרביטערטער קאַמף אין געטאָ.

# מ׳קעמפט אַליין

## דאָנערשטיק, 22. אַפּריל.

ביינאַכט זעט מען נישט קיין דייטשן. זיי האָבן מורא אין דער פינצטערניש זיך צו ווייזן. זיי ווייסן, אַז פון יעדן הויז לויערט אויף זיי אַ לופע פון אַ רעוואָלווער.

גייט מען דעמאָלט אַרויס פון די „בונקערס״; אַביסל אָפּצואָטעמען. זוכן שפּייז אין די פאַרלאָזטע הייזער. אָנצובינדן „קאָנטאַקטן״ מיט אַנדערע בונקער-איינוווינער; זיך זען מיט קרובים, פריינד, הערן נייעס. און מאַכן „פּלענער״.

גייען מענטשן אויף חורבות, ביינאַכט, ווי שאָטנס. קוים וואָס מען הערט אַ שאָרך. מ׳קען נישט ווייסן, ווער ס׳באַהאַלט זיך אונטערן עק פון אַ הויז.

ביינאַכט קאָכט מען אויך אָפּ אַביסל געקעכטס. אַ פּאָר קאַרטאָפל; מ׳באַקט ברויט, מ׳טריקנט „פּעניצלעך״, מ׳דאַרף זיך פאַרזאָרגן אויף דער אומבאַוווּסטער צוקונפט. און מ׳וואַשט אויך אויס אַ העמד. עסן, ריינקייט, — דאָס איז היינט לעבנס-פראַגן.

דאָס אַלץ געשעט ביינאַכט. ווען ס׳ווערט טונקל, הייבט זיך אָן דאָס לעבן אין אונטערערדישן געטאָ.

בייטאָג זיצט מען אין די בונקערס. און די קעמפּערס קעמפן.

אין צווייטן טאָג פּסח, אין צווייטן טאָג פון אויפשטאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעגולערער קאַמף.

אַן אָפּטיילונג פון ס.ס.־לייט לאָזט זיך גיין אויפן געטאָ, באַוואָפנט מיט ביקסן, מאַשינען־געווער און האַנט־גראַנאַטן. זיי קומען אָן פון דער זייט פון דלוגא און לאָזן זיך צו צו דער געטאָ־מויער, וועלכע ציט זיך אין דער מיטן פון דער פראַנציסקאַנער־גאַס און גענשע־גאַס. פון דער חורבה נאַלעווקי 29 אויפן עק נאַלעווקי־גענשע פאַלט אויף זיי אַ האַנט־גראַנאַט; טויטע און פאַרוואונדעטע. גלייכצייטיק פאַלט אַ צווייטער גראַנאַט פונעם הויז נאַלעווקי 33.

דאָס איז דער ערשטער פאַל פון שטאַרקערן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אַ היסטאָרישער פאַקט, גיט מען זיך אָפּ רעכענונג. ד אָ ס ע ר ש ט ע מ אָ ל א פ ש ר ז י י ט ב ר כ ו כ ב א.

ביי די דייטשן ברעכט אויס אַ פּאַניק. טייל ציען זיך צוריק אין לויפמאַרש, טייל הייבן אָן שיסן אויף לינקס און רעכטס, אָן אַ פּלאַן, אָן אַ באַזונדערן ציל.

די יידישע קעמפער האָבן יאָ אַ ציל: פאַרטיידיקן די מויער, וואָס ציט זיך אין דער מיטן פון גענשע־פראַנציסקאַנער. נישט אַריבערלאָזן אַהין די דייטשן.

ס׳פאַלן גלייכצייטיק שאָסן אויף די דייטשן פון די פענצטער פון פראַנציסקאַנער 31, פון גענשע 18. דאָרט געפינען זיך נעמלעך שטאַרקע אָפּטיילונגען פון דער „פּאַרטיי״. (ווידערשטאַנד־באַוועגונג). דאָרט קאָמאַנדירט איצט קירשענבוים, ברידער ראָדאַל, צבי זילבערבערג, דער יונגער דוד צייטלין (אַ זון פון אלחנן צייטלין), ישראל האַלצקענער, אַניעוויטש און פּרל. לאַנדוי, פון דער חלוצים־גרופּע פון גראָכאָווער קיבוץ.

דער קאַמף דויערט עטלעכע שעה. צום סוף ציען זיך די דייטשן צוריק. ס׳פאַלט צו די נאַכט און זיי טרויען זיך נישט אַריינצולאָזן זיך אין געטאָ אַריין אין דער פינצטערניש.

די יידישע קעמפער בלייבן אָבער אויף די פּאָסטנס. אין „שאַרפער גרייטשאַפט״.

ס׳קומט צו פאַרשטאַרקונג פון מוראַנאָווסקע, וווּ ס׳געפינט זיך דער הויפּט־קוואַרטיר פון דעם סעקטאָר „צפון״, און פון שוויענטאָ־יערסקאַ,

ווו ס'געפינט זיך דער הויפט־קוואַרטיר פונעם סעקטאָר „דרום".

אין ערשטן שטייען בראש הרב ראובן האָראוויץ, הרב זעמעלמאַן, אײ־בענבוים (אַ רעוויזיאָניסט, אַנטלאָפן פון מיידאַנעק קיין וואַרשע). די חלוצים־גרופּע מיט מאיר טייבלום, יצחק שטשערבאַט. אין צווייטן — יוסף טענענבוים (אַ יונגער אַדוואָקאַט, אַ זון פון דעם פאַרשטאָרבענעם מזרחי־פּרנס אליהו טענענבוים) בנימין קאַמינער (אַ זון פון דעם פּרנס משולם קאַמינער), בירנבוים און זיין פרוי (דער איידעם און טאָכטער פון מ. קירשענבוים).

די נאַכט גייט איבער רואיק. מ'נוצט אויס די רואיקייט צום איבער־גרופּירן זיך. די הייזער ביי דער געטאָ־מויער, ד. ה. אויף די גראָדע נו־מערן גענשע און אומגראָדע פון דער פראַנציסקאַנער ווערן גערוימט פון דער „ציוויל־באַפעלקערונג". מ'גיט זיך אָפּ רעכענונג, אַז אויף די דאָזיקע וועט זיין געצילט דער גאַנצער שטורעם און דער גאַנצער כעס פון די דייטשן. פרויען, עלטערע מענטשן און קינדער טראָגן זיך איבער אויף די נאַלעווקים 35, ביז 49 און אויף דער קופּיעצקאַ, וווהין ס'איז פאַראַן אַ דורכגאַנג דורך נאַלעווקי 37. די עוואַקואַציע קומט פאָר זייגער 1 ביי־נאַכט אין דער גרעסטער שטילקייט.

ס'קומט זיך צונויף דער ווידערשטאַנד־קאָמיטעט, וועלכער איז היינט די „הויפּט־קאָמאַנדע". ס'ווערט פאַרטיילט דאָס געווער און אַמוניציע, און ס'ווערן דעסיגנירט גרופּן אויף פאַרשידענע פּאָסטנס. מען באַשליסט:

— די געטאָ־מויער אויף גענשע מוז פאַרטיידיקט ווערן.

דער קאַמף וועט שוין נישט טראָגן קיין צופעליקן כאַראַקטער. עס קריסטאַליזירט זיך אויס אַ קלאָרער ציל: נישט דורכלאָזן די דייטשן דורך דעם דערמאָנטן אָפּשניט פון דער געטאָ־מויער. דערמיט באַקומט דער קאַמף אַ כאַראַקטער פון אַ געוויסער פּלאַנמעסיקייט. כאָטש אויף דער־ווייל. וואָרום קיין ווייטע סטראַטעגישע צילן זעט מען נישט. דער פיינט איז מעכטיק און די רויטע אַרמיי, די אַמעריקאַנישע — זענען ווייט.

— און די פּוילישע פּאַרטיזאַנען?

ד"ר רינגעלבלום און קירשענבוים ווענדן זיך צו די בונדישע מיט־גלידער פונעם ווידערשטאַנד־קאָמיטעט. די דאָזיקע האָבן אייניקע מאָל דערקלערט, אַז הגם זיי האָבן נישט די הסכמה פון זייערע פּוילישע

חברים פון פ.פ.ס., פונדעסטוועגן, ווען ס׳וועט אויסברעכן דער אויפ־שטאנד, וועלן זיי, די פוילישע פארטיזאנען, נישט שטיין פונדערווייטנס. נא, איז געקומען די צייט. געשלאגן דישע פאר פראָ־לעטארישער סאָלידאריטעט!

מ׳איז טיף איבערצייגט, אז דאָס מאָל וועלן די פוילישע פארטי־זאנען, ספּעציעל די לינקע, נישט שטיין פון דער ווייטנס מיט פארלייגטע הענט.

ס׳ווערט באשלאָסן ארויסצושיקן שליחים צו מוריצי אָזשעך, וועל־כער געפינט זיך אויף דער אַרישער זייט, באהאַלטן ביי א פּאָליאק, זיינס א געווו. שותף (נישט ביי קיין חבר, א סאָציאַליסט, מחמת אידעע, נאָר — פאר א סך געלט).

ביים הויז מוראַנאָווסקא 7-9 געפינט זיך אַן עפענונג פונעם שטאָ־טישן קאנאַל, וועלכער פירט אויף באָניפראַטערסקא, און אפילו אויף זשאָליבאָזש. דורך דעם דאָזיקן קאנאַל, דורך וועלכן מ׳פלעג שמוגלען געווער אין געטאָ אריין, — גייען ארויס צוויי שליחים, לעווארטאָווסקי און מולמאן (פונעם בונדישן סקיף), צו אָזשעכן. זיי האָבן די מיסיע צו אַלאַרמירן די פ.פ.ס.-פארטיזאנען וועגן הילף פארן געטאָ *).

טייל גיבן איבער, אז געוויסע פארטיזאנען־פירער פון דער פ.פ.ס. (פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי), לעשטשינסקי און „וויטאָלד“, האָבן דערקלערט, אז ווען ס׳וועט אויסברעכן דער אויפשטאנד, זאָל מען זיי געבן א סיגנאַל, וועלן זיי קומען צו הילף. דער סיגנאַל האָט געזאָלט זיין א רויטע פאָן און א בלוי־ווייסע פאָן אויף א הויז אויף עק מוראַ־נאָווסקע און באָניפראַטערסקא. הענגען זייט נעכטן צוויי אַזעלכע פענער; ס׳פלאַטערן אויפן דאך פונעם הויז מוראַנאָווסקע 2, די רויטע פאָן און די בלוי־ווייסע. קיין הילף זעט מען אָבער נישט.

שטשערבאַטי דערציילט, אז ביים לעצטן צוזאמענטרעף מיט די פוי־לישע לינקע פארטיזאנען, האָט איינער פון זיי עפּעס באמערקט, ווי דרך

*) די דאזיקע צוויי שליחים זענעז נישט מער צוריקגעקומעז. פארשווונדז געווארז יעדע שפור פון זיי. אבער די פוילישע פארטיזאנעז האבז סיי ווי סיי געוווסט, אז אין געטא איז אן אויפשטאנד. דאס איז דאך נישט געוועז קיין סוד. און דאך האבז זיי זיך צוגעקוקט צו דעם דאזיקז אומגלייכז קאמף — מיט פארלייגטע הענט

אגב, אז זיי האָבן באַקומען אַ גרעסערע סומע געלט, אייניקע מיליאָן פון אַ געוויסן יידישן קאָמיטעט, דורך לאָנדאָן, פאַר דער יידישער אונטער-ערדישער באַוועגונג.

מ׳האָט אָבער בשום אופן נישט געקענט דערגיין, ווו דאָס געלט געפינט זיך. קיינער פונעם יידישן קאָמיטעט האָט גאָרנישט באַקומען דערפון. זענען ד״ר רינגעלבלום און שטשערבאַטי — זעענדיק, אז דאָס געלט וועט מען ביי זיי נישט אַרויסבאַקומען, — געפאַלן אויף אַן המצאה: זיי האָבן דאָס געלט, וואָס איז געשיקט געוואָרן דער יידישער ווידערשטאַנד-באַוועגונג — „צעדירט״ פאַר די פּוילישע פּאַרטיזאַנען פאַר דעם געווער און אמוניציע, וואָס די דאָזיקע דאַרפן ליפערן אין געטאָ אריין. ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ געוויע צאָל און ס׳איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַן אָפּמאַך. איצט איז דאָך די העכסטע צייט דאָס ג ע ק ו י פ ט ע — פאַר אַ גרויסע סומע — געווער אָפּצוליפערן; אם לא עכשיו אימתי? זייט דריי טעג איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ שליח אויף דער אַרישער זייט אויפצומאָנען דאָס געווער. היינט איז ער (שניטבערג) צוריקגעקומען — מיט גאָרנישט...

טאָמער האָט זיך נאָך עמיצער געגאַרט, אז מ׳וועט העלפן פון דרויסן, איז שוין היינט נישט פאַראַן קיין שום אילוזיע: „קראתי למאהבי המה רמוני״...

יעדער גיט זיך אָפּ רעכענונג:

מ׳איז אָנגעוויזן בלויז אויף אייגענע כוחות!

די ווייטע וועלט שווייגט. די נאָענטע שכנים קוקן זיך צו פּאַסיוו צו דעם בלוטיקן ראַנגלעניש פון אַ הייפל קעגן אַ גרויסע באַוואָפנטע מאַכט.

די סיטואַציע איז קלאָר: קיין שום הילף איז נישטאָ צו דערוואַרטן פון דרויסן. דאָס מאַכט אַ דערדריקנדיקן רושם אויף די אָנפירער פונעם אויפשטאַנד.

פון דער צווייטער זייט אָבער רופט עס אַרויס נאָך מער פאַרביטערונג און אַנטשלאָסנקייט. אף על פי כן! מ׳איז גרייט — אַזוי ווערט באַשלאָסן, — פאַרזעצן דעם קאַמף אַן יעדער מיטהילף פון דרויסן און טראָץ אַלעמען!

די נאַכט פליסט אין שטילקייט, וואָס זאָגט אָן אַ שטורעם אויף מאָרגן; אַ שטורעם און פייער און בלוט.



ווארשעווער געטאָ אין פלאַמען

# דאָס געטאָ אין פלאַמען

**פרייטיק, 23. אַפּריל.**

דער ערשטער טאָג חול המועד פסח. דער דריטער טאָג פון אויפשטאַנד. זייגער 5 פאַרטאָג קומען אין די בונקערס די ברידער ראַדאַל, דוד צייטלין (אַ זון פונעם פאַרשטאָרבענעם אלחנן צייטלין, אַן אייניקל פון הלל צייטלין)*), שניטבערג און זענען מודיע:

— זייט גרייט! היינט דאַרף עפּעס געשען!

זייט נעכטן נאָכמיטאָג איז שטיל מצד די דייטשן. זיי ווייזן זיך נישט אין געטאָ. דאָס אַריינשיסן האָט אויפגעהערט. און יעדע שטילקייט זאָגט פאָראויס עפּעס שלעכטס. ס'איז נעמלעך נישט גוט אין געטאָ, אַז ס'איז בעסער ווי ס'דאַרף צו זיין...

אין מען „גרייט". דאָס הייסט: מ'ריכט זיך. מ'דערוואַרט. די נערוון געשפּאַנט, די פּיס וואַקלדיק, דער קאָפּ מיט שוואַרצע מחשבות און אין האַרץ — שרעק.

אָבער נישט בלויז דאָס. ענערגישע יינגערע מענטשן גרייטן זיך אויך אַקטיוו. מ'שלאָגט אויס מיט העק נייע לעכער, אויסגענג; מ'שאַפט נייע „בונקערס" אין די חורבות; טאָמער וועלן די באַפאַלן ווערן. און מ'שטייט אויף דער וואַך מיט געלאָדענע פּיסטוילן, מיט מאַשינען־געווער. פאַראַן אַ ספּעציעלער אינפאָרמאַציע־דינסט, וואָס דערהאַלט דעם קאָנטאַקט מיט אַלע בונקערס און באַפעל שטעל׳. מ'גיט זיך צייכנס, מ'וואַרפט לאָזונגען. באַווייזט זיך אַ דייטש ערגעץ־ווו אויף נאַוואָליפּקי, פּאַוויאַ, אָדער אויף ניסקע, סטאַווקי, — ווערט מען באַלד געוואָר אויף אַלע קאַמפשטעלן אין דער גאַנצער לענג זאַמענהאָף, מוראַנאָווסקע, שוויענטאָ־יערסקאַ. און מ'איז „גרייט". דאָס הייסט: מ'לאָזט זיי אַביסל זיך דערנענ־

*) געוועזן אַן אַקטיווער ווידערשטאַנד־קעמפער. מיטרעדאַגירט געהיימע אויסגאַבן. געשטאָרבן אייניקע וואָכן נאָך דער באַפרייאונג א' דר"ח תמוז 1945, פון אָפּגעשוואַכטקייט און לונגען־קראַנקהייט. ווען איך בין געווען סוף נאָוועמבער 1945 אין דייטשלאַנד, בין איך געווען אויף זיין קבר אין ג א א ו ט י נ ג ביי מינכען. דאָרט איז אַ יידישע אָפּטיילונג פונעם קריסטלעכן בית עולם. איך האָב באַוויזן אויפצושטעלן דאָרט אַ מצבה, שוין אויך פאַר הלל צייטלין און פאַר אלחנן צייטלין.

טערן, דאַן גיט זיך אַ שיט גלייכצייטיק אַ האָגל פון קוילן. די אַרבעט איז קאָאָרדינירט.

דאָס „קליינע געטאָ" איז גרעסער געוואָרן. די קעמפנדיקע יידן האָבן דורכגעבראָכן די מויערן. האָבן זיך „באַזעצט" אין די שכנותדיקע „יודען־ריינע" הייזער. פאַרנומען הייזער אויף דער גראַד־זייט פון דער גנעשע, אויף דער גראַד־זייט פון דער פראַנציסקאַנער, אויף דער באַניפראַטערס־קאַ. די דאָזיקע הייזער זענען „נייטראַלע"; יידן טאָרן דאָרט נישט וווינען, אָבער אויך אַריער נישט. שטייען זיי ליידיק. די דייטשן ריכטן זיך נישט, אַז פון די דאָזיקע „טויטע" הייזער זאָלן אויף זיי זיין אָנגעשטעלט לופעס פון מאַשינען־געווער.

די יידישע קעמפער האָבן אָבער דווקא זיי אויסגעוויילט. ערשטנס, טאַקע צוליב דעם וואָס די דייטשן ריכטן זיך נישט, אַז אין זיי זאָל עמיצער לעבן; זענען דאָך די דאָזיקע הייזער „טויט" זייט חדשים. צווייטנס, וואָרום דערמיט ווערט נישט געשטעלט אין סכנה די „ציווילע" יידישע באַפעלקערונג, וואָס באַהאַלט זיך אין די בונקערס אין די געטאָ־הייזער.

היינט איז אָבער שטיל. ס'פליסן שעהן, לאַנגע, ס'פאַרגייט דער פאַר־מיטאָג, דער נאָכמיטאָג, ס'רוקט אָן די נאַכט. מ'הערט נישט קיין שאָס, מ'זעט נישט קיין דייטש. איז שלעכט. וואָרום נישט גוט איז אין געטאָ, אַז ס'איז בעסער ווי ס'דאַרף צו זיין...

אַ שווערע פינצטערקייט צעלייגט זיך אויפן געטאָ. די הייזער זענען איינגעהילט אין אַ שוואַרצן אומעט. דער אומעט און דער פחד לייגט זיך אויף די מידע גלידער, אויף די אָנגעשפאַנטע חושים און פאַרשטאַרצ־טע אין פחד הערצער.

זייגער האַלב איינס נאָך חצות הערט זיך אַ שאָס, אַ צווייטער, אַ דריטער; דאַן פליסן אָפּ אייניקע מינוטן, אַ פערטל שעה, אַ האַלבע, און דאַן ווערט אין גאַנצן געטאָ — ליכטיק.

אַ העלישער פייער־זייל שפּרינגט אַרויס אויף דער זאַמענהאָף־גאַס, אין סאַמע מיט פון דער גאַס, און באַלייכט די אַרומיקע הייזער:

— די קהילה ברענט!

די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן די קהילה־געביידע אויף זאַמענ־

האָף 19. געווען דאָרט אַ סך פּאַפּירן, אַלע אַקטן פון די פאַרשידענע קהי־לה-אָפּטיילונגען און ביוראָען, דאָס גאַנצע מאַטעריאַל פון דעם אַרכיוו, אַלערליי אַקטן פון פאַרשידענע יידישע אינסטיטוציעס, אַ סך טויזנטער ספרים, ביכער, וואָס זענען אָנגעזאַמלט געוואָרן אין געטאָ אין משך פון דעם לעצטן האַלבן יאָר. צווישן זיי קרוב 500 ספרי תורה!

דאָס פייער פאַרברייטערט זיך אַלץ מער. טראָגט זיך איבער אויף דעם שכנותדיקן הויז זאַמענהאָף 21; דאָרט געפינט זיך איינע פון די הויפּט-קאַמף־שטעלן פון דער „פּאַרטיי", זי ווערט שנעל עוואַקואירט.

אין די בונקערס אַ באַוועגונג. ווידער די זעלבע אייביקע פראַגע: וואָס איצט? וואָס ווייטער?

ווידער זענען פאַראַן — אפילו איצט — פּעסימיסטן און אָפּטי־מיסטן. „אָפּטימיסטן", דאָס זענען אַזעלכע וואָס זאָגן, אַז זיי וועלן בלייבן בלויז ביי דער קהילה און ביי די הייזער, וואָס וועלן זיך אַליין אָנכאַפּן פונעם פייער. פּעסימיסטן האַלטן, אַז זיי גייען אונטערצינדן דאָס גאַנצע געטאָ. מ'שיקט אַרוים אָבסערוואַטאָרן, וועלכע קוקן אַרוים פון די פענצ־טער און ברענגען די ידיעה: ס'ברענט בלויז דאָס קהילה־הויז און דאָס הויז אין שכנות אויף גענשע־גאַס.

זייגער 2 הערן זיך אויפרייסן איינס נאָכן אַנדערן. באַמבעס.

— וואָס באַדייט דאָס?

באַלד קומט די דערקלערונג:

— די דייטשן וואַרפן אַריין גראַנאַטן אין די הייזער און קעלערס אויף דער זאַמענהאָף־גאַס.

די אויפרייסן הערן נישט אויף. יעדעס מאָל הערט מען אַן אויפ־רייס, נאָך וועלכן ס'פאַלן ווענט פון הייזער. גלייכצייטיק פאַרברייטערט זיך דאָס פייער אַלע מאָל מער און נעמט אַרום אַלע מאָל מער הייזער, פון זאַמענהאָף 21 איז עס איבערגעגאַנגען אויף דער וואָלינסקאַ 1 און 3.

דוד צייטלין ווערט אַרויסגעשיקט אַלס אָבסערוואַטאָר. ער קומט צוריק אין אַ האַלבע שעה. אָט וואָס ער דערציילט:

— ס'ברענט שוין דאָס הויז אויף זאַמענהאָף 25. אויף די געזימסן פונעם 3טן שטאָק אויף דעם דאָזיקן הויז האָב איך געזען צוויי מענטשן אין העמדער, באָרוועס, זיי האָבן זיך אָנגעהאַלטן אין די ווי־טרינעס פון

די פענצטער און האָבן זיך באמיט זיך אריבערצובאקומען אויף דעם שכנותדיקן הויז נומער 27. דאָס הויז נ״ר 25 האָט געברענט; אויף די קערפּערס פון די דאָזיקע צוויי מענטשן, א מאן און א פרוי, האָבן געטליעט שטיקלעך קליידער. די דייטשן, ווייזט אוים ערגעץ אין א פארשטעק, האָבן זיי באמערקט, און צו זיי געשאָסן. זיי האָבן, ווייזט אוים, בלויז פארוואונדעט דעם מאן. דאן איז ער פארשוואונדן אין א פענצטער.

— די דייטשן ווארפן אריין גראנאטן אין די קעלערס. מ׳זעט דייטשע סאפּיאָרן מיט מינען; זיי רייסן אויף הייזער אויף דער שוויענטאָיערסקא. פון צייט צו צייט הערט זיך א שאָס. דאָס שיסן צו זיי די יידישע קעמפער.

— דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער „פּאַרטיי" (פונעם יידישן אויפשטאנד), האָט זיך איבערגעטראָגן אויף מילא 21. דאָרט געפינען זיך: מענדל קירשענבוים מיט זיין טאָכטער און איידעם בירנבוים, אלעקסאנדער לאנדוי מיט זיין טאָכטער*), הרב זעמעלמאן, הרב ראובן האָרוויץ, ישראל האָלצקענער, די ברידער ראָדאל, נחום רעמבא מיט זיין פרוי, „טאָשיא" אנילעוויטש, פרענקעל, צבי זילבערבערג, „אדעק" זעמבא (א זון פון הרב יצחק זעמבא), בנימין קאמינער (א זון פון משולם קאמינער), בראָדער (א קוזין פון הרב יצחק מאיר לעווין), און דער איידעם און טאָכטער פון ד״ר יצחק שיפּער. (שיפּער אליין געפינט זיך מיט זיין פרוי און יינגערע טאָכטער אויף קופּיעצקא 16).

זיי פירן אָן מיטן קאמף אויף דעם סעקטאָר זאמענהאָף־מוראנאָווסקע־קופּיעצקא.

דערווייל דערנענטערן זיך אלע מאָל מער די פלאמען און די גראַנאטן־אויפרייסן. מ׳שפּירט שוין דעם רויך. ס׳ווערט נאָך מער אומהיימלעך. וואָס טאָן? איבערגיין ערגעץ אנדערש? וווהין?

איצט האָט זיך דאָס פייער אריבערגעטראָגן אויף מילא 17. דאָרט איז פאראן א בונקער, אין וועלכן ס׳געפינט זיך א ישיבה מיט עטלעכע און דרייסיק בחורים. זיי זענען באוואָפנט.

יוסף טענענבוים און איינער פון די ראָדאלס גייען ארוים אויף אָב־

*) געפאלן בעת זי האט געווארפן א באמבע אויף א דייטשן אפיציר איז 4טן טאג פון אויפשטאנד.

סערוואַציע. ס׳גייט אַוועק אַ שעה, צוויי, זיי קומען נישט צוריק. מ׳ווערט אומרואיק. אַרום זייגער 4 קומען זיי צוריק אויף מילא 14. און אַט וואָס זיי דערציילן (אויפגעצייכנט וואָרט ביי וואָרט דורך אַלעקסאַנדער לאַנ־דוי, וועלכער איז געווען אויף מילא 14; שפּעטער אינטערנירט געווען אין וויטעל און פון דאָרט דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אַשוויענטשים דעם 18 אַפּריל 1944):

— פונעם הויז אויף מילא 17, וועלכעס ברענט, איז אַרויס אַ גרופּע ישיבה בחורים, באַוואָפנט מיט גראַנאַטן און פלעשער מיט ברענענדיקן שטאָף; צו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן זייערע „פּאַרטיי"־שעפן, הרב זע־מעלמאַן און הרב ראובן האָרוויץ, און האָבן זיך געלאָזט לויפן אין דער ריכטונג פון זאַמענהאָף־קופּיעצקאַ. אויפן וועג האָבן זיי באַמערקט אַ גרופּע ס.ס.־לייט און סאַפּיאָרן, וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען אונטער־צינדן די הייזער; איז די גרופּע ישיבה־בחורים (ס׳רוב האָבן געשטאַמט פונעם גערער שטיבל אויף נאַלעווקי 19) אַריין אין הויז אויף זאַמענהאָף 44 און פון דאָרט האָבן זיי געוואָרפן גראַנאַטן און פלעשער מיט ברע־נענדיק מאַטעריאַל אויף די דייטשן. די דייטשן האָבן צוריקגעוואָרפן גראַנאַטן, — וואָס ס׳איז געוואָרן דער סוף, ווייסט דער דערציילער נישט, וואָרום די „אָבסערוואַציע", וועלכע האָט שוין געדויערט צו פיל, איז געוואָרן געפערלעך *).

## אין ברען פון קאַמף

**זונטיק, 25. אַפּריל.**

— אַ נייעס: אויף דער מילא־גאַס, אויף דער א. ג. „שמאָלער מי־לע", צווישן זאַמענהאָף און נאַלעווקי, האָט זיך באַוויזן אַ דייטשער טאַנק. דאָס איז געווען אַ לייכטער און זיכטבאַרער ציל פאַר די יידי־שע קעמפער. באַלד האָבן מיר אָנגעהויבן צו וואַרפן פון די פענצטער

*) דאַס איז די לעצטע ידיעה וועגן הרב זעמעלמאַן און ראובן האַרוויץ און דער גרופּע ישיבה בחורים. נאָך אייניקע מענטשן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון געטאָ (בעריש ערליך, הרב יצחק מאיר זעמבאַ און אַנדערע, איצט אין לאַנדסבערג, ביי מינכען), באַשטעטיקן אַלס עדי ראיה די דאָזיקע פאַקטן.

אויפן טאַנק, וואָס איינער האָט נאָר געקענט. געפאַלן אויפן טאַנק אַ ברענעדיקע פלאַש, איין גראַנאַט, אַ צווייטער. דער טאַנק האָט אָנגעהויבן ברענען. די דייטשן זענען אַרויסגעשפּרונגען פונעם טאַנק, און זיך גענו־מען לויפן מיט די רעוואָלווערן אין די הענט. זיי האָבן געשאָסן אויף רעכטס און לינקס אָן שום ציל. דאַן זענען זיי פאַרשווונדן.

ס'איז געוואָרן שטיל אויף דער מילא־גאַס. אַזאַ שטילקייט האָט אָבער נישט פאַרגעזאָגט קיין גוטס. וואָרום נישט גוט איז אין געטאָ, אַז ס'איז בעסער ווי ס'דאַרף צו זיין. מ'האָט זיך דעריבער געריכט אויף גאָר שלעכטס.

— מיר זענען געווען אין אַ פאַרשטעק, וועלכעס איז אָבער נישט געווען אונטער דער ערד, נאָר אויפן 2טן שטאָק פון אַ הויז, אויף מוראַ־נאָווסקאַ 42. ס'זענען דאָרט געווען פאַרזאַמלט איבער 40 מענטשן. צווישן זיי ד״ר טולאָ נוסענבלאַט, ד״ר שמואל שימקעוויטש, עדמונד מינאַוויטש. די שטוב איז געווען „מאַסקירט״; דאָס הייסט. די טיר איז געווען פאַר־מויערט און פון דער אויסנווייניקסטער זייט פאַרקלעבט מיט טאַפעטן, אַזוי אַז פון דרויסן איז געווען אוממעגלעך צו דערקענען, אַז אין דער וווינונג געפינט זיך נאָך אַ שטוב. דער אויסגאַנג איז געווען דורכן סו־פיט, ווו מ'האָט אַרויסגענומען אַ שטיק פון דער „פּאָסאַדזקע״ און דער־נאָך ווידער צוגעדעקט, אַזוי אַז מ'האָט לגמרי נישט דערקענט, אַז ס'איז פאַראַן אַן עפענונג אין דעם סופיט. (אַזעלכע „סכראָנען״, פאַרשטעקע־נישן, זענען געווען אין געטאָ אָפט).

— דורכן פענצטער האָבן מיר געזען ברענען די שכנותדיקע הייזער. מיר האָבן זיך צוגעקוקט צום פייער, און ס'איז לייכט געווען צו פאַרשטיין, אַז דער זעלבער גורל דערוואַרט דאָס הויז, אין וועלכן מיר געפינען זיך. פונ־דעסטוועגן האָבן מיר זיך נישט גערירט. וואָרום וווהין גיין? ווען מיר רירן זיך, פאַלן מיר דאָך אַריין אין די הענט פון די דייטשן, און דאָס הייסט דער טויט.

אַזוי זענען מיר געזעסן אין אַנגסטן 3 לאַנגע טעג. דעם דריטן טאָג פונעם אויפשטאַנד, געווען איז עס חול המועד פסח, דערפילן מיר פלו־צים, אַ שטאַרקן רויך. דער רויך ווערט אַלע מאָל שטאַרקער. דאָס איז נישט פון אַ שכנותדיקן הויז, דאָס איז פון די אונטערשטע שטאָקן פון

אונדזער הויז. יאָ, אונטער אונדז ברענט. נישטאָ קיין שום ספק. ס'ברענט אונטער אונדז. מיר באַשליסן ארויסצוגיין פון אונדזער באַהעלטעניש. ס'איז שוין 12 אזייגער ביינאכט. בעסער אזוי, ווארום ביינאכט זענען דאָ ווייניקער דייטשן אין געטאָ. נעמען מיר אויף זיך די רוקזעק מיט אביסל עסן און מיר לאָזן זיך ארויס אויף דער גאַס. אויף גאַטס באַראַט. אָן א פלאַן און אָן א ציל...

ווי מיר גייען ארויס אויפן קאָרידאָר, זעען מיר ווי די טרעפּ ברע־נען. נישטאָ קיין צייט. מיר מוזן וואָס גיכער אראָפּ. מיר לויפן איבער ברענענדיקע טרעפּ, וועלכע זענען פול באַדעקט מיט ברענענדיקע פעדערן פון אויפגעריסענע קישנס און איבערבעטן. דער רויך איז א שרעקלעכער, פרעסט זיך איין אין די אויגן, אין די לונגען. אָבער — מיר זענען בשלום אריבער. מיר געפינען זיך שוין אונטן אין הויף. אָבער דאָ א נייע שוועריקייט. דער טויער ברענט. נישט מעגלעך דורכצוגיין דורכן טויער. וואָס טוט מען? ווארטן מיר אזוי אין הויף; ס'פאַלן אויף אונדז פונקען, פונעם ברענענדיקן סופיט, פונעם ברענענדיקן דאך. מיר זעען נישט קיין אויס־וועג.

אָבער פלוצים גיט ד"ר נוסענבלאַט א זאָג:

— ווארט, באַלד איז דער טויער אויסגעברענט, וועט מען קענען דורכגיין.

אייניקע מענער נעמען מיט אייזערנע שטאַנגען שפּאַלטן און צע־קלאַפּן די ברענענדיקע ברעטער פונעם הויז, כדי ס'זאָל שנעלער ברענען. דערוויילי זעען מיר ארום אונדז פלאַקערן די ווענט, די סופיטן; ארום אונדז, איבער אונדז איין ים פון פייער. נישטאָ קיין אויסוועג.

פלוצים וואַגט זיך איינער פון אונדז, א מין נחשון און גיט א שפּרונג דורך דורכן ברענענדיקן טויער. ער איז אין דרויסן און רופט אונדז. מיר לאָזן זיך אלע צום טויער און לויפן דורך איינציקווייז דורכן פייער. ביי א טייל פרויען כאַפּן זיך אָן די האָר, טייל פון לייכטע זומער־קליידער. אָבער מ'לעשט עס ווי נישט איז.

נו, זענען מיר אינדרויסן. די גאַנצע מוראַנאָווסקע־גאַס ביז ארויף צו צו די נאַלעווקעס, איין העליש פייער. דאָס גאַנצע געטאָ איז באַלויכטן. ס'איז ליכטיק ווי בייטאָג. לאָזן מיר זיך לויפן אין דער קהילה־געביידע.

די פראָנט־געביידע אויף זאַמענהאָף 19 איז שוין אינגאַנצן אויסגעברענט, אויך פון דער געביידע אין צווייטן הויף איז געבליבן בלויז חורבות. אין דריטן הויף טרעפן מיר אָבער אָן א קעלער. א גאַנץ געוועלבער קעלער.

גייען מיר אריין דאָרט. מיר טרעפן שוין דאָרט א צענדליק מענטשן. די פריער „איינגעזעסענע" קוקן אביסל קרום אויף די „פרישע"; זיי האָבן מורא, אז די דייטשן זאָלן נישט קומען אויף אונדזער שפּור. אָבער מיר אָרדענען זיך איין ווי נישט איז. און מיר וואַרטן.

מיר הערן פונדערווייטנס ווילדע געשרייען פון דייטשן. געשרייען פון מענטשן, וואָס ברענען לעבעדיק. געשרייען, פון וועלכע דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט אין די אָדערן. מיר פילן אַלע, אז דאָס דערוואַרט אונדז אויך. ווארום לאַנג קען מען דאָ נישט בלייבן. פאַרשידענע סכנות לויערן אויף אונדז. ראשית, ברענט איבער אונדז, אַרום אונדז. מיר זיצן און ליגן כמעט נאַקעט. אין קעלער איז א שרעקלעכע היץ. פון די צע־גליטע ציגל, און פון דער הייסער לופט אַרום אונדז. מ׳אָטעמט קוים אָפּ. ווי לאַנג וועט מען קענען אַזוי אויסהאַלטן?

צווייטנס, זענען פאַראַן א סך מוסרים, געצוווּנגענע מוסרים. ווען די דייטשן כאַפּן א יידן, צווינגען זיי אים אונטער דער דראָאונג פון שיסן, ער זאָל אָנווייזן אַנדערע פאַרשטעקן און בונקערס. ס׳רוב געכאַפּטע יידן לאָזן זיך שיסן און פאַרראַטן נישט. פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע, וואָס זענען נישט עומד בנסיון. און זיי ווייזן יאָ אָן.

דריטנס, האָבן מיר זייער ווייניק לעבנס־מיטל. ס׳קען געדויערן אויף א וואָך, נישט מער, און וואָס דערנאָך?

ליגט מען אַזוי אין קעלער אין אַנגסטן און שרעק. מ׳לעבט אַזוי שוין א וואָך, צווישן שלאָפן און וואַך זיין. אין פאַרשטאַרצקייט. אין אַפּאַטיע. מ׳קען נישט שלאָפן צוליב דער שרעקלעכער היץ. מ׳קען אָבער אויך נישט וואַך זיין, צוליב מידקייט. מ׳גייט אום ווי שאָטנס. אין דער פינצטער. שוין וואָכן נישט געזען די שיין פון דער זון.

אַזוי גייען אַוועק טעג. זיי ציען זיך לאַנג, אומעטיק, האָפענונגס־לאָז.

דעם 6סטן מאַי (1943) הערן זיך פּלוצים אויפן הויף שטימען. גע־

שרייען, רופן. מיר האלטן איין דעם שאָרך. ענדלעך אונטערשיידן מיר שטימען. מ'רעדט פויליש, מ'רופט אונדז בזה הלשון:

— דאָ רעדן יידן!

— גייט אַרויס פון די באַהעלטענישן. די דייטשן גאַראַנטירן, אַז איר וועט אַלע גיין אויף אַרבעט. ס'וועט קיינעם גאָרנישט געשען. גייט אַרויס, — ווען נישט וועט אַריינגעלאָזט ווערן גאַז אין קעלער.

מיר באַראַטן זיך צווישן זיך שטילערהייט. ס'אַנטשטייט חלוקי־דעות. טייל זאָגן: אַרויסגיין, טייל זאָגן: בלייבן!

דערווייל רירט זיך קיינער נישט. די דייטשן האָבן מורא אַריינצו־גיין אין קעלער, טאָמער איז מען באַוואָפנט. זיי וואַרטן אין דרויסן. און מיר אינעווייניק.

דערווייל הערט מען שיסן, געוואַלדן.

פּלוצים דערשפּירן מיר אין קעלער גאַז. ס'ווערט אַלע מאָל שווערער דאָס אָפּאָטעמען. צוויי מענער לאָזן זיך צום קאָרידאָר אַרויסצוגיין. זיי קומען באַלד צוריק: אין טיר פון קעלער איז איינגעשטעלט אַ לופע (רער) פון אַ מאַשין־געווער. האָבן זיי מורא אַרויסצוגיין. איי דער גאַז? דער־ווייל האַלט מען נאָך איבער. אמת, ס'איז אַ פראַגע פון אַ 10, 20 מינוט. אָבער מ'וויל אָפּשלעפּן, אָפּליינען דאָס אומפאַרמיידלעכע. מ'וואַרט אויף אַ נס. אויף אַ פּלוצימדיקע דערלייזונג, — אַבי נאָר איבערצוהאַלטן דער־ווייל — וואָס וועט געשען? אפשר וועלן די סאָוויעטן דערווייל אָנקומען? אפשר, אפשר...

ס'ווערט אָבער אַלע מאָל מער דושנע. מ'פילט אַ דורשט. מ'נעמט זיך טרינקען. דאָס מאַכט אָבער נאָך ערגער. דאָס וואַסער דריקט אַראָפּ דעם גאַז אינעווייניק. מענטשן הויבן אָן אָוועקצופאַלן. מערקווירדיק! גראָד קינדער, עלטערע מענטשן, פרויען, שוואַכע, האַלטן דערווייל בעסער איבער, בעת געזונטע יונגע מענער זענען ביים סוף פון די כוחות.

ס'איז פינצטער. מ'פּרוווט אָנצינדן אַ ליכט, אָבער ס'ווערט פאַרלאָ־שן. מ'טאַפּט אָן אין דער פינצטער ערגעץ אַ פענצטער. שטויסט מען זיך אַלע צום פענצטער. ס'איז אָבער פאַרשטעלט מיט אייזערנע קראַטעס. נעמט מען מיט די נאַקעטע הענט צו רייסן די אייזערנע קראַטעס. מענטשן רייסן דאָס אייזן אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג. די הענט

צעבלוטיקט, פאַרוואונדעט פונעם זשאַווער, אָבער מ'רייסט מיט די לעצטע כוחות.

דער גאַז לאָזט זיך אַלץ מער שפּירן. ס'זענען שוין אייניקע אַוועקגע־פאַלן פאַרחלשטע. די אַנדערע רייסן מיט די לעצטע כוחות די אייזערנע קראַטעס. ס'איז אָבער אַן אומזיסטיקע אַרבעט. די קראַטעס רירן זיך נישט. איז מען איינגעקערקערט. פאַרלוירן.

בלייבט דאָך נאָר איין וועג: אַרויסגיין דורך דער טיר. מ'לאָזט זיך צו דער טיר: מ'זעט נישט מער די לופּע פונעם מאַשין־געווער. מ'זעט נישט מער קיין דייטשן. מ'הערט נישט מער זייערע ווילדע געשרייען. זיי האָבן זייער אַרבעט געטאָן און זיך אַוועקגעגאַנגען, פאַרלאָזנדיק זיך מיטן איבעריקן אויפן גאַז.

גייען מיר אַרויס פאַרזיכטיק, אין פּחד, פון דער קעלער־עפענונג. ס'איז טאָג. מיר האָבן פאַרלוירן דעם חשבון פון דער צייט. מיר האָבן שוין זייט 3 וואָכן נישט געזען דאָס ליכט פונעם טאָג. געלעבט אין קע־לער, אַרויסגעגאַנגען בלויז אין מיט נאַכט. אונדזערע אויגן זענען שוין אָפּגעוווינט פונעם ליכט־שיין. מיר ווערן פאַרבלענדט פון די זון־שטראַלן.

מיר שטייען אַזוי הילפלאָז און ראַטלאָז אין דריטן הויף פון דער קהילה־געביידע. מיר קוקן זיך אַרום. אַרום און אַרום, ווי ווייט דאָס אויג דערגרייכט — חורבות. אויסגעבּרענטע שקעלעטן פון הייזער. אָבער אי־בער די חורבות שפּירן מיר אַ לייכט וואַרעם ווינטל; און וווּנדער איבער וווּנדער — דאָס ביימל אויפן הויף לאָזט שוין אַרויס זיינע קנאָספּן, און אויפן גערטנדל גרינען עטלעכע יונגע נאָר־וואָס אויפגעקומענע גרעזעלעך: ס'איז פרילינג אויף גאַנס וועלט. ווען מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין בונ־קער, איז געווען ווינטער נאָך, קאַלט, — איצט האָט גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט, אויפגעבליט דער פרילינג. דער וווּנדערלעכער חודש מאי האָט זיין גאַנצע פּראַכט אויסגעשפּרייט דווקא דאָ אויף די חורבות פון אונד־זער וועלט. ניין, די וועלט איז נישט אונטערגעגאַנגען. זי גייט זיך ווײַ־טער איר וועג. עולם כמנהגו נוהג. בלויז א ו נ ד ז ע ר וועלט איז פאַרפינצטערט.

אָבער נישט צייט איצט אויף סענטימענטאַלע באַטראַכטונגען. מיר שטייען, און איבער אונדז אַ גרויסער פראַגע־צייכן: וואָס ווייטער?

ס׳ווילט זיך אַזוי לעבן. דווקא איצט. דווקא, ווייל מ׳איז אַזוי פיל דורכגעגאַנגען, ווייל מען איבערהאַלטן. דערלעבן דעם סוף. די נקמה. ווען מען דערלעבן?

שטייען מיר אַזוי אַ פערטל שעה. דאַן לאָזן מיר זיך גיין צו דער וואָלינסקע צו. דאָס הייסט, דאָרט, וווּ ס׳איז אַמאָל געווען די וואָלינסקע. מיר גייען אָפּ עטלעכע שריט, און פּלוצים וואַקסן אַרויס, ווי פון אונטער דער ערד, אַ 4 דייטשן. זיי שרייען: „הענדע האָך״. מיר הייבן אויף די הענט. זיי קומען צו, פירן דורך אַ שטרענגע רעוויזיע. זוכן געווער. נעמען אָבער צו וואָס זיי טרעפן. געלט, ווערטזאַכן.

קיין געווער האָבן זיי נישט געטראָפן. הייסן זיי אונדז גיין צום „אומשלאַג״. איינע פון אונדז הויבט אָן צו וויינען. די דייטשן באַרויקן:

— איר פאָרט קיין לובלין, אויף אַרבעט.

און דאַן אויפן „אומשלאַג״, דאַן מײַדאַנעק, אָשוויענטשים, און דער לאַנגער וועג פון פיין.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט פאַר אונדז דער קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ.

# נאָכן קאַמף

**מיטוואָך, 28. אַפּריל.**

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, און דאָס געטאָ גופא. אַזוי איז געווען דער סוף פון אַ הונדערטער־יעריקער עקזיסטענץ פון אַ גרויסן לעבעדיקן יידישן קיבוץ, און פון 3 יאָר מאַטערניש און פּיין.

זיצט מען אויף די חורבות, אַ גרופּע איבערלעבנדיקע, און — שטענדיק די זעלבע טעמע: פאַרוואָס? ווי אַזוי?

— ווי אַזוי האָט עס געקענט געשען? פאַרוואָס האָבן מיר זיך געלאָזט פירן כצאן לטבח? האָבן מיר געקענט זיך „נישט לאָזן״?

— פאַרוואָס איז דער אויפשטאַנד אויסגעבראָכן אַזוי שפּעט, ווען מיר זענען געווען אַזוי שוואַך און אַזוי ווייניק?

— פאַרוואָס האָבן מיר זיך נישט אַקעגנגעשטעלט פריער, באַלד ביים אָנהויב, ווען מיר זענען געווען אַ האַלבער מיליאָן?

— פאַרוואָס האָבן מיר זיך געלאָזט אַריינשפּאַרן אין געטאָ, וואָס ס'איז געווען אַ צוגרייטונג צו דער שחיטה?

— פאַרוואָס? פאַרוואָס?

איך וועל פּרווון זיך אַליין צו ענטפערן. רואיק, „קאַלט" באַטראַכטן די דאָזיקע פראַגן; זיך אַליין קלאָר מאַכן.

קודם כל די הנחה, אַז די נאַציס האָבן לכתחילה געפּלאַנט אונדז צו פאַרניכטן, אַז דאָס איז שוין געווען זייער כוונה ביים שאַפן דאָס געטאָ, איז כלל נאָך נישט באַוויזן.

אני והגבר ראה עני; כ'האָב גוט אָבסערווירט זייערע מעשים און טענדענצן במשך פון דער גאַנצער צייט. און איך קען נישט זאָגן, אַז דאָס איז געווען זייער כוונה פון אָנהויב אָן. אַלנפאַלס זיכער נ י ש ט פ ו ן אַ ל ע. וואָרום ס'זענען געווען פאַרשידענע ריכטונגען אין דער יידישער פראַגע.

געווען ס.ס.-לייט סאַדיסטן, בעסטיעס אין מענטשלעכער געשטאַלט, קראַנקהאַפטע פאַרברעכער; זיי זענען געווען פעאיק אויף אַלעמען. זייער ציל איז געווען: פאַרניכטונג. אָבער אויך נישט ביזן גרונט. און אויך נישט אויף אַזאַ מאַסן־אופן.

נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען באַלד נישט געווען פעאיק דערצו, נאָר ווייל זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד פון אַנדערע דייטשע פאַקטאָרן. די דאָזיקע אַנדערע זענען אויך נישט געווען איבערגענומען מיט הומאַניטאַרע און עטישע מאָטיוון; נאָר, פשוט, מיט — אוטיליטאַריסטישע. זיי האָבן געצווינגן נוצן פון יידן, פון זייער פאַרמעגן, פון זייער אַרבעט, פון זייער איניציאַטיוו.

זיי זענען אויך נאָך נישט געווען אַזוי שרעקלעך דעגענערירט זיך פאָרצושטעלן אַ מעגלעכקייט אויסצוראָטן אַ גאַנץ פאָלק, אַלטע, קראַנקע, פרויען, קינדער. טייל ווידער, האָבן זיך דאָך גערעכנט מיט דער וועלט. זיי האָבן געוווסט, אַז אַזאַ אַכזריות וועט אַרויסרופן נאָך מער האַס קעגן זיי. זיי האָבן אַביסל מורא געהאַט פאַר דער וועלט־מיינונג; געמיינט, אַז די וועלט וועט אויפשטורעמען קעגן זיי (זיי האָבן אַ טעות געהאַט, ווייזט

אוים, געהאַט אַ בעסערע מיינונג וועגן דער וועלט, ווי זי האָט עס פאַר־דינט).

דאָס אַלץ זענען געווען אָפּהאַלטנדיקע פאַקטאָרן, וועלכע מ׳דאַרף נישט אונטערשעצן.

ס׳איז מעגלעך, אַז היטלער ימ"ש און זיין באַנדע, ווען זיי האָבן גערעדט וועגן „פערניכטונג דעם אייראָפּעאישן יודענטומס", — האָבן זיי געמיינט — פּשוטו כמשמעו. יידן האָבן זיך אָבער עס נישט פאָרגע־שטעלט אַזוי: אויסראָטן, אויסהרגענען. מיר האָבן געמיינט: פערניכטן, מיינט מען — אָט דאָס וואָס ס׳געשעט יעדן טאָג; אויסהונגערן, אויספּיי־ניקן, רודפן, מאַטערן, אויסרויבן, פעריאָדישע פּאָגראָמען. אָבער נישט — „לעקור את הכל". מיר האָבן שטענדיק, באַוווסט און אומבאַוווסט, זיך געחזרט דעם „שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותנו"... און נישט גענומען ווערטלעך היטלערס דראָאונג.

דער יידישער בטחון, דער איינגעבוירענער אָפּטימיזם, און — די אומפּעאיקייט זיך פאָרצושטעלן אַזאַ מין בעסטיאַלישע שרעקלעכע מעג־לעכקייט — וואָס קען נאָר אַנטשטיין אין קראַנקהאַפטע סאַדיסטישע מוחות, — דאָס אַלץ האָט ביינגעווירקט, אַז מיר האָבן נישט געגלויבט אין דער אויסראָטונג־דראָאונג. מיר האָבן פּשוט נישט געגלויבט, אַז דאָס איז מעגלעך. מיר האָבן זיך עס נישט געקענט פאָרשטעלן.

אַ חוץ דעם איז דער גלויבן אין דער אייביקייט פונעם יידישן קיום, אין נצח ישראל, געווען ביי יעדן, נישט דווקא ביי רעליגיעזע יידן, גע־ווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט פאַרטריבן יעדן פּעסימיזם בנוגע דעם גורל פונעם כלל. מ׳האָט געוווּסט, אַז צי דער אָדער יענער יחיד וועט אי־בערלעבן, איז אַ ספק, אָבער, אַז דער כ ל ל וועט איבערלעבן, דאָס איז געווען זיכער.

(איך דערמאָן זיך, אַז איין איינציק מאָל האָב איך יאָ געהערט אַ מפקפק זיין דערין מצד אַ יידן אַ גרויסן תלמיד חכם און אַ גרויסן בר־דעת, רבי בערל ג פּ ן פון וואַרשע. „דאָס גאַנצע יידישע פאָלק קען נישט אונטערגיין" — האָט ער מיר געזאָגט, — „אָבער אַ יידישער קי־בוץ? האָבן מיר דאָך ׳שוין געזען, ווי יידישע קיבוצים, למשל אין גירוש

ספרד, זענען יאָ אונטערגעגאַנגען?" — אָבער דאָס איז געווען אַן אויס־נאַם־מיינונג).

מ'איז געווען גרייט צו ליידן; מ'האָט פאַרביסן די ציין און אַלץ איבערגעטראָגן. מ'איז נישט אַריינגעפאַלן אין יאוש. מ'האָט קיינמאָל נישט פאַרלוירן דעם בטחון, דעם גלויבן אין דייטשלאַנדס מפּלה; נישט געווען אַזעלכע פּעסימיסטן אין געטאָ. אַלע האָבן געגלויבט, אַז מ'וועט איבערלעבן, און דערלעבן אַ בעסערע צוקונפט, אַ יידישע מלוכה אין ארץ ישראל. ווען אפילו די מאַסן וועלן ווערן אָפּגעשוואַכט, ווען אפילו הונ־דערטער און טויזנטער וועלן פאַלן, וועט אָבער דער פאָלקס-קערן בלייבן, וועט אָבער די פאָלקס־סובסטאַנץ איבערשטיין.

אין דעם דאָזיקן גלויבן האָבן אונדז באַפעסטיקט געוויסע שריט, געוויסע פאַרלייכטערונגען, וועלכע מ'האָט אויסגעפועלט ביי די דייטשן פון צייט צו צייט, ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע.

ס'זענען אין געטאָ אַנטשטאַנען גרויסע אונטערנעמונגען, פירמעס, וואָס האָבן פיל פּראָדוצירט, און זענען געוואָרן אַ ווירטשאַפטלעכער פאַק־טאָר. די „טראַנספערשטעלע" אויף קרולעווסקאַ־גאַס 43 (דאָס דייטשע אַמט, וועלכעס איז געווען ווי אַ מין צאָל־אַמט פאַרן געטאָ, און אויך קאָנטראָלירט די פּראָדוקציע אין געטאָ גופא) איז געווען שטאַרק פאַר־אינטערעסירט אין דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון געטאָ, און־טערשטיצט די געטאָ־פּראָדוקציע. זיי האָבן געצויגן גרויסע הכנסות פון יידישער אַרבעט אין שאָפּן.

פון צייט צו צייט זענען געגעבן געוואָרן דערלויבענישן פאַר געוויסע קולטור־אַרבעטן: שולן, קאָנצערטן, קינדער־גערטנער, לאַבאָראַטאָריעס.

איז עס געווען ווי אַ טייל (וואָס זענען געווען פונדערהויטנס) מיי־נען, בלויז איינצושלעפערן אונדזער וואַכזאַמקייט? איז עס געווען בלויז אַ טייל פון דעם טייוולאָנישן פאַרניכטונגס־פּלאַן?

איך גלויב נישט דערין.

געוויס, האָבן די אילוזיעס גורם געווען, אַז די פאַרניכטונג איז גע־ווען אַזוי מאַנסנהאַפט, אַזוי טאָטאַל. אָבער, וואָס וואָלט געווען, ווען מיר וואָלטן נ י ש ט געהאַט די דאָזיקע אילוזיעס? איז געווען מעגלעך אַ רעטונג?

זענען דאָך אַ סך יידן אַנטלאָפן בעת דער דעפּאָרטאַציע אויף דער אַרישער זייט. זיי האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן אַלס אַריער. אָבער, ווי נאָר ס'האָט זיך אַביסל באַרואיקט, זענען זיי צוריקגעקומען אין געטאָ אַריין. פאַרוואָס?

ראשית, האָט דאָס אויסבאַהאַלטן זיך אויף דער „אַרישער" זייט געקאָסט אוצרות מיט געלט. ס'האָבן זיך געקאָנט דערלויבן דערויף בלויז יחידים, און אויך ביי זיי האָט זיך דאָס געלט אויסגעשעפּט. שנית, איז מען אויך דאָרט נישט געווען זיכער מיטן לעבן. מ'האָט געלעבט אין שטענדיקער טויט־שרעק פאַר די פּוילישע מוסרים, וועלכע האָבן נאָכגעשפּירט יעדן ייד.

די פּיינטלעכע שטעלונג פון דער פּוילישער באַפעלקערונג האָט אוממעגלעך געמאַכט יעדער ראַטעווען זיך אויסער דעם געטאָ.

אויך ווען ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן די „אויסזידלונג", און במשך פון איר גאַנצן דויערן, האָט מען זיך נאָך אַלץ גענאַרט. כמעט יעדער האָט געמיינט, אַז אים מיינט מען נישט... די דייטשן האָבן דעם 22סטן יולי 1942, אין דער פאַראָרדענונג וועגן „אויסזידלונג" פאַרגעזען אַזוי פיל קאַטעגאָריעס פון אויסנאַמען, אַז יעדער האָט געגלויבט, אַז ער איז אָדער קען זיין אין איינער פון די דאָזיקע קאַטעגאָריעס. אָדער מ'איז געווען אַ קהילה־אָנגעשטעלטער (10 טויזנט געווען אַזעלכע „גליקלעכע), אַ „דזשאָינט"-אָנגעשטעלטער (ווידער אַ צען טויזנט), אָדער מ'האָט געאַרבעט אין אַ „שאָפּ", אָדער אויף אַ „פּלאַצוווקע", אַן אַרבעט־אָרט אויסער דעם געטאָ. טעאָרעטיש איז בלויז אַ קליינע טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג באַרירט געווען פון דער דעפּאָרטאַציע. מ'האָט געגלויבט, אַז די לעגיטימאַציעס, אַרבעט־קאַרטן, אויסווייזן וועלן ראַטעווען. מ'האָט געגלויבט, אַז די פאַרטיליקונג וועט נישט טרעפן אַלע; וואָרום צו וואָס די אַלע „סעלעקציעס", שאָפּן? מ'האָט געגלויבט, אַז כאָטש אַ קליינע צאָל וועט זיכער בלייבן; האָט יעדער איינער געגלויבט, אַז ער וועט זיין פון דער דאָזיקער קליינער צאָל.

מ'האָט געגלויבט, געהאָפט, געחלומט...

אַ ברירה האָט מען געהאַט?

און נאָך עפּעס האָט מען געגלויבט: אין דער וועלט, אין געוויסן פון דער וועלט.

זאָל מען בלויז געוואָר ווערן אין דער פרייער וועלט, וואָס דאָ איז געשען, וואָס דאָ קומט פאָר — און טראָץ דער הערמעטישער פאַרמאַכט-קייט, האָט מען דאָך געגעבן צו וויסן אינדרויסן, — און די וועלט וועט אויפשטורעמען! וועט מען געוואָר ווערן וועגן דעם שרעקלעכן אכזריות,— וועט דען איין איינציקער מענטש מיט אַ געוויסן קענען בלייבן רואיק? וועט מען דען נישט מויערן ברעכן, די וועלט אויפרודערן, כדי צו ראַ-טעווען די וואָס זענען נאָך געבליבן.

ווי אַזוי, — האָט קיינער נישט געפרעגט.

מ׳איז געווען זיכער, אַז די וועלט, די שטאַרקע, די מעכטיקע, מיט אירע אומגעהויערע גייסטיקע און מאַטעריעלע כוחות, וועט שוין געפינען מיטלען ווי אַזוי אָפּצושטעלן די שחיטה. רעפּרעסיעס קעגן דייטשן, יו-רידישע שוץ-מיטלען, שוץ דורך נייטראַלע מלוכות, דורכן אינטערנאַציאָ-נאַלן רויטן קרייץ, דורכן פּויפּסט. אַנערקענען יידן אַלס אויסלענדישע בירגער, אויסלענדישע פּעסער... איבעריקנס, קענען מיר דאָ, אין פאַר-מאַכטקייט, געבן דער וועלט עצות ווי אַזוי אונדז צו ראַטעווען? זענען פאַראַן וויניק יידישע אָרגאַניזאַציעס, פּאָליטיקער, איינפלוס-רייכע מלו-כה-מענער (טאַקע יענע מאַרגענטויס, באַרוכס, ראָזענמאַנס, האָר בעלי-שאָס, פאַר וועלכע די נאַצים מאַכן אונדז פאַראַנטוואָרטלעך), יוריסטן, דיפּלאָמאַטן? זיי וועלן שוין געפינען מיטלען אונדז צו ראַטעווען.

אַזוי האָט מען געגלויבט, געהאָפט, געחלומט...

זאָל מען שוין איצט מפקיר זיין די נאָענטסטע, די טייערסטע, קינ-דער, עלטערן, ברידער און שוועסטער אין אַן אויסזיכטלאָזן, האָפענונגס-לאָזן קאַמף? אין אַ קאַמף קעגן אַ מאַכט, וואָס באַהערשט דעם רוב פון אייראָפּע, און וואָס קיינער איז זי נאָך נישט בייגעקומען?

יאָ, מיר האָבן געזאָלט קעמפן, מיר אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַ-טערטע, אָן אויסבילדונג, מיט ווייבער, קינדער, קראַנקע אַלטע; אָט איז דאָך פאַראַן פאַרניכטונגס-לאַגערס פון רוסישע מ י ל י ט ע ר י ש ע געפאַנגענע; האָט זיך ערגעץ ווו אין אַזאַ לאַגער, ווו ס׳קומען פאָר מאַסן-מאָרדן, אויפגעהויבן אַ בונט, אַ ווידערשטאַנד?



די װאַרשעװער סינאַגאָגע, די לעצטע פעסטונג פון װאַרשעװער געטאָ,
װאָס די נאַציס האָבן חרוב געמאַכט.

װאָלטן מיר כאָטש געקענט רעכענען אויף דער שכנותדיקער פּױלי־שער באַפעלקערונג, אַז זי װעט אונדז העלפן אין פאַל פון קאַמף. אָבער בלויז פאַרבלענדטע דאָקטרינערן האָבן גערעדט װעגן אַזאַ הילף, האָבן זיך געגאַרט; און דאָס בלויז יענע נאַאיװע „בונדיסטן", װאָס האָבן נישט געהאַט קיינמאָל קיין מגע ומשא מיט זייערע פּױלישע חברים. די פּירער װאָס זענען יאָ געקומען מיט זיי אין באַרירונג, האָבן זיך נישט גענאַרט. זיי האָבן כלל נישט גערעכנט אויף זייער מיטהילף.

אַלזאָ, פון איין זייט — פונקען פון האָפענונג אויף רעטונג, פון דער אַנדערער — אויסזיכטלאָזיקייט, פאַראייניזאַמקייט אין אַן עװענטועלן קאַמף, מאַנגל אין געװער און אַמוניציע, אין װאָסער ס'איז הילף פון דרויסן, — װי אַזוי װילט איר, מיר זאָלן זיך אַנטשליסן צו קאַמף?

געשען האָט עס נאָר געקענט דעמאָלט, װען יעדער פון אונדז איז שוין געװען במילא װערטלאָז, האָט שוין אָנגעװוירן װייב און קינד, די נאָענטסטע, זיין לעבן איז שוין געװען ממילא אַן טעם, אָפּגעהאַקט — (מאי לי דקטלי פּלגא, מאי לי דקטלי כולי?) האַלב אָפּגעשטאָרבן, הפקר, דעמאָלט — װען אַלע האָפענונגען זענען שוין צונישט געװאָרן, אַלע אי־לוזיעס זענען זיך צערונען, — און נאָר איין געפיל האָט יעדן באַהערשט — דעמאָלט און נ אָ ר דעמאָלט, האָט געקענט אויסברעכן, און איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון װאַרשעװער געטאָ.

## ביכער פון דעם זעלבן מחבר:

אויפן שליאַך פון תלמודישער לערע. (פאַרלאַג פ. העזיק, וואַרשע, 1934. — פויליש.)

אַן ענטפער גלח טשעציאַק. וועגן דער שחיטה-גזירה. (דערזועלבער פאַרלאַג, וואַרשע, 1937. — פויליש.)

די שבועה לויטן יידישן דין. (פאַרלאַג מ. גאָלדבערג, וואַרשע, 1937. — פויליש.)

דער רעליגיעזער רענעסאַנס פון דער יידישער פרוי. (פאַרלאַג א. ג. פרידענזאָן, לאָדזש, 1937. — פויליש.)

דאָס יידישע רעליגיעזע שול-וועזן. (פאַרלאַג „חורב", וואַרשע, 1938. — יידיש.)

דאָס רעליגיעזע שול-וועזן אין ראַמען פון פוילישער געזעצגעבונג. (פאַרלאַג „חורב", וואַרשע, 1937. — פויליש.)

געשיכטע פון יידן אין ארץ ישראל. (פאַרלאַג נ. רייף, לעמבערג, 1939. — יידיש.)

אַ חלום וועגן יידישער מלוכה. (פאַרלאַג גאָלדבערג, וואַרשע, 1939. יידיש.)

די קהילה-שטייערן אין וואַרשע. (פאַרלאַג פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע, 1938. — פויליש.)

דאָס אָפּשאַפן פון קהל אין וואַרשע; 1820-1822. (אָפּשלאַג פון „גלאָס גמיני זשידאָווסקיעי", וואַרשע, 1939. — פויליש.)

יומן גיטו ורשה. (פאַרלאַג אומה ומולדת, תל-אביב, 1946. — העברעאיש.)

די געשיכטע פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע. (אין מאַנוסקריפט.)

# נעמען־רעגיסטער.


## א

אברהם ר׳, אסטראָווער רב, 142.
אויערבאך רחל, 139.
אויערסוואלד, נאצי קאַמיסאר, 29, 31, 47, 218, 219.
אונגער מרדכי, 204.
אָזשעך מאַריצי, 16, 19, 31, 37, 103, 138, 169, 171, 179, 183, 239, 240, 248, 253, 259.
אייכענבוים, 302.
אייבעשיץ ישראל, 233.
אייגער שלמה רב׳, 225, 237, 255.
איידעלבערג רב, 206, 291.
אייז חיים ישראל, 22, 128, 129, 295.
אייז יוסף, 24.
איינהארן אהרן, 139.
אייזנער יצחק, 122, 251.
אייזענבערג ישראל 251.
אייזענצווייג גוטא, 22, 25, 26, 27, 204.
אייזענשטאט דוד, 122, 125.
אייזענשטאט מארישא, 122.
אלטוסקי צבי, 288.
אלטער אברהם, פאביאניצער רב, 120, 142, 278.
אלטער מ. ד״ר, 34.
אלטער מאיר, אלעקסאנדערער רבי, 60, 144.
אלטער משה בצלאל, רב, 60.
אלטער־ראפאפארט רבקה, 143.
אלטער רב פון קאליש, 31, 59, 122, 225, 232.
אלערהאנד מויריצי פראָפ. 163, 232.
אחי מאיר, 206.
אגילעוויטש מרדכי, 174, 206, 239, 248, 299, 301, 308.
אסטזשעגא אברהם, 139.
אסטערזעצער ישראל ד״ר, 214, 233.
אפענהיים, 223.
אקסער ד״ר, 232.
אראנזאן, 287.
ארלעסקא מרים, 187.
ארלעאן י. ל. 68, 69, 83, 99, 108, 118, 129, 143, 160, 164, 171, 173, 194, 260, 263, 295.
ארענשטיין מארק, 125.
ארקאדי פלאטוי, 186.
**אשכנזי חנוך, 232.**
אשכנזי שמעון, 48, 174

## ב

באלאבאן מאיר, ד"ר פראפעסאר, 15, 16, 34, 62, 68, 69, 79, 84, 85, 99, 100, 102, 108, 110, 116, 125, 162, 194, 196, 243, 247.
באראן סאלא, 100.
בארוך בערנארד, 191, 261, 320.
באהאריע נתן, 198, 199, 225.
בארוויטש מ. 211.
בארען מויריצי, 212.
באקשט, רב', 238.
בארענשטיין דוד, רב פון סאכאטשאוו, 31, 198.
באבאווער רבי, 231.
בוימינגער יואל, 25.
בולווא ד"ר, 195.
בונין יצחק, 103, 140.
בורשטין, 207.
ביאליק ח. נ., 74, 200.
בירער ראובן ד"ר, 243.
בירענבוים פרוי, 302.
בירענבוים „סטאשעק“, 299. 302, 308.
בידערמאן לייב, רב, 68, 71.
בלאד א. ל., 140, 187, 238.
בלוישטיין משה, 233.
בלומענפעלד דיאנא, 187.
בלומענפעלד רב, 142.
בלומענקאפף אהרן, 127, 195, 196, 197.
בן גוריון, 83.
בערלינער נטע ירוחם, 212.
בעלישא האר, 191, 261, 320.
בעלמאנט לעאפאלד, 144.
בעק לעא, ד"ר, 117, 163.
בער שמואל, רב, 102, 120, 263, 290, 294, 299.
בערגלאז חיים לייב, רב, 22, 129, 195.
בערסאן, 255.
בערענהאלץ, 139.
בערענשטיין זיגמונט, 72.
בראדער, 308.
בראמבערג נתן, 191.
בראנד (ס.ס.־אפיציר), 14, 17, 51, 64, 69, 70, 104, 107, 110.
בראנדשטעטער מיכל, דירעקטאר, 99, 108, 139, 159, 171.
בראקמאן, אדוואקאט, 151.
ברויער הערמאן, 226.
ברוידע מרדכי, ד"ר, 116.
ברוינער שלום, 233.

## ג

גאלדין ד"ר, 168.
גאלדשטיין מיעטשיסלאוו, אדוו. 151.
גאלדשטיין, רב' 252, 287.
גאלדשלאג רב' 290, 299.
גאוווע א. 31, 138, 139.
גאליגער ד"ר, 214.
גאלער ליפע 233.
גאמבינסקי ד"ר, 151.
גאנצווייך אברהם, 215, 216, 217, 218, 219, 220, 221.
גוזשיק דוד, 118, 169, 229.
גוטמאן שמואל, ד"ר, 116.
גומנעלד לוי, 122.
גור־אריה ר' הערשל, 144, 201, 278, 291.
גודמאן הארי, 22.
גילבערט שלמה, 125, 208, 212.
גילינסקי ש. 253.
גיטערמאן יצחק, 31, 169, 171, 229, 280.
גלובאטשניק, געשטאפא אפיציר, 107.
גליקסבערג ד"ר, 291.
גליצענשטיין ד"ר, רב, 143, 290.
געבירטיק משה, 211.
געזונדהייט יעקב, רב, 108, 124, 255.
געלבער מ. נ., ד"ר, 245.
געלבלום נ. 288.

געפנער אברהם, 35, 47, 65, 129, 136, 169, 194, 195, 229.
גפן שלמה, 251.
גפן שמחה, 253.
גראדזוענסקי אברהם, 237, 238.
גראן וויערא, 187.
גראספעלד איזידאר, ד"ר, 1922.
גרינבערג אורי צבי, 206.
גרינבוים יצחק, 83, 190, 245.
גרין ירחמיאל, 211.

ד

דאנציקער יוסף חיים, רב פון אלעקסאנדער, 31, 122.
דאווידזאן חיים, רב, 225.
דובנאוו שמעון, 173, 202.
דן, 123, 200.
דריבינסקי, דירעקטאר, 35.
דהערינג, ייִדיש־דייטשער אונטערנעמער, 36, 99, 190, 280.

ה

האלבערשטאם דוד, רב, 142, 217, 231, 290, 294.
האלעווי, 187.
האלפערין פרל' 190.
האלצבערג שמחה, 207.
האלצמאן לודוויג, 186.
האלצקענער ישראל, 239, 248, 301, 308.
האנדקע, ס.ס.־אפיציר, 14, 69.
האפמאן, דייטשער פאבריקאנט, 37, 258.
האפענפעלד, 207.
האראוויץ, 98, 233, 278.
האראנטשיק שמעון, 212.
הארענשטיין שמואל, 45, 85, 159, 169, 201, 291.
הובערבאנד ק. רב, 125, 139, 208.
הורוויץ ראובן, בעלכאטאווער רב, 59, 206, 230, 290, 299, 302, 308, 309.
הירשהארן סאמועל, 149.
הירשפרונג משה, 232.
הירשפעלד, פראפעסאר, 132.
העבער יוסף משה, קהילה פרעזעס פון קאליש, 34, 50.
הענדעל אברהם, 36, 59, 60, 142.
הענדעלעס זאב, 222, 225, 264.
הערץ משה פנחס, 142.
הערצוג יחיאל, 199.
הערצל טעאדאר, 48, 84, 243, 244, 245.
הערשאפט אדאם, 139, 171, 173, 213.
הערשעלע (דאנילעוויטש), 208, 211.
העשעלעס הענריק, 209, 232.
העשעלעס יאנקא, 209, 210.
הערשפינקל יעזשי, ד"ר, 169.

ו

וואוועלבערג, איד. פאבריקאנט, 47.
וואל נ. ד"ר, 112, 169, 171, 263.
וואלאד שלום, 232.
וואלף שאול, 214.
וואלפאוויטש אברהם, 137, 159, 258.
וואלסבערג ד"ר, 112.
וואלערשטיין אברהם, 50, 72.
וואלפגאנג פאן ווייזעל, ד"ר, 206, 262.
וואלפסבערג רב' 232.
וואסערמאן אלחנן רב', 238.
וואסערמאן יאקאב, 173.
וואסערמאן פנחס, 121.
ווארשאוויאק יהודה, 139, 140.
ווארשאווסקי יקיר, 139.
ווארשאווסקי יקיר, 212.
ווארשאוויאק פנחס, רב', 68, 71.
וולף יוסף, 211.
וויטלין יוזעף, 173.
ווייכערט מיכאל, ד"ר, 177.

ווייל מארק אדרעיאן, ד"ר, 25.
ווײַנבערג אברהמל, רב', 86, 199, 200.
וויינגארט, שואל, ד"ר, 127, 129, 195.
ווײַדענפעלד בעריש, רב', 135.
ווײַדענפעלד ישראל רב' 166.
ווײַנטרויב אלישע, 139, 211.
ווײַסבערג מ. 125.
ווייצמאן חיים, 83, 97, 245.
ווילקאש וולאדיסלאוו, 174.
וויטאסעק, געשטאפא אפיציר, 69, 104.
וויגאדסקי, ד"ר 236.
ווינאווער ברונא, ד"ר, 163, 166.
וויעליקאווסקי גוסטאוו, ד"ר אדוואקאט, 15, 47, 51, 70, 85.
וועגמייסטער יוסף, 50.
וועגדע, געשטאפא אנפירער, 59.
ווערטהיים יעקב, 212.
זודאווינסקי ד"ר, 206.

ז

זאכאריאש, 220.
זאגאן פרל' 165.
זאגאן ש. 31, 72, 138, 140.
זאלבערג, 165
זאלצוואסער, 175, 204, 236, 237.
זאמטשיק יעקב, רב', 68.
זאנענשיין אפרים, רב', ד"ר, 261, 290.
זארדעצקי טאדעאוש, ד"ר, 233.
זאמענהאף לודוויג, 49.
זונדעלעוויטש ב. אדוואקאט, 35, 137, 150.
זיגעלבוים פרוי, 159.
זיידענבייטעל, אינזש. 139, 233, 225.
זיידמאן אברהם, 235.
זיידמאן אנשיל, 233.
זיידמאן משה, 233, 234.
זיידערמאן, ארטיסט, 139.
זיידערמאן שמעון, אדוואקאט, 130.
זיידערמאן, 187.
זילבערבערג צבי, 204, 299, 301, 308.
זילבערשטיין אברהם ד"ר, 22, 129, 208, 295.
זלאטניק יעקב, רב', 71.
זמיגרידער ־ קאנאפקא זדיסלאוו, 174.
זעמבא אברהם, 287.
זעמבא „אדעק", 299, 308.
זעמבא אהרן, 143, 225, 263.
זעמבא יצחק, 287, 290, 299, 308.
זעמבא מנחם, רב', 68, 71, 84, 99, 102, 103, 108, 109, 116, 118, 121, 166, 171, 206, 225, 229, 248, 257, 261, 263, 282, 283, 287, 290, 294, 295, 299.
זעמעלמאן רב', 166, 206, 229, 230, 290, 302, 308, 309.
זשאבאטינסקי זאב, 96, 97, 98.

ט

טאובער מאיר, ד"ר, 63.
„טאשיא" פרל' 174, 239, 248, 299, 308.
טהאן יהושע, ד"ר, 116, 211, 243, 245.
טובים יוליאן, 173.
טורקאוו יאנאס, 139, 187.
טייבלום מאיר, 302,
טירקל לאה, 135.
טירקל פייוול, 36.
טירקל־פרענקעל, יעטי, 271.
טעבענס, דייטשער פאבריקאנט, 36, 37, 62, 99, 190, 225, 280, 289, 291, 293, 294.
טענענבוים אליהו, פרנס, 15, 149, 198, 302.
טשערניאקאוו אדאם, אינזש. 29, 34, 44, 45, 46, 47, 48, 117, 126, 132, 145, 149, 166, 178, 246, 247.
טענענבוים יוסף, ייד. פאליציאנט, 15, 16, 149, 151, 174, 239, 299, 302, 308.
טראקענהיים יעקב, דעפוטאט, 19, 129, 171, 178, 222, 229, 253, 290, 295, 299.

טרעמבאטש מוריצי, 139.
טרייסטמאן שמחה, רב׳, 99, 133, 143, 290, 294.
טרייסטמאן שלום, 133, 134, 135.
טשודנער מ. 80, 146, 147, 148, 171.
טשוירטשיל, 191, 270, 272
טשערבאטי יצחק, 302.
טשערבאטי נ. 204.
טשערנאלעווסקי גאדל, 199.
טשערניכאווסקי שאול, 147.
טשעציאק, גלה, 204.
טשעבוצקי ב. 212.

י

יאסעלעוויטש בערעק, 255.
יאקובאוויטש חנה, 191, 214.
יארעצקא פרוי, 173, 213, 263.
יאשונסקי יוסף, 168, 267, 278.
יוסטמאן משה, 59.
יעקב בן יעקב, 85.
יפת יהודה, 31.
ירושלמי רב׳, 237.

כ

כהנא שלמה דוד, רב׳ 130, 281.
כילינאוויטש ב. 138.

ל

לאנדסבערג הענריק, ד״ר, 231.
לאנגלעבן אהרן ד״ר, 251.
לאנדוי אלעקסאנדער, 129, 239, 287, 308.
לאנדוי וואלף, 122.
לאנדוי יהודה לייב ד״ר, רב, 116, 225, 232, 290, 294, 295.
לאנדוי שמעון, 190, 257.
לאנגער מרדכי, 110, 251.
לובלינער סטעפאן, 151.
לוסטבערג מ. 146.
לוסטערניק מ. 140,
ליבושיצקי, 139.
ליוואַ סעווערין, 96, 204, 206.
ליוואַ ראדאל, 206, 207.
לייטמאן פנחס, 253.
לייטער הרב׳, 281.
ליכטענבוים מארק, אינזש. 14, 51, 59, 70, 79, 100, 103, 110, 119, 123, 159, 160, 257, 288.
לינדער מנחם, מאגיסטער, 124, 126, 140.
ליפסקי וולאדיסלאוו, 187, 212, 221.
ליפשיץ שלמה רב׳, 255.
לעווין בונם ר׳, 144.
לעיקין יעקב, שעף פון ייד. פאליציי, 123, 153, 205.
ליפסקער וואלף, 50, 110, 139.
למדן יצחק, 206.
לעווארטאווסקי, 303.
לעווין אהרן, רב׳, 217, 218, 231.
לעווין יוסף, 120.
לעווין יצחק מאיר, רב׳, 245, 308.
לעווין לייב, 120.
לעווין מאטל, 120.
לעווין פנחס, 186.
לעווין רבקה, 267, 288.
לעווין־אלטער, יוכבד, 143.
לעווענהערץ הענריק, ד״ר, 243.
לעווענשטיין טוביה, ד״ר, 128, 129.
לעפעצקי, מאיאר, 246.

מ

מאזא מרדכי, 125, 139, 140, 187.
מאזור אליהו, 44, 47.
מאזור ד״ר, 199.
מארגוליס אלעקסאנדער, אדוו. 193.
מארגענטוי, 191, 261, 320.
מאן פראנציסקא, 221.
מארק משה, 138.

מארקין אסתר, ד"ר, 131.
מונדלאק רעגינא, 139, 213.
מיזעס יוסף ד"ר, 214.
מיזעס מתתיהו, 214.
מייזל אליעזר יצחק, רב׳, 99, 133.
מייזעל מוריצי, 46.
מייזינגער, געשטאפא אפיציר, 133.
מייזליש אליעזר יצחק, רב׳, 290, 294, 299.
מיימאן אפרים, רב׳, 68, 71.
מיכעלזאן צבי יחזקאל, רב׳, 69, 270.
מילער־ארטור פרוי, 194.
מילייקאווסקי ישראל, ד"ר, 45, 85.
מינץ יעקב, 133.
מינאוויטש עדמונד, 151, 187, 310.
מעלניק משה, 207.
מענדע, געשטאפא אפיציר, 104, 107, 161.
מערקער שלמה, רב׳, 68, 71.

נ

נאוואגרודסקא סאניא, 130, 139, 140.
נאוואגרודסקי ה. אדוו., 151.
נאטאנזאן וולאדיסלאוו ,25, 108, 255.
נאטאנזאן לודוויק, ד"ר, 190.
נאטאנבלוט פרוי, 159, 160.
נאסיג אלפרעד, ד"ר, 243, 255, 245, 246, 247, 248.
נוסבוים הענריק, ד"ר, 190.
נוסענבלאט טולא, ד"ר, 31, 85, 87, 139, 140, 141, 253, 291, 310, 311.
ניימאן י. מ., 206.
נייטייך וויערא, 186.
נייטייך מאריאן, 186.
ניסענבוים יצחק, רב, 17, 79.
נייפעלד א. 72, 137.
ניישטאט י., 193.

ס

סאמבערג אייזיק, 139, 187.
סאפיעהא פירשט, 177, 217.
סאיקא א. ל. 52.
סאקאלאוו בער, 139.
סאקס, פראפ. 288.
סטופניצקי ש. י. 194.
סטריקאווסקי ד"ר, 204, 206.
סיראטא גרשון, 120, 121, 224.
סלאנימסקי אנטאני, 273.
סענאלאוויטש קלארא, 193.
סענדער, פויזנער רב׳, 143, 220.
סערעיסקי, פראפ. 146.
סקשינסקי אלעקסאנדער, גראף, 245.

ע

עבענזאן, ד"ר, 231.
ענגנון ש. י. 147
עווערט וו. ל. 144, 178.
עטינגאן, לאדזשער פאבריקאנט, 47.
עטינגער, מ. אדוו. 146, 151.
עלבוים יהודה, 139.
עלבינגער יצחק מאיר, רב׳, 198, 199, 225, 226.
עלבינגער לייבל, 199.
ענגעלמאן יצחק, 199.
עפשטיין, 47, 255.
עק נתן, ד"ר, 22, 25, 139, 140.
עקערמאן א. ב., 35, 119, 278.
עקערמאן יחיאל, 16.
ערליך בעריש, 288.
ערליך יעקב, 149, 153.
ערליך נתן, 288.
ערענפרייז מרדכי, ד"ר, 116.
עשרה דבריא, ד"ר, 131.

פ

פאגעל, 207, 209.
פאזנאנסקי יוליוש, ד"ר, 128.
פאזנער י. מ. 123, 255.
פאמעראנץ נ. 140.

פאסטעל שמחה, 187.
פאפאווער, 84, 273.
פאקשאנסקי, 187, 210. (לעאניד).
פאקלער ד"ר, 25.
פולמאן שמעון, 122, 185, 187, 224.
פורמאנסקי, 185, 186, 187.
פינאש ד"ר, 25.
פייגענבוים פישל, 207.
פייווישים, 187, 224.
פינק אנשל, 22.
פינקוסעוויטש לייבל, 288.
פינקעלרויט נ. 204, 299.
פינקערט מאטל, 49, 58, 123, 133.
פינקעלשטיין ח. 263.
פינקעלשטיין נ. 99, 139.
פירסט ישראל, 153, 205.
פעלדשו ראובן, ד"ר, 139, 206.
פעלדוועבל אברהם, 225.
פעטמאן אליהו, רב׳, 68, 71.
פערלע יהושע, 169, 171.
פעפער הירש, ד"ר, 214, 233.
פרץ י. ל. 63, 125.
פראמער יהודה לייב, רב׳, 86, 142, 229, 290, 294, 295.
פראנק רחמה, 288.
פראפוס י. י. 31, 139.
פריד פאלא, 96, 203.
פרידענזאן א. ג. רב׳, 99, 118, 129, 160, 253, 261, 263, 295, 299.
פרידמאן א. נ. 68.
פרידמאן זישע, 31, 32, 34, 56, 60, 64, 102, 118, 119, 129, 138, 139, 160, 169, 213, 229, 295.
פרידמאן מ. רב׳, 232.
פרידמאן נחום, רב׳, 232.
פרידמאן פיליפ, ד"ר, 211.
פרידמאן פעליקס, 125, 139, 213.
פריינד לוי, ד"ר, 281.
פרישמאן דוד, 147.
פרילוצקי נח, 236.
פרנס יוסף, ד"ר, 231.
פרענקעל אהרן, 204.
פרענקעל דוד, 212.
פרענקעל העלענא, 212.
פרענקעל מענדל, 287.
פרענק־ראפאפארט, 127.
פרענקעל אשר, 96, 98, 203.
פרענקעל יוסף, 22, 120, 142, 207, 295, 308.
פרענקעל סענדער, 225, 226.
פרענקעל יעקב, 36, 217.
פרענקעל שבתי, 24.
פשעדבארסקי, אדוו., 151, 188, 226.

## צ

צאמבער ליפמאן, ד"ר, 130, 131, 139.
צוקער יוסף שואל, 233.
צווייבוים, פראפ. 132.
ציבולסקי סטאניסלאוו, 208.
צייטלין אלחנן, 31, 50, 99, 112, 139, 140, 208, 301, 305.
צייטלין אסתר, 97.
צייטלין דוד, 301, 306, 307.
צייטלין הלל, 97, 98, 111, 112, 113, 114, 115, 194, 305.
צייטלין טאלא, 50, 112, 115.
צענטנערשווער, פראפ. 132.

## ק

קאוואלסקי נחמן, ד"ר, 86, 125, 280.
קאוואלסקי י. ל. סענאטאר, 280.
קאטארבינסקי טאדעאוש, פראפ. 131, 194.
קאטאשעק ז. 186, 187.
קאמינער בנימין, 168, 302, 308.
קאמינער משולם, 302, 308.
קאמינסקי שמעון, 207.

קאמען יוסף, 187.
קאנאל יצחק מאיר, רב', 37, 64.
קאנפער מ. ד"ר, 214.
קאן און העלער, לאדזשער אונטערנעמער, 29, 30, 32, 58.
קאן פעליציע, 25, 26, 194.
קאסאווער מ. 288.
קאסטעל־נאוויטש, 26, 27.
קאפער דוד אלימלך, 225.
קאצענעלסאן יצחק, 22, 103, 140, 147, 171, 213, 287.
קאצענעלסאן צבי, 287.
קארטשאק יאנוש, 65, 66, 67, 163.
קארניצער רב', 178.
קארניצקי שמעלקע, 177, 217.
קארניצער פערל, 36, 178.
קייזער בעניעק, 207.
קופטשיקער, 150.
קיפניס מנחם, 139.
קירשברוין אליהו, 63.
קירשענבוים מנחם מענדל, 37, 169, 206, 239, 245, 248, 290, 294, 299, 301, 308.
קליינמאן פריץ, 213.
קלעפפיש, אינזש. 183, 223, 268.
קענטערבורי, בישאף, 191.
קעניגסבערג יוסף, 31, 32, 119, 204, 229, 290, 294, 299.
קעסטין ליפע, 125, 139.
קראוויעץ־הײמאן סאשא, 287.
קרויש י. 169.
קרימסקי מ. 139.

ר

ראבינאוויטש, רב', 36, 57, 88, 142, 143.
ראגאזשניצקי נח, רב', 69, 70, 72.
ראדאל ברידער, 96, 204, 299, 301, 305, 308.
ראדזיוויל יאנוש, פירשט, 178.
ראדזינסקי יעקב, 120.
ראוויטש יצחק, 110, 139.
ראזנער מרדכי, ד"ר, 58, 139.
ראזענבוים, 239.
ראזענבלום באלעסלאוו, אדוו. 35.
ראזענטאל נ. 137.
ראזענמאן סעמועל, 191.
ראזענפעלד אברהם, 139.
ראזענפעלד אלעקסאנדער, 96, 139, 204, 206, 263.
ראזענשטרויך בונם, 294.
ראזענשטרויך יצחק, רב', 118, 222, 236.
ראזענשטרויך מאניע, 253.
ראזענשטרויך מאנעס, 225.
ראטוואנד, 47, 255.
ראטנער נעכע, 125, 169.
ראטענבערג כ. רב פון אנטווערפן, 22.
ראטפעלד י. ד"ר, 169, 231, 263.
ראטשטיין רחמה, 288.
ראטשטיין שמואל, 168.
ראגאווי אברהם מרדכי, 58, 139.
ראניקער, גראף, 177.
ראסטאווא פרוי, 210, 211.
ראפאפארט אהרן, 287, 295.
ראפאפארט־אלטער רבקה, 194.
ראפאפארט־בערגלאז אלטע, 195.
ראפאפארט, ברידער, 144.
ראפאפארט בנציון, 214.
ראפאפארט יעקב, 287, 295.
ראפאפארט שבתי, רב', 22, 129, 177, 195, 232.
ראפאפארט שמחה, 287, 295.
ראקאווסקי ל. 139.
ראקאווסקי צבי, 191.
רוזשאניקוויאט, 25.
רובינשטיין, געטא משוגענער, 72.
רוזוועלט, 82, 191, 270.
רויזענבלום איגנאצי, 186.
רונדשטיין שמעון, מאגיסטער, 99, 171.
רייזמאן יחיאל, 125, 174, 258, 263, 291.
רייזנער סטעפאן, 287.

רייד לעאָן, ד״ר, 245.
רייד מארצעלי, 185, 187, 188, 263.
רייכער פרוי, 191.
ריטנעלבלום עמנואל, ד״ר, 102, 125, 139, 169, 171, 173, 239, 294, 302, 304.
ריקשטיין שמואל, 174.
רעמבא אייזיק, 203.
רעמבא נחום, 16, 60, 85, 103, 159, 169, 203, 206, 207, 214, 239, 291, 308.

ש

שאַפּראָן דוד, 251.
שאַר זיגמונט, 212.
שאַר משה, פּראָפ. 116.
שאַר משה, פּראָפ. ד״ר, 178, 194.
שאַר תמר, 22, 25, 129, 194.
שאַראַגראָדער, אדוו. 216.
שוואַרצבאַרט יחיאל, 22.
שוב יוסף, 237.
שוואַלב ה. 129.
שוויאַטלאָווסקי ישעיה, 198.
שוהם מתתיהו, 194.
שולץ, דייטשער פאַבריקאַנט, 36, 57, 59, 60, 99, 119, 141, 142, 143, 200, 278, 288, 289, 291, 293, 294, 299.
שושנה, 77, 78.
שטאַלצמאַן אברהם, אינזש. 14, 35, 51, 70, 137, 168, 282.
שטאַנד אַדאָלף, 243.
שטאַקהאַמער שמשון, רב׳, 35, 84, 99, 102, 108, 109, 118, 134, 171, 229, 282, 283, 290, 290, 294, 295.
שטיין מנחם, ד״ר פּראָפ. 68, 69, 83, 99, 103, 112, 129, 134, 140, 159, 160, 171, 187, 194, 196, 260, 263.
שטיינבערג פּרל׳ ד״ר, 131.
שטיינמאַן אליעזר, 147.
שטייער אלימלך, 139.
שמערלינג, ייד. קאָמענדאַנט פון „אומשלאַג", 17, 123, 153.
שטערן ישראל, 125, 139, 212.
שטערנבערג, 220, 221.
שטשעראַנסקי ל. 17, 31, 226, 259, 299.
שיינפעלד מאַקסימיליאַן, ד״ר, 151.
שילינג, דייטשער פאַבריקאַנט, 57, 291, 299.
שימעל משה, 211.
שימקעוויטש ש. ד״ר, 34, 68, 85, 101, 134, 171, 188, 196, 208, 253, 260, 263, 274, 310.
שיפּער יצחק, ד״ר, 31, 68, 69, 82, 99, 100, 101, 102, 108, 109, 116, 129, 134, 138, 139, 169, 171, 173, 196, 243, 245, 248, 308.
שלום מרדכי הכהן, רב׳, 110.
שלעזינגער אָטאָ, 213.
שלענגעל וולאַדיסלאַוו, 212.
שניאור זלמן מלאַדי, 85.
שניאורסאָן פישל, 173.
שניידער יוסף, 134.
שניידער יוסף, 214.
שפּער יונה, 99, 139, 263.
שפּירא דוד, רב׳, 99, 108, 118, 169, 171, 229, 237, 282, 283, 290, 294.
שפּירא קלונימוס, רב׳, 60, 100, 102, 134, 124.
שעפּטיצקי, גראַף, 281.
שערינסקי יוזעף, 151, 153, 205.
שערמאַן, חזן, 117.
שערעשעווסקי סטאַניסלאַוו, 219.
שרייבער יוסף, 134.

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

**מלך ראַוויטש** שרייבט וועגן אלחנן צייטלינס בוך אין זיין אַר־טיקל א. נ. „א ראָמאַן פון א ליטעראַרישער קינדהייט" („קענעדער אדלער", מאָנטרעאַל, 31סטער מערץ, 1947).

דער פולער טיטל פון דעם בוך: אלחנן צייטלין — אין א ליטעראַרי־שער שטוב, בילדער, באַגעגענישן עפּיזאָדן. איינלייטונגס-ווערטער: ש. ניגער און מאַרק טורקאָוו. נאָכוואָרט: אהרן צייטלין. אַרויסגעגעבן דורך דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע. בוענאָס איירעס 1946. 228 זייטן — דערפון 26 זיי־טן לידער. סיי די לידער און סיי דאָס בוך זכרונות, וואָס נעמט אַרום דריי־צן קאַפּיטלען, זענען איבערדרוקן פון אלחנן צייטלינס בוכאַויסגאַבעס פון וואַרשע. די לידער זענען דערשי־נען אין יאָר 1931, די זכרונות אין יאָר 1937, צוויי יאָר פאַר דעם אויס־ברוך פון דער מלחמה. אלחנן צייט־לין איז געשטאָרבן אין געטאָ אין די ערשטע דעצעמבער-טעג 1942, קוים פערציק יאָר אַלט. ער איז גע־וואָרן געבוירן אין יאָר 1902 אין ראַ־האַטשאָוו. דאָס בוך איז באַצירט מיט




א צענדלינג בילדער פון דער צייט־לין-משפּחה, דער משפּחה, וואָס הלל צייטלין, דער גרויסער ייִדישער פּו־בליציסט און רעליגיעזער דיכטער־

פילאָזאָף און וואַרשעווער קדוש איז איר עלצטער געווען און דער טיפער דיכטער אהרן צייטלין, וואָס וווינט זינט 1938 אין ניו־יאָרק, באַלאַנגט צו איר. אלחנן איז געווען בעיקר א זשורנאַליסט און געזעלשאַפטלעכער עסקן, אָבער ער האָט געהאַט גאָר גרויסע ליטעראַריש־דיכטערישע פעאיקייטן. זיי זענען שטאַרק געקומען צום אויסדרוק אין די מערקווירדיק־קינסטלערישע זכרונות זיינע און נישט מינדער אין די רייפע קלאָרע, פאַרביקע און קלאַנגיקע לידער, וואָס שטייען הויך איבער דעם דורכשניט פון לידער, וואָס עס קענען געוועגטלעך שרייבן עסייאיסטן — אויב עס פאַרגלוסט זיך זיי נאָר. אלחנן צייטלין איז טאַקע געווען א דיכטער. קוואַנטום איז דאָך נישט וויכטיק. און אפשר האָט ער געשריבן א סך לידער, נאָר נישט געבראַכט זיי צו דער עפנטלעכקייט.

געוועגטלעך שרייבט מען נאָך צו 36 יאָר נישט קיין זכרונות. ער האָט אָבער געטאָן א גרויסע חכמה, אלחנן, מיט זיין באַשרייבן די ליטעראַרישע שטוב פון זיין גרויסן פאָטער. און נאָך מער חכמה האָט ער געטאָן דערמיט, וואָס ער האָט זיי געשריבן רעטראָספּעקטיוו, מיט קינדערשע אויגן און קינדעריש געמיט. ער באַמיט זיך כסדר זיך אַליין אַריינצולעבן צוריק אין זיין אייגענער קינדהייט. דער סטיל איז פון א רייפן פובליציסט, אָבער די באַאָבאַכטונגען זענען פון א שטיפערישן קונדאס פון אכט אָדער צען, אָדער צוועלף יאָר. און דערצו די גליענדיקע באַוואונדערונג און ליבע צום פאָטער.

און ארויסגעקומען זענען נישט קיין זכרונות נייערט א ראָמאַן, א האַרציקער ראָמאַן פון א ליטעראַרישער קינדהייט. וואָס שייך דער דערציאונג פון זיינע קינדער איז הלל צייטלין געווען זייער אן אויסגעהאַלטענער מענטש — אין קעגנזאַץ צו א סך אַנדערע שרייבער, וואָס פּרעדיקן וואַסער און טרינקען וויין. זיין שטוב איז געווען דורכאויס א יידישע שטוב און א ליטעראַרישע שטוב און עס איז נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז עס איז געווען די גרעסטע אַמביציע פון זיינע זין צו ווערן אויך שרייבער און זיי זענען עס ביידע געוואָרן.

אלחנן איז כסדר פול מיט באַוואונדערונג פאַר די גרויסע געסט פון זיין טאַטנס שטוב. ער אָבסערווירט זיי כסדר מיט די אויגן פון א שטיפערישן קינד — די זכרונות רייסן זיך איבער אין אויגוסט 1914, ווען אלחנן איז צוועלף יאָר אַלט געווען — אָבער ער נעמט שטענדיג צו די אַלע פאַרשווינען, ווי דאָס איז נאַטירלעך, מיט די איבערצייגונגען פון זיין פאָטער. ער קריגט זיינע קריגן און ליבט מיט זיינע פריינטשאַפטן. און גראָד דאָס מאַכט דאָס בוך נאָך אינטערעסאַנטער. די זכרונות זענען קיינמאָל און צו קיינעם פון די באַשריבענע נישט גלייכגילטיק. א שאָד, וואָס צום בוך האָבן די איצטיקע פאַרלעגער (רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו, פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטעלבערג), נישט צוגעגעבן אן אינדעקס. איך וועל אָבער פּרובירן דערמאָנען בלויז א טייל פון די גרויסע און באַרימטע לייט, וואָס זענען אין בוך קירצער אָדער לענגער געשילדערט און מיט

ווארימע פארבן און רוישיקע קלאנגען באשריבן. אט איז א נישט פולע רשימה: זלמן שניאור, ז. י. אנכי, פרץ הירשביין, פאלק האלפערין, א. נ. גנעסין, י. ד. בערקאוויטש, ש. ל. ציטראן, יצחק לייבוש פרץ — און וואס פאר א פארכאפנדיקע געשטאלטיקונג פון דעם גרויסן ייד און מענטש, כאטש אין דעם פאל אין א זייטן שפרונג, מחמת פרץ ווערט באשריבן מחוץ דער ליטעראַרישער שטוב, מיט וועלכער ער איז געווען אביסל פון ווייטן — יואל מאסטבוים, פישל לאכאווער, יעקב פיכמאן, דוד פרישמאן, יעקב שטיינבערג, ש. ל. קאווא, משה טייטש און מנחם באריישא, ביידע מיט א שטיקל חשבון פאר אלטע זינד לגבי אלחנן געליבטן טאטן, שלמה גילבערט, אפרים קאגאנאווסקי, דר. א. מוקדוני, חיים נחמן ביאליק — א שילדערונג, וואס שוימט ממש מיט לעבן און פרייד און טיפסטער יידישקייט — און אט איז הערש דוד נאמבערג, אט אזוי ווי א לעבעדיקער, און אברהם רייזען, משה סטאַווסקי, שלום אש — ווערט נאר איינמאל, ביילויפיק דערמאנט, כאראקטעריסטיש, ווי אלץ אין דעם בוך. אבער נישט אויסשעפיק, בער קארלינסקי, יונה ראזענפעלד און ספעקטאר. דער עיקר איז עפעס מרדכי ספעקטאר צוגעפאלן צום געמיט פון אלחנן, דעם לעבנס-לוסטיקן יינגל, און אט דעם אלטן חבר זיינעם, וואס איז סך־הכל 44 יאר עלטער געווען פון אים שילדערט ער מיט אמתער בעלעטריסטישער מייסטערשאפט. און אט איז דער טונקעלער און רחל פייגענבערג, און צבי פרילוצקי, דער רעדאקטאר פון „מאמענט", און זיין סעקרעטאר פראפוס, דער פעדאנט, און י. י. פוינער, דער מיסטיקער און נאך און נאך. און נישט נאר ווערן די מענטשן געשילדערט, נאר עס ווערן געשילדערט זומערן אויף די דאטשעס און ווינטערן אין פארבלאטיקטן ווארשע, בעלער אין העברעאישע גימנאזיעס, און ליטעראַרישע וועטשערינקעס אין דער געדיכטער ליטעראַרישער ווארשעווער סביבה פון די באטע גאלדענע, ווייל די לעצטע, פון די גאלדענע יארן פאר דער ערשטער וועלט איבערקערעניש.

דאס בוך האט צוויי הארציקע הקדמות. איינע פון אלחנן חבר — זשורנאליסט מארק טורקאוו און די אנדערע פון דעם דעקאן פון יידישער ליטעראטור־קריטיק שמואל ניגער. דאס נאכווארט איז פון אהרן צייטלין, א משפחה כראניק, א טיף, טיף דערשיטערנדיק ווארט פון א ברודער, א דיכטער וועגן א ברודער א קדוש און דער גאנצער משפחה קדושים. יעדעס ווארט אנגעלאדן מיט דעם ווייפולן ברום פון טיפן הארץ, ווי א ווארט פון איכה... ווי פון אן אייביקן קוואל וועט די קומענדיקע יידישע ליטעראטור־געשיכטע שעפן פון אלחנן צייטלין־בוך. דאס בוך איז א פערל צווישן די צוועלף ביכער, וואס דער אקטיווער ארגענטינער פארלאג האט ביז איצט ארויסגעגעבן.

*Este libro se terminó de imprimir el día cinco de mayo del año mil novecientos cuarenta y siete en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, calle Corrientes número mil novecientos setenta y seis, en la ciudad de Buenos Aires, República Argentina.*